STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00260

DI GESHIKHTE FUN DER LITERATUR BAY YIDN

Israel Zinberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Irving & Emily Sattell
in memory of
their parents, Satkofsky & Ruvinsky

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ישראל צינבערג

די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן

אַכטער באַנד

צווייטער בוך

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי.

ניו יאָרק, נ. י., 1943

Dr. I. ZINBERG

THE HISTORY OF THE JEWISH LITERATURE

Dr. I. Zinberg, „Di Geszichte
fun der Literatur bej idn"

EIGHTH VOLUME

SECOND BOOK

PRINTED IN U.S.A.

FARLAG MORRIS S. SKLARSKY
10 MONROE ST., G. D. 4
NEW YORK 2, N. Y.
1943

יצחק־בער לעווינזאָהן (ריב״ל)

א קאָפּיע פון דעם פּאָרטרעט פון גראף ג. ד. טאָלסטאָי׳ס בילדער־גאַלערעע.

זע זייט 32



יעקב אײכענבױם

געמאָלט פֿון עטינגערן ע״פּ זכּרון

זע זײט 137

אד״ם הכהן לעבענזאָן

מיכה יוסף לעבענזאָן (מיכ״ל)

זע זייט 157



אקסענפעלדס און אייגנהענטיקער בריוו צו גאָטלאָבערן

זע זייט 199

מיין נעסרייען פריינד און חבר —
מיין פרוי — א מתנה
פון מחבר

צוועלפטער טייל

די השכלה־באַוועגונג אין רוסלאַנד

אברהם-בער גאָטלאָבער

זע זייט 202



אברהם מאַפּו

זע זייט 164

ערשטער קאַפּיטל

דער צעפּאַל פון פרידליכן פאַרבאַנד. — דער לעצטער מאָהיקאַן — מנשה איליער. — „דער טרוימער פון געטאָ". — מנשה איליער וועגן „טובת הכלל". — דער טראַגישער קאַמף פונם בעל החלומות. — דער באַטײַט פון „אלפי מנשה". — נישטאָ קײן אַבסאָלוט, אַלץ ווערט געשאַצט „לפי הזמן והמקום". — מנשה איליערס סאָציאַלע פּראָגראַם. — דער טרויעריקער גורל פון זײַן „שקל הקודש". — די השפּעה פון גאַליציאַנער משכּילים אויף די משכּילים אין דרום-רוסלאַנד. — דער משכּיל הירש-בער הורוויץ און דער פירשט דאָלגאָרוקי. — יצחק-בער לעווינזאָן.

צום שלום פונם נײַנטן טייל האָבן מיר אָנגעוויזן, אויס וואָסערע סיבות עס האָט זיך אין אָנפאַנג פונם 19טן יר"ה געלאָזט באַמערקן אַ געוויסע ענדערונג אין די גײַסטיקע שטרעמונגען בײַ די ליטווישע און ווײַסרוסישע לומדישע קרײַזן. דער פרידליכער פאַרבאַנד צווישן תורה און וויסן, צווישן גאָטספאַרכטיקייט און אויפקלערונג, וואָס האָט זיך געלאָזט באַמערקן בײַ די ערשטע השכּלה-פּיאָנערן, — איז זיך פונאַנדער-געפאַלן. דעם ווילנער גאונס דעוויז, אַז יעדער מאַנגל פון וויסן אין די חכמות חיצוניות איז גורם אַ הונדערטפאַכן מאַנגל בײַם לערנען די תורה, — איז אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן געוואָרן. יעדע וויסנסבראַנזשע, אַלע חכמות חיצוניות זײַנען דערקלערט געוואָרן פאַר לויטער אַפּיקורסות. די דאָזיקע רעאַקציאָנערע שטרעמונג האָט אויך נישט ווייניק געהאַט צו פאַרדאַנקען דער בּצחנישער פאַרשטאַרקונג פון דער חסידות-באַוועגונג, וואָס איז, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, געווען זייער פײַנדליך געשטימט קעגן אַלץ, וואָס ס'האָט געהאַט די מינדסטע שייכות מיט אייראָפּעיִשער בילדונג. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט דער טראַגישער גורל פון איינעם פון דעם ווילנער גאונס יינגסטע תּלמידים— מנשה איליער.

מנשה בן יוסף איז געבאָרן אין 1767 אין סמאָרגאָן אין דער פאַמיליע פונם אָרטיקן דיין. מען דערציילט, אַז אַדאַנק זײַנע גרויסע פעיִקייטן האָט דער קליינער מנשה שוין צו צען יאָר נישט געקאָנט קריגן פאַר זיך אין סמאָרגאָן קיין פּאַסנדיקן מלמד, און ער פאַנגט פון דעמאָלט

אָן לערנען „פאַר זיך״ אין בית־המדרש צוזאַמען מיט די דערוואַקסענע בחורים. צו 15 יאָר האָט ער שוין געשמט פאַר א למדן. נאָך דער חתונה, ווען ער פאַרט אַריבער צום שווער קיין איליע „אויף קעסט״, זיצט ער יומם ולילה אין בית־המדרש און לערנט; און ווען דער שווער זײַנער ווערט א יורד און מנשה מוז אַראָפּ פון קעסט, ווערט זײַן פרוי די אשת חיל; זי איז מפרנס די פאַמיליע און ער זיצט ווײַטער אומגעשטערט איבער זײַנע ספרים. צוויי פערזענליכקייטן האָבן געהאַט א גרויסע השפעה אויפן יונגן מנשה און אויף זײַן גײַסטיקער אַנטוויקלונג: דער ערשטער איז געווען דער ווילנער גאון, צו וועמען מנשה איליער פלעגט אָפּט פאָרן אין פאַרבערענגען גאַנצע יאָרן [1]; נישט פון קלענערן באַדײַט איז געווען פאַר מנשה איליער די באַקאַנטשאַפט מיט זײַן קרוב, דעם באַוווּסטן ביבליאָפיל יוסף מזל, וואָס האָט געוווינט אינם שכנותדיקן שטעטל ווײַזען און זיך קונה־שם געווען מיט זײַן אויסערגעוויינליך רײַכער ביבליאָטעק. חדשים־לאַנג פלעגט דער וויסנסבאַגיריקער מנשה פאַרברענגען אין זײַן קרובס ביבליאָטעק; דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט די מיטל־אַלטערליכע חקירה־ספרים און אויך מיט „חכמות חיצוניות״, ווי מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, פיזיק, אויף ווי ווײַט זיי ווערן באַהאַנדלט אין דער העברעיִשער מיטלאַלטערליכער ליטעראַטור.

דער יונגער למדן ווערט א וויסנסדורשטיקער „זוכער״. ער לאָזט זיך זוכן גרעסערע צענטערן פון וויסן. ווי אַלע אַנדערע השכלה־פּיאָנערן, חלומט ער וועגן דער פּרײַסישער רעזידענץ־שטאָט — בערלין. נאָך פיל מאַטערנישן דערשלאָגט ער זיך קיין קעניגסבערג, און פון דאָרטן האָפט ער צו דערלאַנגען קיין בערלין. אין קעניגסבערג באַגעגנט ער באַקאַנטע סוחרים פון ליטע. יענע זיינען אויסער זיך, וואָס אַזא למדן מופלג ווערט זיך לאָזן צום הויפּט־נעסט פון אפיקורסות, ווו ער קאָן נאָך אַראָפּ, חלילה, פונם דרך הישר. זיי וואָרענען אים שטאַרק, און אַז ער בלײַבט אַלץ בײַ זײַנעם, פּרוּוון די גאָטספאָרכטיקע סוחרים אים ראַטעווען פון דער סטרא אחרא דורך א מסירה. מען גיט איליערן נישט צרויס דעם נייטיקן פּאַסיר־שײַן, און ער מוז צוריקקערן קיין איליע.

זײַן נישט־געלונגענע רײַזע האָט נאָך מער געשטאַרקט אין אים דעם דורשט נאָך וויסן, וואָרום אויפן וועג קיין בערלין האָט ער באַגעגנט אייניקע מענטשן מיט א וואַסער־ס׳איז אייראָפּעיִשער בילדונג, און זיי האָבן אים אויפגעקלערט, אַז זײַנע ידיעות וועגן „חכמות חיצוניות״, וואָס ער האָט געשעפּט פון דער העברעיִשער מיטלאַלטערליכער ליטעראַטור,

---

1 בן פורת, 14.

זײַנען שוין שטאַרק פֿאַרעלטערט און נישט גענוגנדיק. מיט גרויס מי און מאַטערנישן געלינגט אים צו באַקומען אייניקע דײַטשע און פּוילישע ווילנשאַפטליכע ביכער. ער האָט אָבער די שפּראַכן, אויף וועלכע די ביכער זײַנען געווען געשריבן, זייער שלעכט פֿאַרשטאַנען; דערצו זײַנען אויך די ביכער, וואָס ער האָט באַקומען, געווען אַ ביסל פֿאַרעלטערט. די דאָזיקע ביכער האָבן אָבער, ווי עס שיינט, מער־ווייניקער באַקענט מנשה איליערן מיט די ראַציאָנאַליסטישע און הומאַניסטישע אידעען פֿונם 18טן יר״ה. אויך האָבן זיי אין אים דערוועקט דעם אינטערעס צו סאָציאַלע פּראָבלעמען. דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ גוואַלטיקע השפּעה אויף מנשה איליערס וועלט־באַנעם. ער איז בײַ זײַן גאַנצער שטרענגער רעליגיעזיטעט געוואָרן אַן איבערצײַגטער ראַציאָנאַליסט; נאָר אַלס טיף עטישע נאַטור, האָט דער ראַציאָנאַליזם בײַ אים אָנגענומען גאַנץ אייגנאַרטיקע פֿאָרמען, און אַדאַנק דעם שטעלט מנשה איליער מיט זיך פֿאָר איינעם פֿון די טיפּישסטע און איידלסטע „טרוימער פֿונם געטאָ", וועלכע עס האָט מיט יאָרן שפּעטער אַזוי גייסטרײַך באַזונגען ישׂראל זאַנגוויל.

דער גרונד־פּרינציפּ פֿון מנשה איליערס וועלט־באַנעם איז — „טובֿת הכּלל". „ווען גאָט ברוך הוא, — דערקלערט מנשה איליער אין דער פֿאָררעדע צו זײַן ווערק „העמק שאלה" — זאָל וועלן באַשענקען מיך און אַלע מײַנע אייגענע מיט אַלדאָס גוטס אויף אייביקע צײַטן, נאָר דערבײַ לאָזט ער גילטן דאָס שלעכטס אויף דער וועלט, ד״ה, עס זאָלן אויך אויף ווײַטער בלײַבן לײַדן לעבעדיקע באַשעפֿענישן, און מענטשן זאָלן ווײַטער לעבן אין צער, — וואָלט איך מיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם געשאַנק. איך וויל נישט זײַן אויסגעטיילט פֿון אַנדערע באַשעפֿענישן" [1].

וואָס פֿאַר אַ ווערט, — זאָגט ער ווײַטער, — קאָן האָבן טובֿת עצמי קעגן טובֿת הכּלל. מײַן איינציקער פֿאַרלאַנג און האָפֿענונג איז בלויז: אפֿשר וועל איך מיט עפּעס קאָנען מיטהעלפֿן „לתּיקון לעולם הקיום" — אויסבעסערן דעם עקזיסטירנדיקן סדר.

„איך האָב באַטראַכט, וואָס אַרום טוט זיך — שרײַבט ער אין דער פֿאָררעדע צו אַן אַנדער ווערק „תּיקון כּללי" [2] — איך רייד שוין נישט וועגן דעם אָפּענעם רויב, וואָס קומט פֿאָר אויף דער וועלט, ווי יעדער שטאַרקערער שלינגט אײַן דעם שוואַכערן; פֿאַר מיר איז אָבער

---

1 דאָס ווערק, ווי פֿיל אַנדערע איליערס שריפֿטן, איז געבליבן נישט פֿאַרעפֿנטלעכט. בלויז פֿראַגמענטן ווערן געבראַכט אין דער פֿאָררעדע פֿונם צרויכגעגעבער צום צווייטן טייל „אלפי מנשה", 1904.

2 דאָס ווערק גופא איז נישט אויפגעהיט (זע מ. ספּאַלטערס פֿאָררעדע צום צווייטן טייל אלפי מנשה).

גאַנץ קלאָר, אַז די הויפּט־סיבה פון אַלע צרות אויף דער וועלט איז די מאַטעריעלע נויט און די נישט־געזיכערטע פּרנסה־קוואַלן. בלויז געציילטע זײַנען פאַרזאָרגט מיט פּרנסה, דער גרויסער רוב אָבער זײַנען „עניים מטופלים", וואָס גייען אַרום נאַקעט און בלויז, האָבן נישט קיין דאַך איבער זיך און קומען ממש אום פון הונגער, קעלט און אַלערליי חולאתן... איך שעם מיך צו דאַגהען וועגן זיך און וועגן די הצטרכותן פון מײַן הויזגעזינד, בעת איך זע, אַז די גאַנצע וועלט איז אין צער און נויט. איך קאָן נישט פאַרגעסן אין דער דאָזיקער גרויסער נויט, איך זע זי שטענדיק פאַר די אויגן; איך קאָן מיך נישט באַרויִקן, איך כוון אויפדעקן דעם סדר־העולם, אָנווײַזן, ווי אַזוי מענטשן לעבן, מיט וואָס זיי זײַנען זיך מפרנס, אַנטפּלעקן זייערע הצטרכותן, זייערע לײַדן. אפשר וועט גאָט דערלײַכטן מײַנע אויגן און וועט מיר אָנווײַזן דעם „דרך הישר לתיקוני עולם" *, און איך וועל זוכה זײַן, אַז דורך מיר זאָלן אַרויסקומען „זכות וריוח בעולם" **...

מנשה איליער האָט דאָך געגלויבט אײַזן־פעסט אין דער מאַכט פון דעם שכל הישר. ער איז געווען פעסט איבערצײַגט, אַז ווי נאָר מען עפנט דעם מענטשס אויגן, מען גיט אים צו פאַרשטיין על פּי שכל הישר, ווי שטאַרק ער האָט געגרײַזט, איז געגאַנגען אויף פאַלשע וועגן און האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אים איז נוצליך, — גלײַך וועט ער זיך נעמען צום שכל, וועט זיך לאָזן אויפן דרך־הישר און די ישועה וועט באַלד קומען. און אין משך פון צענדליקער יאָרן שרײַבט מנשה איליער מיט אומדערמידליכער ענערגיע איין ווערק נאָכן אַנדערן. אַלס טיפּי־שער אַווטאָדידאַקט, איז ער געווען פעסט איבערצײַגט, אַז ער האָט אָנגעזאַמלט גרויס וויסן אין פיל בראַנזשן, און ער קאָן דערמיט ברענגען פיל נוצן דעם יידישן קיבוץ [1].

דאָ פאַנגט זיך אָן דער טראַגישער קאַמף פון דעם „בעל החלומות" מיט דער טרויעריק־גרויער רעאַלער ווירקליכקייט. אין משך פון צענד־ליקער יאָרן ציט זיך דער דאָזיקער קאַמף, דער קאַמף פון דעם יחיד, וואָס וויל מיט געוואַלטיקער עקשנות פאַרלײַכטערן די נויט, ברענגען ליכט און דערלייזונג די פאַרפינסטערטע געמיטער, און באַקומט אַלס

---

* דער ריכטיקער וועג די וועלט אויסצובעסערן.

** דערלײַכטערונג און דערלייזונג אויף דער וועלט.

1 אין „העמק שאלה" חײַזט מנשה איליער אָן: „יבעזרת השם יש תקוה לפי רוב ידיעות חדשות וברורות שזיכני ד' אחר רוב יגיעתי וחיפושי שיש בהם רוב התועלת".

לוין רק האס און צאָרן און גרויס אַנטוישונג. אין 1807 דערשײַנט אין ווילנע מנשה איליערס קליינער חיבור „פשר דבר". אין דער פאָררעדע דערקלערט ער, אַז זײַן ציל איז צו זײַן אַ פשרה־מאַכער: מאַכן אַ פשרה צווישן די כּתּות, וואָס האָבן אויפגעשפּראָצט בײַ די ייִדן 1, באַוויַזן, אַז די חכמה געפינט זיך לחלוטין נישט אין ווידערשפּרוך מיט דער אמונה, אַז די פאַנטאַזיע אָן דער רעגולירונג פון פאַרשטאַנד פאַרפירט אויף פאַלשע וועגן. ער שטראָפט דערבײַ די חסידים, וואָס זיי ווילן זיך נישט רעכענען מיט די פאָדערונגען פונם קאַלטן פאַרשטאַנד און שוועבן תּמיד אויף די פליגל פון דער צעהיצטער פאַנטאַזיע; די מתנגדים וואַרפט ער פאָר זייער טרוקענעם פאָרמאַליזם און זייער „עבודה", זייער גאָט־דינען, וואָס ווערט אויסגעפירט אַזוי אַווטאָמאַטיש און אָן התלהבות. ער איז זיך אויך שטאַרק מתרעם אויף די, וואָס האָבן דערוואָרבן וויסן, האַלטן אָבער נישט פאַר נייטיק משפּיע צו זײַן אויף אַנדערע מיט דעם דערוואָרבענעם וויסן. ער באַגנוגט זיך אָבער נישט בלויז דערמיט. עס איז דאָך געווען באַלד נאָך דעם פאַרעפנטליכן דעם באַוווּסטן „סטאַטוט פון 1804 בנוגע ייִדן", לויט וועלכן די רוסישע רעגירונג האָט אָנגענומען דעם באַשלוס אַרויסצוטרײַבן פון די דערפער אַלע ייִדן אינם מערב־קאַנט. ווײַזט אָן מנשה איליער, אַז די הויפּט־סיבה פון דעם עקאָ־נאָמישן חורבן, וואָס געוועלטיקט אינם ייִדישן לעבן, נעמט זיך פון די לופט־פּרנסות, וואָס מענטשן פאַרנעמען זיך נישט מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. דאַרפן ייִדן זען, וואָס גיכער זיך צו נעמען צו די נייטיקע מלאכות, צו נוצבערענגענדיקע באַשעפטיקונגען. עס מוז, — דערקלערט מנשה איליער, — אומבאַדינגט פיל געענדערט ווערן אינם ייִדישן לעבן. די תּורה לערנט דאָך, אַז מיר דאַרפן פאָלגן אַלץ, וואָס די מנהיגי הדור באַפעלן אונז; דור דור ודורשיו. דאַרפן די חכמים און מנהיגים זיך צונויפפאָרן יעדעס יאָר און באַשליסן און אָנווײַזן, וואָס פאַר תּקנות מען דאַרף דורכפירן לטובת הכּלל.

די דעמאָלטיקע „מנהיגי הדור" האָבן אָבער מורא געהאַט פאַר וועלכע־ס'איז נײַע תּקנות; זיי האָבן אין יעדן „נייעם" געזען לויטער „גזירות" פון איין זײַט, און „אַפּיקורסות" פון דער אַנדערער. האָבן זיי אויך אין מנשה איליערס „פשר דבר" געפערליכע אפּיקורסות געזען, און גלייך אָנגענומען מיטלען, דער אַפּיקורסישער ספר זאָל צום לייענער נישט דערגיין. און די פאַרטיליקונג פון דעם „פשר דבר" איז דורכגעפירט געוואָרן אויף אַזאַ גרינדליכן אופן, אַז עס איז אויפגעהיט געוואָרן

1 געמיינט די מתנגדים און חסידים.

בלויז אין איינציקער עקזעמפּלאַר, וועלכער געפינט זיך אין בריטישן מוזיי 1.

מנשה איליער האָט אָבער דעם מוט נישט פאַרלאָרן. ער שרייבט איין ווערק נאָכן אַנדערן, און אַלץ וועגן „טובת הכלל". ער האָט אָבער געהאַט גרויסע שוועריקייטן מיטן דרוקן. עס האָבן אים נישט בלויז געפעלט די נייטיקע מיטלען. נאָך דער טרויעריקער דערפאַרונג מיט זיין „פשר דבר" האָט ער באַשלאָסן מער נישט צו דרוקן אין דער ליטע, נאָר פּרוּוון פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די ווילנער דרוקער. בלויז זיין אַרבעט „בינת מקרא", וועגן טראָפּ און נגינות אין דער תורה, האָט ער פאַרעפנטליכט אין גראָדנע (אין 1818). מען האָט אָבער אויך אין דעם ווערק אַפּיקורסות דערשמעקט. מנשהס דערקלערונג, אַז דער קדמונישער טראָפּ באַצייכנט דאָס זעלביקע, וואָס די מאָדערנע נאָטן־צייכן אין דער מוזיק (כי שָׂמוּ אותות וסמנים כסמני המוזיקה על הניגון) — האָט דערוועקט אַ גרויסן צאָרן אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן. ס׳טייטש, דערקלערן אויף אַזאַ פּשוטן, ריין עולמישן אופן דעם הייליקן טראָפּ, וואו אין יעדן תּגעלע זיינען באַהאַלטן די טיפסטע סודות.

דאָס האָט נאָך מער איבערצייגט מנשה איליער, ווי נייטיק ס׳איז צו „עפענען זיינע ברידער די אויגן", זיי אויפצוקלערן און איבערצייגן, אַז דער ריכטיקסטער וועג איז דער דרך הפּשט, צו וועלכן עס פירט דער שכל הישר. ער לאָזט זיך קיין וואָלין מיט דעם באַשלוס דאָרט צו פאַרעפנטליכן זיין הויפּט־ווערק „אלפי מנשה", וואָס וועט לויט זיין פעסטער איבערצייגונג ווערן דער וועגווייזער און גייסטיקער פירער פון זיין דור. מנשה איליער האָט זיך אָבער באַלד אויפן טרויעריקסטן אופן איבערצייגט, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, בעת ער האָט געמיינט, אַז וואָלין איז „הענטוועלטיקער" פון ליטע. ער האָט זיך צונויפגערעדט מיט אַ דרוק־באַזיצער אין וואָלין, און יענער איז באַלד צוגעטראָטן צום דרוקן. ווען די ערשטע בויגנס זיינען שוין געווען געדרוקט, איז צום דרוקער געקומען צו גאַסט אַ באַקאַנטער, גרויסער יְרֵא־שָׁמַיִם. ווי נאָר יענער האָט זיך באַקאַנט מיטן אָפּגעדרוקטן טייל „אלפי מנשה", האָט ער געמאַכט אַ גרויס געוואַלד: ווי קען עס אַ גאָטספאָרכטיקער ייִד דרוקן אַזאַ אַפּיקורסישן ספר, וואָס גראָבט דאָך אונטער די גרונדזיילן פון דער הייליקער תורה? בכדי מכפּר צו זיין פאַר אַזאַ גרויסע זינד, האָט דער דערשראָקענער דרוקער פאַרברענט די געדרוקטע בויגנס מיטן

---

1 מיר האָבן זיך באַנוצט בלויז מיט די אויסצוגן, וואָס זיינען געבראַכט אין מ. פּלונגיאַנס „בן פורת" ז׳ 90—94, און אין סטאַניסלאַווסקיס אַרטיקל אין „השלוח", XVIII, 474.

מאַנוסקריפּט צוזאַמען. האָט מנשה איליער צוריקגעקערט קיין איליע, אויפּסנײַ, לויטן זכרון, אויפגעשריבן דאָס אין פײַער אומגעקומענע ווערק, און געלאָזט עס דרוקן אין ווילנע. אָבער אויך אין ווילנע איז נישט צוגעגאַנגען גלאַטיק מיטן דרוקן. בעת דער „אלפי מנשה" האָט זיך נאָך געפונען „תחת מכבש הדפוס", האָט זיך דער ווילנער רב, שאול קאַצענעלענבויגן, דערוווּסט, אַז אין איין שטעלע (סימ' קכ"ט) דערלויבט זיך דער פאַרפאַסער צו דערקלערן, אַז די רבני־הדור האָבן דאָס רעכט מבטל צו זײַן געוויסע דינים, ווי באַלד זיי איבערצײַגן זיך „שהשעה צריכה לכך" * און די דאָזיקע דינים זײַנען צו לעסטיק און ברענגען שאָדן. דער דערצאָרנטער רב האָט גלײַך געלאָזט רופן מנשה איליער און אים דערקלערט, אַז באָם ער וועט דעם אַפּיקורסישן זאַץ נישט אַרויסוואַרפן, וועט ער, דער מרא דאתרא, באַפעלן, מען זאָל דעם ספר פאַרברענען אויפן שול־הויף פאַרן גאַנצן עולם [1]. מנשה איליער האָט ערפילט דעם שטרענגן רבס באַפעל. ער האָט דאָס געקאָנט טאָן מיט אַ גאַנץ לײַכטן געמיט, ווײַל מיט דעם זעלביקן געדאַנק, וואָס האָט אַזוי אויפגעבראַכט דעם רב שאול קאַצענעלענבויגן, זײַנען אויך דורכ־געדרונגען פיל אַנדערע שטעלן אינם „אלפי מנשה".

אין 1822 איז ענדליך מנשה איליערס הויפּט־ווערק אויף דער וועלט דערשינען.

מנשה איליער איז געווען אַזוי פעסט איבערצײַגט אין דעם גרויסן באַטײַט פון זײַן ווערק, אַז ער דערלויבט זיך צו דערקלערן אין דער פאָררעדע אָפן און קלאָר, אַז זײַן ווערק איז פאַר יעדערן נייטיק ממש, ווי אַ סידור, און ער פאַרהאָפט, דאָס מען וועט אים נאָך בעטן, ער זאָל פאַרעפנטליכן אויך דעם ווײַטערדיקן טייל פון זײַן ווערק, ווײַל ער האָט דערווײַל, „מפני הוצאות הדפוס", פאַרעפנטליכט בלויז דעם מינדסטן טייל פון דעם, מיט וואָס גאָט האָט אים געבענטשט [2].

אויף דעם מאָדערנעם לייענער מאַכט אָבער מנשה איליערס הויפּט־ווערק אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אײַנדרוק. בעת די אַנדערע פּיאָנערן פון השכלה אין רוסלאַנד, ווי ד"ר הורוויץ, יהודה לייב מרגליות, ברוך שקלאָווער, שוין נישט רײדנדיק פון מענדל לעפין, האָבן זיך געפלײַסט צו שרײַבן אין אַ קאָרעקטן, מער מאָדערנעם סטיל, איז מנשה איליער

---

* אַז דער געגנוואַרטיקער מאָמענט פאָדערט עס.

1 בן פורת, 99—100.

2 סוף הדברים שחבורי זה נצרך לכל כמו סדר תפילות ולסלסל ולפלפל ב', ואקוה שיבקשוני להוסיף עליהם כהנה וכהנה, כי לא יכילם ספר זה כי אם מעט מן המעט מאשר חנני ד' ולא העמדתי רק קצת לדוגמא... מפני הוצאות הדפוס.

די סטילליזיקיים אליין. זײַן הילצערנע, שווערוואַגיקע שפּראַך שטייט אויף נישט קיין כּיל העכערן ניוואָ, ווי דער רוב רבנישע חבורים פון יענער צײַט. דערצו איז דער בעל „אלפי מנשה" אויך אַ זייער אומגעשיקטער סיסטעמאַטיקער. ער גופא שטייט טאַקע שטאַל און אײַזן פאַר דעם קלאָרן פּשט און דערקלערט, אַז ווען נישט דער ווילנער גאון — „נשתכחה תורה מישראל" (וואָלט די תורה בײַ ייִדן פאַרגעסן געוואָרן) און טאַקע נאָר אים, וואָס האָט בײַ זײַן געוואַלטיקער חריפות דאָך שטענדיק געשטרעבט „לְפָרֵש הכל בדרך פשוט וקל", איז עס געלונגען „שהוא החזיר עטרה ליושנה" — האָט צוריקגעקערט דער תורה איר געוועזענע קרוין [1].

ער איז אָבער אין דעם פּרט נישט קיין נאה דורש ונאה מקיים. ער פאַרזיכערט אַפילו, אַז ער שרײַבט „בלשון קצר וקל". אין דער אמתן איז אָבער זײַן „אלפי מנשה" געשריבן אָן אַ שום סיסטעם; ער מישט אוים איין ענין מיטן אַנדערן, וואָס האָבן פאַקטיש קיין שום שייכות נישט. און ער איז אַפילו ערטערווײַז אַליין מודה „שדבר זה אינו נוגע לענין חבורי" (דאָס האָט אייגנטליך קיין שום שייכות נישט צו דער טעמע פון מײַן ווערק), נאָר ער פאַרענטפערט זיך דערמיט, וואָס „אויך די ידיעה קאָן דאָך נוצן ברענגען" [2].

ארויסגייענדיק פון דער מַסקנא, אַז אויך זײַטיקע ידיעות „קאָנען נוצן ברענגען", שטעלט זיך מנשה איליער אָפּ אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון זײַן ווערק אויף נאַטורוויסנשאַפטליכע פּראָבלעמען, קודם־כּל אויף די גרונד־פּרינציפּן פון כעמיע און פיזיק. אָבער דאָן ערשט באַווײַזט זיך גאַנץ בולט, ווי אָפּגעשטאַנען דער אוטאָדידאַקט מנשה איליער איז אין די דאָזיקע פראַגן. פּופציק יאָר נאָך לאַוואַזיעס גאוניאַלע אַנטדעקונגען אַפּערירט דער בעל „אלפי מנשה" נאָך אַלץ מיט די מיטלאַלטערליכע פיר יסודות: אֵש, מים, רוח, עפר; ער פאַרזיכערט דערבײַ, אַז פײַער און לופט זײַנען איינס און דאָס זעלביקע, נאָר פײַער איז מער צונויפגעפּרעסטע לופט (הָאֵש והאויר הוא מהות א' אלא שהָאֵש הוא אויר מקובץ ומדובק), און אַז מען קלאַפּט מיט שטאַל איבער דעם פײַערשטיין, ווערן די חלקימלעך פון דער לופט אַזוי צונויפגעפּרעסט, אַז עס באַווײַזן זיך פונקען און עס אַנטשטייט אַ פלאַם. ער האָט אויך אַ גאַנץ קנאַפּן באַגריף וועגן ניוטאָנס גרונד־געזעץ, און רעדט באַריכות וועגן בליץ־שטיינער (אבני הרעם) [3].

---

1 אלפי מנשה, סימן ק"ב, דף ל"ח.

2 דאָרטן, סימן מ"ה, דף ס"ו.

3 אלפי מנשה, I, סימן א—ה, ס"ד; II, פרק ז'.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט דעם שאַרפזיניקן נחמן קראָכמאַלס באַמערקונג, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרבראַכט עטליכע שעה מיט מנשה איליער צוזאַמען: ער איז געווים אַן אויסגעצייכנטער תורני, אַ גוטער מדקדק און טיכטיקער מאַטעמאַטיקער. ער לעבט אָבער אין טעות, בעת ער מיינט, אַז ער אַנטפּלעקט די טיפסטע, ביז אים אומבאַקאַנטע סודות און מען האָט אים צו פאַרדאַנקען די וויכטיקסטע אַנטדעקונגען. ער ווייסט, נעבעך, נישט, אַז די דאָזיקע סודות און אַנט־דעקונגען זיינען שוין פון לאַנג באַקאַנט יעדן אויפגעקלערטן, דענקענדיקן מענטשן [1].

און דאָך איז דער „אַלפי מנשה" ביי זיין גאַנצער אַלטמאָדישער אומבאַהאָלפענער פאָרם אַן אינטערעסאַנטער דענקמאָל פון יענער תקופה, און דורך די שווער־וואָגיקע, נישט געשליפענע זאַצן שימערירט אַרויס אַ ־שיינע, ראָמאַנטיש־פאַרחלומטע פערזענליכקייט.

מנשה איליער ווערט נישט מיד צו דערווייזן זיינע לייענער, אַז „תכלית שלימות טובתם" — דעם בעסטן תכלית און נוצן קאָנען די מענטשן דערגרייכן בלויז דאַן, ווען זיי זאָלן זיך פירן נישט פון דער פאַנטאַזיע, פון די בלינדע חושים, נאָר דורך דעם שכל הישר [2]. אין ידיעה ברורה בעולם — דערקלערט מנשה איליער — עס קאָן קיין ריכ־טיק וויסן אויף דער וועלט נישט געמאָלט זיין, אלא על פי ידיעה השכלית האמיתית — ווי נאָר דאָס, וואָס ווערט דערוואָרבן מיט דער הילף פונם קלאָרן פאַרשטאַנד [3]. בעסט איבערציינגט איז דער בעל „אַלפי משנה, אַז דער שכל הישר און דער ריכטיקער אמת „זיינען צוויי צווי־לינגס־ברידער, וואָס קאָנען קיין מאָל זיך נישט צעשיידן" [4], און אַז עס קאָן נישט געמאָלט זיין, די תורה זאָל זיך געפינען אין סתירה מיטן אמתן שכל, וואָרום דער מענטשליכער שכל איז דאָך אויך „חלק אלוה ממעל" — אַ טייל פון דער דערהייבענער גאָטהייט [5].

ערשט מיט דער הילף פון וויסן, וואָס ווערט דורכן שכל דער־וואָרבן, קען מען מקיים זיין דעם גרונד־געבאָט „ואהבת את ד' אלהיך".

1 ־ ציון לנפש רנ"ק, 61.

2 אלפי מנשה, סימ' ק"מ.

3 אלפי מנשה II, פרק י"ט; זע אויך אלפי מנשה, I, סימ' ק"ה.

4 אלפי מנשה, I, סימ' קכ"ט: השכל הישר והאמת הם אחים מתאימים לא יתפרדו.

5 דאָרטן, סימ' קמ"ט: כי האמת הגמור שלא תהיה התורה סותרת בשום מקום להשכל האמיתי, כי.. השכל הוא חלק אלוה ממעל.

און וואָס מער וויסן, מער פאַרשטיין — אַלץ מער ליבע. ערשט דורך וויסן באַגרייפט מען, אַז דער תּכלית פון דער וועלט איז — השגת הטוב, באַגרייפן דאָס גוטע, אַז השי״ת האָט די וועלט באַשאַפן „להיטיב בתכלית ההטבה״ [1]. דאָס וויכטיקסטע איז אָבער ביי מנשה איליער צו דערווייזן, אַז ווער עס לאָזט זיך פירן דורכן שכל הישר, דער זעט ערשט רעכט איין, אַז דער „עיקר טובת הפרטים תלוי בטובת הכלל״ [2], אַז דער וווילשטאַנד פון דעם יחיד איז ענג פאַרבונדן מיטן סאָציאַלן צושטאַנד פונם קיבוץ, ווי דער וווילצושטאַנד פון יעדן אָבר באַזונדער איז אַ פועל־יוצא פונם געזונטן צושטאַנד פונם גאַנצן קערפּער [3]. ווער עס קוקט זיך נאָר צו צו די „דרכי העולם״, דער זעט גלייך איין, אַז די אינטערעסן פונם יחיד זיינען ענג פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פונם כלל, און ווען עס קומט פאָר עפּעס אַ שטערונג (יתקלקל איזה דבר) אין דעם קיבוץ, איז דאָס דעם יחיד מער נוגע, ווי ווען עס קומט פאָר עפּעס אַ שטערונג אין זיינע פּריוואַטע ענינים. דערפאַר דאַרף דער יחיד מבטל זיין דעם אייגענעם רצון „מפּני תועלת הכלל״ [4].

פון די טעאָרעטישע הנחות קומט מנשה איליער צו גאַנץ פּראַקטישע אויספירן; אין דעם שווערן אומנאָרמאַלן סאָציאַלן מצב פונם יידישן קיבוץ זעט ער צוויי הויפּט־סיבות: 1) וואָס יידן פאַרנעמען זיך אַזוי ווייניק מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט און 2) וואָס זיי זיינען אַזוי מאָוימדיק אָפּגעשטאַנען אין עלעמענטאַרן וועלטליכן וויסן. „כל הקלקולים שבעולם,— דערקלערט ער,— אַלע צרות נעמען זיך דערפון, וואָס מענטשן פועלן ביי זיך צו לעבן פון מתנת בשר ודם, פון יענעמס צדקה, און טראַכטן גאָר ניט וועגן אָננעמען מיטלען, זיי זאָלן לעבן פון אייגענער פּראַצע [5]. און ער ווענדט זיך צו די „בעלי היכולת״, צו די מנהיגים און עשירים. ער פּרוּווט זיי דערקלערן על פּי שכל הישר, אַז זיי דאַרפן זיך נישט באַגניגן רק „לקבל הון לעצמם״, בלויז צו טראַכטן וועגן זאַמלען פאַרמעגן פאַר זיך. זיי דאַרפן דאָך געדענקען, אַז „טובת הפרטים תלויה בטובת הכלל״. אָט זעען מיר דאָך, ווייזט מנשה איליער אָן, ווי אין אונזערע צייטן האָבן אַזוי פיל גרויסע עשירים פאַרלאָרן זייער פאַרמעגן און זייערע קינדער

---

1 אַלפי מנשה, סימ׳ ק.

2 דאָרטן, סימ׳ צ״ח.

3 דאָרטן, סימ׳ ע״א: טובת כלל החיבור הוא עיקר תכלית הטובה של כל איש פּרטי בפ״ע. זע אויך דאָרטן, סימ׳ פּ״ה. כל העולם ועניניהם קשורים ותלויים זה בזה ועיקר הטובה הוא טובת כלל החיבור; דאָרטן, II, פּ׳ כ״ג: תיקוני כל תפּרטים תלויים בתיקון הכלל.

4 אלפי מנשה, II, פּרק כ״ג.

5 דאָרטן, סימ׳ ק״י.

זײַנען עניים, אביונים 1; דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס די סאָציאַלע יסודות פֿונם ייִדישן קיבוץ זײַנען פֿויל. דערפֿאַר דאַרפֿן טאַקע די „בעלי היכולת" שוין אויס ריין אוטיליטאַרע מאָטיוון זאָרגן פֿאַר טובת הכּלל, זעען, אַז זייערע ברידער זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. דערצו, שטרײַכט מנשה איליער אונטער, איז אָבער אויך נייטיק פֿאַרשפּרייטן וואָס מער וויסן, באַקענען מיט חכמות הטבעים (נאַטורוויסנשאַפֿטן). ווי משה מארקווזי בשעתו 2, ווײַזט אויך מנשה איליער, אגב, אַז, ווי פֿיל אומגליקן עס קומען דערפֿון און ווי פֿיל מענטשן עס גייען פֿאַר דער צײַט פֿון דער וועלט נאָר דערפֿאַר, וואָס מען ווייסט נישט צו שעצן דעם ווערט פֿון „חכמת הרפואה"; און דעם באַקאַנטן תּלמודישן זאַץ „תשעים ותשעה מתים בעין רעה ואחד בדרך ארץ" טײַטשט ער דערבײַ אויס אויף אַזאַ אופֿן: בלויז איינער פֿון הונדערט שטאַרבט מיט אַ נאַטירליכן טויט, די איבעריקע נײַן און נײַנציק שטאַרבן אָבער בלויז אויס שלעכטער השגחה, וואָס מען היילט נישט ווי מען דאַרף, אויס פֿינסטערן אומוויסן 3.

מנשה איליער ווייסט אָבער זייער גוט, ווי פּײַנליך עס פֿאַר-האַלטן זיך צו וועלכע-כ'איז נײַערונגען אי די „בעלי היכולת", די רבנים און מנהיגים, אי די אומוויסנדיקע מאַסע. דאָ קומען מיר אין באַרירונג מיט דעם אינטערעסאַנטסטן פּונקט אין מנשה איליערס וועלט-באַנעם. מיר האָבן פֿריער געזען, ווי אָפּגעשטאַנען ער איז געווען אויפֿן געביט פֿון וועלטליכן וויסן, אויס פֿאַרעלטערטע קוועלן, און דאָס אויף אומוועגן, זײַנען צו אים דערגאַנגען די ראַציאָנאַליסטישע און הומאַניסטישע אידעען פֿון די אויפֿקלערער און ענציקלאָפּעדיסטן. דער אַלטמאָדישער תּורני אויס סמאָרגאָן זאָגט אָבער אַרויס אין זײַן „אלפי מנשה" אויך אַזוינע געדאַנקען, וואָס זײַנען נאָך געווען פֿרעמד די ראַציאָנאַליסטן פֿונם 18טן יר"ה. יענע האָבן דאָך אַלץ אָפּעריִרט מיט אַבסאָלוטע, איין מאָל פֿאַר אַלע צײַטן פֿעסטגעזעצטע באַגריפֿן. זיי האָבן געקעמפֿט פֿאַר אַן אַבסאָלוטן (פֿאַקטיש פֿאַרן בורזשואַז-בירגערליכן) ראַציאָנעלן סדר, וואָס איז גילטיק פֿאַר אַלע צײַטן און איז לויט זייער מיינונג אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו דער מענטשליכער נאַטור, וואָס איז גוט און יושרדיק לויט איר אַבסאָלוטן מהות, זי האָט בלויז געבלאָנדזשעט אויף קרומע אומוועגן פֿון אומוויסן, פֿאַרפֿירט דורך פֿאַלשע וועגווײַזער. מנשה איליער איז אָבער גאַנץ ווײַט פֿון אַזאַ שטאַנדפּונקט. ער ווערט נישט מיד

---

1 אלפי מנשה סימ' צ"ו.

2 זע אונזער ווערק, ב' VII, זעקסטער קאַפּיטל.

3 אלפי מנשה, סימ' פ"ו.

איבערצוחזרן דעם גרונדזאַץ, אַז: „אין דבר בעולם שהוא טוב או רע בהחלט, אלא כל דבר בשעתו ומקומו הוא טוב ושלא בשעתו ומקומו הוא רע״ [1] — עס איז נישטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל זײַן אַבסאָלוט גוט אָדער אַבסאָלוט שלעכט; אַלץ איז געווענדט אין צײַט און אָרט, און דאָס וואָס איז בײַ באַשטימטע אומשטענדן און אין אַ באַשטימטן מאָמענט גוט און נוצליך, קאָן בײַ געענדערטע אומשטענדן ווערן שלעכט און שעדליך. אָט דער גאָטספאַרכטיקער תורני פון כמאַרגאָן איז פעסט איבערצײַגט, אַז יעדע זאַך, אַלע ווערטן, אַלע קוואַליטעטן (הרוב שבאיכות) ווערן געשאַצט „לפי הזמן והמקום״ [2], און ווערן „נשתנה לפי הדור״ [3], זיי עוואָלוציאָנירן פון דור צו דור. ער האָט דעם מוט צו דערקלערן, אַז אפילו בײַ דינים „שבין אדם למקום״ * און בײַ „מצות מעשיות״ גילט איין און דאָס זעלביקע געזעץ: אויך זיי זײַנען אָפּהענגיק פון דער צײַט (תלוי גם כן לפי הזמן) און מוזן עוואָלוציאָנירן אין לויף פון די דורות. אָט נעמענדיק אין באַטראַכט,—דערקלערט מנשה איליער — דאָס דאָזיקע אײַזערנע געזעץ, אַז עס איז נישטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל זײַן אַבסאָלוט גוט אָדער אַבסאָלוט שלעכט, נאָר יע נאָך דער צײַט און אָרט קאָן דאָס גוטע זיך אומוואַנדלען אין דעם פולן קעגנזאַץ, — פאַרשטייען מיר ערשט רעכט, אַז עס זײַנען פאַראַנען צוויי אַרטן הנהגות: הנהגה כללית והנהגה פרטית. די הנהגה כללית איז פאַר דער אומוויסנדיקער מאַסע, פאַר די „מעטי השכל״; פאַר זיי ווערן עס געגעבן אַלגעמיינע געזעצן און דינים, וואָס זאָלן פאַר זיי דינען אַלס נייטיקע שטיצע און צוים. די צווייטע הנהגה אָבער, די הנהגה פּרָטית, זי איז פאַר די „מביני מַדָע״, פאַר די פאַרשטענדיקע און קריטיש־דענקענדיקע, וואָס פאַרשטייען „להתנהג בכל דבר לפי עתו ומזגו״, לויט דער צײַט און אומשטענדן [4]. עס איז קלאָר, אַז מנשה איליער קאָן זיך נישט באַפרידיקן מיטן אַלטן כלל: „אחרי רבים להטות״ (מען דאַרף זיך אָריענטירן לויט דער מערהייט). מיר זעען דאָך, וויַזט ער אָן, אַז די חכמים האמיתים זײַנען אַ גאַנץ קליינער מעוט, און וואָס העכער דער מענטש שטייט לויט זײַן וויסן און פאַרשטאַנד, אַלץ קלענער איז די צאָל פון די, וואָס קאָנען זיך צו אים גלײַכן, וואָרום — לא רבים יֶחְכָּמו, קליין איז די צאָל פון די אמת פאַרשטענדיקע. דערפאַר טאַקע,—פּירט

---

1 אלפי מנשה, I, סימ׳ כ׳, סימ׳ קכ״ה, סימ׳ קכ״ט אאז״וו.

2 דאָרטן, סימ׳ קכ״ד.

3 דאָרטן, קכ״ט—ק״ל.

* וואָס זײַנען נוגע די באַציִונגען פונם מענטשן צו גאָט.

4 דאָרטן, סימ׳ קס״ו.

מנשה איליער אויס, — ווען איינער פון די דיינים זעט, אז „בדעת רבים מן הדיינים שהוא להטות את הדין שלא כמשפט" — אז דער רוב פון די דיינים זיינען געשטימט ארויסצוטראגן ביים דין נישט קיין ריכטיקן פסק, זאל ער נישט זאגן: ווייל דער רוב פסקנט אזוי, וועל איך אויך מיט זיי איינשטימען, נאר ער דארף ארויסזאגן זיין ריכטיקע מיינונג [1]. ער וויל אויך נישט אנערקענען דעם אלטן זאץ, אז קיין שום בית-דין קאן נישט מבטל זיין די החלטות פון א פריערדיקן בית-דין, סיידן ער איז גרעסער פון אים אין צאל, אדער אין וויסן. ער דערקלערט באשטימט, אז די מצות מעשיות זיינען אפהענגיק פון דער צייט און פון דעם בית-דין און שופט פון יעדן דור (תלוי גם כן לפי הזמן ותלוי בב"ד ושופט שבימיך) [2]. מען דארף נישט, — חזרט דער בעל „אלפי מנשה" איבער, — בלינד זיך פארלאזן אויף דעם, וואס אנדערע הייסן, און ערפילן די דינים און מנהגים אווטאמאטיש בלויז אויפן סמך, וואס אזוי האט מען זיך אויך פריער נוהג געווען [3]. מען דארף געדענקען, אז אפילו פון די „גדולי הפוסקים", וואס זיי זיינען ראוי געווען „להוראה", האבן זיך אויך געלאזט פארפירן דורך א ליאדע וועמען (איזה מאן דהוא). „איך קאן דערצו ברענגען א גאנצע צאל ביישפילן", — אין דערביי מנשה איליער מוסיף [4]. מען דארף נישט אזוי ציטערן, דערקלערט ער אויף אן אנדער ארט, פאר קבלת אבות און בלינד נאכטאן, וואס ביי אונזערע אבות איז געווען אנגענומען. מיר דארפן זיך נעמען א מוסר פון אברהם אבינו; ער האט זיך נישט פארלאזט בלינד אויף קבלת אבות: מיט דער האק אין דער האנט איז ער ארויסגעטראטן קעגן די אפגעטער פון זיינע אבות [5].

צום שלום טרעט מנשה איליער ארוים מיט א פארשלאג (הצעה) [6], עס זאלן זיך צונויפזאמלען די גדולי הדור (יתקבצו הגדולים) און זיי זאלן מיט זייער אויטאריטעט דורכפירן די אלע רעפארמען אינם לעבן פונם יידישן קיבוץ, וואס די צייט און אומשטענדן פאדערן.

מנשה איליער איז געווען זיכער, אז זיין ווערק וועט זיין געאכ-פערט און געליבט ביים לייענער ממש ווי א סידור. ער האט אבער

---

1 אלפי מנשה, סימ' קכ"ה.

2 דארטן, סימ' קכ"ט, דף מ"ח.

3 דארטן, סימ' קמ"ד; זע אויך „אלפי מנשה", II, פרק ל"ב: משרבו וגברו ידי המושכים אחר ההרגל ומצות אנשים מבלי שום לב על כל עשיה שתהיה מסכמת עם השכל הישר והאמיתי.

4 אלפי מנשה, סימ' קמ"ה.

5 אלפי מנשה. II, פרק ל"ו.

6 אלפי מנשה, I. סימ ק"פ.

א טעות געהאט, דער בעל החלומות פון סמאַרגאָן. זײַן ווערק איז זייער קאַלט אויפגענומען געוואָרן, און עס האָט נישט אַרויסגערופן אַזאַ כעס, ווי זײַן „פשר דבר״, נאָר אַדאַנק דעם, וואָס ס׳איז געשריבן אין אַ שווערער און טונקעלער שפּראַך, דערצו נאָך אויסגעמישט מיט חידושי תורה און פּירושים אויף פאַרשיידענע טונקעלע שטעלן אין תלמוד בבלי.

בעת מנשה איליער האָט זיך איבערצײַגט, אַז זײַן ווערק האָט געפונען אַ זייער באַגרעניצטן לייענער־קרײַז, איז ער געפאַלן אויף אַ נייער המצאה. ער האָט געזען, ווי אין זײַן צײַט איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די חסידישע ליטעראַטור אין יידיש. בדורנו זה, — ווײַזט ער אָן אין „אלפי מנשה״, — שרבו ספרים הנדפסים בלשון דייטש ונמסרו לכל נשים ועם הארץ [1], — ווען עס האָבן זיך אַזוי געמערט די ביכער, וואָס ווערן געדרוקט אין יידיש און ווערן פאַרשפּרייט צווישן די פרויען און עם־הארצים, — קומט ער צו אַ נײַעם באַשלוס: אויך ער וועט זיך ווענדן צו די ברייטע שיכטן אויף זייער אייגענער שפּראַך, זיי דערקלערן, ווי אַזוי „מען דאַרף דערלײַכטן און פאַרבעסערן דאָס מענטשליכע לעבן״. און בכדי זײַן ווערק זאָל לײַכט פאַרשפּרייט ווערן, האָט ער באַשלאָסן עס אַרויסצוגעבן בויגנסווײַז (יעדע וואָך אַ בויגן) אין צוויי פּאַראַלעלע טעקסטן: „סמא דחיי״ אין העברעיִש, און „לעבנס־מיטל״ אין יידיש.

„דאָס בישעלע, — דערקלערט מנשה איליער אין אַרײַנפיר צום ערשטן העפט, וואָס איז דערשינען אין 1823, — וואָס דער אויבערשטער האָט מיר דערלויכטען די אויגין אײַן צו זעהין אין דר וועלט, שרייב איך דאָש צו לאָזין ווישן אַללע מענשין, און שרייב דאָש אויף איין גרינגען לשון, אַז עס זאָלין דאָס אַללע פרשטייִן, חאָטשי פשוטע מענשין״.

אויך אין „סמא דחיי״ פרוווט מנשה איליער געבן צו פאַרשטיין דעם פשוטן עולם, ווי ענג די אינטערעסן פונם יחיד זײַנען פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פונם קיבוץ; דערפאַר דאַרף יעדער זאָרגן וועגן טובת הכלל, ווײַל דערמיט איז צונויפגעפלאָכטן זיין אייגן גליק און וואוילשטאַנד.

מנשה איליער האָט אויך דאָס מאָל אַ טעות געהאַט. זײַן „גרינ־גער לשון״ איז פאַקטיש געווען אַ צו שווערער און טרוקן למדנישער [2].

---

1 אלפי מנשה, סימ׳ קע״ט.

2 עס גענוגט צו ברענגען דעם אָנהויב פון דער „פאָררייד״: חייל אַז מי עסינט נאָר אביסעלע די אויגן זעט מען, אַז די נוץ פון אלע גלידער פון דעם מענשן, חאָטשי מי חייס דוכט זיך אויף חאָס מי ברויך זי״, אָבער מע דאַרף נאָך פינדן אין זיי איין העכערן נוטצן, חי איך חעל אי״ה בעשיידן, אַז איך חעל האלטן דערביי, און איצונד חעל איך נאָר שרייבן, חאָס איך דאַרף צו מיין זאַך.

ער איז געווען זיכער, אז ווייל ער וועט דרוקן זיין ווערק אין איינציקע בויגנס, וועט מען געוויש דורכלעזן, און מע וועט דורשטיג זיין צו די נאך קוממעני בויגן, און אז מע וועט זיי בקומען, וועט זיי דאש זיין אזוי ווי קאלטי וואשיר אויף איין לייב, וואש זי איז אויסגעמאטערט". זיין אויסגאבע האט אבער קיין שום דערפאלג נישט געהאט, און דער ערשטער קונטרס איז אויך דער לעצטער געווען. מנשה איליער האט אבער דאך דעם מוט נישט פארלארן. אין דעם זעלביקן יאר (שנת חמלה — 1823), אין וועלכן דער „סמא דחיי" איז געדרוקט [1], פארעפנטליכט ער זיין קונטרס „שקל הקודש". ער ווענדט זיך שוין דא בלויז צום העברעיש-לייענער; דאס חיבורל איז אבער נישט געשריבן אין דער שווער-וואגיקער למדניש-רבנישער שפראך פון „אלפי מנשה", נאר אין א מער פשוטן און קלארן סטיל. אויך איז די ארכיטעקטאניק א באדייטנדיק בעסערע, און דעם ים זייטיקע חקירות און חריפישע חדושי תורה, אין פשוטע ווערטער ווייזט ער אן אויף דעם עקאנאמישן חורבן פונם יידישן לעבן און פרווט דערביי אויפדעקן די אינעווייניקסטע סיבות פונם חורבן, וועלכע די יידן אליין זיינען גורם. ער באקלאגט זיך באזונדערס דערויף, וואס די עלטערן זעען וואס גיכער חתונה צו מאכן זייערע קינדער, און טראכטן דערביי גארנישט וועגן דעם, אז די דאזיקע יונגינקע איידעמלעך זיינען נאך גאר נישט מסוגל צו פירן א זעלבשטענדיק לעבן, אליין מיט אייגענע הענט מפרנס צו זיין זיך און די פאמיליע. זעען מיר טאקע, ווי אומגליקליך די יונגע לייט זיינען, בעת זיי גייען אראפ פון קעסט. ווייל זיי טויגן נישט צו קיין שום פראדוקטיווער ארבעט, ווארפן זיי זיך אלע אויף מכחר, וואס איז דאך על פי רוב שווינדל און גזילה (שרובן אומנות לסטות), פארנעמען זיך מיט לופט-פרנסות, וואס איז א פלאג אי פאר זיי, אי פאר אנדערע.

בעת אין „אלפי מנשה" פארנעמט זיך מנשה איליער פיל מיט דער פראבלעם וועגן קינדער-דערציונג און וועגן רעפארמירן דעם סדר הלימוד אין די חדרים, שטעלט ער אין „שקל הקודש" אויף דער טאג-ארדענונג דעם קאמף מיט די לופט-פרנסות, די פראגע וועגן צוגרייטן די יוגנט צו פראדוקטיווער ארבעט. די עלטערן דארפן קודם-כל זארגן, אז זייערע קינדער זאלן שוין פון די פריע יוגנט-יארן אן צוגעגרייט ווערן צו זיין א נוצליכער פראדוקטיווער מיטגליד פון דער געזעלשאפט.

דער שארפער טאן, אין וועלכן דער „שקל הקודש" איז געשריבן, דער ביטערער אכת, וואס איז דארט ארויסגעזאגט געווארן, האט שטארק

---

1 דעם „סמא דחיי", וואס איז א יקר המציאות, האט זלמן רייזען איבערגעדרוקט אין זיין „פון מענדעלסזאן ביז מענדעלע", 199—206.

אויפגעבראַכט דעם עולם. האָט מען באַשלאָסן צו באַקעמפן דאָס „אַפּיקורסישע" חיבור׳ל מיטן אַלטן, פון לאַנג אויסגעפּרוווטן מיטל: מיט פייער. מען האָט דעם „שקל הקודש" אין די הויפנס געברענט, און דאָס איז געטאָן געוואָרן אַזוי גרינדליך און סיסטעמאַטיש, אַז מנשה איליערס ספר׳ל איז איצט פון די גרעסטע יקר המציאותן [1].

דער „שקל הקודש" איז געווען דאָס לעצטע ווערק, וואָס מנשה איליער האָט פאַרעפנטליכט. אים זיינען דאָך אַזוי שווער אָנגעקומען די הוצאות, וואָס ער האָט געפּטערט ביים דרוקן זיינע חיבורים, און די רעזולטאַטן זיינען געווען אַזוי טרויעריק... זיינען שוין זיינע איבעריקע פילצאָליקע ווערק געבליבן אין מאַנוסקריפּט [2]. אים האָט אָבער ניט געלאָזט רוען דער גרונדפּרינציפּ, וועלכן ער גופא האָט אַזוי אָפט געפּרע־דיגט, אַז אויף דעם יחיד ליגט אַ חוב צו טראַכטן און צו זאָרגן פאַר טובת הכלל. האָט ער דערפאַר אין 1827 געדרן אָנגענומען דעם רב־באַסטן, וואָס מען האָט אים פאָרגעלעגט אין זיין געבורטס־שטאָט סמאָר־גאָן. ער איז געווען זיכער, אַז אַלס מנהיג הקהלה און איינער פון די „בעלי־היכולת" וועט ער קאָנען פיל אויפטאָן לטובת הכלל. ער האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט, אַז ער האָט אויך דאָ אַ גרויסן טעות גע־האַט. אין דעם זעלביקן יאָר איז אַרויס דער באַוווּסטער „אוקאַז" וועגן נעמען רעקרוטן ביי יידן. מיט דעם דאָזיקן אוקאַז ווערט אויפגעמישט איינס פון די טרויעריקסטע שאַנד־בלעטער אין דער געשיכטע פונם יידישן „קהל־שטיבל". עס פאַנגט זיך אָן די קאַשמאַר־עפּאָפּעע פון די „כאַפּערס" און דער „כאַפּטע שטאָט־בעלי־טובות", מיט זייערע שרעקליכע, בלוטיקע מעשים. האָט עס מנשה איליער ניט געקאָנט פאַרטראָגן, האָט ער פון דער בימה אַראָפּ געפּרוווט אויפדעקן די הימלשרייענדיקע עוולות, גע־טענהט, אַז אַזוינע נידערטרעכטיקטע מענטשן דאַרפן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער יידישער עדה. האָבן אים אָבער באַקאַנטע און פריינד געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוינע דרשות טאָר מען ניט האַלטן „בפני עם ועדה", באַשר עס שמעקט מיט „קראַמאָלע", עס רירט דאָך אָן דעם קיסרס אָן „אוקאַז". האָט דער בעל־החלומות דערזעען, ווי ווייט ער האָט געלעבט

---

1 מיר האָבן זיך באַניצט מיט דעם אויטאָר־עקזעמפּלאַר, וואָס האָט זיך געפונען אין דער אַפּע־ביבליאָטעק, אינאיינעם געבונדן מיט איניקע מנשה איליערס אויפגעהיטע מאַנוסקריפּטן. זע ביילאַגען נומ׳ 1.

2 ביי מנשה איליערס איינקל, אברהם בליסשטיין, איז געווען אויפגעהיט אַ גרויסער קאַסטן פול מיט זיין זיידנס מאַנוסקריפּטן. בשעת אַ גרויסער שׂריפה אין 1884 זיינען די אַלע מאַנוסקריפּטן פאַרברענט געוואָרן (אלפי מנשה, II, 1904, 13).

אין טעות, ווי מאכטלאז ער איז צו קעמפן פאר טובת הכלל, — האט ער זיך גלייך אפגעזאגט פון רבנות (1829) 1.

אין צוויי יאר ארום איז אויסגעבראכן די כאלערע-עפידעמיע. צווישן אירע פיל קרבנות זיינען אויך, ווי מיר האבן שוין געזען, געפאלן די גאליציאנער משכילים שמואל יעקב ביק און יהודה מיזעס. זי האט אויך א סוף געמאכט צו מנשה איליערס ליידנסוועג. אין יולי 1831 אויפן 64טן יאר פון זיין לעבן איז מנשה איליער געשטארבן.

פאראיינזאמט און פארגעסן האט פארענדיקט זיין לעבנסוועג דער לעצטער מאהיקאן פון די השכלה-פיאנערן אויס דעם 18טן יר"ה. אין דער זעלביקער צייט אבער, ווען מנשה איליער האט נאך דעם דורכפאל פון זיין „שקל הקודש" מאכטלאז אויפגעגעבן דעם קאמף און מער שוין ניט געפרווט ארויסצוטרעטן פאר דער עפנטליכקייט, איז א מער יינגערער פארשטייער פונם נייעם דור ארויסגעטראטן אויפן בעלדקאמף, און ער האט זוכה געווען צו ווערן אויף א משך פון צענער יארן דער פאנען-טרעגער פון דער השכלה-באוועגונג אין רוסלאנד. זיין קאמף האט שוין געטראגן אן אנדער נוסח. אויך האט ער אין דעם קאמף געזוכט שטיצע אין אזעלכע ספערן, וועגן וועלכע מנשה איליער האט אפילו ניט גע-חלומט. יצחק-בער לעווינזאן האט דער דאזיקער קעמפער געהייסן, און געלעבט און געקעמפט האט ער ניט אין דער ליטע, נאר אין וואלין.

די השכלה-באוועגונג אין דרום-רוסלאנד איז ענג פארבונדן מיט דער גאליציאנער השכלה. די השפעה איז געווען א דאפלטע. נישט בלויז די פיאנערן פון אויפקלערונג אין די דרום-מערבדיקע פראווינצן פון דעם געוועזענעם צארן-לאנד האבן געשעפט זייער גייסטיקע יניקה פון די גאליציאנער השכלה-צענטרען, נאר אויך די רוסישע רעגירונג האט ביי אירע „אויפקלערונגס"-פלענער און רעפארם-פראיעקטן בנוגע צו דער יידישער באפעלקערונג געטריי קאפירט די „עדיקטן" און באפעלן, מיט וועלכע יאזעף דער צווייטער און זיינע נאכפאלגער האבן מזכה געווען דעם יידישן קיבוץ אין גאליציע.

מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, ווי אזוי בראד איז געווען ענג פארבונדן דורך אירע האנדל-אונטערנעמונגען מיט דרום-רוסלאנד. בראדער סוחרים פלעגן קומען קיין אדעס און אנדערע צענטרען, און פלעגן אהין ברענגען מיט זיך נישט בלויז מאטעריעלע סחורות, נאר אויך נייס-טיקע, „אומעטום, — דערציילט גאטלאבער אין זיינע זכרונות, — וווּ א בראדער סוחר פלעגט קומען, פלעגט ער געמען די יוגנט מיט זיין

1 זע אלפי מנשה, II, 1904, 10.

שיינעם ריידן; ביי זיי פלעגן זיך עפענען די אויגן און זיי האָבן דערזען, אַז זיי זיינען מוטער־נאַקעט פון יעדער בילדונג און וויסן, און זיי פלעגן זיך נעמען צו בילדונג. אין דעם פרט איז דער בראָדער סוחר געווען פאַר זיי אַ וועגווייזער און אַ פירער. מחמת דעם האָבן די חסידים נישט געקאָנט פאַרטראָגן די בראָדער יידן, און דער אָפטער רב האָט זיי געשאָלטן מיט ביטערע קללות, געזאָגט, אַז זיי האָבן אַריינגעבראַכט אַפּיקורסות אין רוסלאַנד״ [1]. אויסער אָדעס, וועגן וועלכער עס איז שוין גערעדט געוואָרן אין פּאַריקן באַנד [2], האָבן זיך געפונען אונטער דער גייסטיקער השפּעה פון די בראָדער סוחרים־משכּילים אויך גרעסערע צענטרען פון קיעווער קאַנט, וווּ עס האָבן זיך געפונען פיל רייכע יידישע גוטספּעכטער און גרויסהענדלער, וואָס פלעגן עקספּאָרטירן די פּראָדוקטן פון די ריזיקע לאַנד־און וואַלד־באַזיצן פון די פּוילישע מאַגנאַטן און פּריצים אין יענעם קאַנט. די הויפדאַמע סמירנאָווא־ראָססעט פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן באַשרייבט אין אירע באַוווסטע מעמואַרן [3], ווי אַזוי צום סוף פונם צווייטן יאָרצענט פונם 19טן יר״ה מען פלעגט זיך פונם גאַנצן קאַנט צונויפפאָרן קיין קיעוו אויף „קאָנטראַקטן״. דאָרט, — דערציילט זי, — האָט מען געקאָנט טרעפן דעם גאַנצן פּוילישן גרויס־אַדל. אויף די „קאָנטראַקטן״ פלעגן די פּוילישע פּריצים אָפּגעבן זייערע גיטער די יידן אין אַרענדע, און אויף אַזאַ אופן פּטרן זייערע רייכטי־מער. מיט דער, פאַר זיי (די פּוילישע פּריצים) אַזוי כאַראַקטעריסטי־שער לייכטזיניקייט פלעגן זיי דערויף זינגען דאָס לידל:

Jak przyjechał do Złotonosz,
Tak do żyda w arendę.

אַ באַדייטנדיקן אָנטייל האָבן אויך יידן פונם מערב־קאַנט גענומען אין די צו יענער צייט אָקערשט דערשינענע ערשטע שפּראָצונגען פון דער פאַבריק־אינדוסטריע. באַזונדערס באַמערקבאַר איז דאָס געווען אין דער טעקסטיל־בראַנזשע, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעפאַנגען צו אַנט־וויקלען אין רוסלאַנד אויס ריין מיליטערישע טעמים: באַזאָרגן דאָס

---

1 א. פרידקין, אברהם בער גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע, 84. זע אויך גאָטלאָבערס רייזע־באַשרייבונג (מכתב־מסע) אין „המגיד״, 1874, נומ׳ 25, ז׳ 222: בכל מקום אשר יהודי בראָדי נחתים, שם ליהודים היתה אורה והשכלה, ונפקחו עיניהם לראות כי מותר האדם הוא רק חכמה ודעת. יודע אני ערים רבות בארצי, אשר היה חושך וערפל תתולתם, ויבוא איש משכיל אחד מבראָדי וישם משכנו בתוכם, ולא רבו הימים והלכו רבים לאירו, החלו ללמד את בניהם לשון וספר ותהי הרוחה.

2 צווייטער בוך, 254—255.

3 А. О. Смирнова-Россет, Абтобиография, 1931, 153.

מיליטער מיט דעם נייטיקן סכום געוואנט פון אייגענער פאבריקאציע. ווילנער גובערניע ווערט דעמאלט דער גרעסטער צענטער פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע ביי יידן אין מערבדיקן קאנט. צום סוף 20ער יארן געפינען זיך שוין אין ווילנער גובערניע אין די צענדליקער יידישע טוך-פאבריקן. אין 1828 האט דער ווילנער סוחר יוסל בערנשטיין פארמאגט זיבעצן געוואנט-פאבריקן, אין 1832 — צוואנציק אזוינע פאבריקן. נאך דעם פירשט כאנגושקא איז בערנשטיין געווען דער באדייטנדיקסטער טוך-פאבריקאנט אין גאנץ אוקראינע [1].

אין יענער צייט האט באזונדערס אויפגעבליט אלס האנדלסשטאט בארדיטשעוו [2], דער פירשט אי. מ. דאלגארוקי דערציילט אין זיין רייזעבאשרייבונג פון 1810: איך האב זייער געוואלט זיך אראפכאפן (פון אומאן) קיין בארדיטשעוו; א שטאט, וואס שעמט איבער דעם גאנצן קאנט מיט איר יריד, איר קלויסטער און מיט איר האנדל. דאס איז א פוילישע פאריז. ווען א יונגער מאן האט פארענדיקט זיין בילדונג, נאר אויב ער האט בארדיטשעוו נישט באזוכט, פארלירט ער אין דער גרויסער וועלט אויף גאנצע הונדערט פראצענט" [3]. אונטער דער שטארקער השפעה פון די בראדער משכילים האבן זיך אויך געפונען קלענערע שטעט אין וואלין. אינטערעסאנט איז אין דער הינזיכט פאלגנדיקע שטעלע אויס גאטלאבערס זכרונות וועגן דובנע אין די 20-ער יארן: „דובנע געפינט זיך נישט ווייט פון גאליציע, פון בראד, און פון דארטן האט אויף מיר אויפגעשיינט די זון פון השכלה. אין יענע צייטן, נאך איידער עס האט אויפגעשיינט דער מארגנשטערן אויף אונזער לאנד, זיינען אייניקע גאליצישע יידן, וואס האבן נישט געקענט זיך איינארדענען אין זייער לאנד מיט זייערע ידיעות, וועלכע זיי האבן זיך דארטן דערווארבן, געקומען קיין דובנע און דארטן געווארן יידישער לערער. דערייבער איז די ערשטע זאך, וואס דובנער יידישע קינדער האבן גענומען לערנען, געווען דייטש, און די ווערק פון שילער און געטע זיינען אין דובנע געווען זייער שטארק פאפולער. אהין האבן גענומען פארן פון די פינסטערע שטעטלעך די אלע, וואס האבן געליטן פאר השכלה" [4].

---

1 זע: א. יודיצקי, יידישע בורזשואזיע און יידישער פראלעטאריאט, 29—37; ש. באראוואוי אין זיין רוסישער ארבעט וועגן יידישער קאלאניזאציע, 125.

2 סטאטיסטישע ציפערן וועגן דעם שטורמישן אויפבלי פון בארדיטשעוו אין דער ערשטער העלפט פונם 19טן יר"ה זע יעקב לעשטשינסקיס ארטיקל אין „בלעטער פאר אידישע דעמאגראפיע אאז"וו", 1923, נום' 2, 37—48.

3 И. М. Долгорукій: Славны бубны за горами, 252

4 א. פרידקין, אברהם בער גאטלאבער און זיין עפאכע, 218.

כאראקטעריסטיש פאר דער השפעה פון די גאליציאנער משכילים אין דעם דרום-מערבדיקן קאנט איז פאלגנדיקער פרט: שוין אין די צוואנציקער יארן זיינען געמאכט געווארן די ערשטע צוויי פרוון צו גרינדן יידישע מוסטער-שולן לויט דעם מוסטער פון יוסף פערלס שול אין טארנאפאל, און בראש פון ביידע שולן זיינען געשטאנען גאליציאנער משכילים: דער בראדער מאיר הארן און יוסף פערלס פריינד און פארערער בצלאל שטערן אויס טארנאפאל. די ערשטע פון די צוויי מוסטער-שולן האט געגרינדעט אין 1822 אין אומאן דער משכיל הירש-בער הורוויץ[1], דער זון פון דעם אונז שוין באקאנטן רייכן סוחר חייקל הורוויץ, דעם פארפאסער פון „צפנת פענח".[2]

חייקל הורוויץ האט געגעבן זיין זון אן אייראפעיש בילדונג: יענער האט פריי גערעדט און געשריבן רוסיש, דייטש און פראנצויזיש; אדאנק דעם פאטערס ברייטן האנדל, איז דעם יונגן הירש-בערן אויסגעקומען צו מאכן אפטע נסיעות קיין לייפציג און ער האט דארטן געהאט די מעגליכקייט זיך נאענט צו באקענען מיט דער „בערלינער השכלה". אדאנק דאלגארוקיס אויבן-דערמאנטער „רייזע-באשרייבונג", האבן מיר א בערך קלאר בילד וועגן דעם יונגן הורוויצעס וועלטבאנעם. דער פירשט דאלגארוקי האט א שטיק צייט פארבראכט אין הורוויצעס הויז, פלעגט פארברענגען מיט דעם אייראפעיש-געבילדעטן יידישן יונגען מאן גאנצע אוונטן און איינעם פון זיינע געשפרעכן מיט אים האט ער אפילו גלייך ווערטליך פארשריבן, און ווארט ביי ווארט איבערגעגעבן אין זיין „רייזע-באשרייבונג"[3]. אט דער דאזיקער שמועס פונם יונגן יידישן משכיל מיטן רוסישן פירשט איז א אינטערעסאנטער „מענטשליכער דאקומענט", ווו עס ווערן גאנץ אפן און אן פחד פאר דער ארומיקער סביבה איבערגעגעבן די אידעאלן און ווונטשן פון די ערשטע משכילים אין רוסלאנד. דאלגארוקי שטרייכט אונטער, אז אויס זיינע געשפרעכן מיט דעם יונגן הורוויצן האט ער זיך איבערצייגט, אז יענער „ליבט היים זיין פאלק, פארטיידיקט מיט התלהבות די פאלקס-אינטערעסן און איז גרייט

1 געבארן 1785, געשטארבן אין קעמברידזש אין 1857.

2 זע אונזער חערק, ב. VII, 267. ס'איז כדאי אנצומערקן פאלגנדיקן כאראקטעריסטישן פרט: באלד נאך דעם עפענען די נייע שול איז איינער פון אירע שילער דערטרונקען געווארן. לויט דער איניציאטיוו פון דעם שול-פירער און לערער הארן, האבן די חברים פון דעם אימגעקומענעם שילער פארפאסט א טרויער-ליד, נאך דעם מוסטער פון שילערס א געדיכט, און עס אוועקגעשיקט אין דער רעדאקציע פונם „בכורי העתים". א טייל פון דער דאזיקער זייער לאנגער עלעגיע איז אפגעדרוקט אינם צווייטן באנד פון דער דאזיקער צייטשריפט.

3 Славны бубны etc. 222—223.

זיך מקריב צו זײַן פאר דעם וווילשטאנד פון זײַנע ברידער". בעת מיר באקענען זיך אבער מיט דעם אינהאלט פון דעם געשפרעך, וואס הור־וויץ האט געפירט מיט דעם רוסישן פירשט אויף דער פראנצויזישער שפראך, ווארפן זיך קודם כּל אין די אויגן צוויי כאראקטעריסטישע פרטים, וועלכע טײלן אזוי שארף אפּ די משכּילים, וואס זײַנען אויפגע־צויגן געווארן אויף דער „בערלינער השׂכּלה", פון די השׂכּלה־פּיאָנערן אוים דעם 18טן יר"ה. מנשה איליער, אשטייגער, בעת ער האט זיך בא־קאנט מיט דעם נוסח פונם „סטאטוט פון 1804", ווו די רוסישע רעגירונג זארגט וועגן אנגעמען מיטלען צו באפרײַען די ייִדן פון זייערע „פאראור־טײלן" און „ווילדן אבערגלויבן", שרײַבט ער גלײַך אן א ספּעציעלן חיבור, אין וועלכן ער פרווווט דערווײַזן דער רוסישער רעגירונג, אז זי האט א טעות: ייִדן זײַנען כּלל ניט מער פארווילדעט און פארגרעבט פון אנדערע אומות [1]. בײַ הורוויצן אבער באגעגענען מיר זיך שוין מיט דעם, פאר די „בערלינער" משכּילים אזוי כאראקטעריסטישן פעסטן גלויבן אין דעם „אויפגעקלערטן אבסאלוטיזם", וואס נאר מיט זײַן הילף וועלן ייִדן זיך קענען באפרייען פון זייער „אבערגלויבן" און געניסן דאס ליכט פון „אויפקלערונג" און בילדונג. גלײַך מיט די בערלינער אויפקלערער צייכנט זיך אויך הורוויץ אוים מיט זײַן טיפן האס צום תּלמוד, אין וועלכן ער זעט די הויפּט־סיבּה פון דער ייִדישער גייסטיקער פארווילדונג. אויף דאלגארוקים פראגע: וואס פעלט אײַך, איר זאלט זיך פילן גליקליך? ענטפערט אים הורוויץ: איך וואלט געוואלט, אז מען זאל אונז קודם כּל פארבאטן צו טראגן אונזער שענדליכע טראכט, ווארעם די דאזיקע הלבשה לעגט אויף אונז ארויף דעם שטעמפּל פון שאנד און בזיון. און ווער ס'איז פארטראכטעט, דער פארלירט דאס רעספּעקט־געפיל צו זיך גופא. אט פארוואס אונזער פאלק איז איצט אזוי נבזהדיק, נאריש און אומ־וויסנדיק. יעדער, ווער עס דערזעט מיך אין מײַן זשופּיצע, דער טײַט גלײַך אויף מיר מיט די פינגער און זאגט: דאס איז א זשיד! איך פיל מיך אבער אויף אזוי פיל מענטש, אז איך קאן מיך ניט פארהאלטן גלייכגילטיק צו אזא אומפארדינטן בזיון, וואס פארשפּארט פאר מיר דעם אייַנטריט אין דער אפענער וועלט. „פארוואס־זשע בייט איר נישט אייער הלבשה?" — פרעגט הורוויצן דאלגארוקי. דערויף ענטפערט הורוויץ, אז ער האט א שטארק פרומע אלטע מאמע, וויל ער זי נישט מצער זײַן. אבער ווען ס'זאל ארויסקומען אן „אוקאז", דערמאלט — „קיינער וואלט נישט געוועזן אזא זריז ווי איך דעם אוקאז צו ערפילן".

---

1 בן פורת, 73—74.

וויטער זאָגט הורוויץ אַרויס זיין פעסטע איבערציַיגונג, אַז „פריער אָדער שפּעטער וועט מען זיי (די ייִדן) דאַרפן מיט געוואַלט באַגליקן" („насильно осчастливить"). ווי וואָלפזאָן בשעתו, אַזוי זאָגט אויך הורוויץ אַרויס זיין גרויס התפעלות פון דער עוואַנגעלישער מאָראַל. „די עוואַנגעלישע מאָראַל איז די בעסטע עטיק-סיסטעם אין דער וועלט. איך וויל מיט איר באַקענען מיַינע ברידער, איך וויל, זיי זאָלן זי לייענען. מיר קאָנען גלויבן אין דעם עוואַנגעליום צי נייַן, אָבער געניסן פון דעם, וואָס איז איידל, איז דאָך אַזוי אָנגענעם. עס איז שוין ציַיט צו פאַרברענען אונזער תלמוד, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א בוך, איבערפילט מיט נאַרישקייטן, וועלכע פאַרדאַרבן די תורת משה. זאָל מען אונז בלויז איבערלאָזן משהס חמשה חומשי תורה אין אורשפּרינגליכן אויסזעען. זייערע געזעצן זיַינען די פאַסנדיקסטע פאַר אונז". „פאַר וואָס, — טענהט ער וויַיטער, — זאָל מען נישט פאַרטיליקן אַלע נאַרישקייטן? דאָס ייִדישע פאָלק וועט נישט האָבן דעם מוט זיך דעם אַנטקעגנצושטעלן. די אַלע טפּשותן זיַינען צונויפגעבונדן ווי רינגעלעך פון איין קייט. צעריַיסט דעם ערשטן רינג — דאָס מיין איך דעם תלמוד — וועלן אַלע אַנדערע נאַרישקייטן פון זיך אַליין פאַרשווינדן, און נאָר אויף אַזאַ אופן וועלן באַזיַיטיקט ווערן די פּענטעם פון אונזערע נאַרישע פאָראורטיילן, וואָס ברענגען אונז פיל אומגליק אויף דער וועלט".

ס'איז פון קולטור-היסטאָרישן שטאַנדפּונקט אינטערעסאַנט צו פאַרגלײַכן די דאָזיקע רייד פון דעם יונגן ייִדישן משכיל [1] מיט די געדאַנקען, וואָס ס'האָט אַרויסגעזאָגט מיט זיבן יאָר שפּעטער בנוגע דער ייִדן-פראַגע דער פּאַפּעטשיטל פון ווילנער קרייז, דער פירשט א. טשאַרטאָריזשסקי: „דערנעענטערנדיק זיך צו די קריסטן, וואָלטן זיי (די ייִדן) געקאָנט זיך באַפרייַען פון אָבערגלויבן, פאַרגעסן אין געלטגיר, דערהייבן זיך אויף דער געהעריקער הייך און אויפנעמען די מאָראַל פון דער קריסטליכער רעליגיע, וואָס איז קעגן וועלכן עגאָיזם. ערשט דעמאָלט וועט זיך אָנפאַנגען זייער אמתע בילדונג, וואָרום ביַי דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט קאָן גאָר ניט געמאָלט זיַין פאַר וועלכן ס'איז אייראָפּעיִש פאָלק קיין שום אַנדער קולטור און בילדונג, ווי נאָר אין גייַסט פון קריסטליכער מאָראַל און אויפן יסוד פונם קריסטנטום,

1 אין 1825, איניקע יאָר נאָך זיין פּאַטערס טויט, האָט הירש-בער הורוויץ באַנקראָטירט און געמוזט אַנטלויפן פון רוסלאַנד. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען האָט הורוויץ זיך באַזעצט אין ענגלאַנד און אין א ציַיט אַרום, אונטער דעם נאָמען הערמאַן בערנאַן איז ער געוואָרן לעקטאָר פון דער העברעיִשער שפּראַך אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט.

זועמען די אויפגעקלערטע פעלקער האבן זייער פראגרעס צו פארדאנקען" [1].

די דאזיקע געדאנקען פונם רוסישן באאמטן האבן, ווי מיר זעען, זיך נישט געפונען אין קיין גרויסער סתירה מיט דעם שטאנדפונקט פון די ערשטע יידישע „אויפקלערער", וואס האבן זיך אויפגעצויגן אויף דער „בערלינער השכלה". און טאקע זיי, די פראנקס [2], די הורוויצעס און נאך אזוינע ווי זיי, האבן אויסער ספק א געוויסן חלק אין דער „אויפקלערונג"-פאליטיק פון דער רוסישער רעגירונג אין ניקאלאי דעם ערשטנס צייטן בנוגע צו יידן.

דאס מוז מען נעמען אין באטראכט, בעת מען וויל אביעקטיוו אפשאצן די ליטערארישע און געזעלשאפטליכע טעטיקייט פון יצחק בער לעווינזאן.

---

1 י. העסען אין „דאס לעבן", 1906, נומ' 86; С. Цинберг, История евр. печати, 12.

2 זע אונזער ווערק, ב' VII, ערשטער בוך, 263.

צווייטער קאַפּיטל

יצחק־בער לעווינזאָנס קינדער־ און יוגנט־יאָרן. — זיין פּאַטריאָטישער הימן. — לעווינזאָנס לערניאָרן אין גאַליציע. — לעווינזאָנס אַנטי־חסידישע סאַטירעס. — דער „תעודה בישראל" און זיין באַטייַט. — די מקורים פון דעם הורא־פּאַטריאָטיזם ביי די השכלה־טרעגער. — דער „תעודה" און די משכילים. — די ווילנער משכילים און זייער געפּלאַנטער „מנחת בכורים". — „מענטשן פון פאַבריקן יאָרהונדערטס". — לעווינזאָנס רעפאָרם־פּראָגראַם. — דער „בית יהודה" און זיינע גלגול־מחילות. — פאַרשטעלטע רמזים וועגן בירגער־רעכט.

יצחק־בער לעווינזאָן איז געבוירן דעם 2טן סעפּטעמבער 1788 אין קרעמעניץ (וואָלין) אין אַ פאַרמעגליכער יחסנישער פאַמיליע [1]. זיין פאָטער, יהודה לעווין, וואָס האָט געפירט ברייטע געשעפטן מיט די פּוילישע פּריצים, האָט גוט געקענט פּויליש; ער האָט אויך געשמט פאַר אַ מדקדק און „בעל לשון", און פלעגט אָפט זיצן נישט בלויז איבער אַ בלאַט גמרא, נאָר אויך זיך קוויקן מיט דער מעכטיקער געשליפענער שפּראַך פון די נביאים. שוין אין די קינדער־יאָרן האָט דער קליינער לעווינזאָן זיך קונה שם געווען מיט זיינע גלענצנדיקע פעיִקייטן. צו ניין יאָר האָט ער אָנגעשריבן אַ גאַנצן דרוש וועגן קבלה. מיט שטאָלץ האָט דער פאָטער געוויזן זיין קינדס חיבור די למדנים פון שטאָט און יענע זיינען שטאַרק נתפעל געוואָרן [2]. לעווינזאָן האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין אויסערגעוויינליכן זכרון: יעדער ספר, וואָס ער האָט אַמאָל געלייענט, איז ביי אים געבליבן איינגעקריצט אין זכרון, און נאָך אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערמאָנט לעווינזאָן מיט גרויס צופרידנקייט

1 לעווינזאָן גופא דערמאָנט אויף דער עלטער אין איינעם פון זיינע בריוו: כי מנעורי נתגדלתי בענג ורכות כאחד הנגידים וכל אשר שאלו עיני היה לי (ספר הזכרונות, 109). קיין אויסשעפנדיקע מאָנאָגראַפיע וועגן דעם דאָזיקן וויכטיקן השכלה־קעמפער איז נישט פאַראַנען. די וויכטיקסטע אַרבעטן זיינען: ב. נאַטאַנזאָן, ספר הזכרונות און י. צינבערגס רוסישע אַרבעט: „יצחק־בער לעווינזאָן און זיין צייט" אין „יעווריעסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1910. וועגן אַ נישט פאַרווירקליכטן פּראָיעקט צו שאַפן אַן אויסשעפנדיקע לעווינזאָן־ביאָגראַפיע, זע ביילאַגע, נומ' 2.

2 זע בית יהודה, 343.

דעם „כּוח הזכרון הנפלא אשר חנני ד'" [1] — דעם וואונדערבאַרן זכרון, מיט וועלכן גאָט האָט מיך געבענטשט.

אַראָנק זיין פאָטער דעם „בעל לשון", איז לעווינזאָן שוין צו צען יאָר געווען בקי אין גאַנץ תנ"ך. אויך האָט דער פאָטער געזאָרגט, זײַן זון זאָל לערנען די לאַנד־שפּראַך, נישט אַזוי פּויליש, ווי דווקא רוסיש.

דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אַ באַשטימטן קולטור־היסטאָרישן באַטײַט. וואָלין איז דעמאָלט אָקאָרשט איבערגעגאַנגען צו דער רוסישער מאַכט. בײַ יהודה לעווין און זײַן פאַמיליע זײַנען געבליבן זייער טרויעריקע ערינערונגען וועגן די נגישות און רציחות פון דער פּוילישער שליאַכטע, וואָס האָבן אָנגענומען ממש קרענקליכע פאָרמען אין די גסיסה־יאָרן פון דער פּוילישער מלוכה־מאַכט. יהודה לעווינס ברודער, חיים, אַ רײַכער סוחר, האָט געפירט געשעפטן מיט אַ פּוילישן פּריץ, און יענער איז אים שולדיק געבליבן אַ באַדײַטנדיקע סומע געלט. בכדי זיך צו באַפרײַען פון דעם בעל־חוב, האָט דער פּריץ פאַרפירט קעגן חיים לעווין אַ פּראָצעס וועגן עלילת־דם, און דער אומשולדיקער לעווין האָט געשמאַכטעט אין תפיסה גאַנצע 12 יאָר. אויך לעווינזאָנס פאָטער איז אויף זײַן גאַנץ לעבן געבליבן אין זכרון זײַן באַגעגעניש מיט אַ פּוילישן גראַף. יהודה לעווין איז אַמאָל פאַרבײַגעפאָרן אין זײַן וועגעלע דורך אַן ענג געסל, און אים אַקעגן איז אָנגעפאָרן אַ קאַרעטע מיט אַ פּוילישן גראַף. די גאַס איז געווען צו ענג, און לעווינס קריסטליכער באַדינער, וואָס האָט געפירט דאָס פערד און וועגעלע, איז נישט געווען שטאַרק געשיקט,—האָט זיך דאָס וועגעלע אָנגעשלאָגן אין דער קאַרעטע. לעווינס דערשראָקענער באַדינער איז גלײַך אַנטלאָפן, לעווין איז געבליבן זיצן אין וואָגן. דער גראַף, ווילד פון צאָרן, אַז אַ יידישע דראָזשקע זאָל זיך אָנשטויסן אין זײַן קאַרעטע, איז גלײַך צו צום אומגליקליכן לעווינען און אים מיט אַ שטעקן אַזוי צעמְמיתט, אַז יענער איז געבליבן אַ קאַליקע אויף זײַן גאַנץ לעבן [2]. איז דערפאַר זיך נישט צו וואונדערן, וואָס אַזאַ ייד ווי לעווין און נאָך אַזוינע ווי ער האָבן געקוקט אויף דער נײַער מלוכה־מאַכט ווי אויף אַ שטאַרקן צוים, וואָס איז בכּוח צו האַלטן אין דער מורא די אויסגעלאַסענע דעגענערירטע שליאַכטע. דערפון שטאַמט די רוסיש־פּאַטריאָטישע שטימונג פון דעם יונגן לעווינזאָן, וואָס האָט זיך שפּעטער, ווי מיר וועלן ווײַטער זען, נאָך באַדײַטנדיק געשטאַרקט.

---

1 זע פאָררעדע צו „אשכל הסופר".

2 ספר הזכרונות, 5.

וועגן לעווינזאָנס יוגנט-יאָרן האָבן מיר גאַנץ ווייניק פּרטים. מיר ווייסן בלויז, אַז ער האָט שוין אין די יונגע יאָרן פיל שירים געשריבן, און עס איז אַפּילו אויפגעהיט זיינס אַ ליבע-ליד פון 1804, ווו דער 16-יאָריקער דיכטער ווענדט זיך צו זיין געליבטער (אֶל אהובתי תַּמָּתִי) מיט דעם ליבע-פאָרוואורף: „ווען איינער טוט דעם אַנדערן פאַרוואונדן, טוט דאָך יענער אים האַסן און זעט אין אים זיין שונא. אָבער דו, מיין שענע! דו האָסט מיין האַרץ פאַרוואונדעט — ווי קאָן איך אָבער דיך האַסן? און ווען דו וועסט אַפּילו פאַרדאָפּלען די וואונדן — אַלץ מער וועט צו דיר מיין ליבע וואַקסן“ 1. צו 18 יאָר האָבן אים די עלטערן חתונה געמאַכט און לעווינזאָן איז אַריבערגעפאָרן קיין ראַדזיוויל. דער שידוך איז אָבער ניט געווען קיין מזלדיקער. לעווינזאָן האָט געוואָרפן אויף זיין פרוי אַן אומחן, און זינט זייער איינציק קינד איז געשטאָרבן, איז זי אים נאָך מער נמאס געוואָרן. די באַליידיקטע פרוי האָט אויס נקמה געפרוווט אים סמען. לעווינזאָן איז צום גליק לעבן געבליבן און האָט גלייך נאָך דעם זיך געגט מיט דער פרוי. אין דער צייט זיינען זיינע עלטערן פאַראָרעמט געוואָרן און לעווינזאָן האָט געלעבט פון שטונדן געבן.

בשעת דעם נאַפּאָלעאָנישן קריג האָט לעווינזאָן אויסגעפילט איבערזעצונגס-אַרבעטן אויף דער עסטרייכישער גרעניץ און דעם ענדגילטיקן נצחון איבער די פראַנצויזן האָט ער באַזונגען אין אַ ספּעציעלן לויב-ליד „קול ענות גבורה“. דער ראַדזיווילער קאָמענדאַנט גירס, וואָס האָט פּערזענליך געקענט לעווינזאָנען, האָט דאָס דאָזיקע ליד איבערגעשיקט דעם מיניסטער פון אינלענדישע ענינים, אַלס באַווייז פון ייִדישן פּאַטריאָטיזם.

מיט ריזיקן פלייס פאַרנעמט זיך לעווינזאָן מיט זעלבסטבילדונג. טאָג און נאַכט האָט ער אומדערמידליך געזאַמלט וויסן פון די פאַרשיידנסטע צווייגן. דער יונגער אָרגאַניזם האָט אָבער ניט אויסגעהאַלטן אַזאַ אָנשטרענגענדיקע גייסטיקע אַרבעט, און לעווינזאָן איז פאַרשלאָפּט געוואָרן אויף אַ שווערער נערוונקראַנקהייט. ער האָט דעמאָלט אָנגענומען דעם באַשלוס צו פאָרן זיך היילן קיין בראָד, וואָס האָט זיך געפונען

1 לעווינזאָן האָט זיין גאַנץ לעבן געהערן שירים געשריבן און עס זיינען אויפגעהיט זיינע איבערזעצונגען פון שילערן („דער טויכער“ און אַנדערע), וואָס ער האָט געשריבן אויף דער עלטער. ער האָט אָבער אַליין אָנגעוויזן, אַז אים פעלט לחלוטין אַ דיכטערישע באַגאַבונג (זע זיין פאָררעדע צו „אשכל הסופר“) אויף אַן אַנדער אָרט („בית יהודה“, 366) איז ער זיך שטאַרק מתרעם דערויף, וואָס כמעט יעדער משכיל, וואָס האָט נאָר געלערנט אַ ביסל דקדוק, טענהט שוין שירים, און קיינער פון זיי וויל ניט פאַרשטיין, אַז גראַמען שרייבן קאָן יעדער, אַן אמתער דיכטער אָבער איז קוים איינער אויף אַ גאַנצער מדינה.

פון יענער זייט גרעניץ בסך-הכל אכט וויארסט פון ראדזיוויל. אָבער נישט בלויז צוליב די בראָדער דאָקטוירים האָט לעווינזאָן באשלאָסן צו פאָרן קיין גאליציע,—אים האָט אהין געצויגן ווי צו א באדייטנדיקן קולטור-צענטער, וווּ ער וועט קאָנען דערווערבן דאָס נייטיקע געווער צו קעמפן פאר ליכט און אויפקלערונג. און די יאָרן, וואָס ער האָט פארבראכט אין גאליציע, זיינען טאקע איינע פון די וויכטיקסטע עטאפּן אין זיין לעבן.

באלד נאָך זיין קומען קיין בראָד ווערט לעווינזאָן באקאנט מיט דעם דאָרטיקן משכילים-קרייז און באפריינדעט זיך מיט דעם אלטן מענדל לעפין, מיט שמואל-יעקב ביק, יצחק ערטער און בעריש בלומענפעלד. בכדי צו האָבן פון וואָס צו לעבן, האָט ער די ערשטע צייט געדינט אלס בוכהאלטער אין א האנדלס-געשעפט, דערנאָך האָט ער אויסגעהאלטן דעם לערער-עקזאמען ביי דער טארנאָפּאָלער שול. דאָרט האָט ער זיך באקענט מיט יוסף פערלען און אדאנק פערלס פּראָטעקציע באקומט לעווינזאָן א לערער-שטעלע פון דער העברעישער שפּראך אין דער ניי-געגרינדעטער ב״אָדער רעאל-שול. צו דער זעלביקער צייט גיט ער איבער אין דרוק זיין ערשטע ארבעט — זיין יידישע צאָל-טאָוויף-איבערזעצונג (לוח המכם) [1].

די דאָזיקע ארבעט דרוקט לעווינזאָן אין זאָלקיעוו און דאָרט באקענט ער זיך מיט נחמן קראָכמאלן. אלס דענקער און אלס פּערזענליכקייט מאכט אויף אים קראָכמאל א געוואלטיקן רושם. יענער בלייבט פאר אים אויף זיין גאנצן לעבן „ידידי, מחמד נפשי, אדוני ומרים ראשי״ [2]. מיט פיל יאָרן שפּעטער דערמאָנט לעווינזאָן מיט אנטציקונג: „די חדשים, וואָס איך האָב אין זאָלקיעוו פארבראכט, זיינען ביי מיר טייערער פון אלץ אין דער וועלט״. ער האָט געזעען אין קראָכמאלן דעם לערער און וועגפירער פון זיין דור. „פון די ברעקלעך, — דערקלערט לעווינזאָן, — וואָס זיינען פון קראָכמאלס ליטעראַרישן טיש אראָפּגעפאלן, האָבן פיל משכילים פון אונזער צייט גאנצע ביכער געשאפן״ [3].

קראָכמאלן האָט לעווינזאָן געוויזן זיין ערשט וויסנשאפטליך ווערק „המזכיר״, א זאמלונג פון פילאָלאָגישע און היסטאָרישע פאָרשונגס-ארטיקלען [4]. קראָכמאלן איז דאָס ווערק געפעלן און ער איז אפילו געוועזן

1 די דאָזיקע אויסגאבע איז נישט אויפגעהיט.

2 זע זיין בריוו פון 1851 צו ש. י. פין (ילקוט ריב״ל, 76).

3 ציון לנפש רנ״ק, 61.

4 זע „בית יהודה״, פרק קי״ח, 287.

גרייט פינאַנסיעל מיטצוהעלפן, בכדי לעווינזאָנס ערשטלינגס-ווערק זאָל אין דרוק דערשיינען. אוים אומבאַקאַנטע סיבות איז דער „הסזכּיר״ געבליבן אין מאַנוסקריפּט [1]. נישט געדרוקט איז אויך געבליבן לעווינזאָנס לערנבוך פון רוסישער שפּראַך „יסודי לשון רוסיה״ [2], וואָס ער האָט פאַרפאַסט אין 1820 „לתועלת בני הנעורים״. מער מזל האָט געהאַט זיין סאַטירע „דברי צדיקים״ [3], וואָס ער האָט געשריבן אין דעם זעלביקן יאָר. דער „דברי צדיקים״ איז אַ מין עפּילאָג צו דעם דעמאָלט אָקאָרשט דערשינענעם „מגלה טמירין״. דריי חסידים, ר׳ יעקל האַניפּאָלער, ר׳ אליה סאָקוליפּקער און ר׳ ליב קרעמעניצער מוחען זיך שטאַרק אין זייערע בריוו, ווער קען עס זיין דער מחבר פון „מגלה טמירין״, עובדיה בן פּתחיה. דער קרעמעניצער גיט איבער אין זיין בריוו, וואָרט ביי וואָרט, אַ לאַנגן שמועס וועגן דעם זעלביקן ענין צווישן צוויי חסידים, וואָס ער האָט אונטערגעהערט אין אַ חסידים-שטיבל אין אָליק. די דאָזיקע חסידים זיינען געקומען צום אויספּיר, אַז דעם „מגלה טמירין״ האָט בלי ספק געשריבן איינער פון די גרויסע צדיקים, ווייל עס זיינען אין דעם ספר באַהאַלטן די טיפסטע סודות. לעווינזאָן פּרוווט דערביי אויף אַ זייער וויציקן אופן איבערגעבן, ווי אַזוי דער קרעמעניצער איבערזעצט אין העברעיש די אייגנאַרטיקע יידישע רייד-שפּראַך פון די צוויי אָליקער חסידים. לעווינזאָן גיט מיט אַ כּיוון איבער די דאָזיקע רייד-שפּראַך אין קאַריקאַטוריסטישער פאָרם, און די חסידימס רייד ווערן, אשטייגער, איבערגעגעבן אין אַזאַ מין נוסח: „פּן תדע מסיתך לאמר, כּאשר ידעת״ (זאָלסט אַזוי וויסן פון דיין לעבן צו זאָגן, צי דו ווייסט) „והשאר תנגח אותך בּעצמך״ (דאָס איבעריקע וועסט זיך אַליין אָנשטויסן); „מה אני חייב לך שאתה אין לך עינים״ (וואָס בּין איך דיר שולדיק, אַז דו האָסט קיין אויגן נישט); „מן הכּתם כּשאני נותן עצה אינו עקום״ (מסתּמא, אַז איך גיב אַן עצה, איז עס נישט קרום) אאַז״וו.

זיין סאַטירע האָט לעווינזאָן איבערגעגעבן פּערלען, און יענער האָט נאָך פיל מאַטערנישן [4] זי אָפּגעדרוקט אין ווין אין 1830 צוזאַמען מיט לעווינזאָנס אַ צווייטן אַנטי-חסידישן פּאַמפלעט „עמק רפאים״. דער

---

1 בלויז איניקע פראַגמענטן פון דעם „המזכּיר״ האָט לעווינזאָן שפּעטער אויסגענוצט אין זיינע „תעודה״ און „בית יהודה״.

2 ספר הזכרונות, 7; תעודה בישראל, שער ב׳, פּרק ד׳.

3 אין דער התחלה האָט דאָס ווערק געהייסן „מגלה טוב״ (באַריכות וועגן דעם זע פּערלס בריות צו לעווינזאָנען, באר יצחק, 11, 39—40).

4 באר יצחק, 39, 40.

דאָזיקער פּאַמפלעט געפינט זיך אין געוויסער קרֵבות מיט ערטערס „גלגול נפש". מען מוז אָבער דערבײַ געדענקען, אַז לעווינזאָנס ווערק איז געשריבן באַדײַטנדיק פ ר י ע ר פון ערטערס באַרימטער סאַטירע. דורך דער קראַפט פון היפּנאָטיזם (וואָס האָט אין יענער צײַט פיגורירט אונטערן נאָמען מעסמעריזם אָדער מאַגנעטיזם) דערציילט די נשמה פון א „גוטן ייִדן" א בעל מופת, וואָס איז שוין אויף „יענער וועלט" און ווערט געמשפּט אין דעם גיהינום התחתון, אַלץ וואָס מיט איר האָט פּאַסירט אין איר זינדיקן לעבן. ווי ערטער, אַזוי זשאַלעוועט אויך לעווינזאָן נישט קיין שוואַרצע פאַרבן, בעת ער שילדערט דעם לעבנס־וועג פון דעם רבין דעם בעל מופת 1. יענער איז ממש אַן אויסוואָרף: א ווילדער עם הארץ, א נידערטרעכטיקער שווינדלער, א זויפער, א פרעסער, א געלט־גיריקער ליגנער, וואָס באַראַבעוועט דאָס פאָלק און רודפט מיט גרעסטער אכזריות יעדן, וואָס דורשט נאָך וויסן. ווי אין ערטערס סאַטירע, אַזוי קלינגט אויך זייער שטאַרק אינם „עמק רפאים" דער סאָציאַלער עלעמענט, דער פּראָטעסט קעגן דער אונטערדריקונג פון די פאָלקסמאַסן. ס'איז אָבער כדאי אָנצומערקן איין כאַראַקטעריסטישן שטריך. ערטער דער פּוריסט, דער „צופה לבית ישראל", פלײַסט זיך צו שרײַבן אין ריין ביבלישן סטיל און שלײַפט און צוקט יעדעס וואָרט. לעווינזאָן אָבער געפינט פאַר נייטיק איבערצואַרבעטן זײַן סאַטירע אין ייִדיש, בכדי זי צוגענגליך צו מאַכן פאַר די ברייטע שיכטן 2. עס דערמאָנט אָביסל דעם זיידן מגדלים נוסח, בעת דער בלוטזויגער דער בעל מופת זאָגט אָן זײַן זון: „זאָלסט נישט קוקן אויף די דרשנים, וועלכע שטראָפן די סבאַרשטשי־קעס מיט די ראַטמאַנעס וכדומה די אַנדערע בעלי התמנות (אמט־לײַט) מיט די נגידים, אַז זיי זאָלן נישט ראַבעווען די אָרעמע לײַט, זאָלן אויף זיי נישט אַרויפוואַרפן פאַרשיידענע נעדאָימקעס, און די נגידים אַליין זײַנען פּטור דערפון. זייערע דרשות בכלל באַשטייען נאָר אין דעם, מען

---

1 די פאַרבן זײַנען בײַ לעווינזאָנען נאָך געדיכטער, די שילדערונגס־קראַפט אָבער ווייניקער קונסטפול, ווי בײַ ערטערן.

2 בילדעט די צווייטע אָפּטיילונג פון „הפקר וועלט". ז. רייזען שטעלט אין זײַן „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע", 250, די פראַגע: „צי דאָס האָט אין ייִדיש באַאַרבעט דער מחבר אַליין אָדער זײַן אַרויסגעבער"? אַז לעווינזאָן גופא האָט באַאַר־בעט אין ייִדיש זײַן „עמק רפאים" איז קלאָר ניט בלויז אויס דער יאָדערדיקער וואָלינער שפּראַך, אין וועלכער דאָס ווערק איז געשריבן, וואָס אונטערשיידט זיך אַזוי שטאַרק פון נאָטאַנזאָנס ייִדיש־דײַטש, נאָר אויך אויס דער קורצער פאָררעדע, וווּ עס ווערט דאָך בפירוש אָנגעוויזן: „מען זאָגט, אַז דער חיבור האָט גאָר אַן אַנדער נאָמען און איז געשריבן אויף חסידים־לשון, אָ ב ע ר ד ע ר מ ח ב ר א י ז ד ע ר ז ע ל ב י ק ע ר" („די הפקר־וועלט", 41).

זאָל נישט נאָכיאָגן נאָך געלט און נאָך כבוד, בעת דאָס רוב פאָלק גלוסט זייער נאָך די זאַכן. דו אָבער, מײַן זון, מײַד אויס דעם וועג; פון דיר זאָל מען ניט הערן אַזעלכע דרשות, ווען דו ווילסט, אַז מען זאָל דיך ליב האָבן און מען זאָל האַלטן פון דיר. אדרבא, זאָלסט נאָר תמיד נאָכגעבן און האַלטן מיט די תקיפים פון דער שטאָט, די נגידים זאָלסטו אָפּגעבן כבוד און די אַלע ממונים (באַאַמטע) זאָלסטו פאָטשעטשאַיען, די ראַטמינעס מיט די ראשי הקהל, אַטדאַטשיקעס, וועלכע גיבן אָפּ רעקרוטן, בעלי טאַקסים, אַטקופּצעקים, צעכמײַסטערס [1] וכדומה — זאָלסט דו תמיד אַ דורש בשלומם זײַן און זאָלסט פאַרלאַנגען נאָר זייער טובה. אויך פון פאַקטוירים זאָלסט דו ניט זײַן פון ווײַטן, זאָלסט זיי מקרב זײַן, דען דורך זיי וועסט דו באַפעסטיקן דײַן באַשטאַנד, וועסט צונויפנעמען פיל געלט, און וועסט האָבן גרויס כבוד, וועסט אַלע מאָל גרעסער וואַקסן״ [2].

לעווינזאָן האָט אָבער כּלל נישט געוואָלט זיך באַגניגן בלויז מיט שפּאָט און סאַטירע. אין די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין די גאַליציאַנער השכלה־צענטרען, איז בײַ אים רייף געוואָרן דער באַשלוס צוריק־

---

1 אין דעם העברעישן טעקסט הערן נאָך צווישן דעם רייסטער פון די „תקיפים״ דערמאָנט אויך „קוואַרטירנע קאָמיסאַרן״ (ילקוט ריב״ל, 127). אויך ווײַטער (דאָרטן, 137), ווערט גערעדט וועגן איינעם, וואָס איז „נתמנה להיות קוואַטירנע קאָמיסיע״.

2 הפקר וועלט, 1896, 49. אין 1904 האָט אפרים דײַנאַרד פאַרעפנטלעכט לעווינזאָנס אַ דריטע סאַטירע „מגלה עפה״, וואָס האָט זיך געפונען אויפגעהיט צווישן לעווינזאָנס כתבי יד. שוין דער ליטעראַטור־היסטאָריקער פּ. לחובר (תולדות הספרות העברית החדשה, II, 84) זאָגט אַרויס זײַן ספקות, לעווינזאָן זאָל ווירקליך זײַן דער פאַרפאַסער פון דער דאָזיקער סאַטירע. פאַקטיש שטאַמט טאַקע נישט די „מגלת עפה״ פון לעווינזאָנס פעדער, און א. ב. גאָטלאָבער גיט אפילו געבוי אָן אין זײַנע זכרונות (הבוקר אור, 1879, 782) דעם נאָמען פון איר פאַרפאַסער. דאָס איז טאַקע געווען לעווינזאָנס אַ קרוב, שלמה־ישעיה לאַנדסבערג אויס קרעמעניץ. „אין 1827, — דערציילט גאָטלאָבער, — האָט לאַנדסבערג, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין קאָרעץ, פאַרפאַסט אַ סאַטירע „מגלה עפה״ קעגן די גוטע יידן און די פאַלשע פירער (תוכחת מגולה אל ראשי הצדיקים מאשרי העם הזה המתעיט וידבר אתם שפטים). לויט מײַן וויסן, איז דאָס געווען די ערשטע סאַטירע, מיט וועלכער אַ ייִד האָט געוואַגט עפנטליך אַרויסטרעטן קעגן די דאָזיקע באַטריגער... מען האָט פון איר געמאַכט פיל אָפּשריפטן, און מען האָט זי געלייענט אין פיל שטעט עפנטליך אין די גאַסן. געדרוקט איז זי אָבער נישט געווען, און מיט דער צײַט איז זי פאַרלאָרן געגאַנגען״. גאָטלאָבער האָט אָבער אַ טעות געהאַט. לעווינזאָן האָט, ווי עס שײַנט, צליין באַזאָרגט פאַר זיך אַן אָפּשריפט פון לאַנדסבערגס סאַטירע, און צדאַנק דעם איז זי אויפגעהיט געוואָרן און אין דרוק דערשינען.

צוקערן אין זײַן הײם און דאָרט שענקען אַלע זײַנע כּוחות און זײַן גאַנץ װיסן דעם „טובת הכּלל", קעמפן לויט אַ סיסטעמאַטיש אויסגעאַרבעטן פּראָגראַם פאַר דער מאַטעריעלער און גײַסטיקער באַנײַונג פון דעם ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד. איז דעם זעלביקן יאָר, װען ער האָט זײַן סאַטירע „דברי צדיקים" געשריבן — אין 1820, פאַרלאָזט ער גאַליציע 1 און קערט צוריק אין זײַן געבורטשטאָט קרעמעניץ.

נאָך דעם משך יאָרן, װאָס לעװינזאָן האָט פאַרבראַכט אין דער האַנדלסשטאָט בראָד אין דער אומגעבונג פון אַ ברייטן משכּילים־קרײַז, האָט זײַן געבורטשטאָט געמאַכט אויף אים אַ פּײַנליכן אײַנדרוק. קרעמעניץ איז געלעגן אין אַ זײַט, באַהאַלטן צװישן בערג, און האָט געהאַט גאַנץ װייניק פאַרבינדונגען מיט דער אַרומיקער װעלט. דער האַנדל איז דאָרט געװען גאַנץ קליין און די באַפעלקערונג איז געװען שטאַרק פאַראָרעמט. די געצײלטע פאַרמעגליכע אין דער שטאָט זײַנען על פּי רוב געװען פּראָצענטניקעס, פּאַקטוירים בײַ „נאַטשאַלסטװאָ". זיי זײַנען עס געװען די תּקיפים, די רעדלפירער אין שטאָט און פלעגן אָן רחמנות אונטערדריקן די אָרעמע מאַסע. אײנעם פון די דאָזיקע „ראשי העיר" האָט לעװינזאָן מיט פיל יאָרן שפּעטער בלױזגעשטעלט אין זײַן שאַרפן דאָפּל־פּאַמפלעט „תּולדות פּלוני אלמוני הכּזבי" און „מסכת אותו ואת בנו", און אין זײַן גיפטיקער סאַטירע „פּורים־שפּיל אױסגערופן אין שול",

---

1 מפּות דער דאַטע פון לעװינזאָנס צוריקקומען פון גאַליציע איז בײַ זײַנע ביבליאָגראַפן אַ שטיקל פּלאָנטער. ב. נאַטאַנזאָן חײַזט אָן (ספר הזכרונות, 7), אַז לעװינזאָן זאָל האָבן צוריקגעקומען קײן קרעמעניץ אין 1817, און לויט ס. אַלאַבין (רוסקאַיאַ סטאַרינאַ, 1878, V) איז דאָס געשעען ערשט אין 1823. אַז נאַטאַנזאָנס אָנגאַבע איז פאַלש, איז זיך לײַכט צו איבערצײַגן אויס פאָלגנדיקע פּרטים: 1) אונטער לעװינזאָנס אַרטיקל „שם המספּר" (בית האוצר, 191—195) איז אָנגעװיזן די דאַטע: ר"ח ניסן תּקע"ט פּה בראָדי; 2) לעטערים חײַזט אָן אין זײַן „זכרון בספר": אין 1819 בין איך געפאָרן קײן בראָד, װײַל מײַנע פרײַנד, ערטער, יצחק בער לעװינזאָן א"א, האָבן זיך געװאָלט מיט מיר זעען; 3) עס איז באַװוסט, אַז אין 1820 האָט לעװינזאָן אין לעמבערג איבערגעדרוקט טראַפּלאַװיצעס דראַמע „מלוכת שאול". אין דעם זעלביקן יאָר האָט לעװינזאָן געהאַלטן עקזאַמען אין טאַרנאָפּאָלער „איזראַעליטישער הױפּט־שולע" און באַקומען פון דאָרט אַ „צײַגניש", אַז „אין אַללען פאַכערן דער העברעיִשען, תּלמודישען אונד סירישען ליטעראַטור ער בעװאַנדערט איזט" (זע ייִחאָ־בלעטער, IV, 82). אַז לעװינזאָן האָט פאַרלאָזן בראָד אין 1820, נישט, װי אַלאַבין באַהױפּטעט, אין 1823, װערט קלאָר אויס לעװינזאָנס דערקלערונג אין זײַן אַרטיקל װעגן די ייִדישע שולן, װאָס ער האָט געשריבן אין 1857: „עס איז שוין 37 יאָר זינט איך האָב בראָד פאַרלאָזן". אין 1823 האָט לעװינזאָן בלויז אויף אַ קורצער צײַט באַזוכט בראָד; דערויף האָבן מיר אָן אָנװײַז בײַ לעװינזאָנען אין „ילקוט ריב"ל", 49.

וואָס ער האָט, ווי עס שײַנט, פאַרפאַסט בײַ דער ערשטער ידיעת, אַז די קהל־אָרגאַניזאַציע ווערט אָפּגעשאַפט (1843):

עס לאָזן זיך אויס די גוטע צײַטן,
וואָס איך פּלעג אויף קהל רײַטן —
זיי האָבן געגעסן מיט לעפל,
און איך מיט שעפל.
— — — — — — — — —
קהל וועט אויך באַלד אויס ווערן,
וועט שוין מײַן פּרנסה גאַנץ אויפהערן;
איך וועל בלײַבן אָן געלט,
אַ פּנים ווי חוזק בײַ דער וועלט...

אין דער דאָזיקער אָפּגעשטאַנענער סביבה האָט אומגעבאַגרעניצט געוועלטיקט דער עקסטרעמסטער צדיקיזם מיט זײַן גיפטיקער שנאה צו אַלץ, וואָס קאָן ברענגען ליכט און וויסן. „איך ווױן — קלאָגט זיך לעווינזאָן—אין אַ פאַרפינסטערטער שטאָט; מען זעט דאָרטן נישט קיין פּרישן מענטשן, נישטאָ קיין סופרים, נישטאָ קיין ספרים, נישטאָ ווער זאָל מעלדן וועגן נײַסן, וואָס פּאַסירן אויף דער וועלט; קיינער לייענט נישט קיין ביכער, קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט צײַטונגען. איך הער אַרום זיך טאָג טעגליך דאָס געשריי פון די אָרעמע, וואָס ווערן, נעבעך, באַראַבעוועט פון די, וואָס געוועלטיקן איבערן פאָלק, פון אונזערע ייִדישע רעדלפירער און באַפעלער. עס דערגייט אויך צו מיר דאָס גרויסע געפילדער פון די באַטרונקענע חסידים, וואָס טאַנצן איבער די גאַסן טשערעדעסווײַז, זינגען אויף אַ קול און ברענגען אַרײַן אין שטאָט אַלץ נײַע רביים, וואָס פאָרן אין די קאַרעטעס, דער קומט און דער פאָרט אָפּ. די פאַרברענטע חסידים באַטרינקען זיך און שרײַען: קדוש [1].

באַלד נאָך זײַן קומען קיין קרעמעניץ, ווו עס האָבן געלעבט זײַן פאָטער און שוועסטער (די מוטער איז מיט עטליכע יאָר פריער געשטאָרבן), האָט לעווינזאָן אָנגעהויבן שרייבן זײַן ערשט באַדײַטנדיק ווערק

1 מושבי עיר תלאובות, אין אורח, אין סופר, אֵין ספר, אין מגיד חדשות ואין קורא בספרים ואין רואה עלים חדשים. אשמע סביבי יום יום אנקת אביונים העשוקים מהרודים בעם מאחינו שוטרי ישראל וראשיו, ואשמע אחרי קול רעש גדול מתנשא לעמת שרפים (שותֵי יַיִן־שרף) מרחסידים, אשר ירקדון בחוצות עדרים עדרים ויזמרו בקול, מנהגים רביים חדשים לבקרים במרכבות מרקדות לעירי, זה יוצא וזה נכנס, ולעמתם השרפים משתכְּרים ואומרים קדוש (ילקוט ריב״ל, 72, 73; ספר הזכרונות, 11. זע אויך די פאָררעדע צו בית יהודה, XXIII).

„תעודה בישראל" [1]. ער האָט זיך אָבער ניט געוואָלט באַגנוגן מיט ריין ליטעראַרישער אַרבעט. מיט יוגנטליכער ענערגיע נעמט ער אָנטייל אין דעם געזעלשאַפטליכן לעבן פון דער קהילה, אַגיטירט צווישן דער יוגנט פאַר בילדונג און וויסן [2]. דאָס האָט אים אָבער געשאַפן פיל שונאים צווישן די רעדלפירער פון דער קהילה. די אָרטיקע חסידים האָבן דערשמעקט, אַז לעווינזאָן שרײַבט אַ בוך פול מיט אַפּיקורסות, האָט מען אים אָנגעהויבן רודפן. איז אים נמאס געוואָרן זײַן געבורטס־שטאָט, און ער האָט זיך געלאָזט אין דער גרויסער האַנדלס־שטאָט בערדיטשעוו, וווּ ער האָט באַלד באַקומען אַ לערער־שטעלע אין דעם רײַכן הויז פון אַנטאָן רובינשטיינס זיידע. אויך דאָרטן גיט ער זיך אָפּ מיט געזעלשאַפטליכער אַרבעט, פּרוּווט גרינדן אַן אָרגאַניזירטן משכילים־קרײַז. ער וויל זיך אָבער ניט אויפהאַלטן אַ לענגערע צייט אויף איין אָרט און וויל פאַרשפּרייטן זײַן אַגיטאַציאָנס־טעטיקייט אויך איבער אַנדערע צענטרען. פון בערדיטשעוו פאָרט לעווינזאָן איבער קיין אָסטראָה, וווּ ער באַקומט אַ לערער־שטעלע אין דעם הויז פונם רײַכן וואַלד־סוחר זוסמאַן. פון דאָרטן פאָרט ער ווײַטער קיין נעמיראָוו, קיין טולטשין [3]. צו דער זעלביקער צײַט פאַרענדיקט ער דעם „תעודה בישראל" [4] און לאָזט אַרויס אַ „קול קורא", אין וועלכן ער איז מודיע, אַז זײַן ווערק וועט דערשיינען אין 1823.

די אינטענסיווע, אָנשטרענגענדיקע אַרבעט פאַר די לעצטע יאָרן איז געווען איבער די כּוחות פון לעווינזאָנס שוואַכן אָרגאַניזם. אויסגעמאַטערט איז ער צוריקגעקומען קיין קרעמעניץ צו זיינע אייגענע. דאָרטן איז ער ווידער פאַרשלאָפט געוואָרן אויף זײַן פריערדיקער שווערער נערוון־קראַנקהייט, וואָס האָט אים דאָס מאָל ניט אָפּגעלאָזט אין לאַנגן משך פון גאַנצע צוועלף יאָר. נאָר אפילו דערנאָך, ווען די קראַנקהייט האָט זיך געפעלט, איז שוין לעווינזאָן אויפן גאַנצן לעבן געבליבן אַ „שִׁבְרֵי כֵּלִי". שוואַך, אָפּגעצערט, פלעגט ער יאָרן לאַנג ניט איבער-

---

1 אַז לעווינזאָן האָט שוין אין 1821 געשריבן זײַן „תעודה בישראל", ווײַזט ער גופא אָן אין זײַנעם אַ בריוו פון 1843 צו יעקב רייפמאַן: בכתבי ספרי זה „תעודה בישראל", זה לי עשרים ושתים שנה (באר יצחק, 97).

2 וועגן דעם דאָזיקן פעריאָד אין לעווינזאָנס לעבן דערציילט מיט פיל יאָרן שפּעטער מיט גרויס התלהבות זײַן פרײַנד דער קרעמעניצער משכיל לעאָן לאַנדסבערג (זע: С. Цинберг, Исаак Бер Левинзон, 1900, 22—23).

3 זע בית יהודה, 327.

4 דעם „תעודה בישראל" האָט לעווינזאָן פאַרענדיקט אין 1822 (זע באר יצחק, 12).

טרעטן די שוועל פון זײַן קלײנעם הײַזל, וואס האט זיך געפונען אין סאמע
עק פון דער שטאט [1]. די פיזישע לײַדן האבן אבער ניט אפגעשוואכט
זײַן אינטערעס צו געזעלשאפטליכע פראגן און זײַן גרויס; דורשט נאך וויסן.
דא איז אים שטארק צו נוץ געקומען דעם געשיכטס-פארשער טשאצקיס
גרויסע וויסנשאפטליכע ביבליאטעק, וואס האט זיך געפונען אין קרעמע-
ניצער ליציי [2]; מיט אומדערמידליכן פלײַס האט דער קראנקער לעווינזאן
שטודירט אראביש, סיריש, אראמיש און לאטײַן, ער האט אויך זיך פיל
אפגעגעבן מיט די גריכישע קלאסיקער און מיט דער אייראפעיִשער
פילאזאפישער און טעאלאגישער ליטעראטור. אויף זײַן זעלבסטבילדונג
האט אבער לעווינזאן געקוקט בלויז, ווי אויף א מיטל פאר זײַן לעבנס-
ציל: רעפארמירן דאס יידישע לעבן, באנײַען זײַנע מאטעריעלע און
גײַסטיקע יסודות. לעווינזאן האט זייער גוט געוווּסט, וואסערע גרויסע
שוועריקייטן עס שטייען אים פאר. אין דעם האט ער זיך איבערצײַגט
שוין בײַם דרוקן זײַן „תעודה בישראל״. אין זײַן ארויסגעלאזטן „קול
קורא״ האט ער, ווי מיר ווייסן, מודיע געווען, אז זײַן ווערק וועט דער-
שײַנען אין 1823. גאנצע פינף יאר איז אבער דערנאך זײַן ווערק נאך
אלץ אין מאנוסקריפט געלעגן, און די סיבה דערפון איז ניט געווען
בלויז דעם פארפאסערס מאטעריעלע נויט [3]. די הויפט-סיבה איז געווען
די, וואס די גאטספארכטיקע דרוקער האבן ניט געוואלט פארעפנטליכן
מיט זייערע כשרע הענט אזא אפיקורסישן ספר. אין יענער צײַט האבן אין
וואלין פונקציאנירט א גאנץ באדײַטנדיקע צאל יידישע דרוקן: אין
בארדיטשעוו, סלאוויטע, אסטראה, זאסלאוו, סעדילקאוו, פאלאנאיע, קארעץ,
בעלאזיארקע או״וו, און קיין איינציקע פון זיי האט דעם „תעודה״ ניט
געוואלט דרוקן. לעווינזאן האט דערבײַ זייער גוט פארשטאנען, אז בלויז
מיט אגיטאציאנס-ווערק איז ניט מעגליך צו פארווירקליכן די נייטיקע
לעבנס-רעפארמען. דערויף איז ער געווען אין געוויסער הינזיכט פראק-
טישער און מער „היינטוועלטיקער״, ווי מנשה איליער. לעווינזאן האט

---

1 אין 1848 שרײַבט לעווינזאן צו זײַן פרײַנד ראובן קולישער: „שוין 25
יאר זינט איך טרעט ניט איבער די שוועל פון מײַן וווינונג און ליג אמטייסטנס
צו בעט״ (זע אויך זײַן בריוו צו זײַבערלינגן אין ספר הזכרונות, 109).

2 אלטפין און, אויף אים שטיצנדיק זיך, נאטאנזאן פארזיכערן, אז לעווינזאן איז
געווען באפרײַנדעט מיט טשאצקין גופא, און יענער זאל האבן זייער געשעצט דעם
יידישן געלערנטן. דאס איז אבער ניט ריכטיק, ווײַל טשאצקי איז געשטארבן נאך
אין 1813.

3 וועגן לעווינזאנס רעזולטאטלאזער השתדלות בײַם ווארשעווער קאמיטעט פאר
יידן (Komitet Starozakonnych) וועגן אויסלייגן די נייטיקע דרוק-קאסטן—זע
„יִוואָ-בלעטער״, IV, 81—82.

געוווּסט, אַז צו שוואַך און קליין איז צאָל זײַנען די משׂכּילים, ווי זאָלן זײַן אימשטאַנד מיט אייגענע כּוחות דאָס רעפאָרם-פּראָגראַם דורכצופירן,— איז דערפאַר פאַר אים געווען קלאָר און זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז מען דאַרף זיך ווענדן צו דער אויסערער מאַכט — צו דער „אויפגעקלערטער" רעגירונגס-מאַכט. דאָ באַרירן מיר דעם זייער אינטערעסאַנטן און פון קולטור-היסטאָרישן שטאַנדפּונקט אויסערסט וויכטיקן מאָמענט אין דער גאַנצער השׂכּלה-באַוועגונג.

מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אויס וואָסערע סיבות דער יונגער לעווינזאָן, אין וועמעס פאַמיליע עס זײַנען פריש געווען אין זכּרון די גזירות און רדיפות פון דער אויסגעלאַסענער פוילישער שליאַכטע, איז געווען פּאַטריאָטיש געשטימט בנוגע דער נײַער רוסישער מאַכט. ווען לעווינזאָן איז אַלט געווען 16 יאָר, זײַנען דורך דער רעגירונג פאַרעפנט-לעכט געוואָרן די באַוווּסטע „כּללים וועגן ייִדן" פון 1804. בראש פון די כּללים זײַנען אַרויסגעשטעלט די פּונקטן וועגן „בילדונג" (о просвещения), וואָס זײַנען אײַנגעפאַסט אין אַזוינע ליבעראַלע און הומאַניש-קלינגענדיקע פראַזן. עס ווערט דאָרט דאָך דערקלערט, אַז „אַלע ייִדישע קינדער קאָ-נען אויפגענומען און דערצויגן ווערן אָן שום אונטערשייד פון אַנדערע קינדער אין אַלע רוסישע פאָלקסשולן, גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן". און עס ווערט אויך געוואָרנט, אַז „קיין שום ייִדיש קינד, בעת עס ווערט אויפגעצויגן אין דער שולע, טאָר ניט אויף קיין שום אופן דערוויי-טערט ווערן פון זײַן אמונה און טאָר ניט געצוווּנגען ווערן צו לערנען דאָס, וואָס קאָן זיך געפינען אין סתירה מיט דער דאָזיקער אמונה"; און אויב די ייִדן וועלן ניט גערן אָפּגעבן זייערע קינדער אין אַלגעמיינע שולן, דעמאָלט דאַרפן לויט די „כּללים" געגרינדעט ווערן ספּעציעלע שולן פאַר ייִדן, וווּ אויסער אַנדערע לימודים דאַרפן די קינדער אויך לערנען איינע פון די דרײַ שפּראַכן: רוסיש, פויליש אָדער דײַטש. אמת, נאָך די דאָ-זיקע פּונקטן וועגן בילדונג פאָלגן זייער שטרענגע געזעצן, צווישן זיי—וועגן אַרויסטרײַבן אַלע ייִדן פון די דערפער, וואָס געפינען זיך אין דעם מערב-קאַנט. די „בילדונג"-פּאַראַגראַפן זײַנען פּאַקטיש געבליבן אויפן פּאַפּיר [1]. די אַרויסטרײַבונג פון די דערפער, בפרט פון די, וואָס ליגן אין 50-וויאָרסטיקן שטח פון דער גרעניץ, איז אָבער דורכגעפירט געוואָרן מיט אומברחמנותדיקער גרויזאַמקייט; און אפילו אַזאַ לאָיאַלער היסטאָ-ריאָגראַף, ווי פירשט נ. גאַליצין, בעת ער באַרירט די לאַגע פון די ייִדן אונטער אַלעקסאַנדער דעם ערשטנס רעגירונג, מוז ער צוגעבן: מען קאָן

---

[1] באַריכות וועגן דעם זע אין ש. גינזבורגס אַרטיקל צו Казенныя евр. училища 1920, XII–XVII.

ניט לייקענען, אַז פאַר דער דאָזיקער צײַט האָבן די ייִדן פיל געליטן און עס האָבן זיך געגאָסן ייִדישע טרערן״ [1].

לעווינזאָן האָט אַליין געהאַט די געלעגנהײַט צו זען די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע, וואָס די דאָרפסייִדן האָבן איבערגעלעבט, וואָרום אין 1816 איז אַרויס דער גזר איבער וואָלינער גובערניע און מען האָט אויך דאָרט אַרויסגעטריבן די ייִדן פון די דערפער. מענטשן זעען אָבער רק דאָס, וואָס זיי ווילן זען. ווי מיר וועלן ווײַטער אָנווײַזן, באַרירט טאַקע לעווינזאָן דעם דאָזיקן פונקט אין זיין „תעודה בישראל״,—דאָס שוואַכט אָבער ניט אָפּ זיין גלויבן אין דער „ליַיטזעליקייט״ פון דער „אויפגעקלערטער״ רעגירונג און אירע הויכע באַאַמטע. ער מוז אין דעם גלויבן, וואָרום די רעגירונגס-מאַכט איז געווען זיין איינציקע האָפענונג, די איינציקע שטיצע אין דעם קאַמף פאַר אַ נייעם ייִדישן לעבנסשטייגער... ער גלויבט אַזוי אײַזן-פעסט אין דער מאַכט פון דער אידעע, פון דעם שכל הישר. איז בײַ אים דערפאַר קיין ספק ניט, אַז עס גענוגט בלויז אויפצוקלערן דער רעגירונג, איר געבן מיט לאָגישע כבֿרות צו פאַרשטיין, וואָס ס׳איז נייטיק פאַר די גייסטיקע און מאַטעריעלע באַדערפענישן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג,— וועט זי דאָך דאָס געוויס ערפילן, וואָרום זי זאָרגט דאָך פאַר „טובת הכלל״ [2].

באַלד נאָכדעם, ווי לעווינזאָן האָט פאַרענדיקט זײַן „תעודה בישראל״, האָט ער פאַרפאַסט אַ באַריכותדיקן „פּראָיעקט״ וועגן גרינדן ייִדישע שולן און סעמינאַרן, און אים אַוועקגעשיקט דעם דעמאָלדיקן טראָנפאָלגער קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש. צום „פּראָיעקט״ האָט ער בײַגעלייגט אַ היסטאָרישן איבערבליק וועגן יידישע סעקטן פון אַמאָליקע צײַטן ביז דער לעצטער צײַט. דערבײַ דאַרף אָנגעמערקט ווערן אַן אינטערעסאַנטער פּרט: לעווינזאָן האָט טאַקע פאַרפאַסט אַ ספּעציעלן לערנבוך וועגן „יסודי שפת רוסיא״, דאָך האָט ער זיך געפילט אין דער דאָזיקער שפּראַך ניט גענוג באַהאַבנט, און אַלע זײַנע פּראָיעקטן און בקשות, וואָס ער האָט דערלאַנגט דער רעגירונג, זײַנען געשריבן אין דײַטשער שפּראַך, וועלכע ער האָט באַהערשט אין אַ גאַנץ גענוגנדיקער מאָס. אין דײַטש איז אויך געשריבן דער „פּראָיעקט״, וואָס לעווינזאָן האָט געשיקט קאָנסטאַנטינען. זײַן „פּראָיעקט״ האָט אָבער ניט געבראַכט קיין שום רעאַלע פּעולה, וואָרום קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש האָט שוין דעמאָלט באַשלאָסן זיך אָפּ-

1 זע Н. Голицын, История русск. законодательства о евреях, 923

2 „ידעתי, — שרײַבט לעווינזאָן צום ווילנער משׂכּיל יצחק אייזיק בן-יעקב, — כי הממשלה רק את טובתנו ושלומנו דורשת״. אַזוינע ציטאַטן קאָן מען ברענגען גאַנץ פיל אויס לעווינזאָנס קאָרעספּאָנדענץ.

צווזאַגן פונם טראַן און זיך ניט אָפּצוגעבן מיט מלוכה־אַנגעלעגנהייטן, ניט געקוקט דערויף, וואָס זיין ערשט ווערק איז נאָך אַלץ געלעגן אין מאַנוסקריפּט, איז דער קראַנקער לעווינזאָן צוגעטראָטן צו אַ צווייטן ווערק פון אַ גרעסערן פאַרנעם, „בית יהודה", און ערשט דעמאָלט, ווען דאָס דאָזיקע ווערק איז געווען פאַרענדיקט (1828), איז ענדליך לעווינזאָנען געלונגען מיט דער הילף פון אייניקע פריינד צו פאַרעפנטליכן זיין „תעודה בישראל", אָבער ניט אין וואָלין, נאָר אין ווילנע.

„מיינע אמאָליקע יוגנט־פריינד, מיט וועלכע איך האָב מיך שוין לאַנג ניט געזען — דערקלערט לעווינזאָן אין דער פאָררעדע, — לויטער אָרנטליכע לייט, שונאי שקר ותרמית *, האָבן זיך שריפטליך געווענדעט צו מיר מיט דער ביטע, איך זאָל ווייזן דעם ריכטיקן לעבנסוועג, זיי דערקלערן, וואָסערע למודים, אויסער תלמוד און פּוסקים, זיינען נייטיק לשלמות האנושית בכלל ולשלמות הישראלי בפרט — צו פאַרפולקומען דעם יחיד הן אין אַלגעמיין מענטשליכן זין, הן ספּעציעל אַלס בן ישראל. די דאָזיקע פראַגע, וואָס מיינע ברידער האָבן מיר פאָרגעלייגט, איז פּאַקטיש פאַרבונדן מיט זייער פיל פּראָבלעמען. מען קאָן זיי אָבער אינקורצן אויסדריקן אָט אין וואָסערע פינף גרונד־שאלות: 1) צי איז אַ חוב אויף אַ בעל דת יהודית צו לערנען פולקומען לויט די כללים פון דקדוק די העברעיִשע שפּראַך? 2) צי איז דערלויבט צו לערנען אויך אַנדערע שפּראַכן? 3) צי מעג אַ ייִד זיך פאַרנעמען מיט חכמות חיצוניות? 4) אויב יאָ, וואָס פאַר אַ נוצן קאָנען זיי ברענגען? 5) צי איז אָבער כדאי דער דאָזיקער נוצן, אויב זיי, די חכמות חיצוניות, ברענגען דערביי, ווי פיל מיינען, אַ גרויסן שאָדן דעם דת און דער אמונה?"

אָן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן גיט דער „תעודה בישראל". דער „תעודה" איז געשריבן אין איין צייט מיטן „אלפי מנשה", ביידע באַרירן זיי גאַנץ אָפט איינע און די זעלביקע פראַגן. לויט זייער אַרכיטעקטאָניק, לויט דעם נוסח זייערן, געהערן זיי אָבער צו צוויי פאַרשיידענע תקופות. לויט זיין פאָרם און סיסטעמאַטיזירקייט געהערט נאָך דער „אלפי מנשה" צו דער אַלטער רבנישער שאלות ותשובות־ליטעראַטור. לעווינזאָן אָבער האָט ניט אומזיסט פאַרבראַכט יאָרן לאַנג צוזאַמען מיט אַזאַ אויסגעצייכנטן סטיליסט ווי מענדל לעפין. לעווינזאָן וואַרפט אָנטשיידן אָפּ דעם מליצה־סטיל פון די „מאספים" [1], ער שרייבט אַ קלאָרע,

* וואָס האָבן פיינט פאַלשקייט און שווינדל.

1 אין דער פאָררעדע צו זיין „אשכל הסופר" דערקלערט לעווינזאָן, אַז „אִוֶּלֶת היא וכסלות גדולה וגם רעה רבה", וואָס די השכלה־שרייבער ווילן ניט באַנוצן אין זייערע מליצות און שירים די העברעיִשע ווערטער, וואָס ס'האָבן געשאַפן די בעלי המשנה, התלמוד והמדרשים.

איינפאַכע און פלּיסיקע שפּראַך, און ווײַל אין אים האָט געשטעקט אַ ניצוץ פון אַ באַגאַבטן פּובליציסט, פילט זיך צײַטנווײַז אין זיין סטיל דער פּאַטאָס פון אַ טריבון און אַ פּרעדיגער. אין דער הינזיכט דערמאָנט ער גאַנץ אָפט ליבערמאַנען מיט זײַן „אור נוגה״ [1].

זײַן אָנפאַנג פון זײַן ווערק שיקט לעווינזאָן פאָראויס אַ לויב־ליד דער פּאַלאַס־אַטענע, דער געטין פון חכמה, און בעט, זי זאָל אים באַשיצן מיט איר באַוואָפנטער האַנט פון זײַנע אומוויסנדיקע קעגנער, בעת ער פאַרמעסט זיך איר כּאָן צו פאַרשפּרייטן איבער די געצעלטן פון ישראל. סיסטעמאַטיש, געלאַסן, באַווײַזט לעווינזאָן אין דעם ערשטן „שער״ פון זײַן ווערק [2] מיט אַ שלל ציטאַטן פון תּלמוד, מדרשים און פון דער רבנישער ליטעראַטור, ווי גרויס דער חוב איז צו קענען די העברעישע שפּראַך; און איידער מען זוכט אין דעם ביבלישן וואָרט רמזים און כלערליי דרושים, דאַרף מען קודם כּל פאַרשטיין דעם פּשט פון דעם וואָרט און זײַן גראַמאַטישן בוי. דאָ באַרירט ער די פראַגע וועגן סדר הלימוד און גיט זײַן לייענער צו פאַרשטיין, ווי מען דאַרף לערנען די ביבל־שפּראַך סיסטעמאַטיש, ניט ווי עס פירט זיך אין די טראַדיציאָנעלע חדרים. ווידער אַמאָל מיט ציטאַטן פון אָנגענומענע אַווטאָריטעטן, ווי ר׳ שעפטל הורוויץ, דער בעל „שני העמודים״, ר׳ יעקב עמדן און אַנדערע, שילדערט ער די צמאָליקע מוסטער־שולן בײַ די ספרדים. „איצט, — רופט לעווינזאָן אויס מיט פּאַטאָס, — קום, מײַן ליבער לייענער, אַראָפּ מיט מיר אין דעם פינסטערן און וויסטן טאָל, אין די געצעלטן פון טויט (חדרי מות), וואָס הייסן בײַ אונז: קינדער־שולן, חדרים״. און אין פעך־שוואַרצע פאַרבן שילדערט ער דעם סדר־הלימוד, די דרדקי־מלמדים— „כלם בורים גדולים, לא נמצא דוגמתם לרוע בכל הארץ *״ (פּרק ט״ו).

לעווינזאָן האַלט אָבער פאַר ניט גענוגנדיק בלויז צו דערווײַזן, אַז מען דאַרף קענען די העברעישע שפּראַך, בכדי גוט צו פאַרשטיין דעם טעקסט פון די ספרי הקודש. אַלס קראַכמאַלס געטרײַער תּלמיד, שטרײַכט לעווינזאָן באַזונדערס אונטער דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט, דעם ריין נאַציאָנאַלן באַטײַט פון העברעיש. מיט וואָס, — דערקלערט לעווינזאָן, — דערקענט מען דען קודם כּל יעדע אומה אָדער יעדן יחיד, אויב ניט מיט דער שפּראַך? די שפּראַך איז דאָך דער וויכטיקסטער צייכן פון יעדן

---

1 זע אונזער ווערק, ב. VII, צווייטער בוך, 295 — 299.

2 דער „תּעודה בישראל״ איז אײַנגעטיילט אין פיר „שערים״.

* אַלע זײַנען זיי עם־הארצים. עס איז שווער אין דער גאַנצער וועלט צו קריגן נאָך אַזוינע קאַליקעס ווי זיי.

פאָלק, און ניט אומזיסט, — ווײַזט לעווינזאָן אָן, — ווערט אין אונזער אַלטער ליטעראַטור די שפּראַך אַרויסגעשטעלט אַלס סימאַנים פון פאָלק. „כל הגוים והלשונות" — לייענ'ען מיר אין דער ביבל, „כל אומה ולשון" — חזרט מערערע מאָל איבער דער תלמוד. און ווי שעמט עס זיך ניט דער, וואָס טראָגט דעם נאָמען „עברי", ווי באַלד עס פעלט אים „ידיעות לשון עברית"? [1]. די העברעיִשע שפּראַך, — פירט לעווינזאָן אויס, — איז דער פאַקטאָר, וואָס גאַראַנטירט דעם „קיום האומה", זי איז דער פאַרבאַנד, וואָס פאַראייניקט דאָס איבער דער גאַנצער וועלט צעשפּרייטע פאָלק; נאָר מיט איר הילף קאָנען זיך פאַרשטענדיקן די ייִדישע אײַנוווינער פון די פאַרשיידנסטע מדינות און לענדער [2].

אינם צווייטן „שער" באַהאַנדלט לעווינזאָן די פראַגע, צי מעג מען אויך לערנען פרעמדע שפּראַכן? לעווינזאָן קען גוט זײַן אוידיטאָריע; ער ווייסט, אַז דאָרט זעט מען אין אַזאַ פראַגע לויטער אפיקורסות. עס איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז מיט יעדן וואָרט, וואָס אַ בן ישראל נעמט איבער בײַ די אומות העולם, פאַרגעסט ער דורך דעם אַ וואָרט פון דער הייליקער תורה. טרעט דערפאַר לעווינזאָן צו צו דער דאָזיקער פראַגע מיט אַ באַזונדערער פאָרזיכטיקייט. קודם כל באַטראַכט ער די פראַגע „על פי דרך השכל". ניט אומזיסט, — זאָגט לעווינזאָן, — ווערט דער ביבלזאַץ, אַז דער מענטש איז געוואָרן אַ „נפש חיה", איבערגעגעבן אין תרגום אונקלוס מיט די ווערטער „רוח ממללא" — דער ריידנדיקער גייסט. דער טײַערסטער אוצר, מיט וואָס דער מענטש איז באַשאָנקען, דאָס איז דאָס לעבעדיקע וואָרט, וואָס מיט זײַן הילף באַשאַפט דער מענטש זײַן וועלט־באַנעם, זײַן באַוווסטזײַן און קולטור. וואָס מער פאַרפולקומט ס'איז דאָס דאָזיקע געווער, אַלץ מער שלימות דערגרייכט דורך דעם דער מענטש. דערפאַר דאַרף יעדער קולטור־מענטש פולקומען באַהערשן מינדסטנס איין שפּראַך. מיר אָבער, רוסיש־פּױלישע ייִדן, ווײַזט לעווינזאָן אָן, זײַנען אָן אַ לשון. אונזער העברעיִשע שפּראַך האָט שוין זינט לאַנגע דורות אויפגעהערט צו זײַן אַ לעבעדיקע שפּראַך, איר גאַנצער וואָרט־אוצר איז אויפגעהיט אין דער ביבל, און דער דאָזיקער אוצר איז אַ זייער באַגרעניצטער. די שפּראַך אָבער, אויף וועלכער דער ייִדישער קיבוץ אין אונזערע מדינות רעדט, דאָס אַזוי גערופענע „ייִדיש דײַטש", איז בײַ לעווינזאָנען, ווי בײַם רוב משכילים פון זײַן דור, בכלל ניט קיין שפּראַך, נאָר אַ געמיש פון פאַרדאָרבענע און פאַרגרײַזטע דײַטשע, העברעיִשע, פּױלישע, רוסישע, פראַנצויזישע אאַז"וו ווערטער,

---

1 תעודה בישראל, שער ראשון, פרק ו'.

2 דאָרטן, פרק י"א.

אויף וועלכע מען איז אימשטאנד בלויז אויסצודריקן אָרדינערע באַגריפן פונם מארק און פונם וואָכעדיקן לעבן, אָבער ניט קיין אידעלע, דער־הייבענע געדאַנקען [1]. און ווי די שפראך, אַזוי איז אויך דער מענטש [2]. מיר זײַנען דאָך, טענהט לעווינזאָן, אַפילו ניט אימשטאַנד צו באַגרײַפן די שיינקייטן פון דער ביבל, ווײַל עס איז זיי דאָך אוממעגליך איבער־צוגעבן אין דעם פארקריפּלטן זשאַרגאָן, אויף וועלכן מיר ריידן.

מיט אַ גאַנצן אַרסענאַל פון ראיות און ציטאַטן אוים דעם תלמוד און פון די שפּעטערדיקע אָנגענומענע אויטאָריטעטן באַווײַזט לעווינזאָן, אַז זינט די העברעיִשע שפראך האָט אויפגעהערט צו זײַן אַ לעבעדיקע שפּראַך האָבן אונזערע חכמים און מיט זיי אויך דאָס פאָלק זיך באַנוצט מיט דעם לשון, וואָס איז געווען אָנגענומען אין די מדינות, וווּ זיי האָבן געוווינט. אויף די דאָזיקע שפּראַכן האָבן זיי פאַרפאַסט מוסר־ און חקירה־ספרים, שאלות ותשובות געשריבן און תפילות געדיכטעט. און ווידער זיך שטיצנדיק אויף די אָנגענומענע אויטאָריטעטן, באַווײַזט לע־ווינזאָן, אַז אַפילו דאַווענען מעג מען אויף יעדער שפּראַך [3], וואָרום אין דער שפּראַך אַליין קאָן קיין שום איסור ניט זײַן. „אין קדושה ואין טָמאה בכתב ולשון", טענהט לעווינזאָן, ניט אין די ווערטער און ניט אין דעם געשריפטס ליגט די קדושה, נאָר אין דעם אינהאַלט. די העב־רעיִשע שפּראַך איז פאַר זיך אַליין כּלל ניט קיין הייליקע; „לשון קודש" איז זי געוואָרן נאָר דערפאַר, וואָס אויף איר זײַנען הייליקע געטליכע זאַכן געשריבן. יעדער ספר, ער מעג זײַן געשריבן אין וואָסער שפּראַך ס'איז, רוסיש, פּויליש, פראַנצויזיש אאַז״וו, ווי באַלד עס אַנטהאַלט דברי תּורה און מוסר והנהגות יִשָׁרות — איז דאָס אַ „ספר כּשר וטהור", און מען דאַרף זיך פאַרהאַלטן צו אים מיטן גרעסטן כּבוד; ביכער אָבער, וואָס זײַנען אַפילו געשריבן אויף לשון קודש, נאָר זײַנען פול מיט נאַ־רישקייטן און ווילדע פאַנטאַזיעס, ווי, אַשטייגער, דעם מהרנ״ס „סיפּורי מעשיות" און דער „שבחי הבעש״ט", וואָס ס'האָט פאַרפאַסט דער „ליגנער און בזיון־שֶקר פון ל—ץ", זיי איז געוויס אסור צו לייענען, זיי זײַנען

---

1 „תעודה בישראל", שער ב', פרק ג'.

2 ווײַל די שפּראַך־פאָרשונג איז נאָך דעמאָלט ניט געשטאַנען אויף אַ גענוגנדיק וויסנשאַפטליכער הייך, קומט בײַ לעווינזאָנען אויס (ער פאַרגעסט זיך דערבײַ אויף פיכטע), אַז אַן אַנטוויקלטע שפּראַך ווירקט אויף דעם קולטורעלן וווּקס פונם קיבוץ, ניט פאַרקערט: מיטן קולטורעלן וווּקס וואַקסט אייך די אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך.

3 אָבער ווי אלעזר ליבערמאַן האַלט אויך לעווינזאָן פאַר נייטיק אונטערצו־שטרײַכן, אַז מתפלל זײַן דאַרף מען „בלשון זכה וצלולה", ד״ה ניט אויף זשאַרגאָן (דאָרטן, פרק, ז').

ערגער פון די שארפסטע אפיקורסישע ביכער, און די, וואס דרוקן אזוינע ספרים, זיינען עתיד ליתן את הדין [1].

צו וואס, —רעזומירט לעווינזאן, — דארפט איר דאס פארקריפלטע יידיש-דייטש? רעדט אדער ריין דייטש אדער אויף דער לאנדשפראך, אויף דער ריינער, שיינער און רייכער רוסישער שפראך!

דאס באהערשן די לאנדשפראך, — ווייזט לעווינזאן ווייטער אן, — וועט אויך ברענגען א גרויסן מאטעריעלן נוצן אין האנדל און ביים פארקער מיט די באאמטע. אויך וועלן מיר דורך דעם דערהייבן ווערן אין די אויגן פון די אנדערע אומות און זיי וועלן זיך שוין ניט פארהאלטן צו אונז מיט ביטול. נאך דער שפראך-פראגע גייט לעווינזאן איבער צו די וויכטיקע צוויי פראגן: צי מעגן זיך יידן פארנעמען מיט חכמות חיצוניות, און ווי באלד יא, וואס פאר א נוצן קאנען די דאזיקע חכמות ברענגען?

ווידער אמאל מיט פיל ציטאטן אויס דעם תלמוד און דער מיטל-אלטערליכער ליטעראטור באווייזט לעווינזאן, אז די חכמות חיצוניות, ווי נאטורוויסנשאפטן, מעדיצין, מאטעמאטיק וכדומה זיינען ניט בלויז דערלויבט, נאר אומבאדינגט נייטיק און נוצליך, און קעגן דעם קאנען זיין דערווידער בלויז ווילדע טפשים, וואס גאט האט ביי זיי אפגענומען דעם שכל [2]. און ליתר תוקף * ברענגט לעווינזאן אין כראנאלאגישן סדר פון די קדמונישע ציטן ביז דעם דור פון דעם ווילנער גאון א לאנגן רייסטער פון יידישע גדולי הדור, וואס זיינען געווען באוואפנט מיט דעם אלזייטיקן וויסן פון זייער צייט און געווען בקי אין אלע חכמות. ער האלט אבער פאר נייטיק דערביי אנצווייזן, אז די וויסנשאפטליכע ידיעות פון אונזערע תלמידי חכמים אויס אמאליקע דורות זיינען זעלבסט-פארשטענדליך פון היינטיקן שטאנדפונקט זייער באגרעניצט און ניט גענוגנדיק. ווארום אלע חכמות אנטוויקלען זיך דאך מיט יעדן דור אלץ

---

1 תעודה בישרא"ל, פרק ח'. זיין שארפע שנאה צו דער חסידישער באוועגונג זאגט לעווינזאן ארויס אויך אין אנדערע שטעלן פון זיין ווערק. זע באזונדערס שער רביעי, פרק א', וו לעווינזאן שפאט-אפ פון די רביים אין דעם זעלביקן נוסח, ווי ער טוט עס אין זיינע אויבן-דערמאנטע סאטירעס.

2 זע, קורא חביב, — פירט לעווינזאן אויס, — כל חכמה וכל מדע שבעולם גדולה או קטנה הכרחית מאוד ונצרכת אל האדם, ע"כ ישתדל אחריהם ללמוד ולדעת אותם, כי אין לך חכמה ודעת שלא תגיע ממנה תועלת לנו... ולא יערערו עליהם כי אם הכסילים אשר הֵשם אלוה בינה והפתאים המזוהמים (דארטן, שער שלישי, פרק ט"ז).

* נאך מער צו פארשטארקן.

מער און מער; דערפאר מוז מען ביי הײנטיקע צייטן שעפן וויסן פון מאדערנע אייראפעישע קוועלן [1], ווי דאס האבן אויך בשעתם געטאן אונזערע גרויסע חכמים.

ווי דער בעל „ספר הברית״ און מנשה איליער, פארשטייט אבער לעווינזאן זייער גוט, אז וויסן און בילדונג אליין קאן דעם ייִדישן קיבוץ קיין ישועה ניט ברענגען. עס מוזן אויך ראדיקאל געענדערט ווערן די אומנארמאלע סאציאלע יסודות פון דעם ייִדישן לעבן. דא טרעט לעווינזאן ווידער זייער שארף ארויס קעגן די חסידים און זייערע גייסטיקע פירער, אבער ניט בלויז דערפאר, וואס יענע זיינען קעגן יעדן וויסן, פארפירן דאס פשוטע פאלק. עס זאל זיך, ניט היילן ביי דאקטוירים, נאר ביי די בעלי שמות והקמיעות, וואס „באשווינדלען די מענטשן מיט זייערע ליגנס״ (המתעים את האנשים בכוביהם), — נאר דער עיקר דערפאר, וואס זיי פאראליזירן דעם ווילן פונם פאלק, אנטוויקלען אין זייערע אנהענגער דעם פאנטאסטישן און קרענקליכן בטחון, טײַטן אין זיי דעם חשק צו נוצליכער ארבעט און לערנען זיי זיך צו פארלאזן אויף די בעלים, באשר יענע וועלן פאר א גוטן פדיון אויף זיי משפיע זיין כל טוב אן מי און פראצע [2].

דערוואכט, מיינע ברידער, — רופט לעווינזאן אויס, — דערוואכט פון אייער פאנטאסטישן דרימל! גענוג צו זיצן מיט פארלייגטע הענט און פארלאזן זיך אויף ניסים! גענוג צו זיין לופטמענטשן, לעבן פון שאכער, פון שיינקען און קליין־האנדל! מען דארף זיך נעמען צו פראדוקטיווער, נוצליכער ארבעט, צו מלאכות און ערדארבעט. מען דארף גרינדן ספּעציעלע געווערבע־שולן, בכדי גוט צו לערנען די מלאכה.

ווידער שטיצט זיך לעווינזאן אויף דעם אויטאריטעט פון די חכמי התלמוד, וואס האבן געלערנט, אז ווער עס לערנט ניט זיין זון באצייטנס א נוצליכע מלאכה — „כאילו מלמדו לסטות״ *. ער ברענגט דערביי א גאנץ לאנגן רייסטער פון בארימטע תנאים און אמוראים, וואס האבן זיך פארנומען מיט פשוטע מלאכות און דערפון זיך מפרנס געווען. עס זיינען געווען צווישן זיי שוסטער, שמידן, האלץ־העקער, טרעגער,

---

1 תעודה בישראל, פרק י״ד: וכן היו כל החכמות והמדעים לעמת זמננו חסרים בימים ההם, ודע שבכל מקום שהזכרנו בספרנו זה שקדמונינו היו מופלגים בחכמות, כונתנו עד מקום שיד החכמות היתה מגעת בימים ההם. ואע״פ שאין להסתפק בזה, הזכרנוהו בכל מקום לטעם ידוע, והמשכיל יבין.

2 דארטן, פרק נ״ו.

* גלייך ווי ער לערנט דעם זון ווערן א רויבער.

גארבער אאז״וו 1. „און מיר אונטערשטייען זיך נאך צו קוקן מיט ביטול אויף בעלי־מלאכות!“ שטיצנדיק זיך אויף דער ביבל און אויף דעם היסטאריקער יוסף פלאוויוס, דערווייזט לעווינזאן, אז די יידן זיינען אין אמאליקע צייטן געווען ניט קיין מסחר־פאלק, נאר א פאלק פון „עובדי אדמה“. אמת, לעווינזאן מישט דערביי נאיוו צוזאמען צוויי פארשיידענע קאטעגאריעס: ערד־ארבעטער און ערד־באזיצער, און מיט ציטאטן אויס דער ביבל, איליאדע און פארשיידענע לאטייניש קוועלן פלייסט ער זיך צו באווייזן, אז אין אמאליקע צייטן זיינען אפילו מלכים און שרים געווען „עובדי אדמה און רועי צאן“ (ערד־ארבעטער און שאף־פיטערער) 2.

נאך א לאנגער היסטארישער עקסקורסיע קומט לעווינזאן צום אויספיר, אז: 1) אין די קדמונישע צייטן זיינען יידן געווען אויסשליסליך א פאלק פון ערדארבעטער; 2) אז דער יידישער דת איז ניט בלויז ניט קיין קעגנער פון ערדארבעט, נאר האלט טאקע די דאזיקע באשעפטיקונג פאר די געוואונטשנסטע און באוויליקסטע; 3) די יידן זיינען אויך איצט מסוגל צו ערדארבעט גלייך מיט אלע אנדערע אומות; 4) אין קדמונישע צייטן, ווען די יידן האבן געוווינט אויף אייגענער ערד, זיינען זיי געווען אינגאנצן פרעמד פון מסחר. ערשט אין שפעטערדיקע דורות, ווען זיי זיינען צעשפרייט געווארן צווישן פארשיידענע פעלקער, בפרט אין די פינסטערע צייטן פון מיטלאלטער, ווען מען האט די יידן אזוי גערודפט און באגרעניצט אין מענטשן־רעכט, זיינען זיי געצוווּנגען געווען זיך צו באשעפטיקן אויסשליסליך מיט מסחר און געלט־געשעפטן און געווארן א ספעציפיש האנדלס־פאלק.

„אבער איצט,—רופט לעווינזאן אויס מיט פאטאס,—האבן די שטראלן פון דער אויפקלערונג פארטריבן די פינסטערע שאטנס פון דעם מיטל־אלטער. די הומאנע אידעען זיינען אריינגעדרונגען אין אלע שיכטן פונם פאלק; אפגעשוואכט איז געווארן די מאכט פון קנאת הדת; עס זיינען איצט אויפגעשטאנען מלכי חסד ורחמים; אלע פעלקער אין איידאפע פרעדיגן איצט ליבע צו אלע מענטשן בכלל, אן נאציאנאלע און רע־ליגיעזע אונטערשיידן; אין אייניקע אייראפעישע לענדער האבן יידן שוין באקומען פרייע רעכט, בפרט אין אונזער מדינה, אין דעם רוסישן קיניג־רייך, וואס זינט עס איז געווארן א זעלבשטענדיק פאלק, האט זי יידן קיינמאל קיין שלעכטס ניט געטאן. מיר האבן ניט געהערט און ניט געזען אין קיין שום כראניק און היסטארישן ספר, מען זאל האבן

---

1 תעודה בישראל, פרק נ״ד.

2 דארטן, פרק נ״ז, נ״ח

אין דער דאָזיקער מלוכה יידן ווען גערודפט. רויק זיינען אונזערע עלטערן געזעסן צוזאמען מיט די איינוווינער פון דעם לאַנד, און, ווען אפילו די רוסן האָבן דערנאָך געפירט מלחמות מיט פוילן און זיינען אריינגעדרונגען אין די פוילישע מדינות, זיינען מיר רויק געזעסן און אָן שטערונג געבליבן אויף אונזערע ערטער, בפרט זינט מיר זיינען איבער־געגאַנגען אונטער דער רוסישער מאכט, — אָך טוב וחסד נשבעה, גענוסן מיר לויטער גענאָד און גוטסקייט״.

האָבנדיק אין זין די „כללים פון 1804״, דערקלערט לעווינזאָן: „די רוסישע מלוכה וויל רק אונזער גליק און וווילשטאַנד און זי וועגדט אָן איר גאַנצע קראַפט אונזער מצב צו דערהייבן, — זי גיט אונז פיל ביר־גער־רעכט גלייך מיט די איינגעזעסענע בירגער פונם לאַנד (אזרחי הארץ). פראַנק און פריי קאָנען מיר גאָט דינען לויט די באַפעלן פון אונזער דת. א ייד האָט דאָס רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט וואָסער מלאכה ער וויל, אים איז דערלויבט צו לערנען אין אַלע מיטל־ און הויכשולן גלייך מיט די קינדער פון אדל און באַאַמטע, יידן האָבן אויך דאָס רעכט צו בויען אייגענע שולן און געווערבע־אַנשטאַלטן, צו גרינדן פאַבריקן, פלאַנצן וויינגערטנער, קויפן פעלדער, זיי באַאַרבעטן און גענוסן פון זייערע פרוכטן״ [1].

מיר האָבן מיט א כיוון געבראַכט די דאָזיקע לאַנגע ציטאַטע, ווייל זי איז כאַראַקטעריסטיש אין פיל אופנים. זיצנדיק פאַרשפאַרט אין דעם קליינעם שטיבעלע אין עק קרעמעניץ, לעבט דער יידישער השכלה־קעמפער מיט די הומאַנע אידעען פון די „אויפקלערער״ אוים דעם 18טן יר״ה און האָט, ווי עס שיינט, קיין שום באַגריף ניט, אַז אין איירּאָפּע האָט זיך אָקאָרשט אָנגעפאַנגען די תקופה פון דער רעסטאַווראַציע מיט דעם בלייענעם רעזשים פון מעטערניך און דעם רוסישן צאַר. לעווינזאָן איז געווען גוט באַקאַנט אין די „כראָניקעס און היסטאָרישע ביכער״ און ער האָט זייער גוט געוווּסט, ווי אוממענטשליך איוואַן דער גרויזאַמער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די פּאָלאָצקער יידן, בעת ער האָט די דאָזיקע שטאָט באַצוואונגען; ער האָט אויך זייער גוט געוווּסט, אַז די יידן האָבן שוין דערפאַר ניט געקאָנט „רויק״ זיצן אין די רוסישע מדינות, ווייל זיי האָבן דאָרט קיין דריסת הרגל ניט געהאַט. ניט אומבאַקאַנט איז אים אויך געווען דער גערויסער פּסק פון דער גאָטספאָרכטיקער קיסרין עליזאַבעטע פּעטראָוונאַ, אַז פון קריסטוסעס פיינד, ווייל זי ניט גענוסן קיין שום „קאָריסטנאַי פּריבילי״. דאָס מאַכט זיך, ווי עס שיינט,

---

1 תעודה בישראל, פרק ס״ה.

לעווינזאָן מיט אַ פיוון ניט וויסנדיק, און אויף אַזאַ אומדירעקטן, אמת, גאַנץ נאַיִוון אופן, געבן דער רוסישער רעגירונג אָנצוהערן, אַז מען דאַרף זיך פאַרהאַלטן צו די יידן טאָלעראַנט און זיי געבן בירגער־רעכט. לעווינזאָן האָט אויך געוווּסט, אַז די „ליבעראַלע" כּללים פון 1804 זיינען פּאַקטיש געבליבן אויף פּאַפּיר 1. ער האָט אָבער, ווי זיינע פאָרגענגער די בערלינער משׂכּילים, פעסט געגלויבט אין דער גענאַדזעליקייט פונם „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם", און ער איז דערפאַר געווען איבערצייגט, אַז ניט די רעגירונג איז אין דעם שולדיק, נאָר דאָס אָבגעשטאַנענקייט און דער פאַנאַטיזם פון זיינע ברידער. לעווינזאָן ווייס אויך זייער גוט, אַז צווישן די „כּללים פון 1804" געפינען זיך אויך זייער שטרענגע פונקטן, און דווקא זיי זיינען כּלל ניט געבליבן אויף פּאַפּיר. און טאַקע אויף איינעם פון די וויכטיקסטע, אויף דעם באַפעל אַרויסצוטרייבן אַלע יידן פון די דערפער, וואָס געפינען זיך אויפן שטח פון 50 וויאָרסט ביי דער גרעניץ, האַלט לעווינזאָן פאַר נייטיק זיך אָפּצושטעלן אין זיין „תּעודה בישׂראל".

פאַרוואָס, — פרעגט לעווינזאָן, — איז אַרויס דער באַפעל, מען זאָל פון די פופציק וויאָרסט ביי דער גרעניץ אַרויסטרייבן דווקא נאָר יידן? ניט אויס שׂנאת הדת און ניט אויס שלעכטסקייט איז דאָס געטאָן געוואָרן, נאָר דערפאַר, וואָס ביי אונז, יידן, זיינען דאָ אַזוי פיל לופט־מענטשן, קליינ־הענדלער, שאַכערער און פאַקטוירים. זייערע פאַרדינסטן זיינען צו קליין, זיי זאָלן קאָנען מפרנס זיין זייערע פאַמיליעס בכּשרות, טוען זיי אָפט שווינדלען, האַנדלען אויך מיט קאָנטראַבאַנד, וואָס דאָס איז אַזוי שטרענג פאַרבאָטן לויטן געזעץ פון דער מלוכה. אמת, ניט יידן גופא זיינען אין דעם שולדיק, וואָס אַזאַ גרויסער פּראָצענט צווישן זיי פאַר־נעמט זיך מיט קליינהאַנדל, נאָר די שווערע צושטאַנדן, אין וועלכע מיר האָבן זיך געפונען אין די פריערדיקע פינסטערע דורות. אָבער איצט זיינען שוין די פינסטערע ציַיטן פאַריבער; אַדאַנק די חסדים פון אונ־זערע מלכים ושׂרים קאָנען מיר זיך פאַרנעמען מיט וואָסערע מלאכה אָדער אונטערנעמונג מיר ווילן, מיר קאָנען זיך אויך אָפּגעבן מיט דער ערבעט, וואָס איז געווען אַזוי באַליבט ביי אונזער פאָלק אין די קדמונישע

---

1 אַן אויסנאַם איז בלויז איינער פון לעווינזאָנס אָנגעוויזענע פונקטן: אַז יידן האָבן דאָס רעכט צו גרינדן פאַבריקן, כּדי ניט צו זיין אָפּהענגיק פון אויס־לענדישע פאַבריקאַנטן, איז די רוסישע רעגירונג געווען באַזונדערס פאַראינטערעסירט צו פאַרגרעסערן די צאָל געוואַנט־פאַבריקן. צווישן די רוסישע געוואַנט־פאַבריקאַנ־ן איז, ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אין די 20ער יאָרן פונם 19טן יר"ה געווע־ן אַ געוויסע צאָל יידישע.

ציַיטן—מיט ערדאַרבעט. שטייט־זשע אויף, ליבע ברידער!—רופט לעווינזאָן אויס, — פאַרביַי זיַינען די פינסטערע ציַיטן! עס פאַנגט זיך אָן אַ ניַיע ליכטיקע תקופה... וואַרפט אַוועק דעם שאַכער און קליינהאַנדל, לערנט מלאכות, באַריַיכערט זיך מיט וויסן, פאַרנעמט זיך מיט ערדאַרבעט, ווי אייערע אבות האָבן אין די קדמונישע ציַיטן געטאָן, וואָרום נאָר זי, די ערדאַרבעט, גיט אמת גליק און פרייד דעם מענטשן. דערמיט וועט איר נושא חן זיַין ביַי דער באַפעלקערונג, צווישן וועלכער איר וווינט, און ביַי אונזער האַר, דעם קיסר, וואָס באַצוועקט איַיער גליק און וווילשטאַנד (החפץ מאד באשרכם ובהצלחתכם) 1.

לעווינזאָן האָט זייער גוט געוווּסט, וואָס פאַר אַ גרימצאָרן זיַין ווערק וועט אַרויסרופן אין די חסידישע קרייזן. בכדי צו גאַראַנטירן אי זיך אי זיַין ווערק פאַר רדיפות פון דעם אויפגעבראַכטן צד שכנגדו, האָט לעווינזאָן געוואָלט אָננעמען דאָס זעלביקע מיטל, מיט וועלכן עס האָט זיך שוין בשעתו באַנוצט מענדעלסזאָן ביַים דרוקן זיין תורה־איבער־זעצונג מיטן ביאור. בעת מענדעלסזאָן האָט זיך דערוווּסט, אַז דער האַמ־בורגער רב רפאל כהן האָט בדעה אַרויסצוטרעטן קעגן זיין אויסגאַבע מיטן געווער פון „חרם“, האָט ער דורך זיינע האַמבורגער פריַינד באַוויזן צו פועלן ביַים דענעמאַרקער מלך (אונטער וועמענס מאַכט האַמבורג האָט זיך דעמאָלט געפונען), ער זאָל זיך אונטערצייכענען אַלס „פּרענומעראַט“ אויף מענדעלסזאָנס איבערזעצונג. אַפּשיטאַ, אַז דער רב האָט שוין ניט געוואַגט אַריַינצוּוואַרפן אין חרם אַן אויסגאַבע, וועלכע דער מלך גופא האָט באַוויליקט מיט זיַין אונטערשריפט 2. אויך לעווינזאָן, ווען ס'איז אים ענדליך געלונגען צו שליסן מיט דעם אייגנטימער פון דער ווילנער דרוקעריי אַן אָפּמאַך וועגן דרוקן זיַין „תעודה בישראל“, האָט ער אין דעקאַבר 1827 אַוועקגעשיקט אַן אָפּשריפט פון זיַין ווערק דעם בילדונגס־מיניסטער אַ. ס. שישקאָוו און דערביַי צוגעגעבן אַ לאַנגן דערקלערונגס־בריוו, ווו ער גיט איבער דעם אינהאַלט און די הויפּט־טעזיסן פונם ווערק 3. צום סוף בריוו בעט ער וועגן צוויי זאַכן: 1) יענער זאָל אים דערלויבן צו „באַשיינען זיין ווערק מיט דעם מיניסטערס נאָמען“, 2) באַשטימען אים, דעם קראַנקן מחבר, אַ געוויסע געלט־שטיצע, בכדי ער זאָל זיין אינשטאַנד צו שרייבן זיינע וויטערדיקע ווערק מיטן צוועק „אויסצובעסערן דעם מאָראַלישן צושטאַנד פון דער ייִדישער באַפעלקערונג“. שישקאָוו האָט דעם מאַנוסקריפּט איבערגעגעבן דעם משומד זאַנדבערג, וואָס האָט ביַים

1 תעודה בישראל, פרקי נ״ו, ס״ה—ס״ז.

2 זע אונזער חערק, ב' VII, ערשטער בוך, 59.

3 דעם בריוו האָט פאַרעפנטליכט י. העססען, אין „פּערעזשיטאָיע“, I.

קאַמיטעט וועגן ייִדישע ענינים ערפילט די אויפגאַבן פון אַן עקספּערט און זאַכפאַרשטענדיקן. זאַנדבערג האָט אין זיין שריפטליכער דערקלערונג אָנערקענט לעווינזאָנס ווערק פאַר זייער נוצליך, האָט אָבער דערביי אַרויסגעזאָגט דעם ווונטש, אַז עס דאַרפן אויסגעמעקט ווערן אַלע שטעלן, ווו עס ווערן געמאַכט אָנפאַלן אויף דער חסידישער באַוועגונג, אויך וואָלט געווען געווונטשן, אַז לעווינזאָנס ווערק זאָל זיין באַשטעטיקט מיט הסכּמות פון רוסיש־פּוילישע רבנים. זאַנדבערג האָט אויך געפונען, אַז עס איז ניט צוועקמעסיק, דאָס ווערק זאָל זיין געווידמעט אַ קריסטליכן באַאַמטן, ווײַל דאָס וועט אָפּשרעקן די ייִדישע לייענער.

אַ גאַנץ יאָר האָט זיך געצויגן דער משׂא ומתּן, שישקאָוו האָט דערווײַל פאַרלאָזט דעם מיניסטער־פּאָסטן, ביז ענדליך ניקאָלאַי דער ערשטער האָט מיט זיין אונטערשריפט באַשטעטיקט די פון דעם קאָמי־טעט פאַר ייִדישע ענינים אָנגענומענע החלטה, מען זאָל באַשענקען לעווינזאָנען פאַר זײַן העברעיִש ווערק, וואָס באַצוועקט „די מאָראַלישע באַנײַונג פונם ייִדישן פאָלק", מיט טויזנט רובל. צו דער זעלביקער צײַט איז דער „תּעודה בּישׂראל" פון דרוק דערשינען, און אַלס „שוץ־גראַמאָטע" האָט לעווינזאָן דאָרט פאַרעפנטליכט זיין אונטערטעניקסטן דאַנק פאַר דעם קיסרס מתּנה.

און דער שוץ־בריוו האָט געווירקט. דער „תּעודה" האָט טאַקע אַרויסגערופן אין די חסידישע קרײַזן אַ גוואַלטיקן שטורעם, דעם קיסרס „באַלוינונג" האָט אָבער געמאַכט דאָס אַפּיקורסישע ווערק און זיין מחבּר אומבאַרירבאַר. דורות לאַנג האָט אָבער געגליט אין די חסידישע הערצער דער טיפער צאָרן און האַס צום קרעמעניצער אַפּיקורס, און דער שרײַבער פון די דאָזיקע צײַלן געדענקט נאָך פון די קינדער־יאָרן, מיט וואָס פאַר אַ פאַרביסענעם כּעס אַלטע חסידים פלעגן דערמאָנען דעם „תּעודקע, ימח שמו וזכרו".

פיל מילדער האָבן זיך פאַרהאַלטן צו לעווינזאָנס ווערק די מתנגדישע קרײַזן. מען דערציילט אפילו, אַז דער ווילנער רב ר' אַבעלע זאָל האָבן דערקלערט פאַר זײַנע מקורבים: דער איינציקער חסרון פון לעווינזאָנס „תּעודה" באַשטייט אין דעם, וואָס ניט דער ווילנער גאון האָט אים פאַרפאַסט. דעם היינטיקן לייענער איז אָבער שווער זיך פאָר־צושטעלן, וואָס פאַר אַ גוואַלטיקן רושם לעווינזאָנס „תּעודה" האָט געמאַכט אויף דעם בעסערן, וויסנסדורשטיקן טייל פון דער יוגנט. פאַר איר איז דאָס דאָזיקע ווערק געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג, אַ גײַסטיקע באַפרײַונג. הונדערטער ישיבה־בחורים, וואָס האָבן אומבאַוווּסט געטאַפּט אין דער פינסטער, געבלאָנדזשעט אויף די וועגן פון לעבן, און מאַכטלאָז

געחלומט וועגן דעם נײַעם וואָרט, וואָס זאָל זיי עפענען די אויגן און זיי ווײַזן דעם ריכטיקן וועג, האָבן אין דעם „תעודה" דערזעען דעם דער־לייזער און געטרײַען וועגווייזער, דעם לעבעדיקן קוואַל, וואָס דערפרישט זייערע שמאַכטנדיקע ליפּן. אויף די בוידעמער, אין די פאַרבאָרגנסטע ערטער, אין דער טיפער נאַכט אין די טונקעלע ווינקלען פונם בית־מדרש,ביים לעצטן צאַנקען פונם חלבנעם ליכטל, האָבן קלויזניקעס און ישיבה־בחורים בסוד־סודות מיט שלאָגנדיקע הערצער גיריק געשלונגען די בלעטער פון „תעודה" און מיט פאַרכאַפּטן אָטעם פאַרנומען דעם אויפרוף פון דעם קראַנקן קרעמעניצער משכּיל, וואָס האָט גערופן צו וויסן, צו פּראָדוקטיווער אַרבעט און צו ברייטע ווייטן...

„בלויז אײַער בוך, — האָט אין 1834 לעווינזאָנען געשריבן דער יונגער מתתיהו שטראַשון, — האָט מיר געעפנט די אויגן, און איך בין אַן אַנדער מענטש געוואָרן. איך האָב דאָס בוך געלייענט צוויי מאָל און דרײַ מאָל, און אַלץ ניט געקאָנט זיך אָנזעטן. אַ וווּנדערבאַר ליכט האָט מיט אַמאָל פאַרטריבן פאַר מײַנע אויגן די שאָטנס פון פינסטערניש; אַ הייליק פײַער האָבן אין מײַן האַרצן אײַערע ווערטער אָנגעצונדן און דאָס פײַער ווערט שוין מער ניט פאַרלאָשן" [1].

„אין מײַן פריִער יוגנט, — שרײַבט אין 1841 לעווינזאָנען דער געלערנטער שניאור זק״ש, — בעת איך בין געווען ליידיק פון וויכן און האָב געטאַפּט אין דער שטאָק־פינסטערער נאַכט, האָט פאַר מיר פּלוצלינג ווי אַ ליכטיגל דײַן „תעודה" אויפגעשײַנט. ער האָט אין מיר דערוועקט דעם דורשט נאָך ליכט און וויסן, ער האָט פאַר מיר אַנט־פּלעקט דעם וועג, איבער וועלכן איך וועל וואַנדערן מײַן לעבן לאַנג" [2].

מיט דער זעלביקער התפעלות רעדט אויך דער היסטאָריקער ש. י. פין וועגן דעם רושם, וואָס עס האָט אויף אים בשעתו געמאַכט לעווינזאָנס ווערק. „יעדער בלעטל פון „תעודה", — דערציילט ער, — איז פאַר מיר געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג".

ניט מיט קיין קלענערן ענטוזיאַם האָבן באַגעגנט דעם „תעודה" די גאַליציאַנער משכּילים. היים באַגריסט האָט לעווינזאָנען דער בעל „קנאת האמת" יהודה ליב מיזעס. „מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן, — שרײַבט לעווינזאָנען שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט אין 1826, — האָב איך דײַן ווערק געלייענט. אָט אויף אַזאַ תּוך האָב איך שוין פון לאַנג געוואַרט און געהאָפט, אַז עס וועט קומען דער וויכנסמאַן, וואָס וועט דערמיט באַ־

---

1 ספר הזכרונות, 49.

2 באר יצחק, 67.

שענקען אונזער פֿאָלק. דײַן ווערק באַזיצט די צוויי מעלות, וואָס דאַרפֿן באַשײַנען יעדער וויכטיק ליטעראַריש ווערק: נוצליכער אינהאַלט און פֿיינער שיינער סטיל" 1.

דער „תעודה בישראל" האָט אויפֿגעמונטערט די איבער די פּראָווינצן צעוואָרפֿענע קליינינקע אײַנגעשראָקענע גרופּקעלעך משׂכּילים; ער איז געוואָרן די פֿאָן, דער סיגנאַל־רוף, וואָס האָט גערופֿן צו פֿאַראייניקונג, צו אָרגאַניזירטער טעטיקייט.

„אַן אַ שיעור ייִדישע יונגע לייט, — שרײַבט גאָטלאָבער אין זײַנע זכרונות, — האָבן דעמאָלט (נאָך דעם דערשײַנען פֿון „תעודה בישראל") געעפֿנט די אויגן און האָבן זיך גענומען לערנען לשון קודש און די לאַנד־שפּראַך 2. זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט שטאַרקן מוט און האָבן זיך ניט דערשראָקן פֿאַר די פֿאַנאַטיקער, וואָס זײַנען זיי געשטאַנען אין וועג. אין יעדער שטאָט האָבן זיי געגרינדעט אגודות, און די איינצלנע

---

1 ספר הזכרונות, 17. ס'איז דערבײַ כּדאַי אָנצוווײַזן אויף פֿאָלגנדיקן פּרט: ווי ס'איז צו זען אויס דער דאַטע פֿונם בריוו (1826), האָט ראַפּאָפּאָרט זיך באַקענט מיטן „תעודה בישראל" נאָך אין מאַנוסקריפּט. אויס יעקבקע לאַנדאַס בריוו צו לעווינזאָנען (באר יצחק, 12) זעען מיר, אַז לעווינזאָן האָט נאָך אין 1822 צוגעשיקט קײן בראָד אַן אָפּשריפֿט פֿון זײַן ווערק. עס איז כּמעט אויסער ספק, אַז טאַקע אונטער דער השפּעה פֿון דעם „תעודה בישראל" האָט ראַפּאָפּאָרט פֿאַרעפֿנטליכט אין „בכּורי העתים", 1828, אַ לאַנגן ענטפֿער־בריוו זײַנעם אַ גוטן פֿרײַנד. אמת, דער דאָזיקער בריוו זאָל כּלומרשט זײַן אַן ענטפֿער אויף זײַן פֿרײַנדס אַן אָנפֿראַגע, וואָס איז געשריבן נאָך סוף 1822. עס איז אָבער לײַכט זיך משער צו זײַן, אַז די דאָזיקע אָנפֿראַגע איז לא היה ולא נברא. ערשטנס איז שווער צו פֿאַרשטײן, פֿאַרוואָס האָט ראַפּאָפּאָרט פֿאַרעפֿנטליכט זײַן ענטפֿער ערשט אין פֿינף יאָר אַרום. און צווייטנס איז בכלל שווער צו גלויבן, אַז שיר"ס אַ פֿרײַנד, וועלכער ווערט געקרוינט מיט אַזוינע עפּיטעטן, ווי „ידיד נפשי ואיש בריתי, המשׂכּיל המפואר נך השׂכל", זאָל זיך ערשט דאַרפֿן אָנפֿרעגן, צי מעג ער דערלויבן זײַן ברודער צו לערנען שפּראַך, וויסנשאַפֿטן, שטודירן מעדיצין, אָדער לערנען וועלכע ס'איז מלאכה. ס'איז גיכער צו גלויבן, אַז די אַלע פֿראַגן זײַנען פּשוט אָפּגעשריבן וואָרט בײַ וואָרט פֿון דעם אַרײַנפֿיר צו „תעודה בישראל".

2 אַז לעווינזאָנס פּראָפּאַגאַנדע, מען זאָל לערנען די לאַנדשפּראַך, האָט געהאַט אַ געוויסן דערפֿאָלג (ווייניקסטנס אין לעווינזאָנס אומגעגנט), קאָן עדות זאָגן דער בײַ אונז אויפֿגעהיטער גאָטלאָבערס אַלבאָם פֿון די דרײַסיקער יאָרן פֿאַריקן יר"ה, ווו זײַנע פֿרײַנד און באַקאַנטע האָבן געמאַכט כּלערליי אויפֿשריפֿטן. אין דעם דאָזיקן אַלבאָם (שטאַמבוך) איז רוסיש גלײַכבאַרעכטיקט מיט דײַטש און העברעיִש. אויף זעקס דײַטשע אייפֿשריפֿטן געפֿינען זיך פֿיר רוסישע: איינע אין פּראָזע פֿון הירש גרינבוים — דעם שפּעטער באַוווּסטן רעגירונגס־באַאַמטן פֿיאָדאָראָוו, די איבעריקע דריי אין פֿערזן (אומבאַהאָלפֿענע, גראַמאַטיקאַל אומקאָרעקטע). אונטער איין געדיכט איז געחתמעט יעקב וועקסשטיין, די איבעריקע צוויי זײַנען געצייכנט בלויז מיט איניציאַלן.

משכּילים, וואָס זײַנען שוין געווען פון פריער צעשפּרייט דאָ און דאָרטן, האָבן זיי דערבײַ מיטגעהאָלפן. זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דעם חסידישן כּלל און האָבן זיך געווענדעט צו בילדונג און צו וויסן״ [1].

אין בערדיטשעוו האָט דער משכּיל רוטענבערג אָרגאַניזירט אַ פּאַראיין פון „שוחרי אור והשכּלה״ מיטן ציל צו פּאַראייניקן די אַלע, וואָס שטרעבן נאָך ליכט און וויסן. אין ווילנע, וווּ די מאַכט פון דעם חסידיזם איז געווען ניט אין פאַרגלײַך שוואַכער ווי אין וואָלין, האָבן די אָרטיקע משכּילים באַלד נאָכן דערשיינען פונם „תעודה בישראל״ [2] באַשלאָסן צו גרינדן אַ יאָרבוך, וואָס זאָל אַרום זיך פאַראייניקן אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן. אין יאָר 1834 איז שוין געווען צוגעגרייט צום דרוק דאָס ערשטע יאָרבוך אונטערן נאָמען „מנחת בכּורים״ [3]. די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון יצחק-אייזיק בן-יעקב, מרדכי-אהרן גינצבורג, חיים קאַצענעלענבויגען און דעם דיכטער אדם הכּהן לעבענזאָן. אין דעם פּאַרויסגעשיקטן פּראָספּעקט ווערט אָנגעוויזן, אַז די יאָרביכער פון בערך 12—15 דרוקבויגן וועלן באַשטיין פון פאָלגנדיקע אָפּטיילונגען: 1) שירים און מליצות; 2) עקזעגעטיק; 3) היסטאָרישע אַרטיקלען, רײַזע-באַשרײַבונגען, חכמת הטבע, לעבנסבאַשרײַבונגען; 4) דברי מוסר; 5) קריטיק און רעצענזיעס; 6) וויסנשאַפטליכע בריוו. דערבײַ ווערט אָנגעוויזן, אַז אַלע אַרטיקלען וועלן זײַן געשריבן „על טהרת לשון הקדש צחה ונקיה״ [4].

מיטן כאַראַקטער און ציל פון דער אויסגאַבע באַקענט מ. א. גינצבורגס אַ לייט-אַרטיקל („קול קורא״). דער אַרטיקל הייבט זיך אָן מיט אַ משל: אַ קראַניך-פויגל איז אַמאָל אַ וואַלד פאַרבײַגעפלויגן, פונוואַנען עס האָט זיך ניט געהערט קיין שום פויגל-געזאַנג. דערשטוינט באַטראַכט דער קראַניך דעם שטומען וואַלד, פּלוצלינג קומט אים אַ סאָלאָוויי אַנטקעגן און דערקלערט אים, אַז אין וואַלד זײַנען דווקא יאָ פאַראַנען

1 א. פרידקין, אברהם בער גאָטלאָבער און זײַן עפּאָכע, 211.

2 אין 1841 שרײַבט ש. י. פין לעווינזאָנען: דער געדאַנק צו גרינדן אַ צײַטשריפט באַשעפטיקט אונז שוין ניט איין און ניט צוויי יאָר, נאָר גאַנצע צוועלף יאָר (זע ספר הזכרונות, 61). מ. א. גינזבורג שרײַבט אין 1833, אַז עס זײַנען שוין פאַרגאַנגען פינף יאָר זינט ער איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן דעם מאסף „מנחת בכּורים״, (דביר, ב׳ 82).

3 מנחת בכורים, לשנת ה׳ תקצ״ד לב״ע, והיא מנחה חדשה לבני ישראל יושבי ארץ ליטא.

4 צום שלוס פונם פּראָספּעקט ווערט אויך אָנגעוויזן, אַז די צײַטשריפט וועט ווערן געדרוקט אין 300 עקזעמפּלאַרן, וואָס וועלן צעשיקט ווערן אין פאַרשיידענע שטעט צו באַשטימטע פּערזענליכקייטן און יענע וועלן שוין די עקזעמפּלאַרן צעטיילן צווישן די אַבאָנענטן.

א סך זינגפויגל, זיי שוויַגן אָבער אַלע, ווייל עס איז ניטאָ פאַר וועמען צו זינגען: ביי די וואַלדאיינוווינער איז דער געשמאַק אַזוי פארדאָרבן, אַז זיי איז פיל אָנגענעמער צו הערן דאָס גרילצן פון א גריל. „דערמיט אָבער, — רופט אוים דער קראַניך, — וואָס די נאַכטיגאַלן שווייגן, גע־וויינט איר דאָך אַליין צו די וואַלד־איַינוווינער צום גרילצן פון גרילן!"

נאָך דעם משל גייט דער נמשל: עס איז אויסער ספק,—דערקלערט דער פּאַרפאַסער,—אַז אונזער מדינה (ליטא) איז ניט אָרים אין מענטשן פון וויסן, זיי זיינען אָבער געניייטיקט צו באַהאַלטן זייערע וויסנס־אוצרות, ניט צו באַוויַזן זיי פאַר דער ליכטיקער שיַין. וואָרום דאָס פּאָלק ישראל איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער. דאָרט זיינען מענטשן פון וויסן דער שטאָלץ פון פּאָלק,—ביי אונז מוזן זיי זיך באַהאַלטן ווי פאַרברעכער (כגנב במחתרת). זיי מוזן זיך פאַרשטעלן, אונטער מאַסקעס זיך באַהאַלטן, אַ גאַנצן טאָג זיך פאַרנעמען מיט זיַיטיקע זאַכן און נאָר אונטער דעם מאַנטל פון דער טיפער נאַכט, ווען קיינער זעט ניט, פאַרנעמען זיי זיך בסוד מיט וויסנשאַפטן און דברי חכמה, — אַזוי גרוים איז דער פּחד פאַר די פאַנאַטיקער און מורדי אור... פיל פון די וויסנסבאַגיריקע איז געוואָרן דערוויַדער אַזאַ באַהעלטעניש־שפּיל, האָבן זיי דאָס לאַנד פאַר־לאָזן און זיך באַזעצט אין דער פרעמד, וווּ זיי קאָנען פראַנק און פריי זיך פאַרנעמען מיט וויסנשאַפטן. עס זיינען אָבער ביי אונז אויך פאַראַנען אַזעלכע, וואָס שטרעבן נאָך וויסן, זיי שטערט אָבער דאָס, וואָס זיי באַזיצן ניט קיין אייראָפּעיִשע שפּראַך. ווער־זשע דאַרף פאַר זיי זאָרגן, אויב ניט די, וואָס האָבן שוין אָפענע אויגן און האָבן גענאָסן דאָס ליכט פון אויפ־קלערונג? עס געפינען זיך שוין איצט ביי אונז גענוג אויפגעקלערטע, וואָס קאָנען מיט גרוים דערפּאָלג אַריַינברענגען ליכט אין די געצעלטן פון ישראל, און איצט איז געקומען דער מאָמענט, ווען אַלע מענער פון וויסן דאַרפן אָפן אַרויסטרעטן פון זייערע פאַרבאָרגענע ווינקלען, אַראָפּ־וואַרפן די מאַסקע פון זיך און אַרויסטרעטן פאַר דער עפנטליכקייט אין זייער אמתער געשטאַלט".

גינצבורג האָט אָבער אַ טעות געהאַט. דער פּאַסנדיקער מאָמענט איז נאָך אַלץ ניט געקומען. צו שוואַך, צו קליין אין צאָל זיַינען נאָך געווען די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, און דאָס יאַרבוך, כאָטש דער גאַנצער מאַטעריאַל איז שוין געווען גרייט, איז געבליבן ניט געדרוקט און איז פאַרשפּרייט געוואָרן בלויז אין געציילטע אָפּשריפטן [1]. דער ווילנער משכיל

---

[1] מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער אָפּשריפט, וואָס האָט זיך געפונען אין דער אָפּע־ביבליאָטעק.

און געשיכטס-פאָרשער ש. י. פין דערקלערט דעם דורכפאַל פון דער דאָזיקער ליטעראַרישער אונטערנעמונג מיט פאָלגנדיקע ווערטער: די דאָזיקע מענער פון וויסן... וואָס האָבן דאָס פאַרטראַכט, האָבן אָבער אויס פיל סיבות ניט געהאַט דעם מוט דעם דאָזיקן געדאַנק צו פאַר-ווירקליכן. דאָס ריכטיקע איז — עס איז נאָך ניט געקומען דער שעת הכושר [1].

אָט דאָס ניט-פאַרעפנטליכטע זאַמלבוך [2], וואָס האָט געזאָלט „פאַרשפּרייטן בילדונג בכל תפוצות ישראל״, באַווײַזט ערשט רעכט, ווי שוואַך און אומבאַהאָלפן עס זײַנען נאָך אין דעמאָלטיקן רוסלאַנד געווען די ייִדישע אויפקלערער אויפן געזעלשאַפטלעכן און וויסנשאַפטלעכן געביט. עס איז אויסער ספק, אַז צווישן די גרינדער פון דעם יאָרבוך זײַנען געווען מענטשן פון באַדײַטנדיק ליטעראַרישער באַגאַבונג. עס זײַנען צווישן זיי אויך געווען מענער פון לערך סאָלידן וויסן, און דאָך זײַנען זיי געווען אומפעיִק צו שאַפן אַ מער-ווייניק אינטערעסאַנטע צײַטשריפט, שוין ניט ריידנדיק פון געזעלשאַפטליכן [3], נאָר אַפילו פון ריין וויסנשאַפטליכן שטאַנדפונקט. אַ דערקלערונג דערויף קאָן מען געפינען טאַקע אין דעם אויבן ציטירטן גינצבורגישן „קול קורא״. מיר באַקומען דאָרט אַ גאַנץ קלאָר בילד, ווי אַזוי די ייִדישע אינטעליגענטן פון די 20ער יאָרן זײַנען געווען אָפּגעזונדערט פון דער פאָלקסמאַסע און זײַנען געווען געניטיקט

---

1 שפה לנאמנים, 169: אנשי המדע האלה... אם התעוררו לחשוב מחשבות לא מצאו עוד בנפשם להוציא את מחשבותיהם אל הפועל מסבית שונות ויותר כי לא באה עוד שעת הכשר.

2 אַ געוויסער טייל פון דעם ניט פאַרעפנטליכטן מאַטעריאַל איז דערנאָך געווען געדרוקט אין דער זאַמלונג „פרחי צפון״. גינצבורגס „קול קורא״ איז איבער-געדרוקט אין צווייטן טייל „דביר״ (1—5).

3 דערביַי מוז מען, נאַטירליך, נעמען אין באַטראַכט די דעמאָלטיקע זייער שווערע צענזור-צושטאַנדן. די ייִדישע צענזאָרן זײַנען געווען נאָך גרעסערע מחמירים, ווי די רוסישע. דערויף קלאָגט זיך טאַקע מ. אַ. גינצבורג אין זײַן אויבן ציטירטן בריוו פון 1833: והאמת אגיד לך כי כביד ידידנו הרב הצענזאָר (וו. טוגענדהאָלד) בבקירתו הקשה מרפה את ידי גם מאת ומחברת הזאת (מנחת בכורים) וגם מאת ס׳ „תולדות בני אדם״ אשר יעדתי לחבר, כי אם ישים חוק לי להתאפק מכל דבר הנוגע לענין המדינה, כי עתה לא אוכל לעשות תושיה, וגם בהמבוא פסל דברים אשר לא מצא כל מחמיר בהם שמץ פסול (דביר, II, 81). אייניקע קוריאָזן פון דער ייִדישער צענזור אונטער ניקאָלאַיס ממשלה האָט פאַרן קולטור-היסטאָריקער אויפגעהיט דער „אָריענט״ (1845, 458). אין אייניקע סידור-און מחזור-אויסגאַבן איז אומעטום דאָס וואָרט גוי אָדער גויה פאַרביטן געוואָרן דורכן וואָרט ישמעאל. דאָס זעלביקע מיטן וואָרט יָוָן. אויף אַזאַ אופן איז דער אויסדרוק: הצילני מטיט היון פאַרביטן געוואָרן אויף: הצילני מטיט הישמעאל. און נאָך פיל אַזוינע קוריאָזן.

ניט בלויז צו באַהאַלטן פאַר דעם ברייטן פּובליקום זייער וועלטבאַנעם, נאָר אַפילו דעם פאַקט גופא, אַז זיי זיינען זיך עוסק מיט ספרים חיצונים, ד״ה, אַז זיי קוקן אַרײַן אין אַ בוך פון וועלטליכן אינהאַלט. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ גרויס פאַרברעכן, פאַר וועלכן מען האָט געטריבן אָן רחמנות. די אָפּגעזונדערטקייט פון די דאָזיקע אויפקלערער האָט זיך נאָך מער פאַרשאַרפט דורך דעם, וואָס זיי האָבן אויפגענומען די עלעמענטן פון אייראָפּעיִשן וויסן אין דעם לבוש פון דײַטשער קולטור. די מענדעלזאָנישע תורה־איבערזעצונג און די ליטעראַטור פון די בעלי „המאספים״ האָט זיי געבראַכט אין קאָנטאַקט מיט דער דײַטשער שפּראַך און דײַטשער ליטעראַטור. זיי זײַנען געוואָרן „בערלינער״, ד״ה טרעגער פון אַ פרעמדער קולטור, ניט פון דער קולטור פון דעם לאַנד, וווּ זיי האָבן געוווינט.

בעת די בעלי „המאספים״ האָבן מעכאַניש קאָפּירט די דײַטשע מוסטערן, זײַנען זיי ווייניקסטנס געבליבן אין דער ספערע פון דער אַרו־מיקער קולטור,—די רוסישע „בערלינער״ אָבער, מיט זייער „דײַטשמעריש״, מיט זייער קאָפּירן די דײַטשע מוסטערן האָבן שוין מיט זיך פאָרגע־שטעלט גאַנץ מאָדנע פרעמד־געקינסטלטע און באַדנלאָזע געוויקסן. עס דאַרף נאָך דערבײַ אָנגעמערקט ווערן, אַז אונזערע משכּילים פון די צוואַנ־ציקער און דרײַסיקער יאָרן האָבן קאָפּירט די דײַטשע מוסטערן ניט פון זייער תקופה, נאָר די פונם 18טן יר״ה, וואָס האָבן נאָך בשעתּם געדינט אַלס מוסטער פאַר די „מאספים״. דערמיט איז אויך צו דערקלערן, וואָס די פאַר דעם סוף 18טן יר״ה אַזוי כאַראַקטעריסטישע אַמאַלגאַמע פון אויבנאויפיקן ראַציאָנאַליזם און טרוימערישן סענטימענטאַליזם, באַ־מערקט זיך אַזוי בולט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור פון די 20ער און 40ער יאָרן, און גיט איר צו אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע באַפאַרבונג. די אָפּגעזונדערקייט פון די דעמאָלטיקע משכּילים, דער האַס און ביטול, מיט וועלכע די מאַסע האָט זיך פאַרהאַלטן צו זיי, דאָס אַלץ האָט נאָך מער מיטגעהאָלפן, וואָס די דעמאָלטיקע ליטעראַטור האָט געטראָגן אַזאַ סכעמאַטיש־אַבסטראַקטן כאַראַקטער. אָבער טאַקע בלויז מיטגעהאָלפן, וואָרום עס האָבן דערבײַ מיטגעווירקט אויך אַנדערע סיבות, אויף וועלכע מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, בעת מיר האָבן באַהאַנדלט די תקופה פון די „מאספים״. פיל פון די משכּילים, וואָס האָבן געקעמפט פאַר נײַע לעבנס־פאָרמען, זײַנען נאָך אַליין געווען גאַנץ שטאַרק דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פונם אַבסטראַקטן רביניזם און טרוקענער סכאָלאַסטיק. ווײַל זיי זײַנען ניט געווען ביכולת צו לעבן מיט די אינטערעסן און לעבנספראַגן פונם פאָלק, האָבן זיי זייער גאַנצע ליבע און אויפמערקזאַמקייט געשאָנ־קען דער שפּראַך. דאָס קולטיווירן די ביבל־שפּראַך איז געוואָרן

ב׳ יעלבסטציל, די שפראך פאר זיך אליין, אומאפהענגיק פונם אינהאלט ;
און ניט זעלטן איז די „שפה הנקפה, היחידה השרידה״ * געווארן דער
סינאָנים, דער תוך און מהות פון השכלה בכלל. און אט די „מענטשן
פון פאַריקן יאָרהונדערט״, ווי די משכילים פון די 20ער און 40ער יאָרן
הייסן ביי לעוואַנדען, וואָס האָבן געלעבט אַזאַ אָפּגעזונדערט קולטורעל
לעבן, עפּעס ווי אויסער צייט און פאַרנעם, אָן אַ קלאָרן באַגריף וועגן
דער פּאַקטישער לאַגע פון דעם לאַנד און דער מלוכה, ווי זיי האָבן
זייער גאַנץ לעבן פאַרבראַכט, האָבן דערביי געהאַלטן פאַר זייער הייליקן
חוב צו זיין איבערגעגעבענע פּאַטריאָטן, וואָס ליבן היים זייער פאָטער-
לאַנד. דער באַגריף פון פאָטערלאַנד און מלוכה האָט זיך אָבער ביי זיי
אויסטערליש צונויפגעפלאָכטן מיטן באַגריף פון „רעגירונגסמאַכט״ און
„אויפגעקלערטער אַבסאָלוטיזם״...

ערשט אין די דרייסיקער יאָרן זיינען די משכילים געווען אינשטאַנד
אַרויסצושטעלן אַ מער-ווייניק קאָנקרעטע פּראָגראַם, און דאָס — אויסשליסלעך
אַדאַנק דעם באַשעפער פון „תעודה בישראל״, יצחק בער לעווינזאָן. דאָס
האָט ער אַרויסגעשטעלט אַ פּראָגראַם וועגן רעפאָרם פון דעם רוסישן ייִדנטום
אין פינף פּונקטן, וואָס האָט געגאָלטן אַלס אָנערקענטער מאַניפעסט פון
די אויפקלערער און פּראָגרעסיסטן אין משך פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס
רעגירונג. ווייל די דאָזיקע פּראָגראַם האָט אַ קולטור-היסטאָרישן אינטע-
רעס, ברענגען מיר זי מיט אייניקע ניט-באַדייטנדיקע קירצונגען:

א) מען זאָל גרינדן גוט איינגעאָרדנטע שולן און דאָרט לערנען
מיט די קינדער תורה, דת, מצוות, מדות טובות און מוסר צוזאַמען, אַלץ,
וואָס עס געהער צו גאָט און צו לייט, צו דער רעגירונג און צום פאָלק,
צווישן וועלכן מיר וווינען, און דאָס אַלץ אין ריכטיקן סדר. און דערצו
זאָלן זיין צוגעגרייט פּאַסנדיקע ביכער, וואָס זאָלן באַהאַנדלען די דאָזיקע
פראַגן גוט צוגעפּאַסט צו דעם פאַרשטאַנד פון די קינדער לויט זייערע יאָרן.
אויך די מיידלעך דאַרף מען באַקענען לויט זייערע השגות מיט די יסודות
פונם דת, פון מאָראַל און מוסר. סיי די ייִנגלעך, סיי די מיידלעך זאָל
מען לערנען דערביי עפּעס אַ מלאכה אָדער אַזוי אַן אַרבעט, ווייל דאָס
ליידיק אַרומגיין און דער שטענדיקער מאַנגל אין פּרנסה איז דער אָנפאַנג
פון אַלע פאַרברעכנס. די מלמדים, ווי אויך די לערערקעס (פאַר מיידלעך),
דאַרפן זיין מענטשן פון וויסן, בעלי מדות ומוסר, יראים ושלמים, גוט
בקיא אין דעם ענין פון קינדער-דערציִונג... עס איז כלל ניט נייטיק,
אַז דאָס גאַנצע פאָלק, פון גרויס ביז קליין, זאָלן אַלע זיין רבנים, חכמים,

* די שפּראַך — די שיינע, די איינציק איבערגעבליבענע.

פילאָלאָגן, דאָקטוירים אָדער פילאָזאָפן און משוררים. דערצו זיינען באַרופן בלויז געציילטע מענטשן, און עס איז גאָר שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר א גוואַלדיקן שאָדן עס קאָן ברענגען דער געדאַנק, אַז אַלע דאַרפן זיין געלערנטע. עס איז גענוג פאַרן פשוטן מענטשן מיט באַגרע־ניצטע פעיִקייטן, ער זאָל קענען תנ״ך מיט א פירוש מספיק, האָבן א וועלכע־ס׳איז ידיעה אין דקדוק, זיין באַקאַנט מיט די נייטיקסטע דינים פון שלחן ערוך, זאָל זיין מער־ווייניק באַהבנט אין דער לאַנד־שפּראַך בכתב ולשון, האָבן א באַגריף אין חכמת החשבון, זאָל זיין אינשטאַנד צו לייענען א מוסר־ספר אויף לשון קודש, אויך אַביסל לשון קודש שרייבן. דאָס בנוגע קליינע שטעטלעך. אָבער אין גרויסע שטעט מיט באַדייטנ־דיקע יידישע קבוצים, ווי וואַרשע, ווילנע, אָדעס, בערדיטשעוו, — דאַרט דאַרפן אויסער קינדער־שולן געגרינדעט ווערן אויך העכערע שולן (בתי מדרש גדולים), וווּ עס זאָלן די בני העליה, ד״ה, יונגע לייט מיט גוטע פעיִקייטן, לערנען תלמוד און פוסקים אונטער דער השגחה פון גרויסע רבנים, וואָס דאַרפן געוויילט ווערן פון דער גאַנצער מדינה. אויך דאַרפן אין די דאָזיקע שולן געלערנט ווערן, לויט דעם גוסט און חשק פון די תלמידים, אַלערליי וויסנשאַפטן און שפּראַך ביי באַדייטנדיקע געלערנטע און ספּעציאַליסטן, וואָס וועלן דערצו אויסגעוויילט ווערן. און דאָס אַלץ לויטן בעסטן סדר און שטרענגער השגחה...

ב) מען זאָל אויסוויילן א רב הכולל און א גרויסן בית־דין פון וויסנסמענער (חכמי מדע), וואָס זאָל זיצן מיט אים צוזאַמען, און דורך זיי זאָלן אויסגעקליבן ווערן רבנים, מגידים און בעלי־הוראה... אויך זאָלן דערצו אויסגעקליבן ווערן פון דער מדינה בכבודיקע און פאַרשטענדיקע גבירים, זיי זאָלן זיין פּרנסים כוללים און זאָלן אַכטונג געבן אין שטאַט־זאַכן (צרכי רבים). אַט די פּרנסים כוללים צוזאַמען מיטן רב הכולל און מיט דער הילף פון נאָך אייניקע חכמים משכילים יודעי לשון וספר, וואָס זיינען בקיא אין געזעלשאַפטליכע פראַגן, דאַרפן השגחה האָבן, מיט דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג, איבער אַלץ, וואָס איז נוגע דעם גוצן פון דעם כלל און דעם פּרט. און ס׳איז ממש אָין לשער, וואָס פאַר א טובה דאָס וועט ברענגען די אָרעמע פון פאָלק און די קליינע בעלי־בתים, בפרט אין די קליינע שטעטלעך, וווּ די אָרעמע לייט און קליינע בעלי־בתים זיינען, נעבעך, היינט ווי די שטומע שאָף, זיי ציטערן און האָבן פּחד פאַר זייערע מנהיגים און גבירים, וואָס שערן זיי ווי די שאָף, זויגן אויס זייער בלוט ווי די הונגעריקע וועלף און דערלאָזן ניט, זיי זאָלן זיך באַקלאָגן פאַר דער באַרעמהאַרציקער רעגירונג, וואָס איר גאַנצער ציל איז דאָך צו שטיצן דעם אָרעמען און באַשיצן אים פאַר דעם, וואָס באַרויבט אים...

ג) עס זאָלן זײַן מגידים און מוכיחים אין יעדער שטאָט, ווי אין אמאָליקע צײַטן, קלוגע מענטשן, וואָס זײַנען געבענטשט מיט אַ רעדנער־טאַלענט. זיי זאָלן דרשנען אין באַשטימטע טעג, בפרט שבת און יום־טוב, זאָגן מוסר דעם עולם אין פּאַסנדיקע ווערטער, וואָס זאָלן זײַן פול מיט חן און שכל טוב, בכדי זיי זאָלן מאַכן אַ רושם אין די הערצער פון די צוהערער. זיי דאַרפן אויפמערקזאַם מאַכן דאָס פאָלק אויף אַלע שלעכטע מידות, וואָס זײַנען אײַנגעוואָרצלט געוואָרן אין אונזער לעבן בכלל, און אין יעדער שטאָט און קהילה, ווי אויך בײַ יעדן יחיד באַזונדער. די דאָזיקע מגידים און דרשנים זאָלן ניט דרשנען וועגן רמזים און קבלה, נאָר וועקן אין עולם דעם חשק צו אַרבעט און מלאכות, דערקלערן אים, וואָס אויף דעם יחיד איז מוטל הן בנוגע צו גאָט, הן בנוגע צו זיך אַליין, אַזוי אויך צו אייגענע און פרעמדע, צו דער רעגירונג אאז״וו.

ד) מען זאָל זיך סטאַרען בײַ דער רעגירונג, זי זאָל וויניקסטנס אַ דריטל פון יעדער קהילה באַזאָרגן מיט פעלדער, יענע זאָלן זיי באַאַר־בעטן און זיי זאָלן דערציִען בהמות און שאָף, ווי אונזערע אבות האָבן זיך געפירט. אויך דאַרפן אין די דאָזיקע קאָלאָניעס געגרינדעט ווערן שולן, ווו די קינדער זאָלן לערנען ביז 12 יאָר די לימודים, וואָס זײַנען אָנגעוויזן אין פונקט א׳.

ה) די רבנים זאָלן שטרענג פאַרזאָגן דער ייִדישער באַפעלקערונג ניט צו דערלויבן זיך קיין שום לוקסוס־זאַכן, ניט צו טראָגן קיין טייערע זײַדענע קליידער, קיין צירונג פון גאָלד און פערל און אויך ניט צו באַנוצן קיין טייערע חפצים אין הויז־בעלי־בתישקייט, וואָס מען קאָן זיך אָן זיי לײַכט באַגיין, ווײַל די דאָזיקע מותרות ברענגען צו שנאה און דערפירן צו אַלערליי פאַרברעכנס. בפרט די ברידער אונזערע, וואָס וועלן זיך פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט, זאָלן למען השם אויסמײַדן וועלכן־ס׳איז לוקסוס, זיי דאַרפן פירן אַ פשוט לעבן, זיך קליידן אין ניט טייערע מלבושים, איינפאַך, אָבער ריין.

די דאָזיקע פּראָגראַם, צוזאַמען מיט דעטאַלע דערקלערונגען בנוגע דעם פּראָיעקט וועגן גרינדן ייִדישע שולן און באַשעפטיקן די ייִדן מיט ערדאַרבעט, איז די ערשטע צײַט פאַרשפּרייט געוואָרן אין פּילצאָליקע אָפּשריפטן [1], און אין 1839 האָט זי לעווינזאָן פאַרעפנטליכט אין צווייטן טייל פון זײַן „בית יהודה״ [2], וואָס ער האָט לכתחילה פאַרטראַכט אַלס המשך פון זײַן „תעודה בישראל״.

---

1 זע בית יהודה, 1839, 355.

2 דאָ׳סן, 348—354.

נאך איידער דער „תעודה בישראל" איז אין דרוק דערשינען, איז לעווינזאן צוגעטראטן צו א צווייטן ווערק, וואס ס'האט אין דער התחלה געטראגן דעם נאמען „מאמר קורות הדת לישורון".

ער האט געפרווט געבן אין א קלארער און פאפולערער פארם א סיסטעמאטישן היסטאריש-וויסנשאפטליכן איבערבליק איבער דער אנטוויקלונגס-געשיכטע פון דעם יודאיזם. ווי דער „תעודה בישראל", אזוי איז אויך אט דאס ווערק געווען געשריבן אלס ענטפער אויף א געוויסער צאל פראגן, וואס זיינען ארויסגעשטעלט אין דער הקדמה: וועגן דעם מהות פון יידישן דת, וועגן דעם באדייט פון תורת משה און פון תלמוד בבלי, ווי פארהאלט זיך דער רעליגיעזער ייד צו דער קריסטליכער באפעלקערונג אאז"וו. אין 1828 איז דאס ווערק שוין געווען פארטיק, און לעווינזאן האט עס אוועקגעשיקט קיין ווילנע, און נאכדעם, ווי עס איז אין 1829 דערהאלטן געווארן א דערלויבעניש פון דער צענזור, איז דער מאנו-סקריפט איבערגעגעבן געווארן אין דער זעלביקער דרוקעריי, וואס האט אקערשט אפגעדרוקט דעם „תעודה בישראל". חוץ דער אפיציעלער צענזור האט אבער עקזיסטירט נאך א אינוויינזיקסטע צענזור — דער ווילנער ראבינאט. ווי נאר די רבנים האבן זיך באקאנט מיט די אין אנהייב פון לעווינזאנס מאנוסקריפט ארויסגעשטעלטע שאלות, האבן זיי דארט דערזען לויטער אפיקורסות. זיי האבן גלייך אוועקגעשיקט א בריוו צו לעווינזאנען מיטן באפעל, ער זאל זיך ניט דערוועגן צו דרוקן אזא ווערק, ווייל אזעלכע שאלות קאנען גרוים שאדן ברענגען דעם דת. דער דרוקער האט זיך אויך דערשראקן, און גלייך דעם מאנוסקריפט צוריק אפגעשיקט דעם מחבר. איז דעמאלט לעווינזאן געפאלן אויף אזא המצאה: ער האט זיך געמאכט פאר א תם און דערקלערט אין זיין ענטפער די רבנים, אז די דאזיקע שאלות האט דאך ניט ער, דער מחבר, ארויסגעשטעלט, נאר מיט זיי האט זיך געווענדט צו אים א גרויסער באאמטער, עמנואל ליווען, און אלס ענטפער אויף די אלע באשולדיקונגס-פראגן, האט ער זיין ווערק געשריבן, אין וועלכן ער איז מגין * אויפן דת ישראל. דער דאזיקער עמנואל ליווען איז אבער לא היה ולא נברא, נאר ווייל דער דעמאלטיקער בילדונגס-מיניסטער האט געהייסן קארל ליווען, האבן די רבנים געמיינט, אז דאס האט ער זיך געווענדעט צום „אוטשאני יעווריי" לעווינזאן מיט די דאזיקע פראגן. דערפאר האבן זיי שוין ניט געוואגט צו פארווערן לעווינזאנען זיין ווערק צו דרוקן. דער ווילנער דרוקער האט זיך

* שיצן.

אָבער דאָך אָפּגעזאָגט דאָס בוך צו דרוקן (װאַרשײַנליך ניט אָן דער איניציאַטיװע פֿון די רבנים) [1]. װעגן די װײַטערדיקע „גלגול-מחילות“, װאָס דער מאַנוסקריפּט האָט געהאַט אױסצושטײן, דערצײלט לעװינזאָן גופא אין אײנעם פֿון זײַנע בריװ:

„צו יענער צײַט, — שרײַבט לעװינזאָן, — בין איך שװער קראַנק געװאָרן און די קראַנקהײט האָט זיך געצױגן גאַנצע צװײ יאָר. איך בין געװען נאַקעט און בלױז, ממש אָן אַ שטיקל ברױט, אָן װעלכער עס איז הילף, אָן דער מינדסטער האָפֿענונג. און דערצו נאָך די אַלע אומאַנגענעמליכקײטן און שװערע איבערלעבונגען. גראָד דעמאָלט האָט זיך צו מיר געװענדעט דער באַקאַנטער געלערנטער (און פֿאַרלעגער) משה לאַנדױ אױס פּראָג [2] מיטן פֿאָרשלאָג, אַז ער האָט בדעה מײַן װערק צו דרוקן. עס איז אָבער דערפֿון גאָרנישט געװאָרן. באַלד נאָכדעם האָט זיך צו מיר געװענדעט מײַן פֿרײַנד בעריש בלומענפֿעלד אױס בראָד, איך זאָל אים צושיקן דעם מאַנוסקריפּט און ער װעט אים דרוקן אין גאַליציע. איך האָב קײן קאָפּיע ניט געהאַט, ס'איז אָבער קײן אַנדער ברירה ניט געװען, האָב איך מײַן אײנציקן מאַנוסקריפּט אַװעקגעשיקט. איבער יענער זײַט גרעניץ. אױך דאָרט איז דער ענין צו נישט געװאָרן. האָט מײַן חיבור אָנגעפֿאַנגען צו װאַנדערן איבער דער װעלט: פֿון בראָד קײן אונגאַרן, פֿון דאָרטן קײן פּראָג, דערנאָך קײן װין, און סוף-כל-סוף װידער קײן בראָד צו בלומענפֿעלדן. מאַכט זיך גראָד אַ שׂרפֿה אין בלומענפֿעלדס הױז און עס ברענען אָפּ נאָך אײניקע הײַזער. אַ שטיק צײַט האָט מען גערעכנט, אַז דער מאַנוסקריפּט איז פֿאַרברענט געװאָרן, ביז מען האָט אים צופֿעליק געפֿונען צװישן בלומענפֿעלדס געראַטעװעטע זאַכן. דערװײַל האָבן מיר מײַנע װילנער פֿרײַנד מודיע געװען, אַז עס איז דאָ אַ האָפֿענונג, מײַן װערק זאָל געדרוקט װערן אין װילנע. נאָך פֿיל מאַטערנישן איז ענדליך געלונגען (אין 1835) דעם מאַנוסקריפּט איבערצוטראַנספּאָרטירן פֿ'ן בראָד קײן װילנע און דאָרט אױפֿסנײַ אים צו באַזאָרגן מיט אַ צענזור-דערלױבעניש. עס האָט זיך אָבער נאָך געצױגן גאַנצע דרײַ יאָר ביז מײַן װערק איז ענדליך (אונטערן טיטול „בית יהודה“) אין דרוק דערשינען“. [3]

װי אין „תעודה“, אַזױ אױך אין „בית יהודה“ באַרירט לעװינזאָן מיט גרױס פֿאָרזיכט די פֿראַגן, װאָס קאָנען אָפּשרעקן און דערצערנען

---

1 זע אגרות ריב״ל, 1896, 17 (לעװינזאָ׳ס בריװ צו ד״ר ראובן קאַלישער).

2 אײנער פֿון די רעדאַקטאָרן פֿון „בכורי העתים“.

3 ספר הזכרונות, 40.

דעם אָרטאָדאָקסישן לייענער [1]. ער ווייזט אפילו אָן אין „בית יהודה", אַז „פון שלום וועגן טוען די חכמים ניט זעלטן דעם אמת פאַרשווייגן". לעווינזאָן פאַרשווייגט אָבער פּאַקטיש ניט דאָס, וואָס ער האַלט פאַר אמת, און זאָגט ביסלעכווייז אַרויס זיינע ראַציאָנאַליסטישע געדאַנקען, ווען אפילו פאַרשטעלט און צונויפגעפלאָכטן מיט מאמרי חז"ל. ער שטעלט אַוועק דעם דעוויז, אַז „אין אמת כי אם בהסכמה עם הדעת" [2], און דאָס, וואָס איז ניט מסכים מיטן דעת, — „לא יפול עליה שום אמת", קאָן קיין אמת ניט זיין. שטיצנדיק זיך אויפן רמב"ם און אויף אַנדערע גדולים, גיט ער דעם לייענער צו פאַרשטיין, אַז מקיים זיין דאָס געבאָט פון „ואהבת את ד' אלהיך" (דאַרפסט ליב האָבן גאָט) קאָן מען ערשט „אחר ציור שכלי והשגה ברורה והתבונן בדורות" [3], און אַז חכמה איז קודם למעשה [4]. ער ווייזט אָן, אַז „חכם עדיף מנביא" *, אַז דער בעסטער געזעצגעבער איז דער שכל הישר, און דער „האדם השלם", דער פול־קומענער מענטש איז דער, וואָס איז אַ „חכם כללי" ** און איז בקיא ניט בלויז אין דער תורה, נאָר אויך „בכל החכמות והמדעים" [5].

ווייל אין דער ביבלישער תקופה איז ביי די יידן דאָס רעליגיעזע לעבן געווען פעסט צונויפגעבונדן מיטן פּאָליטישן, האַלט לעווינזאָן פאַר נייטיק צו געבן אין ערשטן טייל אַן אַלגעמיינעם היסטאָרישן איבערבליק איבער דער תקופה זינט די אָבות ביז דעם חורבן בית שני. דערביי איז כדאי אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף איין כאַראַקטעריסטישן שטריך: מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז לעווינזאָן האָט, ווי די אַנדערע משכילים פון יענעם דור, געהאַלטן עולם ומלואו פון דעם „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם" און איז געווען אַנטציקט פון דער ליבעראַליטעט פון די אייראָפּעיִשע „מלכי חסד". דאָך, ווען ער רעדט אין זיין היסטאָרישן איבערבליק וועגן דער אוראַלטער תקופה פון די אָבות, ווען די יידישע שבטים זיינען

---

1 בלויז זיין האַס צו די חסידים חיל ער ניט פאַרבאָרגן, און דערקלערט מיט כעס, „אַז יעדער פאַרברעכער און רויבגיריקער (כל מעול רשע ואוהב חמס) הייסט היינט חסיד". (בית יהודה 320)

2 עס איז קיין אמת ניט פאַראַנען, וואָס שטימט ניט מיטן חיסן צוזאַמען (דאָרטן, 23).

3 נאָכדעם, ווי מען באַקומט מיט דער הילף פונם פאַרשטאַנד קלאָרע און דייטליכע באַגריפן (בית יהודה, 116).

4 דאָרטן, 60.

* אַ חכם איז גרעסער פון אַ נביא.

** אַ פילאָזאָפישער חכם.

5 דאָרטן, 68.

נאָך געווען נאָמאדן און האָבן געלעבט דער עיקר פון ביצוכט, חוץ ער צוויי מאָל מיט גרוים התפעלות איבער, וואָס פאר א גליקליך לעבן יענע האָבן געפירט, באשר זיי האָבן דאָך געלעבט פראנק און פריי, זיי זיינען ניט געווען אונטערטעניק קיין שום מענטשן, האָבן ניט געוווסט פון קיין האר איבער זיך; ווענן שטייערן און אָפּצאָלונגען האָבן זיי קיין באגריף ניט געהאט, — פריי פון אלץ זיינען זיי געווען [1].

נאָכדעם ווי לעווינזאָן גיט דעם לייענער צו פארשטיין דעם אונ־טערשייד צווישן „דת טבעית״ און „דת נגלית״ (נאטירליכע רעליגיע און אנטפלעקטע רעליגיע), ווייזט ער אָן אויף דעם וויכטיקן קולטור־היסטאָ־רישן פאקט, אז ביי דעם רוב קולטור־פעלקער (עגיפטער, גריכן וכדומה) זיינען געווען „צוויי תורות״: איינע א געשריבענע, אין וועלכער עס זיינען פאר פשוטן פאָלק קורץ פארשריבן די גרונד־געזעצן אָן שום דערקלע־רונגען, און די צווייטע, די תורה שבעל פה, מיט פירושים און טעמים צו יעדן געזעץ, צוזאמענגעבונדן מיט אידעען און סברות, וואָס זיינען געווען איבער דער השגה פונם המון. אָט די דאָזיקע צווייטע תורה איז געווען איבערגעגעבן דער ספעציעלער קאסטע פריסטער און יודעי ספר. דאָס האָבן זיי, — דערקלערט לעווינזאָן מיט א פרומער מינע, — געוויס נאָכגעטאָן דעם אויסדערוויילטן פאָלק ישראל, וואָס האָט ביים בארג סיני באקומען די תורה, ווי די געזעצן זיינען אויך געגעבן בתכלית הקיצור אָן פירושים, וואָרום די תורה איז דאָך געגעבן געוואָרן פארן גאנצן פאָלק, וואָס איז דאָך געווען א פאָלק פון פשוטע ערדארבעטער, וואָס זיינען געווען פארנומען מיט שווערער ארבעט און האָבן קיין צייט ניט געהאט זיך פיל אָפּצוגעבן מיט תורה [2]. אלע דערקלערונגען און פירושים, אויך אלע מעגליכע ספיקות האָט משה רבינו איבערגעגעבן אלס תורה שבעל פה די זקנים און חכמי הדור. אָט זיי, דער בית־דין און חכמי הדור, דערקלערן עס די געזעצן און מצוות פון דער תורה לויט די „כְּלָלֵי החכמה״, וואָס משה רבינו האָט איבערגעגעבן די זקנים, אָדער „על פי שיקול הדעת״ (לויט דעם לאָגישן פארשטאנד), און פאסן זיי צו „לפי הזמן והמקום״. און ווידער טאָקע שטיצנדיק זיך אויף פיל ציטאטן פון אָנגענומענע אווטאָריטעטן, דערקלערט לעווינזאָן זיינע לייענער, אז אין פארשיידענע דורות, יע נאָך די אומשטענדן, האָבן די חכמי הדור פארשיידן אויסגעטייטשט געוויסע דינים און מנהגים. אָט ווייסן מיר

1 המאושרים האלה חיו חיי אושר והצלחה, חיי דרור וחפשות, לא היו משועבדים לשום אדם, ממסים וארנוניות לא ידעו... ויחיו חיי מנוחה ושאנן ולא שמעו לקול נוגש, לא שלמו לשום אדם מס וארנוניות אבל היו חפשים מכל דבר (דאָרטן, 37, 39).

2 דאָרטן, 57.

דאך, אז אין דער געגנט, ווו ר' יוסי הגלילי האט געוווינט, האט מען געגעסן פלייש פון אן עוף געקאכט אין מילך [1], און דארט, ווו ר' אלעזר האט געלעבט, פלעגט מען אום שבת האלץ האקן און פייער מאכן, בכדי גרייט צו מאכן „כלי ברזל למילה". בכלל, ווייזט לעווינזאן אן און פרוווט דאס טאקע באשטעטיקן דורך פיל ביישפילן, האבן די סופרים און חכמי המשנה אין פיל דינים מֵקיל געווען. זיי האבן דערביי, — דערקלערט ער, — ניט עוקר געווען, חס ושלום, א לַאו פון דער תורה, נאר זיי האבן זיך געפלייסט צו געפינען אין דער תורה גופא א געוויסן היתר קעגן דעם דאזיקן לַאו, אדער דורך וועלכע אנדערע מיטלען, בכדי די תורה זאל בלייבן ניט געענדערט (בחזקתה עמדה), און די מעשים זיינען געטאן געווארן „כפי הזמן והמקום" [2].

לעווינזאן ווערט אויך ניט מיד אויפמערקזאם צו מאכן זיינע לייענער דערויף, וואס פיל מנהגים, דינים, אנשויונגען און באגריפן (און צווישן זיי אויך נארישע, אבערגלויבערישע) האבן יידן אויף זייער לאנגן היסטאָ־רישן וועג איבערגענומען ביי אנדערע פעלקער, צווישן וועלכע זיי האבן געוווינט [3].

ס'איז דערביי כדאי אנצווייזן אויף איין כאראקטעריסטישן שטריך, וואס טיילט אזוי אנטשיידן אפ לעווינזאנען ניט בלויז פון אזוינע משכילים, ווי פראנק און הערש בער הורוויץ, נאר אויך פון מיזעס, וואלפזאן און אנדערע. דאס איז לעווינזאנס פארהאלטן צום תלמוד. אלס קראכמאלס געטרייער תלמיד, פארהאלט זיך לעווינזאן מיטן גרעסטן רעספעקט צום גרויסן קולטור־היסטארישן באדייט פון דעם דאזיקן מאנומענטאלן דענקמאל פון יידישן שאפן. ער חזרט מעהערע מאל איבער דעם געדאנק, אז „אין לדון מזמן וממקום אחד על זמן הנוכחי ועל מקום הנוכחי" [4], און ווען מען לייענט א פארפאסער פון פריערדיקע דורות, דארף מען נעמען אין באטראכט די צייט און די אומשטאנדן, ביי וועלכע דער באטרעפנדיקער פארפאסער האט געשאפן [5]. אויף וויפיל עס איז

1 אגב מאכט זיך לעווינזאן פאר א תם און חייזט אן (דארטן, 110—111), אז אין דעם זאץ „לא תבשל גְדִי בחלב אמו" האבן די מפרשים גאר, במחילה, א טעות געהאט אין פשט: עס האנדלט זיך דארט פאקטיש ניט חעגן פלייש פון א ציגעלע, נאר חעגן צייטיקע און ניט צייטיקע פרוכטן.

2 בית־יהודה, 130, 113.

3 דארטן, 121, 194, 256, 328, 330 אאז"וו.

4 מען באדארף ניט באאורטיילן אמאליקע צייטן אין אמאליקע צושטאנדן פון דעם הייניטיקן שטאנדפונקט, ניט נעמענדיק אין באטראכט די דיסטאנץ פון צייט און ארט.

5 דארטן, 133, 334.

מעגליך געווען ביי די דעמאָלטיקע צענזור־צושטאַנדן, וואָרפט לעווינזאָן מיט שטאָלץ אָפּ די אָנפאַל אויף דעם תּלמוד מצד די קריסטליכע טעאָלאָגן, און ווייזט אָגב מיט בייסנדיקער איראָניע אָן אויף די ווילדע און קינדיש־נאַיווע פּירושים, וואָס עס האָבן געמאַכט אויף געוויסע פּסוקים פון דער תּורה גרויסע קריסטליכע טעאָלאָגן פון אַמאָליקע צייטן [1].

צום שלום פון זיין ווערק שטעלט לעווינזאָן אַרויס, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, זיין רעפאָרם־פּראָגראַם, אַגיטירט שטאַרק פאַר ערד־אַרבעט און ווערט ניט מיד אָנצוּווייזן, וואָס פאַר אַ גרויס פאַרברעכן ס׳איז צו פאַרנעמען זיך מיט קאָנטראַבאַנד [2]. פאַרוואָס שווייגן דערויף די רבנים? — פרעגט לעווינזאָן. — האָבן דאָך נאָך די חכמי התּלמוד דערקלערט, אַז „המעביר על המכס נקרא גזלן״! וויפל אומגליקן דאָס האָט שוין אונז געבראַכט, וויפיל פיינדשאַפט און שנאה מצד המלכות [3].

נאָך אויף איין פּונקט שטעלט זיך לעווינזאָן אָפּ, און דער דאָזיקער פּונקט איז באַזונדערס אינטערעסאַנט. די פאָרשער פון דער השׂכּלה־תּקופה ווייזן אָפּט אָן אויף דער איינזייטיקייט פון דער רעפאָרם־פּראָגראַם, וואָס די השׂכּלה־טרעגער האָבן אַרויסגעשטעלט: זייער גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט האָבן די משׂכּילים געשענקט דער גייסטיקער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער יידישער מאַסע. זיי האָבן מיט גרויס ענערגיע אַגיטירט פאַר דער דערציִונגס־רעפאָרם, פאַר באַרייכערן די יוגנט מיט אייראָפּעיִשן וויסן און געלאָזט דערביי איגנאָרירן אומבאַרירט די בירגערליכע רעכטלאָזיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין דער דאָזיקער טענה איז געוויס פאַראַן פיל אמת, אָבער ניט דער גאַנצער אמת. און דאָס באַמערקט זיך באַזונדערס בולט ביי דעם באַדייטנדיקסטן השׂכּלה־קעמפער און פּאָנער־טרעגער, ביי יצחק־בער לעווינזאָנען. ערשטנס דאַרף מען נעמען אין באַ־טראַכט די צענזור־צושטאַנדן אין דער תּקופה פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס רעגירונג; מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן די אַלגעמיינע רעכטלאָזיקייט און אונטערדריקונגס־סיסטעם, וואָס האָט געהערשט אין דער רוסישער צאַרן־מלוכה, ווען דער צאָלרייכסטער טייל פון דער באַפעלקערונג — דער פּויערים־שטאַנד — האָט זיך נאָך געפונען אין קנעכט־צושטאַנד. לעווינזאָן, בעת ער שטעלט אַרויס אין זיין „בית יהודה״ זיין רעפאָרם־פּראָגראַם,

---

1 בית־יהודה, 273.

2 מען דאַרף דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז לעווינזאָן האָט זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט לעבן דער עסטרייכישער גרעניץ, וווּ די צאָל יידישע פּעקלמאַכערס איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע.

3 דאָרטן, 151—152.

רעדט פאַקטיש אויך וועגן בירגער־רעכט. ער שטעלט זיך אָפּ 1 אויף די „כללים פון 1804", וואָס ווערן דאָרט אַרויסגעשטעלט, אַז „אַלע יידישע קינדער האָבן דאָס רעכט צו לערנען, אָן שום אונטערשייד פון אַנדערע קינדער, אין אַלע רוסישע פאָלקסשולן, גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן". און נאָך פיל אַנדערע, — איז לעווינזאָן מוסיף, — „תקונים טובים ומועילים", וואָס באַשיינקען די יידן מיט פיל „זכיות המדינה (בירגער־רעכט)". אונטער זיי מיינט געוויס לעווינזאָן די פונקטן, לויט וועלכע עס ווערט דערלויבט יידישע פאַבריקאַנטן, בעלי־מלאכות און סוחרים ציימווייליק זיך צו באַזעצן אויסער דעם תחום, און עס ווערן געגעבן פאַרשיידענע לגאַטעס די יידן, וואָס ווילן זיך פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט. דאָס פיקאַנטסטע איז אָבער די הערה, וואָס לעווינזאָן מאַכט דערביי: אמר המחבר, זאָגט דער פאַרפאַסער: הלוואי וואָלטן אויך אַלע אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער (האומות המתוקנות) געגאַנגען אויף דעם וועג פון גערעכטיקייט, אויף וועלכן עס גייט די גוטע רוסישע רעגירונג, און וואָלטן געגעבן די יידן בירגער־רעכט גלייך מיט אַלע קריסטליכע בירגער אָן אונטערשייד. מיך וווּנדערט טאַקע שטאַרק אויף די דאָזיקע ציוויליזירטע פעלקער, וואָס זיי פאַרבאָטן דעם יידן צו געניסן די רעכט פונם לאַנד נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייד".

עס איז שווער צו זאָגן, צי איז דאָס מצד לעווינזאָנען געווען בלויז אַן אָנשטעל און ער האָט געפּרוּווט, ווי ער האָט דאָס שוין געטאָן אין „תעודה בישראל", אויף אַזאַ פאַרשטעלטן אופן אַרויסצושטעלן ביי די דעמאָלטיקע צענזור־צושטאַנדן די פאָדערונג פון בירגעררעכט, אָדער לעווינזאָן האָט עס געמיינט ערנסט און איז אויף אַזוי ווייט געווען אָפּגעריסן פון דעם רעאַלן רוסישן לעבן און דער רעכטסלאַגע אין צאַרן־לאַנד, אַז ער האָט געקאָנט ניקאַלאַי דעם ערשטנס רעגירונגס־סיסטעם אַרויסשטעלן אַלס מוסטער פון הומאַניטעט און גערעכטיקייט. אַלס באַווייז, אַז די ערשטע השערה איז די ריכטיקערע, וואָלט אפשר געקאָנט דינען אַ צווייטע שטעלע אין דעם זעלביקן „בית יהודה", וווּ ער ווייזט אָן, אַז נאָכדעם, ווי עס זיינען „געקומען די ימי ההשכלה (אויפקלערונג), האָט מען אויך די יידן אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען ווי ברידער און מען האָט זיי אין כמה מדינות געגעבן פרייהייט און בירגער־רעכט. און שוין בערך פופציק יאָר דינען יידן אויך אין מיליטער פון די אייראָפּעישע מלוכות" 2.

---

1 בית־יהודה, 364.

2 דאָרסן, 21—22.

גראַד אין דער צייט, ווען לעווינזאָן האָט זיין „בית יהודה״ גע־שריבן (1827), האָבן אויך אין רוסישן מיליטער ייִדן אָנגעהויבן צו דינען. און וואָס פאַר פאַרמען עס האָט אָנגענומען דאָס דאָזיקע „בירגער־רעכט״, וואָס די ייִדן האָבן באַקומען במתנה פון ניקאָלאַיס דעספאָטישער האַנט, האָט לעווינזאָן אויף אַזוי גוט געוווּסט, אַז שוין אין דריי יאָר אַרום נאָך דעם, ווי דער באַטרעפנדיקער אוקאַז איז אַרײַן אין לעבן, האָט ער גע־האַלטן פאַר נייטיק וועגן דעם אין אַ ספּעציעלן ווערק צו שרײַבן.
וועגן דעם אין ווײַטערדיקן קאַפּיטל.

דריטער קאַפּיטל

דער רעקרוטן-אוקאַז פון 1827 און לעווינזאָנס „הטקר-העלט". — דער סאָציאַלער באַטייַט פון דעם ווערק. — לעווינזאָנס באַציִונגען צו דער רעגירונג. — די משכּילים און מתנגדים קעגן די ווילנער דרוקערייַען. — לעווינזאָנס אָנטייל אין דעם אוקאַז פון 1836 וועגן יידישע דרוקערייַען. — די „אקציזנע לייט". — דער פּראָיעקטירטער משכּילים-פאַרבאַנד „ציון". — לעווינזאָנס פּראָפּאַגאַנדע וועגן באַזעצן יידן אויף ערד. — לעווינזאָן אלס אַפּאָלאָגעטיקער. — דער באַטייַט פון זייַן „אפס דמים". — לעווינזאָנס אימהן בייַ די גרויסע באַצמטע. — לעווינזאָנס „אחיה שילני". — דער טרויעריקער דורכפאַל פון יידישער קאָלאָניזאַציע. — דער פּראָיעקט וועגן שול-רעפאָרם. — דער בילדונגס-מיניסטער אוואַראָוו. — מאַקס ליליענטאַל און זייַנע „פּרעדיגטען". — די שול-רעפאָרם אלס קאַמפּס-מיטל קעגן יידישע „פאַלשע רעליגיעזע באַגריפן", וואָס שטאַמען פונם תלמוד. — די פּראַגע וועגן דער „שענדליכער טרצכט". — אוואַראָוו אלס „קעמפער" פאַר יידישער אויפקלערונג. — די התפּעלות פון די משכּילים. — ליליענטאַל אלס עמיסאַר. — די אומצופרידנקייט פון די משכּילים. — ליליענטאַלס „מגיד ישועה" און מ. א. גינצבורגס „מגיד אמת". — די טרויעריקע אַנטוישונג. — בן-יעקבס מעמאָראַנדום צו לעווינזאָנען.

אין 1827 האָט ניקאָלאַי דער ערשטער אין אַ ספּעציעלן „אוקאַז" מזכּה געווען די רוסישע יידן מיט דעם „בירגער-רעכט" פון מיליטער-דינסט. די משכּילים פון פראַנקס און הירש-בער הורוויצעס נוסח האָבן אין דעם דערזעען אַן אָנזאָג פון גלייַכבאַרעכטיקונג, באַשר בייַ גלייַכע התחייבותן וועט דאָך די „אויפגעקלערטע און לייַטזעליקע" רעגירונג געוויס אויך שענקען גלייַכע רעכט. די יידישע מאַסע אָבער האָט אין דעם דאָזיקן אוקאַז געזען די שווערסטע גזירה פון די אַלע פּורעניותן, וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטיין אין משך פון דער פינסטערער תקופה פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס דעספּאָטישער רעגירונג. די „אָבערגלויביקע" מאַסע האָט דערבייַ אַרויסגעוויזן אַ פיל בעסערן היסטאָרישן חוש ווי די משכּילים און „אויפגעקלערטע". אַנגם גייַסט און טעקסט פונם „אוקאַז", אין דעם אכזריות-אוממענטשליכן אופן, ווי ער איז דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן, איז געווען אַזוי קלאָר און בולט, אַז עס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן „בירגער-רעכט", נאָר וועגן אַ פעסט-באַשטימטן ציל מיט געוואַלד

צו צווינגען די יידן, זיי זאָלן וואָס גיכער אָפּוואַרפן זייער „פאַלשן גלויבן״ און ניט אונטערשיידן זיך מער מיט זייער התנהגות און סדר לעבן פון דער קריסטליכער באַפעלקערונג. לויט דעם „אוקאַז״ פון 1827 האָט מען פון יידן גענומען כּמעט דאָפּלט אַזוי פיל רעקרוטן ווי פון דער קריסטליכער באַפעלקערונג. אַלס רעקרוטן דערלויבט דער „אוקאַז״ צו נעמען 12-יאָריקע קינדער, און די פון די יידישע רעקרוטן, „וואָס האַלטן זיך בײַ זייער אַלטער רעליגיע״, האָבן ניט געטאָרט האָבן אַ וועלכע-ס׳איז מגע ומשא מיט דער יידישער באַפעלקערונג. פאַר אַלע „נעדאָימקעס״, [1] פאַר די ניט צו דער צײַט אויסגעצאָלטע שטײַערן, ווערט די קהילה באַשטראָפט מיט אַ געשטײַגערטער צאָל „רעקרוטן״. וועגן די אוממענטשליכע לײַדן, וואָס די יידישע קינדער-רעקרוטן (קאַנטאָניסטן) האָבן געהאַט אויסצושטיין, וואָסערע יסורים מען האָט זיי אָנגעטאָן דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אָננעמען דעם קריסטליכן גלויבן, — וועגן דעם ווייסן מיר ניט בלויז אויס יידישע מעמוארן און דערציילונגען, נאָר אויך אויס אָביעקטיווע דאָקומענטאַלע באַשרײַבונגען פון רוסישע מיטצייטלער. [2] אדאַנק דעם רעקרוטן-„אוקאַז״, האָט די דעמאָראַליזירטע יידישע זעלבסט-פאַרוואַלטונג, דאָס „קהל-שטיבל״ מיט זײַנע פירער, די גאַנצע „באַנדע שטאָט-בעלי-בתּים״, באַקומען אַ זייער שאַרף געווער אין זייער קאַמף קעגן דער אונטערדריקטער אָרעמער פאָלקס-מאַסע. עס באַגנט זיך אָן די פינסטערע תּקופה פון „אַדאַוואַטשיקעס״ און „לאָוואַטשיקעס״, וואָס בילדעט איינס פון די שענדליכסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג...

לעווינזאָן איז געלעגן אַ קראַנקער אין זײַן אויבערשטיבל אין עס שטאָט. ער האָט אָבער געהאַט אַן אָפן אויג און וואַכן אויער פאַר אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין די אונטערגעסלעך פון שטאָט, אין די קלײנינקע אָרעמע הײַזלעך, ווו עס האָט געזיפצט און געליטן די אָרעמע אונטערדריקטע מאַסע. [3] ער, דער שוין זינט יאָרן צום קראַנקן-בעט צוגעבונ-

1 מחמת די געוואַלדיג-שווערע שטײַערן האָבן אין פיל קהילות די נעדאָימקעס דערגרייכט גאַנץ גרויסע סומעס. אַשטייגער, אין פּאָדאָליער גובערניע האָבן די נעדאָימקעס דערגרייכט די באַדײַטנדיקע סומע פון איבער אַנדערטהאַלבן מיליאָן. (זע ש. באַראַטאַוו אין זײַן אַרבעט וועגן יידישע קאָלאָניעס, 1928, 126).

2 זע, צום בײַשפּיל, הערצען אין זײַנע „בילאָיע אי דומי״, לעסקאָוו אין זײַן דערציילונג „אָווצעביק״.

3 אין זײַן בריוו צו יעקב סוגענהאָלד פון דעצעמבער 1832 קלאָגט זיך לעווינזאָן: נִלְאֵתִי לשמוע יום יום אנקת משוללי תקוה ולראות דמעת העשוקים המצפים לקבל ממני איזה עֵזֶר, אך אין בידי להושיעם, כי חלי קשה יהלמני זה כמה שנים (תרביץ, V, 203).

דענער חולה, האָט דאָס צוגעזעען — און ניט געקאָנט דאָס געזעענע פאַרשווייַגן. ער איז געווען דער ערשטער צווישן די משכּילים, וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ קאָמפּשריפט פון ריין סאָציאַלן כאַראַקטער, ווּ עס ווערט מיט גערעכטן צאָרן און שטאַרקן טעמפּעראַמענט אויפגעדעקט דאָס גרויסע סאָציאַלע אומרעכט, וואָס ווערט באַגאַנגען בנוגע די אָרעמע און שוואַכע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, מיט וואָס פאַר אַ ביטול לעווינזאָן האָט זיך פאַרהאַלטן צו דער „פאַרדאָרבענער" ייִדישער שפּראַך. ער האָט אָבער זייער גוט באַגריפן (דערוויף איז ער דאָך דערצויגן געוואָרן ביי די גאַליציאַנער משכּילים) דעם גרויסן באַטייַט פון דעם „זשאַרגאָן" אַלס קאַמף-געווער. דערפאַר האָט ער זיין קאָמפּשריפט אין דער פאָלקס-שפּראַך געשריבן, און ווייַל לעווינזאָן האָט פאַרמאָגט אַן אמתן ניצוץ פון אַ באַגאַבטן פּובליציסט, איז ער קענען זיין ווילן, גלייך ווי וואָלפזאָן און אייכל בשעתּם, געוואָרן איינער פון די בויער און באַגרינדער פון דער ניַיער ייִדישער ליטעראַטור.

לעווינזאָנס קאָמפּשריפט, „די הפקר-וועלט", איז געשריבן אין פאָרם פון אַ געשפּרעך צווישן אַן אורח, וואָס איז געקומען „פון רייַסן", מיט צוויי ווילנער, זרח און פייטל. אַט די צוויי קרעמעניצער תּושבים באַקענען עס דעם פרעמדן אורח מיט דעם, וואָס ס'קומט פאָר אין זייער קהילה. פייטל באַקלאָגט זיך, ווי בייַ זיי אין דער קהילה זיינען „פּרנס-חדשים — גנבים, רוצחים, לייגן זיך נאָר, זיי זאָלן רייך ווערן פון אָרעמע לייט", וואָס „מען באַגזלט זיי, מען באַראַבעוועט זיי טאָג און נאַכט". און אַז דער אורח פרעגט פאַרחידושט: „נאָך וואָס מאַכט מען אַזעלכע לייט פאַר קהל?" ענטפערט פייטל: „סטייטש, זיי מאַכן זיך אַליין!". פאַרשטייט ניט דער אורח: „ווי הייסט? מען מוז דאָך זיי באַלאָטירן (באַלאָטירן) מיט אַ וויבאָר?" גיט אים פייטל צו פאַרשטיין: „יאָ, מען באַלאָטירט, נאָר ווי אַזוי באַלאָטירט מען אָבער? עס איז פאַראַנען עטליכע נגידים אין שטאָט, אַבי זיי זיינען בלאָט — מהסתּם ניט אומזיסט, מען שטעקט זיי עפּעס אָפּ: דעם—חתימה-געלט, דעם אַ מתּנה, — מען מאַכט סעודות אויף זיי, און מען טיילט זיי נאָך צו האַלבע קערבליך אויך; דער איבעריקער געמיינער עולם מוז שוין בוודאי נאָכזאָגן „אמן", דער ליגט דאָך גאָר אין דער אדמה בייַ אונז: ער איז כּלל בייַם נגיד אייַן עבד כּנעני, וואָרום נאָר עפּעס — אַט שטעלט מען אים שוין אַריין צען זעלנער צו האָדעווען. אַט מאָנט מען פון אים קאָשע-געלט אייַן קערביל (וואָרום די נגידים זיינען דאָך איינס מיט קהל), אַט נעמט מען פון אים גאָר זיין קינד, אַ בן-יחיד, אַוועק פאַר אַ רעקרוט. די מוזן שוין אַלץ טאָן, וואָס דער נגיד אָדער קהל הייסט".

א פארציטערטער רופט אויס דער אורח: „עס איז דאך עפעס ביי אייך גאר סדום, רחמנא ליצלן!״ גיט נאך דער צווייטער ו־אלינער, זרח, זייגם צו: „אין דער אמת, זינט מען נעמט רעקרוטן, האט מען נאך ניט אוועקגעגעבן קיין עושר׳ם קינד, קיין שום תקיפ׳ם קינד, קיין שום פאקטערס קינד, קיין שום בית־המדרש־בחור, נאר ארימעלייטס קינדער, נעביך, ערליכע בעלי־מלאכות קינדער, וואס העלפן זייערע עלטערן ארבעטן, ערליכע משרתים, ערליכע באהעלפערס״. פארשטייט ווידער ניט דער אורח. „יא, — פרעגט ער, — וואס טוט מען אבער מיט א בן יחיד, למשל? דעם קאן מען דאך שוין ניט אוועקגעבן פא זאקאנו?״— „טא,— ענטפערט אים זרח — אזוי ווי איר טענהט, אלץ פא זאקאנו, זענט איר בוודאי זייער גערעכט, ביי א דין־תורה, הייסט עס, אבער מען גיט דווקא אוועק איין און איינציקע ערליכע קליינע קינדערלעך פאר צוועלף יאר, וויל מיט א קינד קאנען זיי מאכן אלע שווינדל״. און פייטל איז נאך מוסיף פון זיין זייט: „איר זאלט זען, מיין פריינד, ווי מען שלעפט פיצלעך קינדערלעך, ווי די חזירים, פון דער מוטערס שויס! דאס רחמנות צעברעכט דאס הארץ! חאטשי אזוינע קינדערלעך, פיציקלעך, וואס מען ווייסט, אז די פריסוטסטווע וועט זיי בוודאי ניט צונעמען, כאפן זיי די לאוושיקעס אויך, דען זיי ווייסן, אז די מוטערס וועלן די העמדער פארקויפן און זיי אוועקגעבן, זיי זאלן אפלאזן זייערע קינדער. ווי קאן מען עס גאר אויסהאלטן, אז מען זעט קליינע קינדערלעך בעטן, דער פאטער און מוטער זאלן זיי בלינד מאכן, אדער עפעס אן אנדער מום מאכן, כדי זיי זאלן פטור ווערן פון שרעקן״... [1]. „יא, — זאגט פייטל ווייטער,—דער ארעמאן איז

1 דער דאזיקער מאטיוו האט דערנאך געפונען אן אפקלאנג אין דעם באוווסטן פאלקסליד:

טרערן גיסן זיך אין די גאסן,
אין קינדערשע בלוט קאן מען זיך וואשן...
קליינע עופעלעך רייסט מען פון חדר,
מען טוט זיי אן יוָנישע קליידער.
אונזערע פרנסים, אונזערע רבנים
העלפן נאך אפצוגעבן זיי פאר יוָנים.
ביי זושע ראקאווער זיינען דא זיבן בנים —
איז פון זיי ניט איינער אין יוָנים,
נאר לאה די אלמנהס איינציקע קינד
איז א כפרה פאר קהלישע זינד.
עס איז א מצוה אפצוגעבן פראסטאקעס —
שוסטער, שניידער זיינען דאך לייטאקעס,
קרעציקע חייציקלעך פון א משפחה א שיינער
טאר ביי אונז ניט אהעקגיין ניט איינער.

תמיד דאָס כפּרה־הינדל; זעט, מײַן פרײַנד, ווי פיל אָבמאַנסטווע קהל מיט די איבעריקע סיפּאַקעס טוען, — מוז דער עולם נאָך ארויסגעבן אַ קווינטאַנציע אַלע יאָר, אַז זיי זײַנען ערליך געווען, און די אָרעמע לײַט, וואָס מען האָט בײַ זיי די הויט אראָפּגעצויגן מיט פאַלשע נתינות און הערכות, די דאָזיקע אָרעמע לײַט מוזן זיך נעביך אַליין נאָך חתמענען אויף דער קווינטאַנציע, און אַז מען דאַרף דערויף שווערן מוזן זיי שווערן אויך".

און זרח לייגט דערבײַ צו זײַנס: „אוי! די ראַזבוינוקעס שפּילן נאָך דערצו אַ פרומע ראָלע; פאַרן אַלע מאָל צו גוטע יידן אויף שבת, לייגן אַלץ אין דער יראה אַרײַן, און בפרט דער גראָשן איז בײַ זיי גרינג, זיי זענען פּונקט ווי די קאַרטעטשניקעס". און ווען דער אורח באַמערקט: „ווי איך זע, איז היא נעביך דאָ זייער פיל געמיינע לײַט; אָרעמע בעלי מלאכות, בעלי בתים, וואָס מוזן שטאַרבן פאַר הונגער!" ענטפערט פייטעל: „וואָס דען מיינט איר? ווער עס איז נעביך איין ערליכער מאַן ליגט אין דער אדמה. וויפיל מיינט איר זײַנען דען גאָר אָט די וואָס בלישצען אין שטאָט? דרײַסיג אָדער פערציג פאַרשוין. דאָס איז דער פּער! דער כלל — ווער עס קאָן זײַן עפּיס אַ טוער אין שטאָט, דער לעבט דערפון, דער איבעריגער עולם — האָריווען, רײַסען קריעה, פאַרדינען נעביך מיט דעם ביטערן שוויס זייער גראָשן. וואָס העלפט עס, זיי מוזען האָריווען אויף פרעמדע ווײַב און קינדער, זייער גאַנץ דאָברע־מזל נעביך געט אַרײַן אין די פערשמאָדערטע נגידים: זיי זויגען זיי אויס טאָג און נאַכט מיט נתינות, מיט די טאַקסעלעך, מיט רעקרוטן־געלד, מיט אָקסן־געלד — השי"ת זאָל זייער רחמנות פאַר זיך נעמען".

און ווײַטער איז פײַטל מוסיף: „אַז עס איז נישט געווען די רעקרוטן, פלעגט אַמאָל קהל דאָס קדחת האָבן אזוי גראָב דעם אָרעמאַן צו באַרײַסן. מען האָט טאַקע פאָרט מורא געהאַט, דער געמיינער עולם פלעגט זיך טאַקע אַמאָל אַרויף חאַפּן אויף זיי און זיי גוט אָפּזידלען, און האָבן זיך טאַקע אַמאָל געקלאָגט פאַר אַ גובערנאַטאָר, דער פּחד איז נישט אזוי גרויס געווען. הײַנט, זינד מען נעמט רעקרוטן, ציטערט נעביך דער געמיינער עולם דאָס מויל צו עפנען. אַ כלל, ער איז גאָר פאַרקויפט באַם עושר ווי איין עבד כנעני, ווי זאָגט איין ערל אַ שפּריכוואָרט: אי ביע, אי פּלאַקאַטי ניע דאַיע" [1].

1 צו דער רעקרוטן־פראַגע קערט זיך לעווינזאָן נאָך אַמאָל אום אין זײַן פּאַמפלעט „תולדות פלוני אלמוני הכזבי", ווו ער שילדערט אין די פינסטערסטע פאַרבן דעם „ראש החוטפים", דעם הויפּט פון די „לאַוטשיקעס" און פון דעם „קהלס

לעווינזאָן געדענקט אָבער זייער גוט, אַז דער רעקרוטן-אוקאַז איז דאָך אַ געשאַנק פון דעם „מלך חסד״; ער איז אויך ניט מסופק אין דעם, אַז זיינע קעגנער, די „באַנדע שטאָט-בעלי-בתים״, וועלן זיין „הפקר וועלט״ פרווון אויסנוצן קעגן אים און געבן אָנצוהערן אין די „הויכע פענסטער״, אַז ער איז אַ „מורד במלכות״. באַוואָרנט זיך לעווינזאָן און לאָזט בייטלען שטעלן די פראַגע: „אַ מער פרעגט אַ קשיא, מיין ליבער ייד, דאַרף מען בעסער, ווי דער קיסר, זאָל מאריך ימים זיין, האָט אַזוי געטראַכט פאַר דעם יושר ביי רעקרוטן נעמען, אַז עס זאָל אַלץ ערליך צו גיין״ [1].

צי האָט ווירקליך לעווינזאָן געדעכנט, אַז ניקאָלאַי האָט מיט זיין אוקאַז פון 1827 „געטראַכט פאַר דעם יושר ביי רעקרוטן נעמען״, אָדער ער האָט עס בלויז לפנים געשריבן, נעמענדיק אין באַטראַכט די דעמאָלטיקע צענזור-צושטאַנדן? עס איז כמעט אויסער ספק, אַז ריכטי-קער איז די ערשטע סברה. לעווינזאָן האָט דאָך, ווי די איבעריקע משכילים פון זיין דור, אין דער רעגירונג געזעען זייער איינציקע שטיצע אין זייער קאַמף פאַר העשׂכלה, די איינציקע מאַכט, וואָס קאָן איבע[...]ען און באַנייען דאָס יידישע לעבן. אַלס איבערצייגטער ראַציאָנאַליסט און

שטיבל״. ער באַשרייבט, ווי דער דאָזיקער קהלס-מאַן „פלעגט די פאַמיליע פונם עושר מיילן אויף צוויי קליינע, כדי פטור צו ווערן פון געבן רעקרוטן, און אָרעמע פאַ-מיליעס פלעגט ער צונויפפאָרן און מאַכן פון זיי איינע אַ גרויסע, כדי צו נעמען פון איר וואָס מער רעקרוטן. האָט אַ נגיד עטליכע דערוואַקסענע זין, רעכנט ער אים צו אַ ווילד פרעמדן אָרעמאַן, וואָס האָט נעבעך איין איינציקן זון און דערצו נאָך אַ קליינינקן,—דאָס קינד מיג נאָך סך-הכל אַלט זיין 8—9 יאָר, דאָך גיט מען דאָס אָרעמע קליינע קינד אָפּ פאַר דעם עושרס דערוואַקסענע זעקס בנים״. דעם דאָזיקן קהל-מאַנס הויז שילדערט ער אויף אַזאַ אופן: „ביתו פתוח לרוחה, הומה מאדם רב, אנשים ונשים יסף מדלת העם, אשר יזעקו בזעקת שבר ותעל שועתם השמימה. פה ילד מר צורח ופה אשה תפרש כפיה, פה זקנה תתעלף, פה זקן בן שמונים שנה נופל ארצה יתמרמר בבכי, ואין זה ראש החוספים קול בוכים לקול עוגב יחשב; ילך בביתו הנה והנה וישחק או ישרוק אל צפריו, או מסב עם בניו ובני ביתו בשלחן למאכל הצהרים או הערב, לקיים מה שנאמר: „והמלך והמן שבו לשתות והעיר שושן נבוכה״.״

1 אויך אין זיין אָקערשט דערמאָנטן פאַמפלעט קעגן „פלוני הכזבי״, בעת לעווינזאָן שילדערט די פינסטערע מעשים פון די קהלס-לייט, האַלט ער פאַר נייטיק דערביי אָנצוווייזן: „ופקודות הטובית של הממשלה ירמסו ברגליהם״.

די „הפקר וועלט״ האָט ביי די דעמאָלטיקע צענזור-צושטאַנדן אין דרוק ניט געקאָנט דערשיינען, זי איז בלויז אין אָפּשריפטן פאַרשפּרייט געוואָרן. צום ערשטן איז די „הפקר-וועלט״ געדרוקט אין שלום-עליכמס „די יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק״, I, 1888, און דערנאָך איינקע מאָל איבערגעדרוקט. מיר באַנוצן זיך מיט דער אויסגאַבע פון 1896.

אידעאליסט איז לעווינזאָן געוועזן זיכער, אַז עס געניגט דער רעגירונג צו געבן צו פאַרשטיין, איר דערקלערן דעם אמתן באַטייט פון דעם יידנטום און וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן, בכדי צו מאַכן פון דער יידישער באַפעלקערונג נוציקע און אויפגעקלערטע בירגער,—וועט דאָס די „ליטוועליגע רעגירונג" געוויס דורכפירן.

עס איז קלאָר, אַז די משכילים האָבן אויף יעדן טריט און שריט געוויס צוגעזען די פינסטערע אומגערעכטיקייטן און גוואַלד-מעשים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם רעאַלן לעבן אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס גרויזאַמע צייטן. זיי האָבן אָבער געפלייסט זיך איינצורעדן, אַז ניט דער קיסר און זיינע מקורבים זיינען אין דעם שולדיק, נאָר די אָרטיקע געלטגיריקע און אומוויסנדיקע קליינע באַאַמטע און טשינאָווניקעס. טיפיש אין דער הינזיכט זיינען פאָלגנדיקע שורות, וואָס לעווינזאָנס תלמיד און פאַרערער, גאָטלאָבער, שרייבט זיינעם אַ באַקאַנטן: „איך וויים זייער גוט, ווי ליבעפול עס זיינען צו אונז געווענדעט די הערצער פון דעם לייטזעליקן קיסר און זיינע גוטע ראַטגעבער; זיי זאָרגן רק וועגן דער טובה פון די בירגער פונם לאַנד, און אַלץ, וואָס זיי נעמען פאָר, באַצוועקן זיי דערמיט רק דאָס נוציקע און גוטע. נאָר ביי זייער גאַנצער גוטסקייט און אָרנטליכקייט זיינען זיי דאָך ניט קיין געטער, וואָס זאָלן גלייך ביים ערשטן בליק שוין קאָנען פעסט באַשטימען, וואָס ס'איז נייטיק און נוציק. דערפאַר באַשטימען זיי אונטער זיך אַלערליי באַאַמטע און רעגירונגסלייט. יענע ווידער טוען אויך קיין זאַך ניט אָן זייערע מיטהעלפער און אָנגעשטעלטע, און וואָס קלענער און נידעריקער די באַאַמטע זיינען, אַלץ שוואַכער ווערט ביי זיי דער דראַנג נאָך אמת און גערעכטיקייט. פיל פון זיי טראַכטן גאָר ניט וועגן יושרדיקן ערפילן די געזעצן און באַפעלן, זיי זאָרגן בלויז וועגן זייער אייגענעם נוצן און אייגענע וויגאָדעס" [1].

ניט ווייניק אַנטוישונגען זיינען אָבער דערביי דעם פאַטריאָטיש געשטימטן לעווינזאָנען פאָרגעשטאַנען. אין נאָוועמבער 1832 ווענדעט זיך לעווינזאָן מיט אַ לאַנגן בריוו דירעקט צו ניקאָלאַי דעם ערשטן וועגן רעפאָרמירן דאָס יידישע שולוועזן און וועגן דערלייכטערן די מעגליכקייט פאַר יידן צו פאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט [2]. ער האָט אויך ניט געהאַלטן פאַר מעגליך צו לאָזן אומבאַרירט

---

1 דעם אָריגינאַל-טעקסט זע ביילאַגע נומ' 7.

2 אין זיין בריוו צו יעקב טוגענדהאָלד פון ט"ז כסלו תקצ"ג (דעצעמבער 1832) שרייבט לעווינזאָן: להקיסר האדיר כתבתי אגרת ואקוה לקבל מהר בעזרת השם איזו תשובה, ושם כתבתי לטובת עמי. גם מודיע לאדוני שהרבה בתי אבות מאור קבלו על עצמם לעבוד עבודת אדמה והרבה כבר נתישבו בכפרים ועובדים אדמתם.

די קאָנטאָניסטן=פּראָגע, און ער וויַזט אָן אויף די אויסערסט שטרענגע און שווערע תּנאָים, אונטער וועלכע מען נעמט רעקרוטן בײַ ייִדן. דערויף האָט ניקאָלאַי געענטפערט מיט אַזאַ רעזאָלוציע: „גיט איבער לעווינזאָנען, אַז די רעקרוטשינאַ בײַ ייִדן באַצוועקט אויסצוראַמען די לײדיקגײערס (уничтожить тунеядцев), וואָס ליגן ווי אַ שווערע משא אויף זײערע אײגענע ברידער״ 1.

נאָך מיט אַ יאָר פריער (אין 1831) האָט דער אומדערמידלעכער קראַנקער לעווינזאָן דערלאַנגט דעם בילדונגס=מיניסטער קאַרל ליוועון אַן אוכפאַנגרײַכן, אין דײַטש געשריבענעם מעמאָראַנדום וועגן רעפאָרמירן די ייִדישע דערציִונגי און גרינדן ייִדישע שולן. אין 1833 האָט לעווינזאָן זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט אַ פּראָיעקט, וואָס האָט בײַ די שפּעטערדיקע קולטור=פאָרשער אַרויסגערופן געוויסע חילוקי דעות, און אײניקע האָבן אין אים געזען אַן אמת „אומגליק=ברענגענדיקן שריט״ (роковой шаг), וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ „טרויעריקע רעטעניש״ 2. דאָס איז דער פּראָיעקט, וואָס לעווינזאָן האָט דערלאַנגט דעם מיניסטער פאַר אינעווייניקסטע ענינים בלודאָוון וועגן פאַרמאַכן אַלע ייִדיש[illegible]רו= קערײַען און עפענען אויף זײער אָרט בלויז דרײַ נײַע, אײנע אין ווילנע און צוויי אין אַנדערע שטעט, ווו עס געפינען זיך ייִדישע צענזאָרן. דער דאָזיקער פּראָיעקט איז ענג פאַרבונדן מיט דעם פאַר דער ייִדישער קולטור=געשיכטע פון 19טן יר״ה אַזוי וויכטיקן אוקאַז פון 1836 וועגן שליסן אַלע ייִדישע דרוקערײַען און אונטערוואַרפן דער שטרענגער ניקאָ= לאַיִשער צענזור אויך אַלע שוין געדרוקטע ייִדישע ספרים. ס׳איז דערפאַר כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם דאָזיקן לעווינזאָנס „אומגליק=ברענגענדיקן שריט״ מער באַריכות.

מיר האָבן שוין פריער געזען, וויפיל מאַטערנישן מנשה איליער און יצחק=בער לעווינזאָן האָבן געהאַט אויסצושטיין בײַם דרוקן זײערע ווערק. די פרומע דרוק=באַזיצער, בפרט די חסידישע, האָבן ניט געוואָלט „פאַרשוועכן״ זײערע וואַרשטאַטן מיט אפּיקורסישע ביכער. צו דער זעל= ביקער צײַט איז דער ייִדישער ביכערמאַרק פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַ געוואַלטיקער צאָל פון די משׂכּילים אַזוי פאַרהאַסטע חסידישע ספרים

ובעזרת השם אנכי הסיבותי את חדבר חזה כנודע להממשלה היקרה וכעדות המכתבים אשר בידי מגדולי ראשי המדינה ומן המיניסטר, ובאגרת אשר זכיתי לכתוב אל הקיר״ה דברתי הרבה מזה, וזה שלשה שבועות אשר שלחתי המכתב הזה (זע: תרביץ, 1934, V, 204).

1 С. Л. Цинберг, Исаак Бер Левинзон, 1900, 66.

2 פערעזשיטאָיע, III, 2, 14.

און אגיטאציאנס־שריפטן, וואס ס'האבן אין די טויזנטער עקזעמפלארן געדרוקט די פילצאליקע ווילנער דרוקן. עס וואלט אבער געווען א טעות צו מיינען, אז בלויז די משכילים האבן זיך פארהאלטן מיט גרויס שנאה צו די ווילנער דרוקן און זייער פראדוקציע. ניט וויניקער פארדרוס האבן זיי ארויסגערופן אויך אין די מתנגדיש־לומדישע קרייזן. פיל רבנים און לומדים האבן מיט גרויס רוגזה אנגעוויזן דערויף, וואס די ווילנער דרוקעריען (סלאוועטער, סעדילקאווער און אנדערע) דערלויבן זיך ביים איבערדרוקן די ווערק פון אנגעזעענע אויטאריטעטן, ווי, למשל, די שו"ת פון דעם רדב"ז (ר' דוד בן זמרה) און פון בצלאל אשכנזי, ארויסצוווארפן גאנצע סימנים און פאראגראפן. זיי פלעגן דערפאר ווארענען, אז מען טאר זיך ניט באנוצן מיט די „ספרי ראשונים" פון די ווילנער דרוקעריען, ביז מען פארגלייכט זיי ניט מיט פריערדיקע אויסגאבן [1]. א גרויסע פארביטערונג האט ארויסגערופן אין די ליטווישע לומדישע קרייזן, וואס די סלאוועטער דרוקער, די באקאנטע ברידער שפירא, האבן זיך אפגעזאגט צו דרוקן אין זייער תלמוד־אויסגאבע (1817—1822) דעם ווילנער גאונס הגהות אויף ש"ס. די דאזיקע אומצופרידנקייט האט אפילו סוף כל סוף געבראכט צו א גרויסן קאנפליקט, וואס האט בשעתו אויפגערודערט די גאנצע רבנישע וועלט. בעת די סלאוועטער דרוקער האבן אין אנפאנג 30ער יארן געמאכט פארברייטונגען צוצוטרעטן צו א נייער תלמוד־אויסגאבע, זיינען זיי געווארן, אז דער ווילנער דרוקער ראם וויל ווערן זייער „משיג גבול" און אויך איבערדרוקן גאנץ תלמוד בבלי. דאס האט ארויסגערופן אן עקשנותדיקן קאמף צווישן די סלאוועטער און ווילנער דרוקער, אין וועלכן עס האבן פון ביידע צדדים אנטיילגענומען איבער הונדערט רבנים [2]. עס איז קלאר, אז דער דאזיקער קאנפליקט איז פאקטיש געווען א דירעקטער פועל יוצא פון דער לאנגיאריקער אומצופרידנקייט, וואס ס'האט געהערשט אין די לומדיש־מתנגדישע קרייזן צו די חסידישע ווילנער דרוקער. עס איז אויסער ספק, אז ביידע צדדים האבן, ווי בשעת דעם רעליגיעזן קאמף אין סוף 18טן יר"ה, זיך ניט באנוגנט בלויז מיט דין־תורות און התראות, נאר פלעגן אויך ניט זעלטן מיט זייערע טענות זיך ווענדן צו „נאטשאלסטווא". דערמיט איז ווארשיינליך צו דערקלערן, וואס אין 1827 האט דער קיסר ניקאלאי זיך פלוצלינג פאראינטערעסירט מיט די יידישע דרוקעריען און

1 זע קרית ספר, XI, 100—101.

2 וועגן דעם דאזיקן קאמף זע; מגיד־שטיינשניידער, עיר ווילנא, 21—26.

געפאָדערט פון דעם בילדונגס־מיניסטעריום אין משך פון צוויי טעג אים צושטעלן ידיעות וועגן דער צאָל פון יידישע דרוקערייען, מיט דער אָנ־ווייזונג, לויט וועמעס דערלויבעניש זיי זיינען געגרינדעט געוואָרן. דאָס מיניסטעריום האָט צונויפגעשטעלט די נייטיקע ידיעות אויפן גרונד פון די „זאפּיסקעס״, וואָס עס האָבן מיט עטליכע יאָר פריער דערלאַנגט צוויי משומדים: דער אויבן שוין דערמאָנטער זאַנדבערג [1] און פּאָדעללאַ. אין די דאָזיקע צוויי מעלדונגען זיינען אויסגערעכנט בערך צוואַנציק יידישע דרוקערייען. זאַנדבערג ווייזט דערביי אָן, אַז די יידישע דרוקערייען מאַכן גאַנץ גוטע געשעפטן; איניקע פון זיי דרוקן יערליך ביכער אויף אַ סכום פון הונדערט טויזנט רובל, אַנדערע פאַר צען טויזנט רובל. אָנ־דערע ווידער, אין זאַנדבערג מוסיף, בעת זיי האָבן ציטווייליק קיין אַר־בעט ניט, טראַכטן זיי צו אַליין, אָדער זיי ווענדן זיך צו אַנדערע מחברים, זיי זאָלן געבן דרוקן וואָסערע־ס׳איז ווערק, זאָל זיין אפילו נאַ־רישע און משונה־ווילדע, אַבי עס זאָל אין זיי זיין הלצה, באַהאַלטענער שפּאָט און ביטול בנוגע אַנדערע אמונות. אַזוינע ביכער דערוועקן ביי דער יוגנט שנאה צום קריסטליכן פאָטערלאַנד און אומטריישקייט צו דער רעגירונג״ [2].

אויס אַ סעקרעט־מעלדונג פון דעם בילדונגס־מיניסטער אוּוואַראָוו ווערן מיר געוואָר, אַז אין אָנפאַנג 1828 איז פאַרבאָטן געוואָרן די אין 1826 דערשינענע אָפּטערער אויסגאַבע פון „שבחי עץ חיים״ און עס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ רייסטער פון נאָך 50 יידישע ווערק, וואָס דאַרפן פאַרבאָטן ווערן. און גלייך נאָכדעם (אין מאַרט 1828) איז דער־שינען אַ קייזערליכער באַפעל צו קאָנפיסקירן אַלע שעדליכע יידישע ביכער [3]. אין 1831 האָט דער משכיל וואָלף טוגענדהאָלד, וואָס איז געווען יידישער צענזאָר אין ווילנע, דערלאַנגט אַ מעלדונג דעם בילדונגס־מיניסטער, אַז ביי די יידן אין רוסלאַנד צירקולירן פיל חסידישע ביכער, וואָס זיינען געדרוקט אָן דער צענזור־דערלויבעניש. ער טרעט דערביי אַרויס מיט אַ גאַנצן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די וואָלינער און פּאָדאָליער דרוקערייען. „אין די דאָזיקע דרוקערייען, — דערקלערט טוגענדהאָלד, — איז נאָך קיין איין נוצליך בוך ניט געדרוקט געוואָרן. דאָס זיינען אמתע נעסטן פון קאַבאַליסטישע און מיסטישע ווערק. דער־פאַר זיינען די יידן, וואָס וווינען אין די דאָזיקע גובערניעס, אָפּגעשטאַ־

1 С. Боровой, Нариси з історії еврейскоі книгі на україні, II (1926)

2 זע י. העסען, יעווראעיסקאיא סטארינא, 1909, II, 251—255.

3 זע „וואָסכאָד״, 1903, VI, 136.

נען אין זייער גײַסטיקער אנטוויקלונג אויף גאנצע יארהונדערטער פון זייערע גלויבנסברידער, וואס וווינען אין אנדערע מדינות" [1].

אין 1833, דערציילט לעווינזאן, האט זיך צו אים געווענדעט דער קיעווער פראפעסאר סאוויצקי מיט דער אנפראגע, צי איז דאס אמת, אז אין די ייִדישע דרוקערײַען דרוקן זיך פיל ייִדישע ביכער אן דער צענזור-דערלויבעניש און צווישן זיי א סך שעדליכע. [2] אויפן ערשטן קוק שײַנט עס וויניק באגרײַפליך, אויס וואס פאר א סיבה א רוסישער פראפעסאר האט זיך פלוצלינג פאראינטערעסירט מיט ייִדישע דרוקערײַען. קלארער ווערט דער ענין, בעת מען באקענט זיך מיט בלוראווס סעקרעטן בריוו פון דעם 19טן יאנואר 1834, וואס ער האט געשיקט אוווראווון. דארט ווערט דערציילט, אז סאוויצקי, צוזאמען מיט צוויי ייִדן, מעקעל און בערענשטיין, האבן פארגעלייגט דעם מיניסטער פאר אינערליכע ענינים א פראיעקט, ווי אזוי צו באקעמפן די פארשפרייטונג פון שעדליכע חסידישע ביכער: אויפן שטרענגסטן אופן איבערקוקן דורך ספעציעלע קאמיסארן אלע ביכער, וואס געפינען זיך בײַ די ייִדן אין די הענט און זײַנען ביז איצט געדרוקט געווארן אין רוסלאנד און פוילן; ארויס-טיילן פון זיי די ניט-חסידישע ביכער, און אלע איבעריקע אן אויסנאם פארטיליקן און שטרענג באשטראפן די, וואס וועלן זיך דערלויבן באהאלטן בײַ זיך אזעלכע ביכער. פארמאכן אלע ייִדישע דרוקן און דערלויבן צו עפענען ניט מער ווי דרײַ דרוקן, און ארויסגעבן דערויף געוויסע אונטערנעמער א פריווילעגיע אויף 15 יאר. [3]

די צוויי ייִדן האבן מיט זייער פראיעקט פשוט געמיינט „ביזנעס": זיי האבן געהאפט, אז די פריווילעגיע אויף די נײַע דריי דרוקערײַען וועלן זיי ביידע באקומען און מאכן אלס מאנאפאליסטן א גאנץ גוט געשעפט [4]. לֵיתֵר תוקף, זייער פראיעקט זאל מער אויסנעמען בײַ דער „נאטשאלסטווא", האבן זיי צוגעצויגן דעם געלערנטן פראפעסאר, ווארשײַנליך אויך ניט „שלא על מנת לקבל פרס"... *

אדאנק די דאזיקע פראיעקטן, האבן זיך צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ פארשפרייט קלאנגען, אז אינגיכן וועלן אלע חסידישע אויסגאבן פארבאטן ווערן. „ווי שטייט עס — פרעגט יוסף פערל אין

1 זע ש. בארא‎חאי, ציט. ארבעט, 9—10, אין „וואסכאד", 1903, VI, 131—132.

2 שרשי לבנון, 295.

3 „וואסכאד", 1903, VI, 131.

4 זע ייִדיש-רוסישע ענציקלאפעדיע, XV, 799.

* אן געצאלט.

זיין בריוו פון 1833 ביי לעווינזאָנען — מיט דעם אוקאז וועגן הספרים של חסידים אשר כפי הנשמע יבערו מן העולם?״ [1] דעמאָלט איז אויך לעווינזאָן ארויסגעטראָטן. „נאָכדעם, — דערציילט לעווינזאָן אין זיין בריוו צו איינעם פון די רבנים, וואָס מען האָט אין 1836 באַפולמעכטיקט צו צענזורירן די געדרוקטע ייִדישע ספרים [2], — ווי איך האָב באַקומען די אָנפראגע פון סאַוויצקין, האָב איך פחד געקראָגן, אַז עס קאָן דערפון חלילה ארויסקומען אַ גרויסער שאָדן פאַר אַלע ייִדישע דרוקעריין און ייִדישע ספרים (קלקול עצום לכל הדפוסים העברים וספרים העברים). איך האָב דערפאַר דעם 20טן יולי 1833 צוגעשטעלט דעם מיניסטער בלודאָוו אַ פּראָיעקט, עס זאָלן זיין ניט מער ווי דריי ייִדישע דרוקעריין, איינע אין ווילנע און נאָך צוויי אין אַזוינע ערטער, ווו עס איז פאַראַן אַ צענזור. אויך האָב איך דעם מיניסטער צוגעשיקט אַ גרויסע רשימה פון אַלטע און נייע ספרים מיט דער אָנווייזונג, וועלכע זיינען ראוי און נייטיק, מען זאָל זיי איבערדרוקן: הן ספרי תפילות, הן פירושים אויף תנ״ך און תלמוד און אויך ספרי הפוסקים פון די ראשונים און אחרונים, ספרי החכמות והדקדוק און ספרי מדות און מוסר, אויך נייטיקע און נוצליכע לערן-ביכער פאַר קינדער, און די ביכער, וואָס ס׳לייענען גערן די אָרעמע מאַסע און די פרויען. דאָס אַלץ האָב איך מיט אַלע פּרטים דערקלערט, האָב אָנגעוויזן אויף די גרויסע מעלות פון די דאָזיקע ספרים, זייער גרויסן ווערט און מאָראַלישן באַטייט און חשיבות פון זייערע פאַרפאַסערס... מיין כוונה איז אויסשליסליך געווען די טובה פון אונזערע ייִדישע ברידער און דעם וואָלשטאַנד פון אונזער רעגירונג. עס איז אָבער לאַנג וועגן דעם צו ריידן און ניט דאָ איז דער אָרט. גאָט איז מיין עדות, אַז זינט איך בין אַ רייפער מענטש געוואָרן, האָב איך אַלע מיינע כוחות אָפּגעגעבן נוצן צו ברענגען אונזערע ברידער אין רוסלאַנד. מיין איינציקער ציל איז צו דערהייבן דעם כבוד פון אונזער פאָלק, פון אונזער הייליקער תורה און פון די ווערק פון אונזערע חכמים, באַשיצן פאַר יעדן שאָדן, און אָפּוועגדן פון אונז און פון אונזערע חכמים ז״ל אַלע פאַלשע באַשולדיקונגען״.

עס איז אויסער ספק, אַז אין רייסטער פון נוצליכע און צום איבערדרוקן געוווּנטשענע ספרים, וואָס לעווינזאָן האָט צוגעשטעלט דעם

[1] באר יצחק, 41.

[2] שרשי לבנון, 1842, 295. מער באריכות וועגן דעם דאָזיקן בריוו און לעווינזאָנס טרעומות אויף די רבנים-צענזאָרן, וואָס האָבן אויס אומזיסן פיל ספרים פאַרדאָרבן דורך זייער אומגעלומפּערטער צענזור — זע אונזער אַרבעט אין „יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ״, 1910 „Исаак Бер Левинзон и его время“.

מיניסטער, האָט זיך ניט געפונען קיין איין ווערק פון דער אים אַזוי פאַרהאַסטער חסידישער ליטעראַטור. דערפאַר אָבער האָבן זיך דאָרט געפונען אין אַ באַרײַטנדיקער צאָל אַזוינע ביכער, וואָס לעווינזאָן האָט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר זייער גורל, און מיט אַלע כוחות זיך געפּלייסט זיי צו באַשיצן. לעווינזאָן האָט דאָך זייער גוט געוווּסט, מיט וואָסער ביטול אַ געוויסער סאָרט משכּילים, ווי, אַשטײַגער, הירש בער הורוויץ און דער גאַליציאַנער יהודה ליב מיזעס, פאַרהאַלטן זיך צו די פּוסקים און אַפילו צום תּלמוד. עס איז אים אויך געווען באַקאַנט אַן אַנדער קאַטעגאָריע „אויפגעקלערטע", וועגן וועלכע ער רעדט מיט אַזאַ פאַרביטערונג אין זײַן „בית יהודה" 1 ווי וועגן מענטשן „בני בלי שם חסרי מדע", וואָס רעכענען זיך פאַר משכּילים דערפאַר, וואָס זיי האָבן גענאַשט אויפן שפּיץ מעסער אייניקע דײַטשע און פראַנצויזישע פּראָזן, האַלטן זיך פאַר גאַנצע פילאָזאָפן, שפּאָטן אָפּ פון דעם יידישן דת, דערקלערן אים פאַר לויטער אָבערגלויבן און מאַכן זיך גרויס מיט זייערע נידערטרעכטיקע מעשים (מעשיהם המקולקלים והמתועבים).

מען דאַרף דערבײַ אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז אין 1827, אין איין צײַט מיט דעם רעקרוטן־אוקאַז, איז דערשינען אַן אַנדער אוקאַז, וואָס האָט געהאַט אַ געוויסן עקאָנאָמישן און אויך קולטורעלן באַטײַט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז די רעפאָרם פון „אָטקופּן", הו[illegible]ע דעם רעכט פון ספּירט־פאַרקויף אין לאַנד. די דאָזיקע רעפאָרם האָט געשאַפן בײַ יידן אַ נײַע, האַלב־פּריווילעגירטע קאַטעגאָריע, די אַזוי גערופענע „אָטקופּשטשיקעס" און „אַקציזניקעס" (אַרענדאַטאָרן פון בראַנפן־פאַרקויף און די בײַ זיי אָנגעשטעלטע). בײַ גאַנץ גינסטיקע מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין שטענדיקער קרבֿות מיט נאַטשאַלסטוואָ, האָבן די אַקציזניקעס פאַרנומען אין דער קהילה אַ גאַנץ אומאָפּהענגיקע לאַגע. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן די אַלט־פרענקישע טראַכט און געטראָגן אייראָפּעיִשע קליידונג, מער־ווייניק די לאַנד־שפּראַך באַהערשט און זיך דערלויבט עובר צו זײַן אויף געוויסע רעליגיעזע מנהגים 2.

---

1 דאָרסן, 320—321. וועגן די אויפן שפּיץ מעסער „אויפגעקלערטע" און וועגן דער „השכלה המזויפה" דערמאָנט לעווינזאָן אָפּט אין זײַנע בריוו.

2 די דאָזיקע התנהגות פון די „אַקציזניקעס" האָט געפונען אַ געוויסן אָפּקלאַנג אין דעם פאָלקס־שאַפן. באַקאַנט איז דאָס פאָלקסליד וועגן די „אַקציזנע לײַט":

די אַקציזנע לײַט
זײַנען, זײַנען זייער פאַרשײַט,
גאָלן די בערדעלעך
און פאָרן אויף פערדעלעך,
גייען אין די גאַסן
און פרעסן אומגעוואַשן (זע מאַרעק—גינזבורגס זאַמלבוך, 54).

אויך די דאָזיקע האַלב־געבילדעטע, די פון דער קולטור גאַנץ אויבנ־אויפנדיק־באַלעקטע משׂכּילים פלעגן קומען צו „נאַטשאַלסטווע״ מיט זייערע „אויפקלערונגס״־פּראָיעקטן, שוין ניט ריידנדיק וועגן אַזעלכע „זאַכ־פאַרשטענדיקע״, ווי די משומדים זאַנדבערג און פּאָדעללאָ, וואָס זיי פלעגן באַזאָרגן דאָס בילדונגס־מיניסטעריום מיט די נייטיקע ידיעות וועגן יידישע ענינים...

מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, אַז ביי לעווינזאָנען איז דער חסידיזם געווען פאַרהאַסט ניט אַזוי פאַר זיין „אָבערגלויבן״ און שׂנאה צו וועלטליכן וויסן, ווי דער עיקר דערפאַר, וואָס ער האָט פּאַראַליזירט דעם ווילן פון פאָלק, דערווייטערט עס פון פּראָדוקטיווער אַרבעט און געשטאַרקט אין אים דעם בלינדן בטחון אין דער הילף פונם צדיק, וואָס איז משפיע „חיי, בני ומזוני״ (געזונט, קינדער און פּרנסה). און דאָס דערווייטערן זיך פון פּראָדוקטיווער אַרבעט איז טאַקע, לויט לעווינזאָנס פעסטער איבערצייגונג, די הויפּט־סיבה, וואָס די רעגירונג און די אַרו־מיקע באַפעלקערונג קוקט מיט אַזאַ חשד אויף די יידן און קאָן זיי ניט אָנערקענען אַלס נוצליכע בירגער. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט לעווינזאָנס זייער אינטערעסאַנטער, שוין אויבן ציטירטער בריוו פון דעצעמבער 1832 צום משׂכּיל יעקב טוגענדהאָלד, וואָס איז געווען צענזאָר פון יידישע ספרים אין וואַרשע [1]. גראָד דעמאָלט איז אונטערגעגאַנגען דער „בכּורי העתים״; דער „כרם חמד״ איז נאָך ניט דערשינען,—מעלדעט לעווינזאָן טוגענדהאָלדן וועגן אַ נייעם יערליכן זאַמלבוך „ציון״ [2].

דער ערשטער באַנד איז ביי אים כּמעט שוין פאַרטיק צום דרוק. ער ווייזט אָבער דערביי אָן, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן עפּעס מער, ווי גרינדן אַ וויסנשאַפטליכע צייטשריפט. איך מעלד אייך, — שרייבט לעווינזאָן, — אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן גרינדן אַ משׂכּילים־פאַרבאַנד (חברת משׂכּילים), וואָס שטעלט זיך די אויפגאַבע צו שטיצן די „אנשי החכמה ודורשיה״ און פאַרשפּרייטן וואָס מער וויסן. „ביז וואַנען וועלן מיר צוזעען, ווי די כּת החסידים זיינען ענג פאַרבונדן איינס מיטן אַנדערן מיט אַ פעסטן פאַרבאַנד (בקשר אמיץ), זיי העלפן אויס

1 דעם בריוו האָט צום ערשטן פאַרעפנטליכט ד. וויינריב אין „תרביץ״, V, (1934), 199—207).

2 יעדע זאַמלונג האָט געזאָלט באַשטיין פון פינף דרוק־בויגן. אויסער העברעיִשע אַרבעטן האָבן דאָרטן אויך טיילווייז געזאָלט געדרוקט ווערן אַרטיקלען אויף אַנדערע שפּראַכן (רובה יהיה לשון קודש ומעט ממנה לשון אשכנזית, רוסיא ופולאניה).

איינער דעם אנדערן און דערגרייכן אדאנק דעם זייער נאַרישן צוועק, צו וועלכן זיי שטרעבן, און זיי זײַנען עס פון אויבן (וידם על העליונה). און אנשי שלומינו (ד״ה, די משכּילים),—זיי זײַנען שוואך און אָרעם. און שולדיק אין דעם איז טאַקע נאָר דער פּירוד הלבבות, וואָס מיר קאָנען זיך ניט צונויפרײידן און האַלטן ניט פעסט צוזאַמען. מיר דאַרפן אָבער אין אונזער פאַרבאַנד אַרײַננעמען מענטשן, וואָס זײַנען ניט בלויז אוהבי החכמה, נאָר אויך מאָראַליש ריינע מענטשן, בעלי יושר וצדק. די מיטגלידער פון דעם דאָזיקן ווערטפולן פאַרבאַנד דאַרפן העלפן איינער דעם אנדערן און זאָרגן לטובת הכלל, בכדי צו געפינען חן און לייטזעליקייט בײַ אנדערע אין די אויגן, בפרט אין די אויגן פון אונזער קיסר מיט זײַנע שרים און אין די אויגן פון דעם פאָלק, צווישן וועלכע מיר וווינען. וואָרום זיי אַלע ווילן דאָך גערן גוטס טאָן אונזער פאָלק און ווינטשן אים גליק. רק די נאַרישע חסידים,—זיי זײַנען עס גורם מיט זייערע שלעכטע און פאַלשע מעשים (במעשיהם הרעים והנפתלים) די שנאת המדינה. וואָרום גאָט ווייס און יעדער פאַרשטענדיקער צווישן אונז ווייס, ווי זייער מיר ווינטשן דערוואַרבן דעם קיסרס ליבע און די ליבע פונם לאַנד, און אַז מיר זײַנען מיטן גאַנצן האַרצן גרייט געטרײַ צו דינען דעם קיסר און ווינטשן גליק אים און אַלע, וואָס האַלטן מיט אים. די רעגי־רונג וואָלט געוויס אויך אונז געצאָלט מיט חסד און ליבע, ווען ניט די דאָזיקע טפּשים צווישן די חסידים, וואָס טוען אונז (דאָס ייִדישע פאָלק) אַזוי דערווײַטערן מיט זייערע נאַרישקייטן (בהמון סכלותם).

„איר דאַרפט וויסן, — ווײַזט לעווינזאָן אָן, — אַז אויך די באַ־וווּסטע הויפּטפירער פון די גאַליציאַנער השכּלה (גם ראשי החכמים שבגליציע המפורסמים) שטיצן אונז מיט, און אויב צווישן די מאָראַליש ריינע משכּילים וועט זײַן אמתע ליבע און ברודערשאַפט, — גוואַלטיק גרויס וועט זײַן די הילף, וואָס דאָס פאָלק ישראל וועט דורך דעם באַקומען". אָבער, — חזרט דערבײַ לעווינזאָן איבער, — מען דאַרף דערבײַ זייער און זייער מדקדק זײַן, מען זאָל אין דעם פאַרבאַנד ניט אַרײַננעמען יעדערן, וואָס זעט בלויז אויס ווי אַ משכּיל (הנראה למשכּיל), וואָרום עס זײַנען פאַראַן אַזוינע, וואָס זיינען טאַקע זייער געניט אין שפּראַך און אין וויסנשאַפטן, און דאָך זיינען זיי טויזנט מאָל ערגער פון איינעם מכּת החסידים, וואָס קען אפילו ניט לייענען אויף פּשוט מאַמע־לשון.

דעם דאָזיקן „משכּילים־פאַרבאַנד" האָט לעווינזאָן פּראָיעקטירט אַלס געהיימען אָרדען, וואָס זײַנע צילן האָבן באַדאַרפט בלײַבן פאַרבאָרגן ניט בלויז פאַר די, וואָס האָבן זיך אונטערגעצייכנט אויף דער יאָרזאַמ־לונג „ציון", נאָר אפילו פאַר אַ טייל פון זײַנע מיטאַרבעטער. „אך בני

עליה המעטים ידעו את תכליתה״, — שרײַבט לעווינזאָן, — בלויז די ווייניק אויסדערוויילטע דאַרפן וויסן וועגן איר ענדציל.

פון דער יאָרזאַמלונג „ציון״ [1], ווי אויך פון דעם משכּילים־פאַרבאַנד איז גאָרנישט געוואָרן. דערפאַר אָבער האָט לעווינזאָן מיט אומדערמידלעכן פלײַס געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן דעם אַנדערן פּונקט, וואָס ווערט באַרירט אין זײַן בריוו צו טוגענדהאָלדן און פאַרנעמט אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ אין זײַנע אויבן ציטירטע רעפאָרם־פּראָגראַם, — צו באַשעפטיקן אַ באַ־דײַטנדיקן טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג מיט ערדאַרבעט. ער האָט, ווי מיר וויסן, געשריבן וועגן דעם אין זײַן בריוו צו ניקאָלײַען סוף 1832, און אין אייניקע חדשים אַרום האָט ער צעשיקט אַגיטאַציאָנס־בריוו אין פיל ייִדישע קהילות, מען זאָל זיך נעמען צו ערדאַרבעט און גרינדן ייִדישע קאָלאָניעס. אַדאַנק זײַן אַגיטאַציע אין זײַן אייגענער געבורטס־שטאָט, האָבן אין 1834 צוויי־און־פופציק קרעמעניצער ייִדישע פאַמיליעס אָנגענומען דעם באַשלוס צו בעטן בײַ דער רעגירונג, זי זאָל זיי אויסטייל ערד צו באַאַרבעטן אין כערסאָנער גובערניע. מיט צופרידנקייט דערציילט לעווינזאָן אין „בית יהודה״ [2], ווי די דאָזיקע פאַמיליעס האָבן אים, לעווינזאָנען, באַפולמעכטיקט, ער זאָל זיך אין זייער נאָמען ווענדן צו די באַטרעפנדיקע אינסטאַנצן, און ווי אַזוי די רעגירונג האָט אײַנגעוויי־ליקט צו דערלויבן די אַלע פאַמיליעס, זיי זאָלן אין כערסאָנער גובערניע גרינדן אַ קאָלאָניע [3].

לעווינזאָן ווײַזט דערבײַ אָן, אַז ער האָט וועגן דעם דאָזיקן ענין דערהאַלטן פון דעם סטאַטס־סעקרעטאַר לאַנגינאָוו אַן אייגנהענטיקן בריוו, וואָס „איז בײַ אים ליבער פון די טײַערסטע זאַכן״ (היקר בעיני מכּל חמדה). וועגן לעווינזאָנס חשיבות בײַ „נאַטשאַלסטוואָ״ האָבן צירקולירט גאַנצע לעגענדן. לעווינזאָנס תּלמיד און פאַרערער, דער באַוווּסטער השׂכּלה־טוער א. ב. גאָטלאָבער, דערציילט אַלס עדות־ראיה וועגן אַן אייגנהענטיקן בריוו, וואָס ניקאָלײַ זאָל האָבן געשיקט לעווינזאָנען [4]. לעווינזאָן גופא פלעגט אויך אויס ריין סטראַטעגישע טעמים, בכּדי די קעגנער

---

1 ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן איז אויך לעווינזאָנס אַ שפּעטערדיקער (1843) פּראָיעקט אַרויסצוגעבן צוזאַמען מיט ערטערן און אייניקע אַנדערע גאַליציאַנער משכּילים אַ חודש־זשורנאַל (זע ספר הזכרונות, 70).

2 בית־יהודה, 353.

3 די אַלע בײַ לעווינזאָנען דערמאָנטע דאָקומענטן זײַנען פאַרעפנטלעכט אין „העבר״, 1918, I, 185—190. עס איז אָבער אַ גרויסער ספק, צי איז דער ענין ווירקלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן (זע וועגן דעם באָראָכאָװס ציטירטע ווערק, 133).

4 זע ספר הזכרונות, 4—143.

זאלן מורא האבן קענן אים ארויסצוטרעטן, אפט אונטערשטרייכן זיין חשיבות ביי אנגעזעענע באאמטע און שררות. אמת, ניט אלץ איז טאקע געווען בלויז לעגענדע. מיר האבן שוין געזעען, ווי אין 1828 איז לעווינזאן לויט דעם „אלערהעכסטן באפעל" באשאנקען געווארן מיט טויזנט רובל פאר זיין ווערק, וואס דערוועקט „די מאראלישע באנייונג פונם יידישן פאלק". עס איז אויך אויסער ספק, אז לעווינזאן האט דערוועקט גרויס אינ־טערעס ביי געבילדעטע רוסישע אנגעזעענע באאמטע, וואס האבן געוווסט בלויז פון יידישע פאקטארן, הענדלער און ווילדע פאנאטיקער, און פלוצלינג דערוויסן זיי זיך, אז אין א פארווארפענעם שטעטל, אין אן ארימער באלופע וווינט א ייד, וואס שרייבט און רעדט געלויפיק דייטש און לאטיין און באזיצט ברייטע און פילזייטיקע ידיעות אין די פארשיידענע בראנשן פון הומאניטארן וויסן. וועמען פון די אנגעזעענע באאמטע עס איז אויסגעקומען פארבייצופארן קרעמעניץ, פלעגט ער מיט אינטערעס באזוכן לעווינזאנען, זען מיט אייגענע אויגן די דאזיקע אויסטערלישע דערשיינונג. דער גראף דימיטרי טאלסטאי, דער שפעטער אזוי טרויעריק באקאנטער מיניסטער, האט אפילו געהאלטן פאר נייטיק אויפצוצייכענען דאס בילד פון דעם קראנקן „אוטשאני יעווריי", וואס וווינט אין קרע־מעניץ ביי אזוינע קלאגעדיק־ארימע צושטאנדן, און האט דערנאך פרע־זענטירט דאס דאזיקע בילד דער גרויספירשטין מאריא ניקאלאיעוונא 1.

לעווינזאן שטרייכט אבער ניט אומזיסט אונטער אין זיין אויבן ציטירטן בריוו, אז זיין „איינציקער ציל איז צו דערהייבן דעם כבוד פון אונזער פאלק, פון אונזער הייליקער תורה און פון די ווערק פון אונזערע חכמים, באשיצן פאר יעדן שאדן און אפוועגדן פון אונזערע חכמים אלע פאלשע באשולדיקונגען" (זע אויבן, ז' 84). דאס האט ער ווירקליך לויט זיינע כוחות און זיינע מעגליכקייטן מקיים געווען, און דורך דעם טאקע האט ער געמוזט דערוועקן חשד און געוויסע אומצופרידנקייט ביי ניקאלאיען און זיינע מיטהעלפער.

מיר האבן שוין אויבן אנגעוויזן, ווי אפילו אזא ליבעראלער מאן, ווי א. טשארטאריסקי, איז געווען פעסט איבערצייגט, אז „עס קאן גאר ניט געמאלט זיין פאר וועלכן־ס'איז אייראפעישן פאלק קיין שום אנדער קולטור און בילדונג, ווי נאר אין גייסט פון קריסטליכער מאראל", און אז צו „אמתער בילדונג" קאנען יידן דערגרייכן ערשט דעמאלט, ווען „זיי וועלן אויפנעמען די מאראל פון דער קריסטליכער רעליגיע". אין דעם מאניפעסט פון 24טן דעקאבער 1817 בנוגע די ענינים פון דעם

1 אגרות ריב"ל, 8; ספר הזכרונות, 144.

בילדונגס-מיניסטעריום ווערט באזונדער אונטערגעשטראכן, אז דער יסוד פון אמתער בילדונג דארף זיין קריסטליכע פרומקייט (христианское благочестие). דער מיניסטער בלודאוו איז געווען פעסט איבערצייגט, אז דער יידישער גלויבן, וואס שטיצט זיך דערהויפט אויף דער „ווילד נארישער" (нелепое) לערע פונם תלמוד, איז לויט זיין גייסט דערווידער דער קריסטליכער געזעלשאפט און דערפאר איז ער שטענדיק מער-ווייניק שעדליך. די דאזיקע ארויסגעזאגטע מיינונג האט באקומען ניקאלאי דעם ערשטנס „אלערהעכסטע" הסכמה 1. ניקאלאי האט בכלל געקוקט אויף אמונה-פראגן פון ריין פאליצייישן שטאנדפונקט. זיין אידעאל איז דאך געווען צו מאכן פון דעם גאנצן ריזיקן רוסלאנד איין גרויסע קאזארמע, ווו אלע איינוווינער זאלן זיין אויסדרעסירטע אווטאמאטן: זייער גאנץ לעבן, אלע זייערע געדאנקען, פארערונגען און פארלאנגען דארפן זיין שטרענג רעגלאמענטירט, פעסט באשטימט לויט דעם באפעל און דיקטירונג פון „נאטשאלסטוואָ", פון דער מלוכה-מאכט. אויך דער גלויבן דארף זיין א „קאזיאָנע", דארף דינען דעם ניוועלירונגס-פרינציפ, אלע זאלן גלויבן לויט איין נוסח, אויף איינעם און דעם זעלביקן שטייגער, ווי די מלוכה-מאכט באפעלט. די יידישע באפעלקערונג מיט איר גלויבן, מיט איר גאנצן לעבנס-שטייגער און אויסערן אויסזען האט זיך אבער געפונען אין שרייענדיקער כתירה מיט ניקאלאים ניוועלירונגס-סיסטעם. ער האט אין דעם געזען א חוצפה, „ווידערשפעניקייט", און איז געווען פעסט איבער-צייגט, אז שולדיק אין דעם זיינען דער יידישער „פאלשער גלויבן" (лжеучение) מיט דעם „ווילדנארישן" תלמוד.

לעווינזאן האט זיך אבער געשטעלט די אויפגאבע—„אפווענדן פון אונזערע חכמים אלע פאלשע באשולדיקונגען". ער האט איינגפעסט געגלויבט אין דער איבערצייגנדיקער מאכט פון אפאלאגעטיק. אין דער זעלביקער צייט, ווען לעווינזאן האט אגיטירט צווישן די קרעמעניצער יידן צו גרינדן א קאלאניע אין כערסאן, איז אין אן אנדערער וואלינער קהילה (אין זאסלאוו) א גרויס אומגליק געשעען: אויפגעלעבט האט דארט דאס מיטלאלטערליכע בלוטיקע געשפענסט — עלילת דם. פיל אנגעזעענע קהילה-מיטגלידער האט מען אין תפיסה איינגעזעצט און די גאנצע קהילה האט אין גרויס שרעק געלעבט. האט מען זיך אין דער גרויסער נויט געווענדעט צו לעווינזאנען, ער זאל ביי דער רעגירונג זיך משתדל זיין פאר די אומשולדיקע ארעסטירטע און פארפאסן א ספעציעל ווערק, ווו ער זאל קלאר דערווייזן, אז די בלוט-באשולדיקונג האט קיין שום יסוד

1 זע בעראטאים ציטירטע ארבעט, 7.

ניט. לעווינזאן האט געטריי ערפילט דעם דאזיקן פארשלאג. ער האט אוועקגעלייגט אלע זיינע אנדערע ליטעראַרישע ארבעטן, מיט אומדערמידלעכן פלייס געזאמלט די צו דער דאזיקער פראגע נייטיקע היסטארישע דאקומענטן און דעקרעטן, און אין 1834 איז שוין געווען פארטיק זיין פארטיידיקונגס-שריפט „אפס דמים". דאס ווערק איז געשריבן אין דער אלטמאדישער פארם פון א וויכוח צווישן דעם פאטריארך פון דער פראוואסלאווגער קירך אין ירושלים כימיאס און דעם ארטיקן רב הכולל מיימון. אין היינעם באוווסטער „דיספוטאציאן" באגעגענען דער קאטוילישער קאפוצינער און דער יידישער רב איינער דעם אנדערן מיט אימהדיקע קללות און זידלערייען; א גאנץ אנדערער גייסט הערשט ביי לעווינזאנס דיספוטאנטן. פרידליך און געלאסן גייט צו דער וויכוח; מיט רעספעקט פארהאלט זיך דער פאטריארך צו דער פרעמדער אמונה; ניט אוים שנאה און נקמה-געפיל ברענגט ער ראיות, וואס דארפן באשטעטיקן די עלילת דם, נאר ווייל ער וויל דעם אמת זיך דערוויסן. און ווען זיין צפאנענט דערווייזט אים מיט אייזערנע ראיות, ווי פאלש און אומבאגרינדעט ס'איז די דאזיקע בלוט-באשולדיקונג, דאנקט ער הארציק, און דער פאטריארך און דער רב נעמען זיך צום שלום ארום ווי אכתע ברידער.

דער „אפס דמים" איז אין 1837 אין דרוק דערשינען. אין דריי יאר ארום, ווען א נייער „עלילת דם" אין וויטן דמשק האט אויפגערודערט דאס גאנצע יידנטום, האט לויט מאנטעפיארעס איניציאטיווע זיין סעקרעטאר ד"ר לעווי איבערגעזעצט לעווינזאנס ווערק אויף ענגליש. די איבערזעצונג האט געמאכט א רושם אין דער געלערנטער וועלט, און דאס ווערק איז אנערקענט געווארן אלס „א גוט געווער, געשארפט און געשליפן פון א געטרייער און געניטער האנט". דער „אפס דמים" האט אויך גלייך נאך זיין דערשיינען אין העברעיש געזאלט געדרוקט ווערן אין פוילישער און רוסישער איבערזעצונג. די לעצטערע האט געזאלט באזארגן יוסף ראבינאוויטש [1], דער צוקינפטיקער רעדאקטאר פון דער ערשטער רוסיש-יידישער צייטשריפט „ראזסוויעט". דאס איז אבער ניט פארווירקליכט געווארן אט אוים וואסערע סיבות: לעווינזאן, ווי נאר ער האט זיין „אפס דמים" פארענדיקט, האט ער גלייך אוועקגעשיקט א ספעציעלע אפשריפט פונם ווערק צו די הויכגעשטעלטע באאמטע, בכדי אויך זיי און דער „מלך חסד", וואס „שטרעבט דאך רק צום ריינעם אמת", זאלן זיך איבערצייגן, אז די בלוטיקע באשולדיקונג האט קיין שום יסוד

1 זע „באר יצחק", 106. ערשט אין קארגע פופציק יאר ארום (1883) איז דערשינען דער „אפס דמים" אין דער רוסישער איבערזעצונג פון י. סארקין.

ניט און איז נים מער ווי א בלבול. די רעזולטאטן זײַנען אבער געווען פאר לעווינזאָנען גאנץ אומדערוואַרטעטע. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אין וואָס פאר א שווערער מאטעריעלער נויט דער קראַנקער לעווינזאָן האָט געלעבט. אפילו פאר זײַן „אפס דמים", וואָס איז דאָך בײַ אים באַשטעלט געוואָרן „לטובת הכלל", האָט ער פון די קהילות קיין שום שטיצע ניט באַקומען, ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס זאמלען פאַרן ווערק דעם נייטיקן מאַטעריאַל און דאָס אָפּשרײַבן די פאַרשיידענע היסטאָרישע דאָקומענטן זײַנען געווען פאַרבונדן מיט געוויסע הוצאות. הילפלאָז און פאַרלאָזן האָט לעווינזאָן אין 1836, נאָך איידער זײַן „אפס דמים" איז אין דרוק דערשינען, זיך געווענדעט אהין, פונוואַנען ער האָט שוין איינמאָל (אין 1828) באַקומען מאַטעריעלע שטיצע — צו דער רעגירונג. מיט זײַן ביטשריפט האָט ער זיך געווענדעט צום דעמאָלטיקן מיניסטער פאַר אינערליכע ענינים — צו בלודאָוו, וועמען עס זײַנען ערשט ניט לאַנג איבערגעגעבן געוואָרן אַלע דאָקומענטן בנוגע לעווינזאָנס אַגיטאַציע פאַר באַשעפטיקן ייִדן מיט ערדאַרבעט [1]. בלודאָוו האָט אָבער ניט געהאַלטן פאַר נייטיק צו זײַן א מליץ פאַר דעם קראַנקן ייִדישן געלערנטן און זײַן ביטשריפט אונטערצושטיצן. די מאָטיוון דערקלערט בלודאָוו גופא אין זײַן אָפּיציעלן שרײַבן צום בילדונגס-מיניסטער אוואַראָוון. ער מאַכט דאָרט אוואַראָוון באַזונדערס אויפמערקזאַם אויף לעווינזאָנס לעצט ווערק „אפס דמים": „צי קאָנען דען ניט געפינען, בפרט די פאַרשטייער פון דער פּראַוואָסלאַווער קירך, פאַר אומאָנשטענדיק און ממש פאַרפירעריש (Соблазнительный) אַזאַ געשפּרעך צווישן א רב און דעם פּאַטריאַרך פון ירושלים, ווו דער ערשטער פּלײַסט זיך צו דערווײַזן, אַז אין תלמוד איז קיין זאַך ניט פאַראַנען, וואָס זאָל זיך געפינען אין סתירה מיט דעם קריסטליכן גלויבן. דאָס איז נאָך באַזונדערס ניט דערלאָזבאַר, ווײַל די דאָזיקע (לעווינזאָנס) מיינונג איז דאָך לחלוטין פאַלש און האָט ניט קיין שום יסוד" [2].

אוואַראָוו האָט מסכים געווען מיט בלודאָווס אויספיר, און לעווינזאָנס ביטשריפט מכוח מאַטעריעלער שטיצע איז צום קיסר ניט דערגאַנגען. מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, ווי די הויכע באַאַמטע און פאַרשטייער פון גרויסן אדל האָבן געהאַלטן פאַר א דבר ידוע, אַז דער תלמוד איז א „ליגן-בוך", פול מיט לויטער נאַרישקייטן און אָבערגלויבן. א געוויסער סאָרט משכילים פון הירש-בער הורוויצעס שניט האָבן די רוסישע שררות נאָך מער געשטאַרקט אין דעם דאָזיקן געדאַנק. לעווינזאָן מיט זײַן רעספּעקטפולן

1 בית יהודה, 353.

2 זע: י. העססען, פּערעזשיטאָיע, III, 16.

פאַרהאַלטן זיך צום תלמוד, ווי צו אַ העכסט־וויכטיקן קולטור־היסטאָרישן דענקמאָל, האָט זיך ממש דיסקרעדיטירט אין די אויגן פון די בלודאָווס און אַוואַראָווס. זיי האָבן אָנגעפאַנגען צו קוקן מיט חשד אויף דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן „אויפקלערער". און דער אָביעקטיווער געשיכטס־פאָרשער מוז נאָכזאָגן לעווינזאָנען דעם שבח, אַז ער האָט געהאַט דעם מאָראַלישן מוט זיך ניט צו דערשרעקן פאַר דעם חשד און אומווילן פון די שרות, וואָס זײַנען געווען דער איינציקער מקור, פון וועלכן דער נויטבאַדערפטיקער און קראַנקער שריפטשטעלער האָט געקאָנט האָפן אויף מאַטעריעלער שטיצע. ער האָט דאָך אַזוי אײַזנפעסט געגלויבט אין דער איבערצײַגנדיקער און אויפקלערישער קראַפט פון לאָגישע סברות, וואָס שטיצן זיך אויפן שכל הישר און אויף היסטאָרישע פאַקטן.

גראָד אין יענער צײַט האָט אַ געוויסער משומד אויס וויטעבסק, אשר טיעמקין, פאַרפאַסט אַן אַנטי־תלמודישן פאַמפלעט „דרך סלולה". אויף דעם דאָזיקן ווערק האָט מען אויפמערקזאַם געמאַכט ניקאָלאַיען און אויף זײַן באַפעל איז טיעמקינס פאַמפלעט אין דרוק דערשינען (אין 1835) צוזאַמען מיט אַ רוסישער איבערזעצונג [1]. לעווינזאָן האָט ניט געוואָלט נעמען אין באַטראַכט די „אַלערהעכסטע" הסכּמה און האָט פאַרפאַסט אַ ספּעציעלע קעגנשריפט „ימין־צדקי", וווּ ער דערווײַזט מיט גרויס בקיאות, ווי אַלע באַשולדיקונגען מצד דעם מחבר פון „דרך סלולה", וואָס באַצוועקט כלומרשט צו „דערלײַכטן די אויגן פון זײַנע ברידער", זײַנען פול און פול מיט עם־הארצות, רמאות און געפעלשטע ציטאַטן. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט לעווינזאָנס אַ צווייטע אַפּאָלאָגעטישע שריפט „אחיה שילני החוזה".

אין 1839 האָט אַן ענגלישער מיסיאָנער מאַקאָלאַ פאַרעפנטלעכט אַ ווערק „נתיבות עולם", וואָס האָט געזאָלט דערווײַזן, אַז דער תלמוד, ווי אויך אַנדערע העברעיִשע רעליגיעזע און עטישע שריפטן זײַנען איבער־פולט מיט ווילדן אָבערגלויבן און פרעדיגן שנאה צו אַלע אַנדערע אמונות, בפרט צו דער קריסטלעכער. דאָס מיסיאָנערישע בוך איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף עטלעכע שפּראַכן און האָט געפונען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע פאַרשפּרייטונג. אַלס ענטפער אויף דעם „נתיבות עולם" האָט לעווינזאָן פאַרטראַכט אַ קאַפּיטאַל ווערק אין פיר טיילן „זרובבל", וווּ ער האָט זיך פאָרגענומען צו געבן אַ היסטאָריש־קריטישע אָפּשאַצונג דעם תלמוד און דורכדעם צו דערווײַזן, ווי אומבאַגרינדעט און פאַלש עס זײַנען די אָנפאַלן אויף דער ייִדישער רעליגיע און עטיק מצד די אַלע טיעמקינס און מאַ־

[1] זע אי. אָרשאַנסקיס ווערק Русское законодательство о евреях, 22—23.

קאַלאַס. נאָר איידער ער איז צוגעטראָטן צו דעם דאָזיקן וויסנשאַפט־ליכן ווערק, וואָס ער האָט געשריבן אין משך פון גאַנצע צוועלף יאָר, האָט ער פאַרפאַסט די אויבן־דערמאָנטע פּאָלעמישע שריפט „אחיה שלוני החוזה". דאָס דאָזיקע ווערק איז געשריבן אין אַזאַ קריגערישן טאָן, אַז עס האָט בשום אופן ניט געקאָנט געדרוקט ווערן אינם צאַרישן רוסלאַנד און עס האָט טאַקע די וועלט דערזען ערשט נאָך לעווינזאָנס טויט אין אויסלאַנד (לייפּציג, 1863).

„אחיה שלוני" איז פאַקטיש ניט קיין אַפּאָלאָגעטישע שריפט, נאָר אַ באַשולדיקונגס־אַקט, אַן ארויסרוף דער קריסטליכער געזעלשאַפט, וואָס רעדט מיט אַזאַ גדלות און ביטול וועגן דער מאָראַלישער דעמאָראַליזאַ־ציע און ווילדן אָבערגלויבן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע גלויבט אין דעם „ליגנערישן און מענטשנפיינדליכן" תלמוד.

ווי דער „אפס דמים", איז אויך דער „אחיה שילוני" געשריבן אין פאָרם פון אַ „ויכוח" צווישן דעם לוטעראַנער דאָן אַלפאָנזאָ און דעם יידישן געלערנטן צדקיהו מזרחי אויס דער שטאָט ישָרים, וואָס אונטער זיין נאָמען רעדט דער פאַרפאַסער גופא [1].

די קריסטליכע פעלקער, — טענהט מזרחי, — באַרימען זיך אַזוי מיט זייער טאָלעראַנץ און דאָך באַשטעלן זיי מיסיאָנערן צו אַגיטירן צווישן יידן, זיי זאָלן אָננעמען דעם קריסטליכן גלויבן. די דאָזיקע מיסיאָנערן באַגיסן מיט שפּאָט און שאַנד אונזער אמונה און מיר זיינען געצוואונגען צו שווייגן און ווען איר רופט אונז אַפילו אַרויס אויף אַ וויכוח, לאָזט איר אונז צום וואָרט ניט קומען. איר צווינגט אונז רק אייערע טענות אויסצוהערן, איר ווילט אונז מיט צוואַנג איבערצייגן, ניט מיטן וואָרט, נאָר מיט דער מאַכט פונם פויסט, ווייל איר זייט די הערשער פונם לאַנד און מיר זיינען גרים. צי קאָן דען אַ קנעכט מיט זיין האַר דיספּוטירן? איר לעסטערט אונזער גלויבן, איר טראַכט אויס אויף אונז פאַלשע בלבולים און מען פאַרשליסט אונז דאָס מויל, און מען צווינגט אונז צו שווייגן [2]. איר שטאָלצירט אַזוי מיט אייער גלויבן, באַשר זיין יסוד איז דאָך מענטשנליבע. מיר, יידן, ווייסן זייער גוט, וואָס אייער מענטשנליבע באַטייט. וועגן דעם שרייט דאָס אומשולדיקע פאַרגאָסענע בלוט פון גאַנצע דורות, פון אונזערע אין די טויזנטער אויף טויט פאַר־מוטשעטע אומגליקליכע ברידער און שוועסטער, וועגן דעם דערציילט יעדער בלאַט פון אונזער געשיכטע, יעדער שטיין פון אייער לאַנד. און

[1] ישרים מאַכט בגימטריא קרעמעניץ, אחיה שילני החוזה מאַכט בגימטריא יצחק דוב לעווינזאָהן, און צדקיהו מזרחי — יצחק בער.

[2] אחיה שילני, 7—11.

אפילו בײַ הײַנטיקן טאָג, ווען די בלוטיקע שווערד געוועלטיקט שוין ניט ווי פריִער, פילן מיר דאָך נאָך זייער גוט אייער ליבע: דאָ רויבט מען בײַ אונז צו די בירגער־רעכט, דאָרט פאַרטרײַבט מען אונז פון לאַנד און ערגעץ אַנדערש ווידער איז מען אונז מבזה, און מען פאַרביטערט אונז דאָס לעבן אויף וואָס פאַר אַן אופן עס איז נאָר מעגליך 1.

אַנווײַזנדיק, אַז די קריסטן זײַנען עובר אויף דעם גרונדזאַץ פון תורת משה און פון דעם קריסטליכן גלויבן צוזאַמען — „ואהבת לרעך כמוך", פרעגט מזרחי: וואָס וועלן זיי ענטפערן דעמאָלט, ווען עס וועט קומען דער יום־הדין, זייער דערלייזער וועט (ווי זיי גלויבן) ווידער זיך באַווײַזן און פירן דעם גרויסן וועלט־משפט? שווער וועט זײַן פאַר אײַך, קריסטן, דער יום־הדין. וואָרום פרעגן וועט אײַך אײַער דערלייזער: אויב איר גלויבט אין מיר און אין מײַנע געזעצן, פאַר וואָס זשע האָט איר ניט מקיים געווען דעם וויכטיקסטן פון מײַנע גרונד־באַפעלן: ליבט יעדן מענטשן ווי אײַך גופא, אפילו אײַער פײַנד"! און ווי באַלד איר זײַט עובר אויף דעם גרונדזאַץ פון מײַן לערע, צעשטערט איר דאָך מײַן גאַנצן בנין. און אויב איר גופא זײַט ניט מקיים מײַנע געבאָטן, פאַר וואָס רודפט איר די, וואָס גלויבן ניט אין מיר? 2. „איר, — רופט מזרחי אויס, — פאָדערט פון אונז, מיר זאָלן דעם קריסטליכן גלויבן אָננעמען — און איר גופא זײַט דאָך קיין קריסטן ניט!" און ער ווײַזט אָן, ווי די קריסטן טרעטן מיט די פיס קריסטוסעס עטישע לערע וועגן ליבע און גערעכטיקייט 3. וואָלט איך, — פירט מזרחי אויס, — געוועלט אויסרעכענען די אַלע עטישע געבאָטן פון אײַער עוואַנגעליִום, וואָס איר זײַט ניט מקיים און טוט רק דעם היפך, וואָלט איך באַדאַרפט אַ ספּעציעל דיק בוך אָנשרײַבן. איר, וואָס באַשולדיקט ייִדן אין געלט־גיר, זײַט איר גופא דען מקיים די ווערטער פון עוואַנגעליום: ווער עס איז להוט נאָך געלט, דער איז גאָטס פײַנד"? אפילו אײַערע גײַסט־ליכע וועלן דאָך קיין מת ניט מקבר זײַן, ביז מען באַצאָלט זיי ניט פאָראויס, מעגן דעם געשטאָרבענעמס אייגענע זײַן ווי אָרעם און נויטבאַ־דערפטיק. איר, קריסטן, מאַכט אײַך אַזוי גרויס און רעדט מיט אַזאַ ביטול וועגן ייִדישן „אָבערגלויבן" און ייִדישע „ווילדע מנהגים". אײַך קריסטן פּאַסט כּלל ניט אָפּצולאַכן פון פרעמדע „אָבערגלויבנס", בעת די יסודות פון אײַער אמונה זײַנען אַזוי ענג פאַרבונדן מיט פאַנטאַסטישע ניסים און לעגענדעס, וואָס איר האָט איבערגענומען בײַ די קדמונישע

1 אחיה שילני, 13.
2 דאָרטן, 14.
3 דאָרטן, 53—54.

געצנדינערישע פעלקער [1], ביי איער אמונה, וואס איז געבויט אויף גאלע ניסים און לעגענדעס, וועלכע געפינען זיך אין פולער סתירה מיט די לאגישע סברות, איז דאס גלייכסטע בכלל זיך ניט אריינצולאזן אין חקירות וועגן רעליגיעזע פראגן [2]. איערע מיסיאנערן קלאגן זיך אזוי אויף דער אכזריות פון אונזערע רבנים, וואס האבן פיל חומרות אויסגע־טראכט, און דאס באלק זיפצעט, נעבעך, אונטער דעם שווערן יאך. ווי קאן זיך אבער, — פרעגט מזרחי, — פארגלייכן די אכזריות פון אונזערע רבנים מיט די בלוטיגע מעשים פון די קאטוילישע גייסטליכע? [3]

עס געניגט איבערצולייענען די פאטעטישע בלעטער אין „אחיה שילני", ווו לעווינזאן שילדערט מיט סענטימענטאלער התפעלות די מאראלישע שיינקייט פון דעם יידישן פאטריארכאלן לעבן און די ריינקייט פון יידישער עטיק און פאמיליען־לעבן [4], בכדי צו באקומען א קלארן באגריף, וואס פאר א גרויסע דיסטאנץ עס טיילט אפ לעווינזאנען פון אזוינע אויפקלערער, ווי מיזעס, הערש בער הורוויץ און נאך אזוינע ווי זיי...

ניקאלאיס מיניסטארן און באאמטע האבן דאס ניט געוואלט מוחל זיין לעווינזאנען און געהאלטן פאר ניט צוועקמעסיק צו שטיצן אזא פארדעכטיקן אויפקלערער, וואס לויבט אזוי דעם „ליגנערישן תלמוד". מען האט אויך דערפאר געהאלטן פאר ניט פאסיק צו רעקאמענדירן זיינע ווערק פאר די ניי־געגרינדעטע יידישע שולן. לעווינזאנס בקשות וועגן מאטעריעלער הילף, וואס ער האט דערלאנגט דער רעגירונג, זיינען געבליבן אן ענטפער, און בלויז קארגע צוויי יאר פאר זיין טויט, ווען אויף דעם רוסישן טראן איז שוין געזעסן אלעקסאנדר דער צווייטער, און עס האט זיך אנגעפאנגען די „תקופה פון גרויסע רעפארמען", האט די רע־גירונג אפגעקויפט ביי לעווינזאנען פאר דריי טויזנט רובל א געוויסן סכום עקזעמפלארן פון זיינע „תעודה בישראל" און „בית יהודה", וועלכע זיינען דאס מאל אנערקענט געווארן פאר נוצליכע לערנביכער אין די יידישע שולן.

לעווינזאן האט בלי־ספק געוווּסט, ווי די הויכע באאמטע פארהאלטן זיך צו דער יידישער אמונה בכלל און צום תלמוד בפרט, ער האט אבער אזוי איינפעסט געגלויבט אין דעם גוטן ווילן פון דער „לייטזעליגער" רעגירונג, וואס שטרעבט רק צום אמת, — איז ער געווען פעסט איבער־

1 אחיה שילני, 97, 105.

2 דארטן, 11.

3 דארטן 107—108.

4 דארטן 116—128. לעווינזאן האלט דערביי פאר נייטיק אונטערצושטרייכן, אז דאס יידנטום האט צו פארדאנקען זיין מאראלישע קראפט און זיין־ריינקייט דעם תלמוד, דעם „פורח תגדול ליהודים" (123).

צײַגט, אַז עס וועט אים געלינגען איבערצוצײַגן די „אמת-ליבענדיקע" רעגירונג מיט זײַנע לאָגישע באַווײַזן. די רעאַלע ווירקליכקייט, דאָס לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד, איבער וועלכן עס האָט מיט אַזאַ גרויזאַמער דעספּאָטישער עקשנות געוועלטיקט ניקאָלאַיִם שפּיצרוטן-רעזשים, האָט אָבער אָן רחמנות צעשטערט די אוטאָפּישע האָפענונגען פון דעם קרעמעניצער נאַיִוון אויפקלערער.

מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, אַז לעווינזאָן האָט זיך אין 1836 געווענדעט מיט אַ מעמאָראַנדום צו ניקאָלאַיען „וועגן די נויטבאַדערפענישן פון אונזערע ברידער". דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם אוקאַז פון 1835, וואָס אַנטהאַלט געוויסע הנחות פאַר ייִדישע קאָלאָניסטן און ערדאַרבעט. אין זײַן אויבן ציטירטן בריוו (זע ז' 88) דערציילט לעווינזאָן, אַז ער איז „מיט גאָטס הילף" דעם 22טן דעצעמבער 1836 באַערט געוואָרן מיט אַ גנעדיקן ענטפער, וואָס דערלויבט אים צו האָפן, אַז דער קיסר וועט באַלד קומען צו הילף דעם ייִדישן פאָלק. מיט גרויס צופרידנקייט מעלדעט לעווינזאָן, אַז אַלע דאָקומענטן בנוגע זײַן אַגיטאַציע וועגן באַזעצן ייִדן אין קאָלאָניעס זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן דעם מיניסטער בלודאָוו (זע אויבן ז' 92). ער האָט געהאָפט, אַז דערפון וועט אַרויסקומען ניט קיין קליינע ישועה. ער האָט אָבער קיין שום באַגריף ניט געהאַט, אַז צו דער זעלביקער צײַט האָט בלודאָוו צוזאַמען מיט דעם באַוווּסטן זשאַנדאַרמען-שעף בענקענדאָרף זיך משתדל געווען צו אַנולירן דעם אוקאַז פון 1835, לויט וועלכן עס ווערט ייִדן דערלויבט זיך צו באַזעצן אין סיביר אויף פרייער נאָך ניט באַאַרבעטער ערד, בכדי זיי צו קאָלאָניזירן. בלודאָוו האָט דאָס מאָטיווירט דערמיט, וואָס באַשר די ייִדן „קאָנען זיך דאָך כּידוע ניט באַרימען מיט זייער מאָראַל", קאָנען זיי נאָך אין סיביר „רויִנירן און דעמאָראַליזירן די דאָרטיקע אײַנוווינער" 1. דער אויבן דערמאָנטער פּראָיעקט, אויף וועלכן לעווינזאָן האָט אַזוי פיל ענערגיע געפּטרט צו באַזעצן עטליכע צענדליק קרעמעניצער פאַמיליעס אויף כערסאָנער ערד, איז דערשטיקט געוואָרן אין די ביוראָקראַטישע קאָנצעלאַריעס. פיל טראַגישער האָט זיך פאַרענדיקט אַ צווייטער פּרוּוו צו גרינדן אַ ייִדישע קאָלאָניע, וואָס ס'האָט אונטערגענומען לעווינזאָנס אַ פרײַנד און פאַרערער אויס דובנאָ. די דאָזיקע צען-יאָריקע טרויעריקע קאָלאָניע-געשיכטע, וועלכע שפּיגלט אַזוי בולט אָפּ דעם שוידערליכן תּהום פון מענטשליכער רעכטלאָזיקייט און ווילדער פּאָליציייִשער ביוראָקראַטישער

1 זע: ח. ניקיטין, זײַן רוסישע אַרבעט וועגן ייִדן ערדאַרבעטער, 209, 217.

רשעות, האט מיט יארן שפעטער באשריבן מיכאל קולישער אין זיין „קטא ווינאוואט" (ווער איז שולדיק) 1. ניט קיין גרעסערן דערפאלג האבן אויך געהאט די אלע קאלאניזאציאנס־פראיעקטן, מיט וועלכע עס האבן זיך געווענדעט צו דער רעגירונג די אויפגעקלערטע פארשטייער פון דער יידישער בורזשואזיע. אין די שפעטערע יארן האט די האלב־אסימילירטע יידישע בורזשואזיע אין איר קאמף פאר בירגער־רעכט געפרוווט זיך אפטיילן פון דער „אבערגלויבישער" און ניט גענוג נוצן־ברענגענדיקער יידישער מאסע, און געפאדערט גלייכבארעכטיקונג רק פאר די „אויסגעוויילטע", וואס ברענגען נוצן דער מלוכה. אין דער פריער־דיקער תקופה האט נאך אבער די יונגע, בערך קליינצאליקע יידישע בורזשואזיע צו שטארק זיך געפילט צונויפגעבונדן מיט דעם קאלעקטיוו, מיט „כלל ישראל", — האבן זיי אין זייער שטרעבן צו גלייכבארעכטיקונג קודם־כל זיך געפלייסט אפצווארפן די באשולדיקונג, אז די יידן זיינען לײדיקגייער און פאראזיטן און פארנעמען זיך ניט מיט פראדוקטיווער ארבעט. נאך אויף דער גרעניץ פונם 19טן יר״ה האט נאטקין, ניעוואַ־באוויטשעס פריינד און מיטקעמפער, פארגעלייגט דער רעגירונג צו גרינדן אין די דרום־רוסישע סטעפעס יידישע קאלאניעס, יידן זאלן זיך פארנע־מען מיט ערדארבעט און שאף־צוכט, אויך זאל מען גרינדן יידישע געוואנט־ און געוועב־פאבריקן, און אזא אופן צוציען די יידן צו פרא־דוקטיווער ארבעט. אין 1820 האט דער סוחר הילל מארקעוויץ דערלאנגט דעם פינאנץ־מיניסטער א מעמאראנדום, ווי אזוי צוציען די יידישע באפעלקערונג צו אינדוסטריעלער ארבעט 2. אין 1840 האבן דריי אויפ־געקלערטע יידישע סוחרים זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט דער בקשה זיי צוצודערלויבן קויפן 5000 דעסיאטין ערד אין בעסאראביע און דארט באזעצן א געוויסע צאל יידישע פאמיליעס, יענע זאלן די ערד באאר־בעטן 3. די אלע פארשלאגן זיינען אבער דערטרונקען געווארן אינם תהום פון די ביוראקראטישע קאנצעלאריעס. אויך האט לעווינזאן געהאט די מעגליכקייט זיך צו איבערציינגן, ווי ווייט די דורך דער רעגירונג אין כער־סאנער גובערניע געגרינדעטע יידישע קאלאניעס זיינען פון דער אידיליע, וואס זיין פריינד יוסף פערל האט געשילדערט אין זיין „בוחן צדיק". דערויף זאגט עדות דער מעמאראנדום, וואס לעווינזאנס פארערער און נאכפאלגער, בנימן מאנדעלשטאם, האט אין 1846 דערלאנגט משה מאנ־

1 יעווריעסקאיא ביבליאטעקא, IV, 217—243.

2 י. העססען „איסטאריא יעווריעסקאגא נאראדא", 1927, II, 8.

3 ש. באראכאָי, ציט. ארבעט וועגן ערד־קאלאניזאציע, 187—189.

טעפּיאַרען, [1] ווו ער גיט אַזאַ טרויעריק בילד פון די נגישות און צרות, וואָס די ייִדישע קאָלאָניסטן האָבן אויסצושטיין [1].

ניט ווייניקער אַנטוישונגען זײַנען לעווינזאָנען פאַרגעשטאַנען בײַ דער פאַרווירקליכונג פון דעם צווייטן הויפּט־פּונקט פון זײַן רעפאָרם־פּראָגראַם: גרינדן ייִדישע מוסטער־לער־ און האַנטווערק־שולן. אין סוף 30ער יאָרן האָט לעווינזאָן מיט באַפרידיקונג צוגעזען, ווי זײַן פּלאַן וועגן רעפאָרמירן די קינדער־דערציִונג באַקומט אויסזיכטן אינגיכן רעאַליזירט צו ווערן. אין 1838 האָט דער פּאָדאָליער גובערנאַטאָר, אונטער דער השפּעה פון לעווינזאָנס מעמאָראַנדום [2], אין זײַן אַלעראונטערטעניקסטן באַריכט אָנגעוויזן אויף דער נייטיקייט צו רעפאָרמירן דאָס שול־וועזן בײַ ייִדן. אין דעם זעלביקן יאָר האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע וועגן ייִדישע שולן אויך דער דעמאָלטיקער בילדונגס־מיניסטער סערגיי אוּוואַראָוו. דאָס איז געווען אַ באַגאַבטער מאַן פון ברייט־אייראָפּעיִשער בילדונג, נאָר דערבײַ אַ פּרינציפּלאָזער קאַריעריסט מיט אַ גוואַלטיקער אַמביציע און זעלבסטפאַרליבטקייט. דער דאָזיקער אייראָפּעער, וואָס האָט אין זײַן לעבן קיין איין רוסישן דיכטער ניט געלייענט און האָט זיך פאַרהאַלטן מיט ביטול צו דער רוסישער ליטעראַטור, אַליין אַן אַטעיִסט, וואָס האָט ניט געגלויבט ניט אין גאָט, ניט אין טײַוול, — ווי נאָר ער האָט פאַרנומען אין 1833 דעם פּאָסטן פון בילדונגס־מיניסטער, האָט ער, בכדי נושא חן צו זײַן בײַ ניקאָלאַיען, דערקלערט: „אונזער חוב באַשטייט דער עיקר אין דעם, אַז די פאָלקסבילדונג זאָל דורכגעפירט ווערן אין דעם פאַראייניקטן גײַסט פון פּראַוואָסלאַוויע, סאַמאָדערזשאַוויע און נאַראָדנאָסט׳ (פאָלקסטום)”. די מעמאָראַנדומס, וואָס עס האָבן דערלאַנגט אין בילדונגס־מיניסטעריום לעווינזאָן און זײַנע ווילנער נאָכפאָלגער, דער כלל־טוער ניסן ראָזענטאַל און דער דיכטער שלמה זאַלקינד, האָבן דער־וועקט אין אוּוואַראָוון דעם אינטערעס צו דער פראַגע וועגן „אויסבעסערן” די ייִדן און מאַכן פון זיי „נוצליכע בירגער” דורך דערציִונגס־רעפאָרם. אין 1838 האָט ער, פאַרבײַפאָרנדיק ווילנע, אײַנגעלאַדן צו זיך די פאָרשטייער פון דער דאָרטיקער ייִדישער אינטעליגענץ, ניסן ראָזענטאַל און הירש קאַצענעלענבויגען, און געפירט מיט זיי אַ לענגערן שמועס וועגן דער שול־רעפאָרם בײַ ייִדן [3]. אין דעם זעלביקן יאָר, בעת אוּוואַראָוו האָט באַזוכט ריגע, האָט אים די אָרטיקע ייִדישע קהילה דערלאַנגט אַ בקשה וועגן דערלויבן צו עפענען אַ צווייקלאַסיקע קינדער־שול מיט

---

1 חזון למועד, 58—59.

2 זע ש. י. פין, שכה לנאמנים, 170.

3 זע ש. גינזבורג אין „מינוװשעיע”, 126.

א פראגראם, וואס איז זייער ענליך צו דעם פראגראם פון דער בערלינער „חנוך נערים״ 1. ווייל ריגע, ווי אויך אנדערע שטעט אין קורלאנד, האבן זיך געפונען אונטער דער שטארקער השפעה פון דער דייטשער קולטור, איז קיין חידוש ניט, וואס איבער די פארשטייער פון דער ריגער קהילה האט געהערשט דער גייסט פון דער „בערלינער השכלה״. לויט דעם צוגעשטעלטן פראגראם האט אין דער שול חומש געזאלט געלערנט ווערן „לויט מענדעלסזאנס דייטשער איבערזעצונג״, און די יידישע אמונה דארף געלערנט ווערן אויפן יסוד פון די כתבי הקודש „אינם ריינעם גייסט פון די נביאים״. דאס איז געווען אן אנווייז, אז די רעליגיעזע פראגן וועלן דערקלערט ווערן אויסשליסליך לויט דער ביבל, ניט נעמענדיק אין באטראכט דעם תלמוד און זיינע מפרשים. אויך איז געווען ארויסגעשטעלט א פונקט, אז דער הויפטלערער דארף זיין אן אויסלענדישער (ד״ה א דייטשער) ייד, „וואס איז אויפדערצויגן אין גייסט פון דער ריינער אויפקלערונג״. אוווראוו, וואס האט, ווי אלע רוסישע הויכע באאמטע, געזען אינם תלמוד דעם קוואל פון יידישן „אבערגלויבן״ און האט אויך געהאט די מעגליכקייט אין משך פון די יארן, וואס ער האט פארבראכט אין אויסלאנד, זיך צו באקענען מיט געוויסע פארשטייער פון די „פראנצויזן און דייטשן פון מאזעישן גלויבן״, — האט גערן איינגעוויליקט אויף דער ביטע פון דער ריגער קהילה. אין 1839 איז שוין געווען באשטימט דער אוסטאוו פון דער ריגער שול, ווי אויך איר דירעקטאר — א יונגער דאקטאר דער פילאזאפיע אוים מינכען, מאקס ליליענטאל, וועלכן עס האט רעקאמענדירט דער באוווסטער רעדאקטאר פון דער „אלגעמיינער צייטונג דעם יודענטומס״ לודוויג פיליפזאן. נאך וויכטיקער איז ביי אוווראוון געווען דער פאקט, וואס דער יונגער אויסלענדישער דאקטאר האט געבראכט מיט זיך רעקאמענדיר-בריוו פונם בייערישן קיניג צו מאקסימיליאן ליכטענבערגסקי און צו אנדערע הויכגעשטעלטע שררות.

ליליענטאל איז געווען א פעיקער און ענערגישער מענטש, און אים איז געלונגען אין א קורצער צייט 2 צו ברענגען די נייע שול אין אזא בליענדיקן צושטאנד, אז שוין אין אייניקע מאנאטן ארום מעלדעט מיט התפעלות אוווראוון דער פראפעסאר אוים דארפאט ראזבערג, וואס האט רעוויזירט די שול אין יולי 1840, אז „דער דערפאלג האט איבערגעשטיגן די גלענצנדיקסטע דערווארטונגען״. אוווראוו האט זיך פאר-

1 זע אונזער ווערק, ב׳ VII, ערשטער בוך, ז׳ 53.

2 די שול האט מען געעפנט דעם 15טן יאנואר 1840.

אינטערעסירט מיט דעם אויסלענדישן ענערגישן לערער און האט, ווי עס שיינט, מיט אים פארבונדן פערזענליכע אונטערהאנדלונגען וועגן דער פארטראכטער שול-רעפארם. וועגן דעם זאגט עדות פאלגנדיקער פאקט. ליליענטאל האט זיך ניט באגניגט בלויז מיט דער דירעקטאר-שטעלע אין דער ניי-געגרינדעטער שול, ער איז אויך געווען פרעדיגער אין דער ריגער קהילה, און שוין אין סעפטעמבער 1840 טרעט ליליענטאל צו צום דרוקן א זאמלונג פון זיינע „פרעדיגטען אין דער סינאגאגא צו ריגא" מיט דער ווידמונג „זיינער האהען עקסעלענץ סערגיוס אוווראוו". אין א ספעציעלער ווענדונג צו „זיינער עקסעלענץ" לויבט ליליענטאל אין טאג ארײַן די „גרענצלאזע טיילנאמע", מיט וועלכער דער מיניסטער „באמיט זיך די יידישע באפעלקערונג דורך שולע אונד אונטערריכט איינער בעסערן צוקונפט צו נעהערן". און ליליענטאל פארזיכערט דערבײַ, אז „דאס גאנצע יודענטום דער ציוויליזירטען וועלט ערקענט עס צו זועלכעם איניגען דאנקע עס איהנען פערפליכטעט איסט". די פרעדיגן גופא, א טייל העכסט פאטריאטישע, די איבעריקע — רעליגיעז-עטישע, זײַנען ווייניק אינטערעסאנט. דאס איז טיפישע פאטעטיש-פראזעאלאגישע קאנצליי - שיינרעדנערײַ פון מיטלמעסיקן ניווא. א געוויסן אינטערעס שטעלט אבער פאר דאס פארויסגעשיקטע „פארווארט", ווײַל אויס אים ווערט קלאר, ווי אזוי ליליענטאל, וואס האט געשפילט אזא אקטיווע ראלע אין די ערשטע יארן פון דער שול-רעפארם, האט זיך פארהאלטן צום רוסיש-פוילישן יידנטום און צו זײַן קולטור.

נאך דעם ווי ליליענטאל ווייזט אן, וואס פאר גרויסע פארטשריטן עס האבן געמאכט אויפן געביט פון אויפקלערונג די יידן אין מערב-אייראפע, שטעלט ער זיך אפ אויף דעם קולטור-צושטאנד פון די יידן אין רוסלאנד. „דא — דערקלערט ליליענטאל — שטייט דער ייד נאך אויף דער טיף-נידעריקער שטופע, אויף וועלכער דער אומשטערבליכער מענדעלזאן האט אים נאך בשעתו געטראפן. אין פאליטישן לעבן פאר-אכטעט אדער באמיטליידעט, אין רעליגיעזן — פארווילדעט, שטעלט ער נאך פולשטענדיק פאר דאס טרויעריקע, שרעקנדערפולנדיקע בילד, וואס דערמאנט אונז אין די רוינען פונם מיטלאלטער". ליליענטאל האלט פאר נייטיק דערבײַ אנצוווייזן, אז דאס אלץ איז ניט קיין פועל-יוצא פון „בייזן ווילן", נאר פון די שרעקליכע רדיפות, וואס דאס יידנטום האט געהאט אויסצושטיין אין די פריערדיקע פינצטערע דורות. „ווא זאלטען זי דא זיטע אונד לעבענסווייזע לערנען?" — פרעגט פאטעטיש ליליענטאל, און ער ענטפערט דערבײַ: ניין, יעדעס געפיל האט אין אים (דעם יידן) געמוזט אפשטארבן, יעדער פונק אין אים אויסלעשן, ער האט, ליידער,

געמוזט דאָס ווערן, וואָס ער איז געוואָרן. ליליענטאַל איז פעסט איבערצייגט, אַז דאָס רוסיש-פּוילישע ייִדנטום איז ניט נאָר גייסטיק אָפּגעשטאַנען, נאָר אויך זיטליך און מאָראַליש. יעדער געפיל איז דאָך אין דעם רוסיש-פּוילישן ייִדן אָפּגעשטאָרבן, יעדער פונק פאַרלאָשן. דער ייִד דאַרף אָבער ניט „הינטער דער צייט צוריק בלייבן", זיינע „גייסטיקע און מאָראַלישע געברעכן" מוזן געהיילט ווערן. „ער מוז פיר די נייע צייט ערשט ערצאָגען ווערדען! אָבער ווער זאָל די דאָזיקע דערציִונג באַזאָרגן?" — פרעגט ליליענטאַל. דער קראַנקער, ענטפערט ער, קאָן זיך גופא ניט היילן, דער געפאַנגענער איז ניט אינשטאַנד זיך גופא פון די קייטן צו באַפרייען. טאָ ווער זאָל העלפן, ווער זאָל זיין דער דערציִער? „אַ — רופט ליליענטאַל פּאַטעטיש אויס — „דיעזע ערציהונג איסט די אויפגאַבע דער פאָן גאָט איינגעזעצטען הערשער אונד פירסטן!". קיין שום אַנדערע רעגירונג, פאַרזיכערט ליליענטאַל, האָט ניט אַזוי ערנסט און מיט אַזאַ ענערגיע זיך פאַרגענומען דאָס ייִדנטום צו רעגענערירן (באַנייען) און צו אָרגאַניזירן, ווי דאָס טוט „רוסלאַנדס גרויסער מאָנאַרך" און זיינע מיניסטאָרן. און ער ווייזט דערביי מיט גרויס באַפרידיקונג אָן, אַז „די עררייכטעטען אונד נאָך צו עררייכטענדען שולען זינד אָדער ווערדען אונטער שטרענגע אויפזיכט דער אַלערהעכסטען בעהערדען געשטעלט", און וועלן אַדאַנק דעם ניט זיין אונטערוואָרפן די קאַפּריזן און רעליגיעזע שטימונגען פון די פאַרשיידענע קהילה-פאַרשטייער. די ייִדישע נייגעגרינדעטע שולן, — שטרייכט ליליענטאַל אונטער, — מוזן זיין אונטערגעאָרדנט „דעם איינעם ערהאַבענעם פּלאַנע איינער רעליגיעזען אונד זיטליכען אויפקלערונג", וואָס „די קראָנע", ד״ה דער קיסר ניקאָלאַי און זיינע מיטהעלפער האָבן פאַרטראַכט. און מיט פרייד ווייזט ליליענטאַל אָן, אַז „אין דעם גאַנצן רייך זיינען איינגעאָרדנט קאָמיטעטן", וואָס דאַרפן „באַראַטן און באַשפּרעכן" די „פאַרבעסערונג דעם קולטוס דער יודען, די העבונג אירעס פּאָליטישען לעבענס, די מעגליכקייט איינעם בעסערן אונטערריכטס".

באַלד טאַקע, דעם 19טן דעצעמבער 1840, איז אויף ניקאָלאַס באַפעל געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָלט באַטראַכטן, מיט וואָסערע מיטלען גרינדליך צו „רעפאָרמירן דעם לעבנס-שטייגער פון די ייִדן, בכדי זיי וואָס בעסער צוצופּאַסן צו „די ווּנטשן און אויסזיכטן פון דער רעגירונג" און באַשעפטיקן זיי מיט נוצליכער אַרבעט. דער פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט, דער מיניסטער קיסעלעוו, האָט צעשיקט אַלע קאָמיטעט-מיטגלידער אַ ספּעציעלן מעמאָראַנדום, וואָס האָט זייער אויסגענומען ביי ניקאָלאַיען, און טאַקע אויפן סמך פון דעם

דאָזיקן מעמאָראַנדום האָט ער זײַן הסכּמה געגעבן דעם קאָמיטעט צו גרינדן. ווײַל דער דאָזיקער מעמאָראַנדום „וועגן אײַנאָרדנען דאָס ייִדישע פאָלק" דערקלערט אַמבעסטן די פאַרבאָרגענע צילן, וואָס האָבן באַוויגן ניקאָלאַיען און זײַנע מיטהעלפער אַרויסצוטרעטן אין דער אויסטערלישער ראָלע פון בילדונגס=באַזאָרגער און קעמפער פאַר ייִדישער „אויפקלערונג", — איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף זיינע גרונדטעזיסן.

אינם מעמאָראַנדום ווערט אָנגעוויזן, אַז אַלע מיטלען, וואָס די רעגירונג האָט ביז איצט פאָרגענומען בנוגע די ייִדן, זײַנען געבליבן אָן דערפאָלג, און די ייִדן בלײַבן נאָך אַלץ ווי פריִער אין אַזאַ צושטאַנד, וואָס איז שעדליך פאַר דער מלוכה=אָרדענונג. „מען מוז דערפאַר אויספאָרשן די גרונד=סיבּות, פאַרוואָס ייִדן דערווײַטערן זיך מיט אַזאַ עקשנות פונם אַלגעמיינעם לעבנסשטייגער, און אויפן גרונד פון דער דאָזיקער אויספאָרשונג שאַפן אַ סיסטעם, ווי אַזוי גרינדליך איבערצואַנדערשן (פּרעאָבראַזאָוואַט') דאָס דאָזיקע פאָלק אין הסכּם מיט די ווונטשן פון דער רעגירונג". די גרונד=סיבּה פון דער „עקשנותדיקער דערווײַטערונג" ווײַל דער פּראָפעסאָר פונם מעמאָראַנדום זעען ניט אין דער בירגערליכער רעכטלאָזיקייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, נאָר דער עיקר אין אירע „פאַלשע רעליגיעזע באַגריפן" (רעליגיאָזניִע זאַבלושדיעניאַ).

אינם מעמאָראַנדום ווערט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז „די אָפּגעזונדערטקייט פון די ייִדן און זייער מאָראַלישע דעמאָראַליזירטקייט איז כּלל ניט קיין טיילווײַזער אָדער צופעליקער חסרון פון זייער כאַראַקטער, רק עס האָט זיך אײַנגעבּירגערט אין דעם פאָלק דורך דער שולד פון די אומגעלומפּערטע לערעס פון דעם תּלמוד". דער פּראָפעסאָר פונם מעמאָראַנדום איז, ווי עס שײַנט, געווען גוט באַקאַנט מיט די „זאַפּיסקעס", וואָס עס האָבן גאַנץ אָפט דערלאַנגט דער רעגירונג די השׂכּלה=טרעגער, ווו זיי פלעגן זיך באַקלאָגן אויף דעם שלעכטן דערציִונגס=סדר בײַ די ייִדן, וואָס נייטיקט זיך אין אַ ראַדיקאַלער רעפאָרם. „יעדעס ייִנגעלע, — ווערט אין מעמאָראַנדום אָנגעוויזן, — ווי נאָר עס ווערט פיר יאָר אַלט, ווערט עס איבערגעגעבן אין די הענט פון מלמדים, וואָס זײַנען פאַרזונקען אין דעם טיפסטן אומוויסן און אָבערגלויבן. אָט אונטער דער השפּעה פון די דאָזיקע פאַנאַטיקער באַקומען די קינדער די אַלע שעדליכע און צעשטערנדיקע באַגריפן פון אומטאָלעראַנץ צו אַנדערע פעלקער". דערפאַר קומט דער פּראָפעסאָר פונם מעמאָראַנדום צום אויספיר, אַז בנוגע דער ייִדן=פראַגע איז דאָס ראַדיקאַלסטע און בעסטע מיטל „די מאָראַליש=רעליגיעזע דערציִונג פון ייִדישן פאָלק".

אין הסכם מיט דעם דאָזיקן מעמאָראַנדום זײַנען, לויט דעם „אַלער־העכסטן באַפעל", דעם קאָמיטעט פאָרגעלייגט געוואָרן צו באַטראַכטן זיבן פונקטן, וואָס פון זיי זײַנען די וויכטיקסטע: 1) ווירקן דורך נײַ־געגרינ־דעטע שולן אויף דער מאָראַלישער אויסבילדונג פון דער ייִדישער יוגנט אינם גײַסט, וואָס דאַרף זײַן אין פולן קעגנזאַץ צו דער ביז איצט געוועל־טיקנדיקער תּלמודישער לערע. 2) מאַכן אַ סוף צו דער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון קהל און אונטערוואַרפן די ייִדישע באַפעלקערונג דער אַלגעמיינער פאַרוואַלטונג. 3) באַשטימען גובערנסקע קרײַז־ראַבינער, וואָס זאָלן באַ־קומען פון דער רעגירונג געהאַלט און מיט זייער אויטאָריטעט דורכפירן די פאָדערונגען פון דער רעגירונג. 4) פאַרבאָטן די ייִדן זיך צו קליידן אין אַ באַזונדערער ייִדישער טראַכט. 5) מאַכן פאַר די ייִדן צוטריטלעך די באַשעפטיקונג מיט ערד.

עס איז לײַכט אײַנצוזען, אַז כּמעט אַלע דאָ אויסגערעכנטע פונקטן פלעגן די משׂכּילים גופא, ווען אפילו אין אַ ביסל אַן אַנדערן נוסח, שטענדיק אַרויסשטעלן אין זייערע מעמאָראַנדומס. די פונקטן דריי און פינף געפינען זיך אין דעם אויבנגעבראַכטן לעווינזאָנס פּראָגראַם. פאַר דעם פונקט פיר האָבן היציק געקעמפט פיל פון די משׂכּילים. מיר האָבן שוין געזען, ווי נאָך אין יאָר 1810, ווען דער פירסט דאָלגאָרוקי האָט געפרעגט דעם יונגן הירש־בער הורוויץ: וואָס אים פעלט, ער זאָל זיך פילן גליקלעך? האָט יענער קודם־כּל אָנגעוויזן, אַז ער וואָלט געוואָלט, „מע זאָל אונדז פאַרבאָטן צו טראָגן אונדזער שענדלעכע טראַכט". דער שוין פריער דערמאָנטער משׂכּיל בנימין מאַנדעלשטאַם ווײַזט אָן אין זײַן מעמאָראַנדום, וואָס ער האָט איבערגעגעבן ליליענטאַלן, צווישן די גרונד־סיבות פון דער טרויעריקער ייִדישער לאַגע, אויף דער ספּעציעלער טראַכט, וואָס זונדערט די ייִדן אָפּ פון דער איבעריקער באַפעלקערונג. דער באַוווּסטער משׂכּיל מרדכי אהרן גינצבורג שרײַבט אַ ספּעציעלן אַרטיקל „על הבגדים" 1, אויך דער היסטאָריקער ש. י. פין איז פעסט אי־בערצײַגט, אַז די הויפּט־סיבה פון דער שׂנאה און אָפּגעזונדערקייט, וואָס הערשט צווישן ייִדן און דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, איז דער אונ־טערשייד אין קליידונג (הבדל הבגדים). ער געפינט דערפאַר, אַז „איידער די רעגירונג מאַכט וועלכע שריט פון אונדזער טובה וועגן, דאַרפן מיר זי אויפמערקזאַם מאַכן, זי זאָל קודם כּל אַרויסלאָזן אַ באַפעל, די דאָזיקע שטערונג צו באַזײַטיקן" 2 און טאַקע אין דרײַ יאָר אַרום, אין

1 זע „לקט אמרים". 90—92.

2 זע פינס בריוו צו שטערנבן (פון 1840), געדרוקט אין פרדס, III, 152.

1843, האָט אַ גרופּע ווילנער משכּילים און רײַכע סוחרים דערלאַנגט דעם געהילף פון בילדונגס־מיניסטעריום שירינסקי־שיכמאַטאָוון אַ ביט־שריפט, ווו זיי פּלײַסן זיך צו דערווײַזן, אַז מיט דער קליידער־רעפאָרם אין פאַרבונדן „דאָס גליק פון גאַנצן פאָלק" (счастье целому народу), ווײַל די אַלט־פרענקישע הלבשה איז די גרעסטע בילדונגס־מניעה, און אַלע מיטלען, וואָס ווערן פאַרגענומען, בכדי אויסצובילדן דאָס ייִדישע פאָלק, קאָנען בלײַבן פרוכטלאָז כּל זמן דער ייִד וועט ניט זײַן געקליידעט גלײַך מיט אַלע געבילדעטע מיטבירגער [1].

אויך די וואָלינער משכּילים האָבן ניט געוואָלט בלײַבן הינטער־שטעליק און איינער פון זייערע באַדײַטנדיקסטע פאַרשטייער, גאָטלאָבער, האָט דערלאַנגט אַ מעמאָראַנדום בנוגע דער הלבשה־רעפאָרם [2], און ווען אין 1845 איז אַרויס דער באַפעל, אַז אין פינף יאָר אַרום (אין 1850) „וועט שטרענג זײַן פאַרבאָטן צו טראָגן די איצט־געברויכלעכע ייִדישע הלבשה", האָט אַ גרופּע וואָלינער משכּילים מיט גאָטלאָבערן בראש גע־מאַכט אַ שריפטלעכן אָפּמאַך, לויט וועלכן זיי זיינען זיך מתחייב ניט צו וואַרטן די גאַנצע פינף יאָר, נאָר טאַקע באַלד אין אַ באַשטימטן טאָג וועלן זיי אַלע אָן אויסנאַם אַראָפּוואַרפן די אַלטפרענקישע מלבושים און אָנטאָן אייראָפּעיִשע קליידער. דער דאָזיקער טאָג וועט בײַ זיי זײַן „לששון ולשמחה" און זיי וועלן דאַנקען און לויבן דעם קיסר פאַר זײַן חסד, וואָס ער האָט מיט אונז געטאָן [3].

אין ביידע מעמאָראַנדומס באַמערקט זיך איין און דער זעלביקער כאַראַקטעריסטישער שטריך. אי די ווילנער, אי די וואָלינער משכּילים האָבן זייערע אייגענע ווּנטשן אידענטיפיצירט מיט די פאַרלאַנגען פון דעם גאַנצן פאָלק. ווײַל די רײַכע סוחרים, וואָס האָבן געפירט ברייטע געשעפטן מיט דער אויסנוועלט און די „היינטוועלטיקע" אויפקלערער האָבן זיך געשעמט צו טראָגן די אַלטפרענקישע מלבושים, וואָס האָבן זיי אָפּגעטיילט פון דער אייראָפּעיִשער וועלט, האָבן זיי אויפריכטיק

1 פּערעזשיסאָיע, I. דאָקומענטן און מיטטיילונגען, 11 — 14. צווישן די באַחתמטע אונטערן מעמאָראַנדום געפינען זיך די נעמען פון די באַקאַנטע משכּילים: שלמה זאַלקינד, מרדכי אהרן גינצבורג, מתתיהו שטראַשון, אײַזיק בן יעקב.

2 דעם אָנטהאַלט פון דעם דאָזיקן מעמאָראַנדום האָבן מיר געפונען אין גאָט־לאָבערס אַרכיוו. זע בײַלאַגן נום' 3.

3 זע בײַלאַגן נום' 3. צו דער זעלבער צײַט (צען טעג אין אלול 1845) האָט אויך גאָטלאָבער פאַרפאַסט זײַן סאַטיריש ליד „די גזירה דײַטשן". פון דעם דאָזיקן לאַנגן ליד זײַנען אויפגעהיט בלויז די ערשטע 7 סטראָפן, וואָס גאָטלאָבער ציטירט אין זײַנעם אַן אַרטיקל אין „המליץ" (1869, נום' 19, ז' 224).

נעגלויבט, אז אין דער קליידונג־רעפארם באשטייט „דאס גליק פון דעם גאנצן פאלק״. ערשט נאך פיל אנטוישונגען האט מיט א סך יארן שפע־טער דער אקארשט דערמאנטער גאטלאבער פארשטאנען דעם ביטערן אמת, וואס ער האט ארויסגעזאגט אין א פריוואט־בריוו: לאמיר זיך ניט נארן און מיינען, אז מיר זיינען דאס פאלק. מיר זיינען די אפגעזונדערטע, די אויסנאמען [1]...

פארווירקליכן אין לעבן דעם ערשטן פון די אויבן אנגעמערקטע פונקטן: דורך נייגעגרינדעטע שולן באפרייען די יידישע יוגנט פון דעם תלמודס „פארדארבערישער השפעה״ (тлетворное влияние) און מאראליש אויפדערציען דעם יונגן דור „אין הסכם מיט די ווונטשן פון דער רעגי־רונג״ — די אויפגאבע איז ארויפגעלעגט געווארן אויפן בילדונגס־מיניסטער אוואראוו. דער פיפיקער הויפמאן אוואראוו האט זייער גוט געוווסט, אויס וואסערע מאטיוון ניקאלאי האט באוויליקט ארויסצוטרעטן אין דער ראלע פון אן „אויפקלערער״ און זארגער פאר יידישער בילדונג. איז שוין טאקע אין יאנוואר 1841 ביים בילדונגס־מיניסטער געווען גרייט א מע־מאראנדום וועגן דער רעפארם פון דער יידישער דערציונג. עס ווערט דארט אנגעוויזן, ווי „די בעסערע צווישן יידן״ פארשטייען שוין אליין גאנץ גוט, „אז דער תלמוד האט מאראליש פארדארבן און פארדארבט עד היום (развращал и развращает) זייערע ברידער און, „אז רעפאר־מירן דאס שול־וועזן ביי יידן באדייט אויך רייניקן זייערע רעליגיעזע באגריפן״. „די לערע פון די ניי־געגרינדעטע שולן — ווערט ווייטער אנגעוויזן — דארף ביסלעכווייז פארטיליקן אין די יידן דעם פאנאטיזם און אפגעזונדערטקייט, און זיי באהעפטן צו די אלגעמיינע יסודות פון בירגערשאפט (гражданственности)״. די עקשנותדיקע אנהענגער פון יידישן אבערגלויבן און פאנאטיזם, ווייזט אוואראוו אן, קריגן פחד און פארזיכערן, אז דאס פירט צו שמד. „א געוויסער אמת, פירט אוואראוו אויס מיט א פארפרומטער מינע, שטעקט טאקע אין דעם, ווייל די רעליגיע פונם צלם — צי איז זי דען ניט דער ריינסטער סימבאל פון אלוועלטליכער בירגערליכקייט?״ בכדי אבער די יידן ניט אפצושרעקן, ווערט ווייטער אינם מעמאראנדום אנגעוויזן, דארף דערווייל די אנטי־תלמודיסטישע טענדענץ פון די נייע שולן בלייבן בסוד.

גלייך נאך דעם האט אוואראוו ארויסגערופן פון ריגע ליליענטאלן און אים אלס געניטן פעדאגאג באאויפטראגט אויסצוארבעטן א סיסטע־מאטישן פלאן פאר די יידישע שולן, און אויך זיך צונויפשרייבן מיט

1 זע רשומות, ב׳, 421: למה נעשה שקר בנפשנו לומר שאנחנו העם. הן יוצאים מן הכלל אנו.

די ייִדישע פּעדאַגאָגן אין דײַטשלאַנד, ווער פון זיי איז געזאָנגען צו פאַרנעמען אַ לערער־שטעלע אין די נייע שולן.

די ידיעה, אַז די רעגירונג האָט אָנגענומען דעם פעסטן באַשלוס דורכצופירן אין אַ קורצער צייט די ייִדישע שול־רעפאָרם, האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם אין די משׂכּילים־קרײַזן. שוואַך און קליין אין צאָל, אַרומגערינגלט פון אַ פײַנדליכער סביבה, וואָס האָט געזעען אין זיי די אַפּיקורסים און צוימענבּרעכער, און דערפאַר זיי געדודפט אָן רחמנות [1], האָבן זיי פּלוצלינג דערזעען אַזאַ שטאַרקן, אַלמעכטיקן מיטהעלפער, וואָס וויל בּיד חזקה פאַרווירקליכן זייער שענסטן אידעאַל. איבּערפולט זײַנען געוואָרן זייערע הערצער מיט פּאַטריאָטישער דאַנקבּאַרקייט צו דער „לייטזעליגער" און „אויפגעקלערטער" רעגירונג.

בּכדי אָבער אָביעקטיוו אָפּצושאַצן דעם הורא־פּאַטריאָטיזם פון די השׂכּלה־טרעגער, מוז מען נעמען אין באַטראַכט די אויסטערלישע ווידער־אַנאַנדן, וואָס ס'האָבן זיך באַוויזן אויפן געביט פון פאָלקסבּילדונג אונטער ניקאָלאַיס רעזשים. די זעלביקע רעגירונג, וואָס האָט פאַרשפּאַרט די טירן פון די בּילדונגס־אַנשטאַלטן פאַר די ברייטע שיכטן פון פאָלק און האָט אַרויסגעשטעלט אַלס דעוויז, אַז „געבּן עלעמענטאַר־בּילדונג (обучать грамоте) דעם גאַנצן פאָלק אָדער אַ צו גרויסן טייל פון פאָלק קאָן בּרענגען מער שאָדן ווי נוצן" [2], האָט מיט געוואַלט געשלעפּט די ייִדישע קינדער אין די שולן. דער זעלביקער אוואַראָוו, וואָס האָט אַלס ניקאָלאַיס אונטערטעניקער דינער געזעען אין בּילדונג אַ גרויסע דעמאָראַ־

[1] זייער פיל צרות, — דערציילט גאָטלאָבער אין זײַנע זכרונות, — האָבן גע־האָט אויסצושטיין די קעמפער פאַר ליכט פון דעם צאָרן פון די פינסטערע לײַט, וואָס האָט געבּרענט ווי אַ העליש פײַער. אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט טאָן, כּדי צו פּײַניקן זיי און צו מאַכן צו נישט זייערע האָפנונגען און זייערע באַמיִונגען — האָבן זיי געטאָן: זיי האָבן זיי אַרויסגעטריבן פון שטאָט, צוגענומען בּײַ זיי די חיונה, מחרים געווען, געמאַכט זיי צו שאַנד און צו שפּאָט, אָנגעצונדן דאָס פײַער פון מחלוקת צווישן איידעמס און זייערע שווערן, וואָס זײַנען געווען פינסטערע מענטשן אָן קײַן שום וויסן; האָבן דערציילט פאַר זיי, אַז זייערע איידעמס האָבן זיך אויסגעטאָן פון ייִדישקייט און זיך איבּערגעגעבּן צו הפקרות; האָבן דערציילט ליגנס די יונגע פרויען, אַז זייערע מאַנען האָבן אויסגעהערט גלויבּן אין גאָט און בּאַלד וועלן זיי זיך שמדן. און אַזוי אַרום האָבן זיי אויסגעגראָבּן אַ תּהום צווישן זיי און זייערע פרויען, און זיי געצוווּנגען צו געבּן גט, בּכדי מען זאָל זיי אַרויסטרײַבּן פון דעם שווערס הויז און זיי זאָלן ניט האָבּן וואָס צו עסן, און בּמילא וועלן זיי זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די בּילדונג מיט דער השׂכּלה. אַ סך מענטשן האָבן די דאָזיקע לײַט דער־שלאָגן אויף אייבּיק, ווײַל זיי האָבן ניט געקענט בײַשטיין קעגן זיי (א. פרידקין, גאָטלאָבער און זײַן עפּאָכע, 85).

[2] ציטירט בײַ ש. גינזבורג, מינוושעיע, 1923, 101.

ליזירנדיקע געפֿאַר פֿאַרן רוסישן פֿאָלק, און האָט דערקלערט: „ווען עס וועט מיר געלינגען רוסלאַנד אָפּצושטופּן ריקווערטס אויף 50 יאָר, וועל איך וויסן, אַז איך האָב מײַן חוב ערפֿילט״, — איז בנוגע צו ייִדן געוואָרן אַ קולטור־טרעגער און געווען זיכער, אַז מיט הילף פֿון בילדונג וועט אים געלינגען די ייִדן צו באַפֿרײַען פֿון זייער „פֿאַנאַטיזם און אָפּגעזונדערטקייט״ און זיי „דערנענטערן צו די גרונד־יסודות פֿון אַלגעמיינע בירגער־באַגריפֿן״ (общее начало гражданственности). און מיט רעכט חידושט זיך אַ רוסישער פֿאָרשער (א. בעלעצקי): „פֿאַר די ייִדן, וואָס זיינען געווען פֿאַררעכנט פֿאַר שעדליכע בירגער, איז געשאַפֿן געוואָרן אַ גוואַלטיקע פּריווילעגיע, און מען האָט זיי בנוגע שולבילדונג געשטעלט אין גינסטיקערע באַדינגונגען, ווי צענער מיליאָנען אַנדערע רוסישע אונטערטאַנער, וואָס זײַנען ניט אָנערקענט געוואָרן פֿאַר שעדליכע״.

איז דערפֿאַר גאַנץ באַגרײַפֿליך, וואָס די משׂכּילים, וועלכע האָבן נאָך פֿון דער „בערלינער השׂכּלה״ באַקומען בירושה דעם פֿעסטן גלויבן אין די וווילטעטיקייטן פֿון דעם „אויפֿגעקלערטן אַבסאָלוטיזם״, — האָבן אין ניקאָלאַיען דערזעען דעם „גנעדיקן הערשער״ און לײַטזעליקן באַשיצער פֿון בילדונג און אויפֿקלערונג. „פֿון דעם טיפֿן זומפּ, — שרײַבט דער אויבן שוין דערמאָנטער ווילנער משׂכּיל בנימין מאַנדעלשטאַם, — אין וועלכן אונזער פֿאָלק איז אַזוי שרעקליך פֿאַרזונקען, קאָן אונז אַרויס־העלפֿן נאָר דער קיסר מיט זײַנע גענאָדן״ [1].

די משׂכּילים האָבן אָבער דערבײַ נאָך אַלץ גרויס פּחד געהאַט, טאָמער וועלן די אָרטאָדאָקסן שטיין זיי אין וועג און וועלן אָננעמען מיטלען אויף פֿאַרבאָרגענע אומוועגן צו צעשטערן דעם פּלאַן פֿון דער שול־רעפֿאָרם. שרײַבן די ווילנער משׂכּילים זייערע מיטקעמפֿער קיין דובנאָ: „עס געפֿינט זיך דאָך צווישן אײַך [2] דער באַוווּסטער מאַן, וואָס טראַכט שטענדיק וועגן דעם נוצן פֿון זײַן פֿאָלק, יצחק בער לעווינזאָן. בעט זשע בײַ אים, ער זאָל אין אַזאַ מאָמענט ניט שטיין פֿון ווייטן און זאָל וואָס גיכער אַרויסטרעטן מיט זײַן וואָגיקן וואָרט. מיר זײַנען זיכער, אַז ער וועט בלי־ספֿק זיך ווענדן צו דער רעגירונג און בעטן פֿאַר זײַן פֿאָלק, מען זאָל פֿאַרבעסערן אונזער לאַגע. אפֿשר וועט אונז גאָט באַגנעדיקן, און דעמאָלט וועלן מיר און אונזערע קינדער שולדיק זײַן דעם טיפֿסטן דאַנק דעם דאָזיקן טײַערן מאַן, און זײַן נאָמען און זיינע מעשׂים וועלן פֿאַרצייכנט ווערן אויף די בלעטער פֿון אונזער געשיכטע״ [3].

---

1 חזון למועד, II, 18.

2 בסך־הכּל פֿערציק וויאָרסט ווײַלן פֿון דובנאָ פֿון קרעמעניץ.

3 ספֿר הזכרונות, 56.

און די דובנער משכילים, בעת זיי שיקן איבער דעם דאָזיקן בריוו לעווינזאָנען, זײַנען זיי פון זייער צד מוסיף: „מיר האַלטן פאַר איבעריק אייך צו בעטן, איר זאָלט זיך מזרז זיין אין דער דאָזיקער וויכטיקער אָנגעלעגנהייט. מיר ווייסן זייער גוט, אַז איר גופא וועט ניט רוען, ביז איר וועט ניט פאַרווירקליכן אין לעבן די גרויסע אידעען, וואָס איר האָט אַרויסגעזאָגט אין אײַערע טייערע ווערק, און וואָס טאַקע זיי האָבן עס דערוועקט בײַ די גרויסע שרים דעם ווילן אונז צו געדענקען צום גוטן, ווי מיר ווייסן דאָס טאַקע פון זייערע רייד, וואָס שטיצן זיך אויף אײַערע טעזיסן און אויספירן" 1.

זיי האָבן אָבער אין דעם פּרט געלעבט אין טעות, די משכילים. לעווינזאָן איז טאַקע געווען אַנטציקט פון אוּוואַראָוון, און וועלכן ער האָט געזעען דעם „אומאייגננוציקן העלפער", וואָס האָט באַשלאָסן דורך ליכט פון אויפקלערונג די שטאָק-פינסטערניש צו פאַרטרײַבן, וואָס הערשט אויף דער ייִדישער גאַס. ער האָט אים אפילו אין ספּעציעלע לויב-לידער באַזונגען 2. גאַנץ אַנדערש האָט זיך אָבער פאַרהאַלטן אוּוואַראָוו צו לעווינזאָנען. מיר ווייסן שוין, מיט וואָס פאַר אַ חשד ניקאָלאַי און זײַנע מיניסטאָרן האָבן זיך פאַרהאַלטן צו לעווינזאָנען דערפאַר, וואָס יענער האָט אַזוי ענערגיש געקעמפט פאַר דעם „ליגנערישן בוך", דעם תּלמוד. עס איז דערפאַר באַגרײַפליך, אַז דער דאָזיקער חשד האָט זיך געמוזט נאָך מער פאַרשאַרפן בעת דער פאָרגענומענער שול-רעפאָרם, וואָס איז דאָך פאַרטראַכט געוואָרן מיט אַ באַשטימטן צוועק צו באַפרײַען די ייִדישע יוגנט פון דעם תּלמודס „פאַרדאַרבערישער השפּעה". עס איז דערפאַר אויסער ספק, אַז דאָס קאַלטע פאַרהאַלטן זיך צו לעווינזאָנען מצד דעם בילדונגס-מיניסטער איז געווען איינע פון די הויפּט-סיבות (וועגן די איבעריקע וועט דערמאָנט ווערן ווײַטער), וואָס ליליענטאַל האָט אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט דעם קרעמעניצער השׂכּלה-קעמפער. עס דאַרף דערפאַר ניט חידושן, וואָס בעת ליליענטאַל האָט

---

1 ספר הזכרונית, 56: בודאי יחרש ולא ישקוט להביא אל הפועל כל מחשבותיו עלינו בכל חבוריו היקרים, אשר המה עוררו את רוח השרים להזכירנו לטוב, כנראה מכל דבריהם הנוסדים על מאמרי כבודו.

2 באַקאַנט איז זײַן דענקליד:

עַל שֶׁמֶשׁ הַחָכְמָה סַךְ עָב נוֹרָא
וַיֵּצֵא אֵל, וַיָּקָם מוֹשִׁיעַ וָרָב,
כִּמְעַט נָשְׁבָה רוּחוֹ וְהָיְתָה אוֹרָה
וַיִּקְרָא הָעָם: עָבַר־עָב, עָבַר־עָב!..

געהאלטן פאר נייטיק צו פארן מיט א ספעציעלן באזוך צו די גייסטיקע פירער פון די ארטאדאקסן און חסידים, איציקל וואלאזשינער און מענדעלע לובאוויטשער,—האט ער, אין פולער סתירה מיט זיינע בריוו־ליבע פילצאליקע הבטחות, דאך ניט געפונען קיין צייט זיך צו באקענען מיטן אנערקענטן פירער פון די רוסישע משכילים [1]...

די משכילים האבן זיך אבער ניט פארלאזט בלויז אויף דעם קראנקן לעווינזאנען. און ניט אלע משכילים זיינען אויך געווען איינשטימיק מיט לעווינזאנען, אז מען דארף קעמפן בלויז מיטן געווער פון איבערציינגונג, מיט דער איינציקער מאכט פונם ווארט. „אונזער איינציקע האפענונג, — שרייבט דער אויבן ציטירטער בנימין מאנדעלשטאם, — וואס איז אונז געבליבן — דער קיסר זאל אונז געבן וועגפירער, באשאנקענע מיט דער פולער מאכט צו פירן אונזערע בלינדע און טויבע ביד חזקה (געשפריצט ביי מאנדעלשטאם) איבערן וועג פון לעבן" [2]. און ביי זיין ערשטער באגעגעניש מיט ליליענטאלן דערקלערט מאנדעלשטאם, אז נאר מיט דער הילף פון א צוים און קאנטשיק קאן געלינגען צו פירן די ארטאדאקסישע מאסע אין דער געווינטשטער ריכטונג, ווייל נאר מיט דער רוט קאן מען טיפשים בווינגען, זיי זאלן גיין אויפן ריכטיקן וועג (ואם יש בא שבט לגו כסילים, כי אז ייטיבו את דרכם ויישירו לכת)...

עס ליגט אויסער אונזער אויפגאבע באריכות זיך אפצושטעלן אויף דער אייגנארטיקער שול־עפאפעע, צו באשרייבן די צוליב דער פארטראכטער שול־רעפארם געגרינדעטע קאמיטעטן, ליליענטאלס רייזעס איבער דעם תחום, און ווי אזוי די שול־רעפארם איז דורכגעפירט געווארן [3]. מיר וועלן בלויז בארירן די דעטאליען, וואס האבן געפונען אן אפקלאנג אין דער ליטעראטור, און כאראקטעריזירן די שטרעמונגען און טענדענצן פון דער דעמאלטיקער יידישער אינטעליגענץ.

ווען ליליענטאל איז אלס אוואראוס באפולמעכטיקטער געקומען צו פארן אין די באדייטנדיקע יידישע קהילות, האבן אים די ארטיקע

1 חעגן די באציונגען צווישן ליליענטאלן און לעווינזאנען און צווישן ליליענטאלן און די רוסישע משכילים האבן מיר געשריבן באריכות אין אונזער ארבעט „לעווינזאן און זיין צייט" (יעווריעסקאיא סטארינא, 1910).

2 חזון למועד, II, 17.

3 זע חעגן דעם: מ. מארגאליסעס ארבעט אין „יעווריעסקאיא ביבליאטעקא", I, ס. מארעקס „אטשערקי פא איסטאריאי פראסוועשטשעניא", 1909; ש. גינצבורגס ארבעט אין „מינוושעיע", 1923, 89—157, און אויך אין „קאזיאננאיע יעווריעסקיע אוטשילישטשא", I, 1920.

משכילים באַגעגנט מיט גוואַלטיקער התפעלות [1]. מען האָט אים געקריינט מיטן טיטול „מלאך אלהים" און געזעען אין אים דעם באַפרייער און דערלייזער. „ער איז, — דערציילט מיט אַנטציקונג וועגן ליליענטאַלן בנימן מאַנדעלשטאַם, — ביי מיר אין די אויגן געווען כמעט ווי אַ נייער משה, וואָס גאָט האָט אים אויסדערוויילט צו העלפן דורך אים זיין פאָלק!" [2]. באַלד הויבט זיך אָבער אָן די אַנטוישונג, און דער זעלביקער מאַנדעלשטאַם שרייבט שוין אין אַ גאַנץ קורצער צייט אַרום: „פיל פון די משכילים זיינען ברוגז אויף דעם דאָקטאָר ליליענטאַל דערפאַר, וואָס ער האַלט זיך פון דער ווייטן פון די, וואָס קעמפן פאַר וויסן; ער פירט אונטערהאַנדלונגען רק מיט די אָרטאָדאָקסן און חסידים און שפּילט אויך אַליין דעם שטאַרק פרומען, וואָס מוז דאַווענען צוויי מאָל אין טאָג בצבור. די אויפגעקלערטע רעכענען אים דערפאַר פאַר אַ צבועק און פאַרהאַלטן זיך מיט אומטרויען צו אַלץ, וואָס ער זאָגט!" [3]. די סיבות פון דער אַנטוישונג און אומצופרידנקייט, וואָס ליליענטאַל האָט מיט זיין טאַקטיק אַרויסגערופן אין דעם לאַגער פון די פּראָגרעסיסטן, זיינען גאַנץ באַגרייפ־ליכע. דער ענטוזיאַזם, וואָס די ידיעה וועגן דער מצד דער רעגירונג פאַרטראַכטער שול־רעפאָרם האָט אַרויסגערופן אינם לאַגער פון די משכילים, איז געווען פאַרבונדן ניט בלויז מיט ריין אידעאַלע מאָטיוון. די עקאָנאָמישע לאַגע פון אַ באַדייטנדיקן טייל משכילים איז געווען אַ גאַנץ קלאָגעדיקע. די צו זיי פיינדליכע סביבה האָט נאָך מער פאַר־שווערט זייער מאַטעריעלע לאַגע, און עס איז באַקאַנט דער לעבנסוועג פון פיל השכלה־טרעגער, וואָס זיינען ממש אויסגעגאַנגען פון הונגער [4]. די ידיעה וועגן די יידישע רעגירונגס־שולן, וואָס וועלן באַלד געגרינדעט ווערן אין יידישן תחום, האָט דערוועקט ביי פיל משכילים די האָפענונג צו באַקומען דאָרט אַ לערער־שטעלע און אויף אַזאַ אופן באַפרייט צו ווערן פון דאגת פרנסה [5]. לעווינזאָן האָט באַקומען אין די הויפנס בריוו פון די משכילים מיט איינער און דערזעלביקער בקשה: ער זאָל זיין אַ מליץ

---

1 זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט אַ אין גאָטלאָבערס אַרכיוו איינגעהיטע אָפּשריפט פון אַ דאָקומענט, וואָס שטאַמט אויס די משכילישע קרייזן. זע ביילאַגען נומ' 4.

2 חזון למועד, II. 20.

3 דאָרטן. זע אויך דאָרטן, 36, 37.

4 עס גענוגט צו דערמאָנען די טרויעריקע געשיכטע, וואָס גאָטלאָבער דער־ציילט אין זיינע זכרונות וועגן דעם טראַגישן לעבן פון דעם דובנער משכיל (מנשה איליערס אַ תלמיד) וואָלף אַדעלסאָן.

5 אַ שאַרפן אָפּקלאַנג געפינט אויך די דאָזיקע האָפענונג אין דעם אָקערשט דערמאָנטן דאָקומענט, וואָס שטאַמט פון די משכילישע קרייזן.

ביי ליליענטאלן און ביי דער רעגירונג און זיי רעקאמענדירן אלס פאסנ־דיקע קאנדידאטן אויף די פרייע לערער־שטעלעס. „איך בעט נאך אמאל, — שרייבט דער באוווסטער פארשער יעקב רייפמאן צו לעווינזאנען, — איר זאלט מיך דערמאנען צו גוטן ביי ליליענטאלן. איך וועל באלד שרייבן באריכות און וועל אויך דערביי צולייגן א בריוו צו ליליענטאלן״ 1. „מיר האט דערציילט אייער שוועסטערס זון, — שרייבט יעקב אייכענבוים לעווינזאנען, — אז איר האט אים געמעלדעט, אז אייך וועט אינגיכן באזוכן ליליענטאל. אונז איז באקאנט, ווי חשוב ער איז ביי די שרי המדינה און אז די רעגירונג רעכנט זיך זייער מיט אים אין אלע פראגן בנוגע דער לאגע פון אונזער פאלק. לכן בעט איך אייך זייער, איר זאלט מיך דערמאנען ביי אים צו גוטן, בכדי ער זאל געדענקען מיין נאמען, און ווען אונזער קיסר וועט מיט גאטס הילף ערפילן זיין ווילן און עס וועלן געגרינדעט ווערן יידישע שולן אין גאנצן לאנד, זאל ער זיך אין מיר דערמאנען און מיר געבן א לערער־שטעלע. מיר איז נאך ביז איצט ניט געלונגען צו דערשלאגן זיך צו א געזיכערטן פרנסה־קוואל... איך בין קיין מאל ניט זיכער, מיט וואס איך וועל מארגנדיקן טאג דער־נערן מיין פאמיליע... און מיך האט גאט געבענטשט מיט זעקס טעכטער און איין זון...״ 2. מיט דער זעלביקער ביטע ווענדעט זיך צו לעווינזאנען גאטלאבער 3, וואס האט זיך דערנאך געווענדעט דירעקט צו ליליענטאלן, נאכדעם ווי ער האט זיך מיט אים באקאנט, בעת יענער האט באזוכט מאהילעוו, וואס ביים דניעסטער 4. דירעקט צו ליליענטאלן האבן זיך געווענדעט וועגן לערער־שטעלעס צבי גרינבוים (דער שפעטערדיקער וולא־דימיר פיאדאראוו) 5 און פיל אנדערע משכילים.

כאראקטעריסטיש איז אויך אין דעם פרט דער „קול קורא״, וואס די ווילנער משכילים האבן דעמאלט ארויסגעלאזט און א באזונדערע אפשריפט ספעציעל צוגעשיקט לעווינזאנען 6. צווישן די אין פיר פונקטן אויסגערעכנטע נייטיקע ראדיקאלע רעפארמען פיגורירט איינער אונטערן קעפל „חסרון פרנסה בכלל ולהמשכילים בפרט״. „די משכילים, — ווערט דארט אנגעוויזן, — די, וואס האבן מיט מסירות־נפש געקלאפט אין די טירן פון וויסן, זיי גייען געבויגן אונטערן יאך פון נאראנים, וואס

1 ילקוט ריב״ל, 96.

2 באר יצחק, 93.

3 דער בריוו איז נאך ניט פארעפנטליכט.

4 הבוקר אור 1879, 919.

5 יעהרעיסקאיא סטארינא, 1910, 413.

6 ספר הזכרונות, 53—55.

רודפן זיי אָן רחמנות. זייער נידעריק איז די לאַגע פון משכּילים, זיי לעבן אין גרויס נויט און דחקות. אויסער דעם גרויסן מיטלייד, וואָס יעדער פאַרשטענדיקער שפּירט בעת ער זעעט, ווי די דאָזיקע איידעלע מענטשן זײַנען אַזוי דערנידעריקט און האָבן ניט פון וואָס צו לעבן, ווירקט עס נאָך אָפּשרעקנדיק אויפן פּשוטן פאָלק און מען פאַרלירט דעם מינדסטן חשק צו פאָרשן נאָך וויסן און בילדונג, וואָרום צו וואָס, טראַכט יעדער, טעג זיך פאַרנעמען מיט וויסנשאַפטן, בעת מען זעעט דאָך, אַז מען וועט זיך דורכדעם ניט נאָר דערווערבן שנאה און רדיפות מצד די נאָראָנים, נאָר מען וועט אויך בײַ קיינעם קיין שטיצע ניט באַקומען און מוזן זײַן נע-ונד צוליב דעם שטיקל ברויט.

און גראָד אין דער הינזיכט האָט ליליענטאַל אַמשווערסטן אַנטוישט די האָפענונגען פון די משכּילים. די רעגירונג האָט דאָך אין דער התחלה טאַקע לויט ליליענטאַלס פאָרשלאָג בדעה געהאַט פון אויסלאַנד אײַנצולאָדן לערער פאַר די נײַ-געגרינדעטע שולן. אין אַזוואָראָווס נאָמען האָט ליליענטאַל געפירט וועגן דעם בריוולעכע אונטערהאַנדלונגען מיט פיל ייִדישע געלערנטע אין דײַטשלאַנד [1]. העכער 200 מאַן האָבן שוין אין אויסלאַנד מיט אומגעדולד געוואַרט, ווען ווען ענדליך די נײַע שולן געעפנט ווערן. און די אויסלענדישע ייִדישע צײַטונגען האָבן שוין אפילו געמאַכט פאַרוואָרפן ליליענטאַלן, פאַר וואָס ער ציט אַזוי לאַנג מיט דער אײַנלאַדונג. עס איז קלאָר, אַז בײַ די באַדינגונגען האָט ער אַמווייניקסטן געקאָנט נעמען אין באַטראַכט די דאָרטיקע משכּילים אַלס לערער-קאַנדידאַטן. דערצו האָבן נאָך מיטגעווירקט צוויי ריין פּערזענלעכע מאָטיוון. ראשית האָט דער דיפּלאָמירטער דאָקטאָר אויס בייערן זיך פאַרהאַלטן מיט אַ געוויסן ביטול צו די „אָסט-יודען“ און צו זייערע אויפגעקלערטע. „די שמוציקע, בערדיקע ייִדן, וואָס זײַנען קוים באַרירט פון דעם אויפקלערונגס-ליכט“, אַזוי אַטעסטירט ליליענטאַל די רוסישע משכּילים אין זײַנעם אַ בריוו צו אַ באַאַמטן פונם בילדונגס-מיניסטעריום [2]. אויסער דעם, איז דער יונגער 26-יאָריקער ליליענטאַל געווען פאַרשיכּורט פון דער ווירטיקער ראָלע, וואָס איז אַזוי אומדערוואַרטעט אויסגעפאַלן אויף זײַן גורל: אַרומפאָרן איבער דעם תחום אַלס עמיסאַר און באַפולמעכטיקטער פון דעם בילדונגס-מיניסטער. ער האָט געוואָלט אַליין, אָן וועלכע מיטהעלפער פאַרבינדן זײַן נאָמען מיט דער בילדונגס-רעפאָרם פונם רוסישן

1 וועגן ליליענטאַלס אונטערהאַנדלונגען מיט גײַגערן זעהט מער פון גײַגערס ענטפער (זע זײַנע „נאָכגעלאָזענע שריפטען“, V).

2 צ טירט בײַ י. העססען אין „פּערעזשיטאָיע“, III, 22.

יידנטום. ער, דער פרעמדער, וואס איז געווען אזוי קנאפ באקאנט מיט די ארטיקע צושטענדן און מיטן לעבנסשטייגער פון דעם רוסיש-פוילישן יידנטום, האט געפרוווט שפילן דעם דיפלאמאט, וואס פארשטייט מיט זיין קונציקן שפיל צו נארן ביידע פיינדליכע צדדים. ער האט אבער זייער ווייניק געפאסט צו דער דיפלאמאטן-ראלע, און זיין דאפל-שפיל האט בלויז געבראכט דערצו, וואס ביידע צדדים האבן זיך צו אים פאר-האלטן מיט גרויס פארדאכט.

מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, ווי אנטוישט פיל פון די ווילנער משכילים זיינען געווען פון ליליענטאלס אויפפירונג. דאס זעלביקע האט זיך אויך איבערגעחזרט אין געוויסע משכילים-קרייזן אין דעם דרום-מערב-קאנט. בעת ליליענטאל האט אויף זיין צווייטער רייזע איבערן תחום באזוכט אדעס, האט ער זיך אפגעשטעלט אין הויז פון דעם אנגעזעענעם משכיל משה פרידבערג. לעווינזאנס א הייסער פארערער, האט פרידבערג ניט געוואלט באהאלטן זיין פארדרוס, וואס ליליענטאל האלט ניט פאר נייטיק צו באזוכן לעווינזאנען און אויסהערן זיין מיינונג וועגן דער שול-רעפארם. „עס איז ניטא, — דערקלערט פרידבערג זיין גאסט, — קיין אנדערער, וואס זאל אזוי גוט וויסן די נויטבאדערפענישן פון אונזער פאלק, ווי לעווינזאן. מיר פארמאגן נאך ניט אזא געניטן ארצט, וואס זאל אזוי ווי ער וויסן און פארשטיין, אין וואס באשטייען די קראנקהייטן פון דעם פאלק ישראל און מיט וואס מען קאן זיי היילן, און אויב אין דער קאמיסיע (וואס האט באדארפט באטראכטן די שול-רעפארם) נייטיקט מען זיך אין דער עצה פון א געניטן ארצט, איז אמנייטיקסטן אהין איינצולאדן לעווינזאנען. ווארום, ווען מען וועט איינלאדן פון א פרעמדן לאנד אפילו דעם געניטסטן דאקטאר [1], נאר ווי באלד יענער איז ניט באקאנט מיט די באדינגונגען פון אונזער לאנד און ער וועט וועלן היילן אויף זיין באראט, ווי ער איז געוווינט געווארן אין זיין מדינה — איז שטארק צו באפירכטן, אז ער וועט ניט נאר קיין הילף ניט ברענגען, נאר נאך פארערגערן די לאגע. דערפאר איז דאס גלייכסטע טאקע צו האלטן זיך אן עצה מיטן ארטיקן ארצט, וואס ווייס גוט די ארטיקע צושטענדן, דעם כאראקטער און לעבנסשטייגער פון די איינוווינער. ער וועט אמבעסטן פארשטיין, וואס עס קאן שאטן, און מיט וואס מען קאן הילף ברענגען [2].

די אומצופרידנקייט אין משכילישן לאגער האט זיך נאך מער געשטארקט, ווען ליליענטאל האט סוף זומער 1842 אין ווילנע פאר-

---

1 א אנהערעניש אויף דאקטאר ליליענטאל.

2 באר יצחק, 101.

עפנטליכט זיין אויפרוף־מאַניפעסט „מגיד ישועה“ [1], וואָס איז געשריבן אין דעם טיפיש־פּאַטעטישן סטיל פון אַ דייטשן פּרעדיגער. בנימין מאַנדעלשטאַם שיקט די דאָזיקע בראָשור זיינעם אַ פריינד און שרייבט דערביי מיט ביטערן סאַרקאַזם: באַקען זיך מיט די אַלע „ישועות ונחמות“, מיט וועלכע ליליענטאַל טוט אונז טרייסטן. און דאָרט, ביי די דייטשע ייִדן, הערט זיך אין אַלע צייטונגען אַ קול רנה וישועה, אַלע דערציילן זיי וועגן דאָקטאָרס גרויסקייט און זיינע ווונדערליכע מעשים, וואָס ער זאָל האָבן פאָלבראַכט אונז לטובה. דאָרט פרייען זיך שוין די ייִדן מיט אונזער גליק, און מיר וויסן פון גאָרנישט. מיר זיינען נאָך אַלץ ניט געהאָלפן געוואָרן“ [2]. מיט פאַרדרוס דערמאָנט מאַנדעלשטאַם ליליענטאַלס דערציילונג, ווי ער האָט זיך געקלאָגט פאַר אוואַראָוון און פאַר אַנדערע גרויסע באַאַמטע אויף דעם קבלת פנים, וואָס ער האָט באַקומען פון די מינסקער ייִדן, און מאַכט זיך גרויס דערמיט, וואָס ער איז זיך ניט נוקם אין זיי דערפאַר. „דאָס פאָלק, — רופט מאַנדעלשטאַם אויס, — לעבט אין דחקות און נויט, איז געדריקט און אומגליקליך, און גאָט האָט אונז צוגעשיקט דעם דאָקטאָר, וואָס האָט קיין בעסערס ניט געפונען, ווי צו קלאָגן זיך אויף אונז פאַר די הויכע באַאַמטע און זיי דערמאָנען, אַז מיר זיינען אַן „עם קשה עורף“! [3]. באַזונדערס האָט אים אויפגעבראַכט ליליענטאַלס ידיעה, אַז עס וועט צונויפגערופן ווערן אַ ספּעציעלע רבנים־קאָמיסיע, וואָס וועט באַטראַכטן די שול־רעפאָרם ביי ייִדן אין רוסלאַנד. ליליענטאַל, — ווייזט מאַנדעלשטאַם אָן, — דערקלערט מיט אַזאַ גדלות: „איך וועל אייך גרויסע זאַכן דערציילן, וועגן באַלדיקע ישועות, וואָס אונזערע אבות האָבן ניט געזעען און אונזערע זיידעס האָבן וועגן זיי ניט געהערט“! [4]. אָט דאָס זיינען די ישועות? מיט וואָס קאָנען אונז די רבנים העלפן? אָט די דאָזיקע שטומע באָקן (פסילים אלמים), וואָס זיינען ליידיק פון וועלכן ס'איז ווייסן? אפשר וועלן זיי אונז מזכה זיין

---

1 איבערגעדרוקט אין לעטעריסעס „מכתבי קדם“ 1863, און אין גאָטלאָבערס „הבוקר אור“, 1879, 912—918. ליליענטאַל האָט געשריבן זיין בראָשור אין דייטש, און אַ איבערזעצט אויף העברעיִש האָט דער יונגער ש. י. פין, װאָס האָט צום סוף פון דער איבערזעצונג איינגעפלאָכטן לזכרון זיין אנאַגראַם (ש מ ע ו מדברי ו א ל י ו ס ף פ נ ו ת).

2 חזון למועד, II, 38.

3 דאָרטן, 41.

4 כי גדולות אספר לכם וישועות מקרוב באו אשר אבותינו לא ראו ווקניגו לא שמעו.

מיט א זיבעטן סדר צו די ששה סדרים משנה, אָדער מיט א פינפטער ציצה צו די ארבע כנפות ? 1

נאָך שאַרפער איז קעגן ליליענטאַלן אַרויסגעטראָטן דער באַוווּס־טער משכיל מרדכי אהרן גינצבורג. אויף ליליענטאַלס „מגיד ישועה״ האָט גינצבורג גלײַך אָפּגענטפערט מיט א פאַמפלעט „מגיד אמת״, וואָס איז דערשינען אין לײַפּציג אונטער דעם פּסעוודאָנים יונה בן אמיתי.

דער „מגיד אמת״ פאַנגט גלײַך אָן מיט א ווענדונג צו די רוסישע יִדן: הערט, איר רוסישע בירגער! די דײַטשן—זיי מאַכן זיך גרויס און וואַרפן אונז פאָר, וואָס „צווישן די הונדערטער טויזנט רוסישע יִדן האָט זיך קיין איינער ניט געפונען, אויף וועלכן די רעגירונג זאָל זיך קאָנען פאַרלאָזן, ביז עס האָט זיך באַוויזן א דײַטשער דאָקטאָר פון א ווײַטן לאַנד, און אים האָט די רעגירונג באַפולמעכטיקט צו פאַרווירקליכן איר ווילן״. די דאָזיקע אונז דערנידעריקנדיקע באַהויפּטונג, פאַרזיכערט גינצ־בורג, איז אָבער ניט ריכטיק. ער ווײַזט אָן, אַז אין ווילנע געפינען זיך שוין פיל געבילדעטע מענער, „וואָס שיקן זייערע קינדער אין די גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן״. ווי מאַנדעלשטאַם [2], פאַרזיכערט אויך גינצבורג, אַז צווישן די רוסישע משכילים געפינט זיך א מער פּאַסיקער קאַנדידאַט, ווי ליליענטאַל, וואָס וואָלט געקאָנט זײַן א פאַרמיטלער צווישן דער רעגירונג און דעם יִדישן פאָלק, און דער דאָזיקער קאַנדידאַט איז דער דירעקטאָר פון דער אָדעסער יִדישער מוסטער־שול בצלאל שטערן [3]. גינצבורג קאָן

---

1 דאָרסן, 40. אויך ניסן ראָזענטאַל האָט זיך אַנטשיידן אַרויסגעזאָגט קעגן דער רבנים־קאָמיסיע אין זײַן מעמאָראַנדום, וואָס ער האָט דערלאַנגט אוּוואַראָוון (זע „קאַזיאָנניע יעווריעיסקיע אוטשילישטשאַ״, 114).

2 חזון למועד, II, 42: אחת היא עוד תקותנו על הד״ר שטערן מאדעסא אַזי״ה... וועגן דעם גרויסן רעספּעקט, מיט וועלכן די ווילנער משכילים האָבן זיך פאַר־האַלטן צו שטערנען, זע די צו אים אַדרעסירטע בריוו פון ש. י. פין (הפרדס, III, 149—156).

3 שטערן איז אָבער פאַקטיש אויך ניט געווען קיין רוסישער יִיד, נאָר פון די גאַליציאַנער משכילים (זע אונזער ווערק ב׳ VII, צווייטער בוך). כאָטש ער האָט שוין לענגערע יאָרן געלעבט אין אָדעס און איז געווען „אוטשאָני יעווריי״ בײַם פירסט וואָראָנצאָוו, האָט ער זיך געהאַלטן פאַרן „דײַטש״ און מיט א געוויסן ביטול געקוקט אויף די רוסיש־פּוילישע יִדן מיט זייער „זשאַרגאָן״ און „פאַנאַטיזם״. כאַראַק־טעריסטיש איז אין דער הינזיכט זײַן מעמאָראַנדום, וואָס ער האָט דערלאַנגט וואָראָנ־צאָוון מכּוח די קורלענדער קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין כערסאָנער גובערניע. ער בעט, אַז מען זאָל יעדן קורלענדער קאָלאָניסט אַרויסגעבן שטיצע ניט 600 רובל ווי די פּויליש־רוסישע יִדן, נאָר 800 רובל, ווײַל די קורלענדער יִדן צײַכענען זיך אויס פון זייערע רוסיש־פּוילישע גלויבנס־ברידער מיט זייער העכערער קולטור און ווייניקער אָבערגלויבן. אין הסכם דערמיט בעט אויך שטערן, מען זאָל די קורלענדער־

ניט מוחל זײַן ליליענטאַלן, וואָס יענער האָט אין ווילנע בײַ זײַן צווייטן באַזוך אַלץ זיך געחברט מיט די גבירים און אָרטאָדאָקסן, און מיט ביטול זיך פאַרהאַלטן צו די משכּילים, וואָס „פאַרמאָגן בלויז וויסן, אָבער ניט די זעקלעך מיט גאָלד".[1]

גינצבורג האָט זיך אָבער ניט געוואָלט באַגנוגן מיט דעם פאַמפלעט אַליין. ער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ זײַטיקן מענטשן, און שרײַבט אַ רעצענזיע[2] אויף דעם „מגיד אמת" פון דעם אים בלומרשט אומבאַקאַנטן יונה בן אמיתי, וווּ ער רעכנט זיך ווידער אַמאָל אָפּ מיט ליליענטאַלן. מיט איראָניע דערציילט ער וועגן דער התפּעלות און יראת-הכּבוד, מיט וועלכע די משכּילים האָבן געוואַרט אויף דעם „דאָקטאָר פילאָזאָפיע" ליליענטאַל, און ווי גרויס איז געווען זייער אַנטוישונג בעת זיי האָבן אין דעם דאָזיקן דיפּלאָמירטן דאָקטאָר דערזעען דעם פולן היפּך פון דעם, „וואָס די מלכּת שבא האָט געזעען אין שלמה המלך". און נאָך אַמאָל קערט זיך גינצבורג אום צו דער פאַר אים באַזונדערס אָנגעווייטיקטער פראַגע: וועגן דעם שטאָלצן פאַרהאַלטן פון די דײַטשע ייִדן צום רוסישן ייִדנטום און צו זײַנע געלערנטע. „כּחומר ביד היוצר — קלאָגט זיך גינצבורג, — ווי לֵיים אין דעם טעפּערס האַנט, אַזוי זײַנען מיר אין די הענט פון אונזערע דײַטשע געלערנטע ברידער. זיי רעדאַקטירן צײַטשריפטן אין אַ גאַנץ גרויסער צאָל, און ווער עס האַלט אַ פּען אין דער האַנט און קאָן שרײַבן אַ קאָרעספּאָנדענץ אין אַ צײַטונג, דער האַלט זיך פאַר אַן אַלמעכטיקן ריכטער, וואָס קאָן משפּטן די גאַנצע וועלט. איך קלאָג מיך, חלילה, ניט אויף די צײַטשריפטן בכלל, זיי ברענגען געוויס אַ גרויסן נוצן אונזער פאָלק, — זיי דאַרפן זיך אָבער געוויס רעכענען דערמיט, אַז אויך „לָנו פֶּה להשיב" — אויך מיר זײַנען ניט קיין שטומע און קענען אַן ענטפער געבן. וועלן די דאָזיקע געלערנטע ווײַטער זײַן מער פאָרזיכטיק, ווײַל זיי וועלן וויסן, אַז פאַר זייערע ווערטער וועלן זיי דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון".[3] און נאָך אַמאָל שטרײַכט גינצבורג אונטער

קאָלאָניסטן אַרויסטיילן בעסערע און באַקוועמערע ערד-טיילן, וואָס זאָלן זײַן אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע ייִדישע קאָלאָניסטן, בכדי אויסצומײַדן די אַלע אומאָנגענעמליכקייטן און סכסוכים, וואָס קאָנען אַרויסקימען מחמת דעם פאַנאַטיזם און גאַנץ אַנדערן וועלטבאַנױם פון די פוילישע ייִדן, וואָס האָבן זיך דאָרט נאָך פריער באַזעצט (זע ש. באָראָווֹאָי, יעווריסקאַיאַ זעמלעדעלטשעסקאַיאַ קאָלאָניזאַציע, 158—159).

1 מער באַריכות וועגן גינצבורגס „מגיד אמת", זע אינזער איבן ציטירטע אַרבעט וועגן לעווינזאָנען אין „יעווריסקאַי סטאַרינאַ" 1910.

2 המוריה, 1878, 38—48.

3 דאָרטן, 43.

דעם פאַר אים אַזוי וויכטיקן אויספיר: די רעגירונג האָט נים נייטיק צו רופן פון אַ ווייטן לאַנד מענטשן פון וויסן, זי דאַרף נאָר אַ רוף טאָן צו די געלערנטע פון איר לאַנד, און זיי וועלן גלייך זיך פאַרזאַמלען (אין המלכות צריכה לבקש אנשי דעת בארץ רחוקה, כי אם תשרוק לְחַכְמֵי אַרְצָה ותקבצם) 1.

אָביעקטיוו באַטראַכט, האָט ליליענטאַל ניט פאַרדינט די אַלע אָנ־פאַלן מצד די „אויפקלערער". ער איז כּלל ניט געווען אַזוי אומגערעכט דערמיט, וואָס ער האָט זיך גאָחברט מיט די אָרטאָדאָקסן און חסידים, ווייל ער האָט געזען, אַז זיי זיינען נים אין פאַרגלייך מעכטיקער, אין צאָל און אין איינפלוס, כון די משכילים און אַז אָן זייער הסכּמה וועט זייער שווער זיין דורכצופירן די שול־רעפאָרם. און ווען ער האָט ביי די אָרטאָדאָקסן קיין שום דערפאָלג נים געהאַט, איז דאָס נים בלויז, ווייל ליליענטאַל איז געווען אַ צו־אומגעניטער דיפּלאָמאַט און אַ נים־גענוגנ־דיק באַדייטנדיקע פּערזענליכקייט, נאָר דער עיקר דערפאַר, וואָס ניקאָלאַי און זיינע מיטהעלפער האָבן דאָך מיט דער שול־רעפאָרם פאַקטיש באַ־צוועקט נים קיין אויפקלערונג, נאָר מאַכן פון יידן פאַר דער רעגירונג „נוצליכע בירגער" דורך שמד און אַסימילאַציע. מען מוז אויך מודה זיין, אַז ליליענטאַל איז דאָך געווען ווייטזיכטיקער פון די אַלע משכּילים, וואָס זיינען אויף אים מיט אַזאַ גרימצאָרן אָנגעפאַלן. באַקאַנט איז די דערקלערונג, מיט וועלכער די מינסקער אָרטאָדאָקסן האָבן באַגעגנט ליליענטאַלן: „כּל זמן די מלוכה וועט די יידן נים געבן קיין פולע בירג־ער־רעכט, וועט בילדונג פאַר זיי זיין נאָר אַן אומגליק". דאָס האָבן

4 אויך דער רייכער קולטור־קעמפער ניסן ראָזענטאַל האָט אין זיין מעמאָ־ראַנדום, וואָס ער האָט דערלאַנגט אוואַראָוון, זיך אַנטשיידן ארויסגעזאָגט קעגן איינלאַדן לערער פון דייטשלאַנד. ער האָט דאָס, אגב, געטאָן אויף אַ גאַנץ קונציקן אופן. גראָד דעמאָלט האָט אין דייטשלאַנד זיך ווידער פאַרשטאַרקט דער קאַמף פאַר רעלי־גיעזער רעפאָרם און בראש פון די רעפאָרמיסטן זיינען געשטאַנען אַזעלכע ראַדיקאַלע פריידענקער ווי אברהם גייגער און שמואל האָלדהיים. ווייזט ראָזענטאַל אוואַראָוון אָן, אַז מען דאַרף מורא האָבן, די אויסלענדישע לערער זאָלן מיט זיך צו אונז ניט פאַרטראָגן די אַנשטעקנדיקע קראַנקהייט פון ראַציאָנאַליזם, וואָס זיין פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך איצט אַזוי געשטאַרקט אין מערב־אייראָפּע. דאָס האָט געווירקט, און אוואַראָוו האָט אָפּגעוואָרפן דעם פּלאַן פון אימפּאָרטירן אויסלענדישע לערער. כאַראַקטעריסטיש פאַר די באַציִונגען צווישן דעם רוב ווילנער משכּילים צו ליליענטאַלן איז אויך פאָלגנדיקער פאַקט: ש. י. פין האָט אין צווייטן טייל „פרחי צפון", וואָס איז דער־שינען אָנפאַנג 1844, פאַרעפנטליכט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער באַוווּנדערט אין געהייבענעם מליצה־סטיל אוואַראָווס לייטזעליקייט צו יידן. ער שטרייכט דערביי באַזונדערס אונטער די ראָלע, וואָס ביי דער פּראָיעקטירטער שול־רעפאָרם עס האָט געשפּילט ניסן ראָזענטאַל, מיט וועלכן אוואַראָוו האָט געפירט לאַנגע געשפּרעכן. ער דערמאָנט אָבער נים מיט קיין איינציקן וואָרט דעם עמיסאַר ליליענטאַל.

דווקא די משכילים, וואס זיינען געווען אזוי אומצופרידן מיט ליליענטאלן, ווי, אשטייגער, מ. א. גינצבורג, ניט געוואלט און ניט געקאנט באגרייפן. אפגעריסן פונם רעאלן לעבן, ווייניק באקאנט מיט די סאציאלע צושטענדן פונם לאנד, איז פאר זיי געבליבן אומבאקאנט דער טרויעריקער אמת, אז אין ניקאלאיס רוסלאנד מיטן אלטפרענקישן „פאנשטשינא"-סדר האט דער רעכטלאזער ייד ניט ביי וואס אוים צונוצן אייראפעישע בילדונג. זיי האבן נאיוו געגלויבט, אז אויפקלערונג און אייראפעישע קליידונג וועלן שוין במילא ברענגען די גאנצע ישועה. ליליענטאל האט אבער איינגעזען, אז די מינסקער ארטאדאקסן זיינען גערעכט, און דערפאר האט ער אין זיינע געשפרעכן מיט אוואראוון, בעת יענער האט זיך געקלאגט אויף דעם „ווילדן פאנאטיזם און מאראלישער פארדארבנקייט" פון די יידן, יעדעס מאל אנגעוויזן, אז דאס בעסטע מיטל דאס אלץ צו באזייטיקן איז — פולשטענדיקע עמאנציפאציע. מיר ווייסן וועגן דעם דאזיקן אינטערעסאנטן פונקט ניט בלויז אוים ליליענטאלס זכרונות, וואס ער האט פארעפנטליכט מיט פיל יארן שפעטער (אין 1855) אין דער „אלגעמיינער ציישונג דעם יודענטומס", נאר אויך אויס דאקומענטן, וואס זיינען אויפגעהיט אין ארכיוו פונם בילדונגס-מיניסטעריום. אין איינעם פון זיינע מעמאראנדומס, וואס ער האט דערלאנגט דער רעגירונג אין 1842 נאך זיין רייזע איבערן תחום, ווייזט ליליענטאל אן, אז בכדי די ניי-געגרינדעטע שולן זאלן ווירקליך זייער ציל דערגרייכן, איז נייטיק קודם כל צו באפרייען די יידן פון זייער רעכטלאזער לאגע. דאס פארשפארן די יידן אין ענגן „תחום" און די פילצאליקע אנדערע באגרעניצונגען האבן געבראכט דאס יידישע פאלק צו געוואלטיקער פאראַרימונג און דער איינציקער אויסוועג איז — געבן יידן פולבארעכטיקונג, אויסטיילן זיי ערד צו קאלאניזאציע, גרינדן פאבריקן פאר יידישע ארבעטער און געבן די יידן א פרייען צוטריט אין די אוניווערזיטעטן [1]. אויך אין זיין „מגיד

---

1 קאזיאניע יעהרעיסקיא אוטשילישטשא, 1920, 111—112. ס'איז אינטערעסאנט, וואס אן אנדער דייטשער ייד, געמצוזענער שוחט אין חיימארן און אין רוסלאנד, נאכדעם, ווי ער האט אנגענומען דעם קריסטליכן גלויבן — פראפעסאר אין דער אקאדעמיע פאר גייסטליכע, איז אין זיין מעמאראנדום, וואס ער האט דערלאנגט צו דער זעלביקער צייט, געקומען צו די זעלביקע אויספירן. ניט דעם באליידיקטער, — שרייבט ער, — נאר דער באליידיקער דארף דער ערשטער אויסשטרעקן די האנט פון פרידן. גיט דעם יידן א פאטערלאנד און ער וועט אויפהערן טרוימען וועגן פאלעסטינע. פארגלייכט אים אין זיינע רעכט מיט די קריסטן, וועט ער ווערן א גוטער בירגער. נאר אויפן באדן פון פולשטענדיקער גלייכבארעכטיקונג צווישן יידן און קריסטן אין גייסט פון קריסטליכער ליבע איז מעגליך די (יידישע) אסימילאציע (דארטן, 80—81).

ישועה״ ווײַזט ער אָן, ווי ער האָט געהאַלטן פֿאַר וויכטיק איבערצוגעבן אַוואַראָוון די גערעכטע טענות פֿון די אָרטאָדאָקסן: פֿאַר אונדז איז בעסער, אונזערע קינדער זאָלן אויסוואַקסן אָן בילדונג, וואָרום דעמאָלט וועלן זיי זיך ניט שעמען צו פֿאַרנעמען זיך מיט די נידעריקע קבצנישע פּרנסות, ווי פּאַקטאָרײַ וכדומה; אָבער וואָס וועט זײַן, אַז זיי וועלן באַקומען בילדונג און קיין נײַע פּרנסה־קוואַלן וועט מען פֿאַר זיי ניט עפֿענען? מיט די פֿריערדיקע פּרנסות, אויף וועלכע זיי וועלן קוקן מיט האַס און פֿאַראַכטונג, וועלן זיי שוין האַלטן פֿאַר אוממעגלעך זיך צו פֿאַרנעמען, וועלן זיי קיין אַנדער אויסוועג ניט געפֿינען, ווי צו פֿאַרלאָזן די אמונה פֿון זייערע אבות.

ווי עס שײַנט, האָט דער פּיפּיקער אַוואַראָוו געגעבן ליליענטאַלן וועלכע־ס׳איז הבטחות; דערמיט איז צו דערקלערן, וואָס אין אייניקע טעג נאָך דעם, ווי ניקאָלײַ האָט געחתמעט דעם באַפֿעל וועגן דער שול־רעפֿאָרם און וועגן גרינדן די ראַבינער־קאָמיסיע, שרײַבט ליליענטאַל אין זײַן בריוו צו איינעם פֿון די אָנגעזעענע ווילנער משׂכּילים פֿון יענער צײַט, צבֿי הירש קאַצענעלענבויגען: און אויב איר וועט זאָגן: דער דאָזיקער אוקאַז וועט אונדז דאָך ניט געבן קיין ברויט און קיין קליידונג, וואָס נוצט אונדז חכמה און וויסן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין שטיקל ברויט און קיין קלייד אויפֿן לײַב? אַזוי זײַט וויסן און פֿאַרשטייט, אַז דער דאָזיקער אוקאַז איז בלויז דער ערשטער, און נאָך פֿאַר סוף יאָר וועלן דערשײַנען דרײַ אָדער פֿיר אַנדערע, און פֿון זיי וועט איר ערשט זען, אַז די רעגירונג מיינט גוט מיט די ייִדן און די קומענדיקע טעג וועלן זײַן פֿיל בעסער פֿון די פֿריערדיקע, ווען מיר זײַנען געווען צו שפּאָט און צו געלעכטער [1]. אויך אין זײַן „מגיד ישועה״ ווײַזט ער אָן, אַז מען דאַרף האָפֿן אויף דעקרעטן בנוגע פֿאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פֿון ייִדן [2]. און דערפֿאַר איז אַפֿילו אויף אים (ווי מיר וועלן ווײַטער זען) אָנגעפֿאַלן מרדכי אהרן גינצבורג: סטײַטש, ליליענטאַל וויל אונדז ווי קליינע קינדער מיט נים און נאַשערײַען אײַנריידן, מיר זאָלן חשק באַקומען צו דער שול־רעפֿאָרם...

ניט אַלע משׂכּילים זײַנען אָבער געווען איינשטימיק מיט גינצבורגן. קודם־כּל דאַרף מען בײַ די משׂכּילים אונטערשיידן צווישן משׂכּילים־

---

1 אַ קאָפּיע פֿון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן בריוו האָבן מיר געפֿונען אין גאָטלאָבערס אַרכיוו, און האָבן אים אין רוסישער איבערזעצונג פֿאַרעפֿנטלעכט אין „פּערעזשיטאָיע״, III, 380—382. חײַל דער אָריגינאַל איז נאָך עד־היום ניט געדרוקט, ברענגען מיר אים אין בײַלאַגע נום׳ 5.

2 ובחתנו חנוך טוב לבנינו — כי רק בזה תעתר הממשלה הרוממה לפתוח לנו פתחי פרנסה חדשים.

ליטעראטן און משכילים רייכע סוחרים און געשעפטס־לייט. אויס מאָטיוון, אויף וועלכע מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן (זע אויבן ז׳ 98) האָבן די רייכע אויפגעקלערטע סוחרים זייער געוואונטשן, אַז די ייִדישע מאַסע זאָל זיך ניט נאָר באַפרייען פון פאַנאַטיזם און אָבערגלויבן, נאָר זאָל וואָס גיכער איבערגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט און ווערן „נוצליכע מיטבירגער". און מען מוז מודה זיין, אַז זיי האָבן אין זייערע מעמאָ־ראַנדומס, וואָס זיי פלעגן דערלאַנגען דער רעגירונג, צייטנווייז אַפּילו אָוועקגעוואָרפן דעם סקאַרבאָווע קנעכטיש־אונטערטעניקן סטיל און זיך דערלויבט צו ריידן מיט אַן אָפענער, מוטיקער שפּראַך. טיפּיש איז אין דער הינזיכט דער מעמאַראַנדום, וועלכן דער צו זיינער צייט באַוווּסטער געשעפטס־מאַן און כּלל־טוער ליטמאַן פייגין האָט אין 1833 דערלאַנגט ניקאָלאַיען. ער האַלט פאַר איבעריק צו ריידן וועגן די „חסדים", וואָס דאָס ייִדישע פאָלק געניסט אין דעם רוסישן לאַנד. ער רעדט אָפענע דבורים, און ווייזט אָן, „ווי שרעקליך דערנידעריקט דאָס ייִדישע פאָלק איז דורך די מיטלען, וואָס די רעגירונג האָט קעגן אים אָנגענומען". „דאָס ווייגעשריי פונם ייִדישן פאָלק איבער זיין אומגליקליכער לאַגע — אַזוי פאַנגט זיך אָן דער מעמאָראַנדום — הערט זיך איבער דער גאַנצער וועלט. מיט פולן רעכט האָט עס געוואָרט אויף פאַרבעסערונג פון זיין לאַגע; צום סוף ווערט זי פון שעה צו שעה אַלץ אומדערטרעגליכער; מען האָט ביי אים אַוועקגענומען ניט בלויז אַלע בירגער־רעכט, נאָר אַפּילו אַלע לעבנסקוואַלן [1].

אויך דער אויבן־דערמאָנטער כּלל־טוער ניסן ראָזענטאַל, וואָס האָט אין 1841 געגרינדעט אין ווילנע די ערשטע ייִדישע מוסטער־שול, און אַלס אַוואָראַוואָס אַ פּערזענליך באַקאַנטער פיל אָנטייל גענומען אין דער שול־רעפאָרם [2], האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו דערלאַנגען אַוואָראַוון אַ ספּעציעלן מעמאָראַנדום, וווּ ער ווייזט אָן, אַז מען דאַרף קודם־כּל אָננעמען מיטלען קעגן דער ייִדישער מאַוומדיקער פאַראַרעמטקייט; און צו דעם צוועק דאַרף מען גרינדן ערד־קאָלאָניעס און פאַבריקן. ראָזענטאַל האָט אַפּילו אויסגעאַרבעט דערצו אַ ספּעציעלן „פּלאַן וועגן ערדאַרבעט און וועגן פאַבריקן און טעכנישע אַנשטאַלטן" [3].

---

1 פייגינס מעמאָראַנדום האָט פאַרעפנטליכט י. העסען אין „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1911, 394—402.

2 זע וועגן דעם: גינצבורגס „מגיד אמת"; ש. י. פין, שפה לנאמנים, 164 און אונזער אַרבעט וועגן יצחק בער לעווינזאָנען, „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1910, 524—526.

3 קאַזיאָניע יעווריעיסקיע אוטשילישטשאַ, 114—115.

אויף ראָזענטאַלס מעמאָראַנדום האָט אוואַראָוו מיט זײַן האַנט אויפגעשריבן פאָלגנדיקע באַמערקונג: „ראָזענטאַלס מיינונג איז אַ פועל־יוצא פון יידישער צוגעשפּיצטקייט (жидовская тонкость), וואָס וויל אויספאָרשן דער רעגירונגס פאַרבאָרגענעם מיין, בכדי דאָס באַציִטנס אויסצונוצן און וויסן, ווי אַזוי אים צו־צופּאַסן צו זייערע צוועקן. ראָזענטאַל איז ניט אינשטאַנד תּופס צו זײַן דעם גאַנצן ענין. ניט מיט ערדאַרבעט און פאַבריקן וועט געלייזט ווערן די יידן־פראַגע; איר עיקר ליגט פיל העכער“ [1].

ראָזענטאַל און די איבעריקע משכּילים האָבן טאַקע ניט „תּופס געווען דעם גאַנצן ענין“. זיי האָבן ביי זייער גאַנצער „יידישער צוגעשפּיצטקייט“ נאַיִוו געמיינט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן „אויפקלערן“ און אויסבילדן די יידישע יוגנט, בעת דער בילדונגס־מיניסטער איז אויסן געווען צו ערפילן די באַשטעלונג פון זײַן דעספּאָטישן האַר, וואָס האָט געשטרעבט דערצו, אַז „אַלע יונים זאָלן האָבן איין פּנים“, און אַלע זײַנע אונטערטעניר אָן אויסנאָם זאָלן לעבן און דענקען רק לויט זײַן „אַלער־העכסטן“ ווילן. דערפאַר האָבן די שולן באַדאַרפט אויסוואָרצלען דעם „פאַנאַטיזם און דעם שעדליכן אָבערגלויבן, וואָס וואָרצלט אין דער לערע פונם תּלמוד“, און ביסלעכווייז איבערצייגן דעם נייעם יידישן דור אין דעם אמת פון דער צלם־אמונה, וואָס איז דאָך כּידוע „דער ריינסטער סימבאָל פון אַלוועלטליכער בירגערשאַפט“...

ליליענטאַל האָט ענדליך פאַרשטאַנען, אין וואָס עס באַשטייט דער אמתער ציל פון דער שול־רעפאָרם (ס׳אַ סברה, אַז מען האָט אים גופא פאָרגעלייגט אָנצונעמען דעם קריסטליכן גלויבן), און ער איז אין 1844 בסוד אַנטלאָפן פון רוסלאַנד [2]. און לעווינזאָנס ליבלינג־געדאַנק — רעפאָרמירן די דערציִונג פון דער יידישער יוגנט, איז אויך מגולגל געוואָרן אין אַזאַ אומגעלומפּערטער קאַריקאַטור, ווי דער אַנדערער גרונד־יסוד פון לעווינזאָנס פּראָגראַם — געבן דער יידישער באַפעלקערונג די מיגליכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. אויפן אָרט פון געווערקשאַפט־קורסן, וואָס ס׳האָבן געזאָלט, לויט דעם צוערשט פאַרטראַכטן פּלאַן, בילדן דעם יסוד פון די יידישע שולן, האָט די רעגירונג דער עיקר געזאָרגט, מען זאָל אין די שולן וואָס מער קעמפן קעגן דער

---

1 קאַזיאָניִאַ יעווּרעיסקיִאַ אוטשילישטשאַ, 114.

2 אין זײַן משך אַרטיקלען, וואָס ליליענטאַל האָט דערנאָך פאַרעפנטליכט אין „אַלגעמיינע צײַטונג דעס יודענטומס“, שטרײַכט ער טאַקע אונטער, אַז ניקאָלאַיס פּאָליטיק בנוגע יידן איז אויסן איין באַשטימטן ציל: אַלע יידן זאָלן אָננעמען פּראַוואָסלאַוויע (1848, נומ׳ 15).

„פאַרדאַרבנדיקער" השפעה פון דעם תּלמוד. בנימין מאַנדעלשטאַמס ייִנגערער ברודער, לעאָן מאַנדעלשטאַם [1], וואָס איז האָט אַוואַראַוו נאָך ליליענטאַלס אָפּפאָרן באַפולמעכטיקט צו פאַרווירקליכן אין לעבן די שול-רעפאָרם, — האָט געדרוקט איין קאַטעכיזיס נאָכן אַנדערן. מיט די דאָזיקע לערנביכער האָט עס די רעגירונג געהאָפט צו פאַרדרענגען דעם תּלמוד און זײַן שעדליכע ווירקונג. די קאַטעכיזיסן, אויף וועלכע מען האָט געפּטרט אַזוי פיל געלט פון דעם ייִדישן ליכטשטײַער, האָבן אין די פיל טויזנטער געפּוילט אין די סקלאַדן און געוועקט דעם גערעכטן צאָרן און אומצופרידנקייט אין דער ייִדישער מאַסע...

אומזיסט האָט לעווינזאָן אין אַ ספּעציעלן בריוו צו אַוואַראָוון אָנגעוויזן, אַז עס וואָלט פיל גלײַכער געווען „מער געוויכט אויף דער פּאָזיטיווער אייראָפּעיִשער אויסבילדונג צו לייגן", איידער צו פירן אַ קאַמף קעגן דעם תּלמוד [2]. אַוואַראָוו האָט דאָך שוין פון לאַנג מיט חשד געקוקט אויף דעם מאָדנעם „אויפקלערער", וואָס פאַרטיידיקט אַזאַ „שעדליך" בוך, ווי דעם תּלמוד. אומזיסט האָט אויך לעווינזאָן אָנגעוויזן, אַז ניט „בכפיה ובחזקה", ניט מיט צוואַנג דאַרף מען פירן דאָס פאָלק אויפן נײַעם וועג, נאָר „באהבה ובמתינות רב" [3]. און ער האָט צוגעזעען, וואָס פון זײַן ליבלינגס-אידעאַל איז געוואָרן. אין 1855 האָט דער באַוווּסטער ווילנער משׂכּיל און ביבליאָגראַף בן-יעקב צוגעשיקט לעווינזאָנען אַ גאַנץ לאַנגן מעמאָראַנדום [4], אין וועלכן ער גיט אַ מאָוימדיק בילד פון דער ווילנער ראַבינער-שול מיטן טרויעריקן אויספיר: „כי בית מנוגע הוא ומשחתו בו מראשיתו, ולא זו הדרך ישכון אור החכמה וההשכלה בקרב עם ישראל בארצנו" (עס איז אַ פאַרעיפּושט הויז, פאַרדאָרבן פון דעם אָנפאַנג אָן. נישט אויף דעם וועג קאָן רוען דאָס ליכט פון חכמה און השׂכּלה איבערן פאָלק ישׂראל אין אונזער לאַנד). און ער בעט לעווינזאָנען, ער זאָל זיך ווענדן צו דער רעגירונג און איר דערציילן דעם גאַנצן אמת, ווי עס האַלט מיט דער אַנשטאַלט, וואָס האָט געזאָלט געבן דעם פאָלק געבילדעטע גײַסטיקע פירער.

לעווינזאָן איז שוין געווען צו אַלט און פיזיש און גײַסטיק געבראָכן אויף ווייטער צו פירן דעם קאַמף. דער אַלטער אידעאַליסט איז אָבער

1 דער ערשטער ייִד, וואָס האָט באַקומען העכערע בילדונג אין אַ רוסישער הויכשול.

2 דעם בריוו האָט ש. גינזבורג פאַרעפנטליכט אין פּערעזשיטאָיע, I, 2טע אָפּטיילונג, 35.

3 מיט ליבע און מיט גרויס געדולד (ספר הזכרונות, 119).

4 פאַרעפנטליכט אין „הכרם", 1887, 42—62.

אין אים נאך אלץ ניט געשטארבן. די אלע טרויעריקע דערפארונגען האבן אין אים נאך אלץ ניט אויסגעלאשן דעם גלויבן אין דער פראגרעסיווער מאכט פון דעם „אויפגעקלערטן אבסאלוטיזם״. איר דארפט ניט פארגעסן, — שרייבט לעווינזאן זיינע בארערער אין 1857, — אז די יידישע שולן זיינען געגרינדעט געווארן בעת עס זיינען אין לאנד גרויסע שטערונגען געווען (א אנהערעניש אויף ניקאלאיס דעספאטיש-פאליציייִשן רעזשים). אבער זעט, ווי איצט שטייט בראש פון דער מלוכה דער מאן, אויף וועלכן עס רוט דער גייסט פון חכמה און וויסן, דאס איז אונזער מלך אלכסנדר דער צווייטער, וואס גייט פארן פאלק „באבוקת ההשכלה״, מיטן ליכט-פאקעל פון אויפקלערונג [1].

לעווינזאן האט אויף זיין קראנקן-בעט קיין באגריף נאך ניט געהאט וועגן די נייע קרעפטן, וואס יוירען אין לאנד. ער האט ניט געוווסט און ניט פארשטאנען, אז עס פאנגט זיך אן א נייע תקופה...

---

1 ספר הזכרונות, 119.

פערטער קאפיטל

די „אבות ההשכלה" אין גאליציע און אין דער ליטע. — נײַזנגער אלס השכלה-צענטער. — אברהם יצחק לאנדא און זײַן „ספר הקונדס". — די ווילנער משכילים. — צבי הירש קאצענעלענבויגען און מרדכי אהרן גינצבורג. — פון „צפנת פענח" צו „גלות ארץ החדשה". — גינצבורגס „אביעזר". — יעקב אײַכענבוים און זײַן שאפן. — אד"ם הכהן לעבענזאן. — לעבענזאן אלס מדקדק און השכלה-קעמפער. — זײַן אלעגארישע דראמע „אמת ואמונה". — לעבענזאן אלס געלעגנהײַטס-דיכטער. — די שפראך אלס זעלבסטצוועק. — דער באדײַט פון לעבענזאנס „שירי שפת קודש". — דאס טויט-פראבלעם אין לעבענזאנס שאפן. — זײַנע פאעמען „הדעת והמות", „החמלה" און „המתאונן". — קלמן שולמאן אלס גינצבורגס נאכפאלגער. — מיכל לעבענזאן און זײַן טראגיש לעבן. — דער באדײַט פון זײַנע „שירי בת ציון" און „כנור בת ציון". — מרדכי האכמאנס ציון-ליד. — אברהם מאפו, דער ראמאנטישער דיכטער פון „אהבת ציון". — דער באדײַט פונם ערשטן העברעיִשן ראמאן.

דער באוווּסטער פּובליציסט פון דער שפּעטערער השכלה-תקופה, משה ליב ליליענבלום, פירט דורך אין זײַן ארטיקל „אבות ההשכלה העברית בליטא ובגליציע" [1] א פּאראלעל צווישן די גרונדלייגער פון דער גאליציאנער השכלה און די השכלה-פירער אין ליטע. די ערשטע, געפינט ליליענבלום, האבן געשטעלט זיך פאר א ציל, יעדער אויף זײַן אופן, צו ווירקן אויפן פאלק, געבן אים אן ענטפער אויף די פאדערונגען פון דער נײַער צייט. מיזעס און ערטער האבן געשטרעבט צו באפרייען דאס פאלק פון די שעדליכע באגריפן און פארשטעלונגען, וואס עס האט באקומען בירושה פון די פריערדיקע פינסטערע צײַטן. דאס אייגענע האט אויך געטאן שלמה יהודה ראפּאפּארט אלס פּובליציסט, און אלס געלערנטער געשאפן בײַ אונז די קריטישע געשיכטע-פארשונג. דער טיפער קראכמאל האט אויף זיך גענומען די אחריותפולע אויפגאבע צו ווערן א „מורה נבוכי הזמן", צו באקענען זיי מיט דעם גאנג פון דער געשיכטע, מיטן גייסט פון אונזער פארגאנגענהייט, בכדי קלערער צו פארשטיין די געגנווארט און בעסער צו באגרײַפן די אויפגאבן פונם נאציאנאלן באוווּסט-

---

1 אחיאסף, X, 354—360.

זיין. אויף דעם דרך איז אויך געגאַנגען זייער תּלמיד דער ווילנער יצחק בער לעווינזאָן. פון גאַנץ אַנדערן שניט, וויזוי אַן ליליענבלום, זיינען געווען די השכלה־פירער פון ליטע. זיי האָבן געשאַפן אַ „השכלה מליצית", אַ „פלאַכע, איבערפלעכליכע השכלה (שטחית), וואָס שוועבט איבער רוים און צייט, און דערפאַר אויך אויסער דעם לעבן און אויסער דער וויסנשאַפט, וואָרום ראשית הדעת — דער אָנפאַנג פון וויסן איז — דעת חיינו, וויסן און באַגרייפן דאָס לעבן, סיי דאָס לעבן פון היינט, סיי דאָס לעבן פון די פאַרגאַנגענע דורות, אויף ווי ווייט דאָס דאָזיקע לעבן איז נאָך פאַרבונדן מיט אונזער געגנוואַרט".

אַ געוויסער אמת שטעקט אין דער דאָזיקער צו שטרענגער כאַראַקטעריסטיק. „די ווירקונג פון דער ליטעראַטור פון איין לאַנד אויף דער ליטעראַטור פון אַ צווייטן, — שרייבט ג. וו. פּלעכאַנאָוו, — איז גלייך פּראָפּאָרציאָנעל צו דער ענליכקייט פון די געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטענישן פון די דאָזיקע לענדער". דער דאָזיקער אין גרונט מער־ווייניק ריכטיקער מעזים נייטיקט זיך דאָך אין געוויסע קאָרעקטיוון. די ווירקונג פון איין ליטעראַטור אויף דער צווייטער שפּירט זיך דעמאָלט אַמשטאַרקסטן, ווען דאָס לאַנד פון דער לעצטער געפינט זיך אויף אַ נידעריקערערווירטשאַפטליכער שטופע און דאַרף זיך ערשט דערוואַרבן די געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטענישן, אין וועלכע עס געפינט זיך דאָס ערשטע לאַנד, וועמענס ליטעראַטור עס דינט אַלס מוסטער. די השפעה, וואָס אַ ליטעראַטור פון אַ געוויסן לאַנד האָט אויף אַנדערע ליטעראַטורן, נעמט ביי די לעצטע אָן גאַנץ אייגנאַרטיקע פאָרמען, אין הסכם מיט דער דאָרטיקער סביבה און די ספּעציפיש דאָרטיקע צושטענדן...

אינם ערשטן קאַפּיטל, בעת מיר האָבן באַשריבן דעם טראַגישן גורל פון דעם ווילנער גאונס יינגסטן תּלמיד, מנשה איליער, האָבן מיר אָנגעוויזן, ווי אַזוי אין אָנפאַנג 19טן יר״ה האָט זיך אין ליטע אין די ייִדישע לומדישע קרייזן געשטאַרקט די רעאַקציאָנערע שטרעמונג. מיר האָבן געזען, אויס וואָסערע סיבות די „חכמות חיצוניות" זיינען ווידער דערקלערט געוואָרן פאַר לויטער אפּיקורסות. די דאָזיקע רעאַקציאָנערע טענדענצן זיינען אָבער נים געווען אינשטאַנד אויף לאַנג אָפּצוטיילן דעם ייִדישן קיבוץ אין ליטע פון דער אידעיִשער אויסן־וועלט. די אידעען פון דער „בערלינער השכלה" האָבן דאָך ביסלעכווייז אריינגעדרונגען אין די קרייזן פון דער למדנישער יוגנט, טיילווייז דירעקט, אַדאַנק די געשעפטליכע פאַרבינדונגען מיט פּרייסן, און טיילווייז אומדירעקט דורך די קיבוצים, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער גרעניץ פון קורלאַנד, וווּ די דייטשע קולטור איז געווען די הערשנדיקע. באַזונדערס טיפּיש איז אין

דער הינזיכט דאס שטעטל נייזאגער, וואס האט דעמאלט נאך געהערט צו ווילנער גובערניע. „כאטש פיזיש, — שרייבט לעאן מאנדעלשטאם, א געבוירענער אין זאגער, אין זיין זעלבסטביאגראפיע 1 — האט מיין געבורטס-שטעטל געהערט צו ווילנער גובערניע, נאר גייסטיק האט עס זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קורלענדער בילדונג, און איך בין דערפאר געווינט זיך צו רעכענען פאר א קורלענדער".

„זאגער, — דערציילט מיט התפעלות א. ש. זאקס אין זיין באשרייבונג פון די ערשטע יוגנט-יארן פון דעם ביבליאגראף אברהם-זלמן פריידוס 2, — איז געווען די וויגעלע פון דער השכלה... דאס קליין-שטעטל זאגער איז געווען אן עיר של חכמים וסופרים. זי איז געווען דער צענטער פון תורה און חכמה. די גרעסטע פירער און טאן-געבער אין דעם יידישן גייסטיקן לעבן זיינען געווען אדער אליין זאגערער אדער האבן געקראגן זייער השפעה אין זאגער. ...א שטעטל, ניט ווייט פון פרייסיש-דייטשער גרעניץ, איבערהויפט פון גינשפערק (קיניגסבערג), און גאנץ נאענט צו די קורלענדער און ליפלענדער „מקומות", אשטייגער, לעפאי (ליבוי), לעטאווע (מיטוי) און ריגע, איז זאגער געווען דער מיטלפונקט, דער האנדלס-צענטער, וווהין מען פלעגט אריינפירן „אויסלענדישע סחורה" און פונוואנען מען פלעגט עקספארטירן אין די „מקומות", אין די גרעסערע פארקויפס-פלעצער. די „לייפציגער טיכער, וואס זיינען באטראכט געווארן פאר א מין סגולה אין די ליטווישע און קורלענדער שטעט און שטעטליך, און יעדע בכבודיקע מחותנתטע האט א „לייפציגער טוך" געמוזט שענקען אלם דרשה-געשאנק צו איר זונס כלה, איר צוקינפטיקער שנור, גלייך נאך ווי עס איז אפגעשטעלט געווארן די חופה, — אט די „לייפציגער טיכער" זיינען געקומען אין גרויסע פעק אין זאגער. דא זיינען זיי אויסגעפאקט און פונאנדערגעשיקט געווארן. ניט ווייניק האט מען געבראכט פון לייפציג און פון גינשפערק „טריפה" סחורות; מען האט, הייסט עס, אריינגעשמוגלט, אום ניט צו באצאלן שטייערן (פאשלינע). די זאגערער יונגע ווייבלעך זיינען געווען גרויסע אשת חיילס, בריות און, ווי עס ווייזט אויס, ניט קיין מיאוסע; פלעגן זיי גאנץ אפט פארן אליין אין פרייסן נאך „וואארע" (סחורה) און שליסן באקאנטשאפט מיט די גרעניץ-באאמטע, וואס האבן געקוקט צווישן די פינגער, פארשטייט זיך, מיט דער הילף פון באבאר, אויף די יונגע שיינע קאנטראבאנדיסטקעס... ביי זיכערע נסיעות פלעגן די פרויען מיטנעמען זייערע מענער, יונגעלייטלעך, וואס

---

1 פארעפנטליכט אין ערשטן באנד „פערעזשיטאיע".

2 אין דעם פריידוס-דענקבוך, 1929.

פלעגן זיצן ווער אויף ש״ס און פוסקים, ווער אויף השכלה-ספרים און לערנען. די יונגעלייט פלעגן אויך שמוגלען, אָבער ניט קיין סחורות, נאָר די בערלינער השכלה-געדאַנקען פון משה מענדעלסאָן און זיינע תלמידים, ווי אויך דייטש-פילאָזאָפישע און סתם ביכער".

עס איז נאַטירליך שטאַרק איבערטריבן, ווען א. ש. זאַקס פּאַרזיבערט אויס קליינשטעטלדיקן פּאַטריאָטיזם, אַז אין זיין שטעטל זאַגער „איז זי, די השכלה, געבאָרן געוואָרן און דאָ האָט זי געקראָגן די לעבנס-קראַפט, דורך וועלכע זי האָט אויסגעשפּרייט אירע פליגלען איבער גאַנץ רוסלאַנד". דאָך איז אויסער ספק, אַז די „חכמי זאַגער" האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקע השפּעה אויף דער השכלה-באַוועגונג אין ליטע. זיי, די זאַגערער, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר „קורלענדער", האָבן ניט ווייניק מיטגעהאָלפן, די „בערלינער השכלה" זאָל אַריינדרינגען אין „ירושלים דליטא", אין דער אַלטער לומדישער ווילנע. דאָ, ביי גאַנץ אַנדערע סאָציאַלע צושטענדן, האָט אָבער די בערלינער השכלה אָנגענומען גאַנץ אייגנאַרטיקע פאָרמען. דאָרט, אין פּרייסן, איז די השכלה-באַוועגונג, ווי מיר האָבן וועגן דעם באריכות געשריבן אין דעם זיבעטן באַנד, געווען אַ שפּראָצלינג פון אַ גאַנצן קאָמפּלעקס גייסטיקע און סאָציאַלע פאַקטאָרן; דאָרט, אין דער פּרייסישער רעזידענצשטאָט, האָבן די טרעגער און קעמפער פון דער השכלה-באַוועגונג זיך געפונען אין אַ געוויסן קאָנטאַקט מיט די פּאָרטשריטלעכע עלעמענטן פון דער דאָרטיקער פראַנצויזישער קאָלאָניע און פון דער דייטשער אינטעליגענץ. דאָ, אָבער, אין דער רעזידענץ פון ליטע, זיינען די השכלה-טרעגער געווען אַרומגערינגלט פון דער קאָמפּאַקטער אָרטאָדאָקסישער מאַסע, אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון דער גייסטיקער אויסנוועלט. אין גאַליציע האָבן זיך וויניקסטנס די השכלה-טרעגער געפונען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט דער אָרטיקער דייטשער באַאַמטן-גרופּע, וואָס האָט אין דעם פּוילישן גאַליציע געזען אין די דייטשע אויפקלערער די איינציקע טרעגער פון זייער אייגענער דייטשער קולטור. גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען אין ליטע. ביי אַלע טרעגער פון השכלה אין ליטע איז מענדעלסאָנס דייטשע תורה-איבערזעצונג געווען די איינציקע בריק, וואָס האָט זיי געפירט צו אייראָפּעיִשער, ד״ה צו דער דייטשער קולטור [1]. „ניט קיין רוסן, נאָר דייטשן זיינען זיי געווען", ווייזט אָן דער אַלטער גאָטלאָבער [2]. אָבער אויך די פרעמדע דייטשע קולטור, מיט וועלכער די

1 ס'איז כדאי אָנצומערקן, אַז נאָך אין טוף 40-ער יאָרן האָבן די ווילנער משכילים, מיט אָדם הכהן לעבענזאָן און בן-יעקב בראש, אויפסנייַ געגומען איבערדרוקן די ביבל אין דייטשער איבערזעצונג מיט אַ נייעם ביאור (17 בענר, 1848—1853).

2 הבוקר אור, 1879, VII.

ליטווישע משׂכּילים האָבן זיך באַקאַנט, איז ניט געווען קיין לעבעדיקע געוויקס, ווי דאָס איז געווען בײַ די באַשעפער פון דער בערלינער השׂכּלה, נאָר אַ קאָנסערווירטע, אַן אַרכיוו־פּראָדוקט פון דעם פאַרגאַנגענעם 18טן יר"ה. און אַט די פרעמדע קולטור האָט זעלבסטפאַרשטענדליך ניט געקאָנט דינען אַלס פאַרבינדונגס־רינג מיט דער אויסערער וועלט; נאָך אויף דער שוועל פון דער נײַער תּקופֿה, אין 1856, קלאָגט זיך בן־יעקב אין זײַן אויבן דערמאָנטן מעמאָראַנדום, וואָס ער האָט געשיקט לעווינזאָנען: „מיר זײַנען דאָך, ווי שטומע", און קאָנען זיך אפילו מיט די רוסישע באַאַמטע ניט צונויפריידן [1].

אָט די אָפּגעזונדערטקייט האָט נאַטירליך נאָך מער געשטאַרקט דאָס געפיל פון מוט־ און מאַכטלאָזיקייט בײַ די קליינע ווילנער משׂכּילים־קרײַזן, נאָך מער פאַרגרעסערט אין זיי די מורא פאַר דער קאָמפּאַקטער אָרטאָדאָקסישער סביבה, פאַר דעם צאָרן פון די רבנים און דעם „קהל־שטיבל". ס'איז כּדאַי פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט אָנצוווײַזן אויף פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן שטריך: דאָרט, אין גאַליציע, האָבן די משׂכּילים אין זייער קאַמף קעגן חסידות געשאַפֿן אַזוינע מײַסטער־ווערק, ווי „מגלה טמירין" און „גלגול נפש", און דער שטורמישער יהודה מיזעס איז מיט זײַן אַנטי־בּנישן „קנאת האמת" אַרויסגעטראָטן. צו דער זעלביקער צײַט האָט אין ווילנער ליטעראַרישער וועלט אָט וואָס פּאַסירט: דער רב פון פּאָדקאַמען (לעבן בראָד) ר' חיים לאַנדאַ האָט חתונה געמאַכט זײַן טאָכטער קיין ווילנע פאַר אַ גביר און אַ גרויס; למדן ר' לֵיבֶּלי ר' בערס. בײַ זיי איז אויסגעוואַקסן אַ טאָכטער און ר' ליבּלי האָט גענומען פאַר אַ איידעם זײַן פרוים אַ ייִנגערן ברודער, אברהם יצחק לאַנדאַ. דער דאָזיקער בן הרב איז געווען אַ גוטער לערנער, נאָר שוין אָנגעשמעקט מיט די אידעען פון דער גאַליציאַנער השׂכּלה און דערצו נאָך אַ וויצלינג און ווערטלזאָגער. דעם יונגן איידעם האָבן, ווי עס שײַנט, דערעסן די טויט־ערנסטע, פאַרפרומטע יראַי־שמים־פּנימער פון דעם ווילנער שול־הויף. עס האָט זיך אים פאַרוואָלט זיי אַ ציפּ טאָן בײַ די בערד, דער־מאָנען זיי, וואָס פאַר אַ ווונדער־שיינע זאַך עס עקזיסטירט אויף דער וועלט — דאָס געזונטע פריילעכע געלעכטער... דעם איידעמס קונדסישע שטיק זײַנען שטאַרק ניט אָנגעשטאַנען דעם פרומען מתנגדיש־טרוקענעם למדן ר' ליבּלי. ער האָט ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס יונגע פּאָר פאָלק האָט געלעבט גוט צווישן זיך; ער האָט מיט גוואַלד געצוווּנגען

---

1 הכּרם, 1887.

לאנדען, ער זאָל גטן זײַן טאָכטער, און זי באַלד דערנאָך חתונה געמאַכט פאַר דעם שטאָק-פּרומען למדן חיים-נחמן פּרנס [1]. אברהם-יצחק לאַנדאַ איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף זײַן געוועזענעם שווער, וואָס האָט אים צעשיידט מיט זײַן געליבטער פרוי, — האָט ער געוועלט אויסגיסן זײַן צאָרן און זײַן ביטול-געפיל צו די טרוקענע פאַרמרה-שחורהטע לומדים מיט זייער „שטאַט", מיט זייער גדלות און תּקיפות, און ער האָט זײַן מיט וויץ און לעבנסלוסט שפּרודלענדיקן „ספר הקונדס" [2] פאַרפאַסט. לאַנ-דאַ איז בלי ספק געווען אַ ליטעראַריש באַגאַבטער מאַן. זײַן ווערק איז גע-שריבן אין דעם פּאַראָדיע-סטיל פון קלונימוס בר קלונימוסעס „מסכת פורים" [3].

דער „ספר הקונדס" איז אָבער געשריבן ניט אינם תּלמודישן נוסח, נאָר אין דעם פּוסקים-סטיל פונם „שלחן ערוך". דאָס ווערק איז אײַנגעטיילט אין סימנים, און יעדער סימן אין סעיפים, וואָס דערקלערן און באַשטי-מען, ווי אַזוי עס דאַרף זיך נוהג זײַן אַן אמתער קונדס. דאָס דאָזיקע אין קונציק-פּאַראָדישן סטיל געשריבענע ווערק וואַקסט טריט בײַ טריט אויס אין אַ קאַלאָריטפולע סאַטירע איבער דעם קליינליכן, קאָמיש-אַלט-פרענקישן לעבנס-שטייגער, ווו מענטשן האָבן פון יוגנט אָן פון יוגנט-פרייד ניט געטאָרט וויסן; זעקס-יאָריקע קינדער האָבן באַדאַרפט רק ערנסט טראַכטן וועגן גאָט דינען און מצוות מקיים זײַן, און אַ באַגאַבטער מענטש מיט געזונטע חושים און מיט פרייד אין די בלוטן האָט געמוזט ווערן דער „ווײַסער חברהניק", דער קונדס, אויף וועלכן די „פּני", די פאַרפרומטע ר' לייבעלעך ר' בערס, קוקן, ווי אויף אַן „אויסוואָרף", וואָס פאַרשוועכט מיט זײַנע „אויסגעלאַסענע" גענג די אָנשטענדיקע משפּחה...

אין 1824 האָט לאַנדאַ באַקומען די צענזור-דערלויבעניש און טאַקע באַלד זײַן „קונדס" אין ווילנע אָפּגעדרוקט. די קהל-פּירער מיט דער גאַנצער באַנדע שטאָט-בעלי-בתּים זײַנען אָבער באַלד געוואָר-געוואָרן וועגן דעם „אויסגעלאַסענעם" היכל, זיי האָבן עס גלײַך קאָנפיסקירט, נאָך איידער עס איז פון דרוקערײַ אַרויס, און די גאַנצע אויסגאַבע פאַר-ברענט. און דאָס איז אויף אַזאַ גרינדליכן אופן געטאָן געוואָרן, אַז בלויז בײַם אַלטן ווילנער תּושב הלל מגיד-שטיינשניידער האָט זיך געפונען אַן אָפּשריפט פונם קאָנפיסקירטן „קונדס", און זײַן זון, פּראָפ. דוד מגיד,

1 וועגן חיים-נחמן פּרנס זע: מגיד-שטיינשניידערס „עיר ווילנא", 187. פּרנס איז געווען דער האָרט-פּירער פון די ווילנער אָרטאָדאָקסן, וואָס זײַנען אַרויס-געטראָטן קעגן ליליענטאַלן און קעגן דער שול-רעפאָרם.

2 דער פולער טיטל: ספר הקונדס, בו יסופר מעשה הקונדס ותחבולותיו ופעולותיו וכל עשיותיו מראשית השנה עד אחרית השנה.

3 זע אונזער ווערק, II, 299

האָט זי פאַרעפנטליכט מיט א רוסישער איבערזעצונג און מיט אייניקע ביאָגראַפישע פּרטים וועגן דעם מחבר אין „יעווריעסקאַיאַ סטאַרינאַ" (1913, 493—521) [1]. ערשט גאָר אין דער לעצטער צײַט איז דעם פאַרשער פ. קאָן געלונגען צו געפינען איין איינציקן געדרוקטן עקזעמפּלאַר פון „ספר הקונדס" אין דער ווילנער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק [2].

עס דאַרף דערפאַר ניט חידוש, וואָס דער קאָמפּסלוסט, דער לעבנסנערוו פון דער בערלינער און גאַליציאַנער השכלה, איז כמעט ווי אָפּגעשטאָרבן בײַ די ליטווישע השכלה־טרעגער. מיר האָבן שוין אויבן (ז' 58) אָנגעוויזן, ווי אַזוי די ווילנער משכילים, אויפגעמונטערט דורך לעווינזאָנס „תעודה בישראל", האָבן באַשלאָסן זיך צו אָרגאַניזירן אַרום אַן אייגענער צײַטשריפט; עס האָט אָבער געדויערט גאַנצע צוועלף יאָר ביז זיי האָבן ענדליך זיך אָנגענומען מיט מוט און אין 1841 אַרויסגעטראָטן פאַר דער עפנטליכקייט מיט דעם אַנעמישן, בלוט־און טעמפּעראַמענטלאָזן „פּרחי צפון". קיין איין צײַט־פראַגע ווערט דאָרט ניט באַרירט, טאַקע ווי ליליענבלום שרײַבט: „אויסער צײַט און אָרט". אמת, אין צווייטן (וואָס איז אויך געווען דער לעצטער) באַנד „פּרחי צפון", וואָס איז דערשינען אין 1844, ווען די רעגירונג האָט געשטעלט אויף דער טאָג־אָרדענונג די שול־רעפאָרם, איז דערשינען א. קויפמאַנס א גרויסער אַרטיקל וועגן דער דערציִונגס־פראַגע. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער פאָלגנדיקער פּרט: דער יונגער פּראָפעסאָר שטעלט זיך אויך אָפּ אויף פרויען־דערציִונג, פּראָיעקטירט ער אָט וואָס: גרינדן אין פאַרשיידענע שטעט ספּעציעלע לערנאַנשטאַלטן מיט א זעקס־יעריקער פּראָגראַם פאַר מיידלעך, וואָס דאַרפן דאָרט באַקומען אַ שטרענגע מאָראַלישע דערציִונג. לערער און דערציער דאַרפן זײַן אויסשליסליך פרויען. אין גאַנצן משך פון די לערן־און דערציִונגס־יאָרן דאַרף די מיידלעך זיין שטרענג פאַרבאָטן זיך צו זעען מיט מאַנסבילן, בפרט

---

1 ווי עס שײַנט, האָט דערנאָך דער פּראָפעסאָר גופא פאַרשפּרייט זײַן ווערק אין אָפּשריפטן אין זײַן געבורטס־שטאָט און אין קרעמעניצער געגנט, וואָרום יצחק בער לעווינזאָנען איז דער „קונדרס" געווען באַקאַנט, און אין זײַן דאָפּל־פּאַמפלעט „אותו ואת בנו" און „תולדות מנחם הכוזבי" טוט זײַן „העלד", אין וועלכן ס'איז געווען א ניצוץ פון כלעסטאַקאָוו, זיך באַרימען, אַז ער איז דער פּראָפעסאָר פון דעם „ספר הקונדרס". אברהם־יצחק לאַנדאַ האָט זיך דערנאָך צוריק אומגעקערט קיין גאַליציע און זיך באַזעצט אין בראָד. אין 1841, ווען א גרופּע בראָדער משכילים האָבן באַשלאָסן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דאָס טראַדיציאָנעלע שטרײַמל, און אָנטאָן שבת א קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, האָט זיי אין דעם מיטגעהאָלפן דער בעל „ספר הקונדרס" (זע נאַטלאָבער, המליץ, 1869, נומ' 19, ז' 224.

2 זע קרית־ספר, VIII, 129—133.

צו ריידן מיט זיי (נעשפריצט פון אונז י. צ.). אפילו די עלטערן דארף זיין פארבאטן איבערצוטרעטן די שוועל פון דער אנשטאלט און א ספעציעלער דערלויבעניש פון די אויפזעערינס״.

ס׳איז אויך אינטערעסאנט, וואס דער רעדאקטאר פון „פרחי צפון״, ש. י. פין, בעת ער שטעלט ארויס אין זיין אויבן ציטירטן בריוו (ז׳ 116) צו ב. שטערנען זיין רעפארם-פראגראם, פאראפראזירט ער פאקטיש די פונקטן פון לעווינזאנס פראגראם, וואס באהאנדלען די דערציונגס-פראבלעם און דעם רבנים-און מגידים-אינסטיטוט; ער בארירט אבער נים מיט קיין ווארט די פונקטן, וואס בארירן ביי לעווינזאנען די פראגע וועגן באשעפטיקן די יידישע מאסע מיט פראדוקטיווער ארבעט.

דאס אייגענע חורט זיך אויך איבער ביי דעם צווייטן פארשטייער פון די ווילנער משכילים — ביי מרדכי אהרן גינצבורג אין זיין „מגיד אמת״. מיר האבן שוין אויבן ציטירט די שטעלע פון „מגיד ישועה״, ווו ליליענטאל שטרייכט אונטער, אז ווי נאר די יידישע באפעלקערונג וועט פריינדליך אויפנעמען די פון דער רעגירונג געפלאנטע שול-רע-פארם, דארף מען האפן אויף באלדיקע דעקרעטן וועגן פארבעסערן די מאטעריעלע יידישע לאגע (לפתוח פתחי פרנסה חדשים). דאס ברענגט גינצבורגן ארייַן אין גרויס גרימצארן. „ליליענטאל, — טענהט ער, — פרווט אונז איינרייַדן צו ערפילן דעם ווילן פון דער רעגירונג פונקט אויף אזא אופן, ווי ראס טוט דער פאטער מיטן קליינעם יינגעלע: „גיי, מיין קינד, אין חדר אריין, וועל איך דיר געבן נים און צוקערקעס״. ער זאגט אונז צו, אז דער קיסר וועט אונז באשענקען מיט נייע פרנסה-קוואלן. צי זיינען דען ביי אונז נים פאראנען פארשטענדיקע מענטשן (אנשי לבב) אין די טויזנטער און די צענער טויזנטער, וואס שטרעבן נאך וויסן נים צוליב דעם נוצן, וואס דאס קאן ברענגען, נאר ווייל דאס וויסן גופא איז ביי זיי טייער? ביי אים איז די גאנצע יידישע עדה פארעכנט פאר לויטער קינדער (חיה היו לו כל עדת ישראל כילדים) [1].

די ליטווישע משכילים, אט די קעמפער, אדער ריכטיקער — טרוימער וועגן נייע לעבנספארמען, זיינען נאך פאקטיש אליין געווען אין א געניגנדיקער מאס דורכגעדרונגען מיטן גייסט פונם טרוקענעם ראביניזם און איבערגעשפיצטער קאזואיסטיק. אויך פאר זיי זיינען גע-בליבן פרעמד און נים פארשטענדליך די רעאלע אינטערעסן און באדער-פענישן פונם פאלק. בעת לעווינזאן האט געהאלטן פאר נייטיק אונטער-צושטרייכן, אז העברעיש הייסט לשון קודש נים דערפאר, וואס די-

---

1 מגיד אמת, 13.

שפּראַך גופא איז הײליק, — געהײליקט איז זי ערשט געוואָרן דורך דעם אינהאַלט, דורך די אומשטערבליכע ווערק, וואָס זײַנען אין איר געשאַפן געוואָרן [1], — איז בײַ די משכּילים אין ליטע די ביבל-שפּראַך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין קולט. די שפּראַך פאַר זיך אַליין, אָפּגעטײלט פון וועלכן עס איז אינהאַלט, איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס העכסטער אידעאַל; איר, דער „שפה היפה, השרידה היחידה", האָט מען די באַגײַסטערטסטע לויבלידער געזונגען און גאַנץ אָפט איז זי בײַ זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אינם תּוך און אינהאַלט פון דער גאַנצער השכּלה. אויף זיך האָבן זיי געקוקט, ווי אויף כּהנים, וואָס זייער אויפגאַבע איז צו דינען דעם דאָזיקן „הייליקטום".

אײנער פון די אָנערקענטע פּאָנען-טרעגער פון דער השכּלה אין ליטע איז געווען צבי הירש קאַצענעלענבויגען (געבאָרן אין 1797, געשטאָרבן 1868). מיט אים האָט ליליענטאַל געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַרעספּאָנדירן וועגן דער שול-רעפאָרם; ער איז אין משך פון פיל יאָרן געווען אינספּעקטאָר פון דער ווילנער ראַבינער-שול [2]. ווי אָרעם זעט אָבער אויס זײַן ליטעראַרישע ירושה. ער האָט געשריבן שירים מכּל המינים: לויבלידער, עלעגיעס און סתם לידער. איר קאָנט אין זיי געפינען פּקחות, מליצה, אַלץ אין דער וועלט, עס פעלט בלויז אײן קלײניקייט — פּאָעזיע. ער האָט אויך געשריבן הערות, פּירושים און דערקלערונגען צו פאַרשיידענע שטעלן אין דער ביבל [3] און דערמיט פאַרענדיקט זיך זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט.

באַדײַטנדיק פּראָדוקטיווער פון קאַצענעלענבאָגענן איז געווען דער שוין אויבן אָפּט ציטירטער מרדכי אהרן גינצבורג. גינצבורג איז געבוירן סוף 1795 אין סאַלאַנט, וואָס געפינט זיך גאַנץ נאָענט פון נײַ-זאַגער; זײַן פאָטער, יהודה אשר, איז שוין געווען אַביסל אָנגעשמעקט מיט השכּלה, עס זײַנען אפילו פון אים געבליבן אין כּתב-יד אַרטיקלען וועגן דקדוק און מאַטעמאַטיק, און זײַן טויט (1823) האָבן באַקלאָגט אין ספּעציעלע עלעגיעס די ווילנער משכּילים מרדכי נאַטאַנזאָן און ניסן ראָזענטאַל [4]. אַדאַנק זײַן פאָטער האָט דער יונגער מרדכי אהרן שוין אין די קינדער-יאָרן פיל זיך אָפּגעגעבן מיט דער ביבל און דער העברעיִשער שפּראַך. די היסטאָרישע ווערק „צמח דוד", „שארית ישראל" און אַנדערע,

1 זע אויבן ז' 48.

2 וועגן זײַן טעטיקייט אַלס אינספּעקטאָר, זע בן-יעקבס אויבנדערמאָנטן מעמאָראַנדום צו לעווינזאָנען אין „הכּרם" (1887).

3 נחל עדנים אין 1821 און נתיבות עולם אין 1822 (איבערגעדרוקט אין 1858).

4 די דאָזיקע לידער זײַנען פאַרעפנטליכט אין גינצבורגס „גלות ארץ החדשה".

וואס גינצבורג האט באקומען צו לייענען נאך גאר אין די יונגע יארן, האבן אין אים דערוועקט דעם אינטערעס צו געשיכטע; ער האט אויך גרינדליך שטודירט די דייטשע שפראך, נאר זיין איינציקע ליבע איז געבליבן אויף זיין גאנץ לעבן די ביבל־שפראך.

אין דער פארעדע צו זיין ערשטן ווערק „גלות ארץ החדשה" (ווילנא 1823) ווייזט גינצבורג אן, אז ער באצוועקט מיט דעם דאזיקן ווערק א דאפלטן ציל: „באקענען אי מיט געשיכטליכע געשעענישן, אי מיט דער שיינקייט פון דער העברעישער שפראך, דאס איינציקע שיינדל, וואס איז אונז געבליבן פון דער אמאליקער פראכט". נאר דווקא דאס דאזיקע ערשטלינג־ווערק באווייזט אמבולטסטן, אז דער עיקר איז טאקע ביי גינצבורגן געווען דער צווייטער ציל — באווייזן די שיינקייט פון דער העברעישער שפראך. אויפן שער־בלאט פון „גלות ארץ החדשה" ווערט אנגעוויזן, אז דאס איז באארבעט לויט קאמפעס „ענטדעקונג פאן אמעריקא". דאס איז אבער ניט ריכטיק: ניט קאמפע איז זיין וועג־פירער, נאר דער אלטער חייקיל הורוויץ פון אומאן. גינצבורגס „גלות ארץ החדשה" איז פאקטיש א העברעישע באארבעטונג פון דעם אונז שוין גוט באקאנטן „צפנת פענח" 1. אפילו הורוויצעס שלוסווארט, וווּ ער ווייזט אן אויף דעם נוצן, וואס מיר, אייראפעער, געניסן פון אמע־ריקע, געפינען מיר ווידער ביי גינצבורגן, ווען אפילו אין אביסל געקירצ־טער פארם. גינצבורגן פארדריסט נאר, און ער ווייזט דאס טאקע אן אין דער פארעדע, פאר וואס „מיר באקענען זיך מיט אזוינע אינטערע־סאנטע געשעענישן אין די שמוציקע קליידער (בהבגדים הצואים), אין וועלכע עס האט זיי אנגעקליידט דער ווילנער דרוקער (ד״ה, די יידישע אויסגאבע „צפנת פענח"), בעת מיר באזיצן די פראכט־קליידונג, וואס איז אונז פון אונזערע ״בות בירושה געבליבן".

די דאזיקע „פראכט־קליידונג", ד״ה, די העברעישע אויסגאבע פון קאמפעס ווערק, איז אבער געווען פארבונדן מיט זייער גרויסע הוצאות, וואס האבן דעם מחבר ממש בדלות געשטעלט. בכדי צו דעקן די חובות, האט דערפאר גינצבורג באשלאסן גלייך ארויסצוגעבן דאס זעלביקע ווערק אויך אין יידיש 2. ער וויל אבער דאך ניט אנקליידן אזוינע אינטערע־סאנטע באשרייבונגען אין „שמוציקע בגדים", ווי דאס האט געטאן חייקיל הורוויץ. דאס ווייזט ער טאקע גלייך אן אין דער פארעדע: דיזע

---

1 זע אונזער ווערק, באנד VII, צוועלפטער בוך, 267 — 275.

2 דערויף ווייזט טאקע אן אין זיין הסכמה אין „גלות ארץ החדשה" דער רב ר' אבי־הם אבלי: ולמען היות שכר לפעולתו העתיקו גם ללשון אשכנזי הנהוג בבני עמנו, למען יתענגו בו גם ההדיוטים והנשים.

איבערזעצונג דער ענטדעקונג פאָן (אַמעריקא) האָב איך פאָן מיינע העברעיִשע איבערזעצונג אויף איינען רייִנען גרינגען אידיש־טייטש איבער גישריבען, אהן דעם מישמאַש פאָן לשון קודשע, פוילישע, רוסישע, טערקישע ווערטער, וואָס מאַן זאָגט אין דער אידישען שפּראַך צוזאַמען מישט. איך האָף דאָס דיא וואָס קענען קיין גיברויך מאַכען פאָן דיא שיינע עבּרעיִשע איבערזעצונג ווירדען געוויס דיזעס בּוך קויפען, אונ ווירדען דאַרין מעהר בּעלעהרונג, נוטצען אונ פאַרגניגען געפינדען אַלז אין דיא אבּגעשמעקטע ליגינהאַפטע היסטאָריעס פאָן טויזענד אונ איין נאַכט".

און גינצבורג האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט און געשריבן זיין איבערזעצונג ניט אין דער זאַפטיקער פאָלקס־שפּראַך, אין וועלכער דער „צפנת פענח" איז געשריבן, נאָר אין אַ קורלענדער דייַטשמעריש" [1].

אין די פאָררעדעס פון כמעט אַלע זיינע געשיכטליכע ווערק [2], ווי אויך אין די אַרייַנפירן צו זיין בריוושטעלער „קרית ספר" (ווילנע, 1835) און זאַמלונג „דביר" (ווילנע, 1844) האַלט גינצבורג פאַר נייטיק אונטערצושטרייַכן, אַז „זמני לא אקמץ לטובת השפה העבריה", — ער וועט קיין צייט און מי ניט קאַרגן פאַר דער העברעיִשער שפּראַך. און ווייַל דער עיקר איז געווען די שפּראַך, ניט דער אינהאַלט, איז ער דערפאַר כּלל ניט געווען קיין איבערקלייַבער בעתן זוכן מאַטעריאַל פאַר זיינע פּילצאָליקע איבערזעצונגען. עס איז דאָך ניט אַזוי וויכטיק, צי מען איבערזעצט אַ קונסט־ווערק, צי אַ בלאָסע דערציילונג פון דעם פּילשרייַבער טשאַקע („ליל שמורים"),—דער עיקר איז דאָך די שפּראַך, „היחידה השרידה". גינצבורג האָט אָבער זיין געליבטער באַצאָלט פּיל מער, ווי ער גופא האָט גערעכנט. ניט בלויז מיט „מי און צייט", נאָר אויך מיט אַ באַדייַטנדיקן טייל פון זיין ליטעראַרישן טאַלענט. שוין אין 1828 ווייזט ער אָן אין זיינעם אַ בריוו [3], אַז ער שרייבט זיין זעלבסטביאָגראַפיע („אביעזר") און עטליכע דרוק־בויגן זיינען שוין ביי אים פאַרטיק. און דאָך אין משך פון די ווייַטערדיקע 18 יאָר, וואָס ס'איז אים נאָך באַשערט געווען צו לעבן, האָט ער ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין איינציק ווערק, מיט וועלכן ער,

1 אַ גרעסערן אויסצוג פון גינצבורגס „דיא ענטדעקונג פאָן אַמעריקא" (ווילנא, 1824), וואָס איז איצט אַ יקר המציאות, גיט זלמן רייזען אין זיין „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע", 225—232.

2 פּאָפּולערע קאָמפּילאַציעס אָדער איבערזעצונגען. די באַדייַטנדערע פון זיי: 1) תולדות בני אדם (1835, אַ איבערזעצ־נג פון פּעליטצעס אַלגעמיינע געשיכטע) 2) מלאכות פילון היהודי (איבערזעצט פון דער דייַטשער איבערזעצונג), 3) עתותי רוסיא (אַ קורצע באַשרייַבונג פון רוסלאַנדס געשיכטע, 1839), 4) הצרפתים ברוסיא (דער פראַנצויזישער קריג פון 1812) 5) ימי הדור (אייראָפּעס נייַערע געשיכטע).

3 דביר, II, 72.

ביי זיין שארפן באאבאכטונגס־אויג און שילדערונגס־קראפט, וואלט זיך געקאנט שאפן א דויערנדיקן מאנומענט אין דער נײַ־העברעיִשער ליטע־ראטור. זיין „אביעזר״ איז געבליבן א שברי כלי, א פראגמענט, און דאך איז עס דאס איינציקע ווערק פון אלע גינצבורגס פילצאליקע גע־שריפטן, וואס דערוועקט אן אינטערעס ביי דעם קולטור־היסטאריקער. עס מוז אבער דערביי אנערקענט ווערן, אז דער אין זיין צייט אזוי באריממטער שריפטשטעלער האט טאקע גרויסע פארדינסטן פאר דער העברעיִשער ליטעראטור אלס רעפארמאטאר פון דעם העברעיִשן סטיל, און איינער פון די באדײַטנדיקסטע באשעפער פון דער מאדערנער נײַ־העברעיִשער פראזע. גינצבורג איז געווען אן אנטשיידענער קעגנער פון דעם אויפגעבלאזענעם מליצה־סטיל, וואס איז איבערפולט מיט פסוקים און שברי פסוקים; ווי מענדל לעפין, אזוי באנוצט זיך אויך גינצבורג מיט דעם ווארט־אוצר, וואס איז אנגעזאמלט אין דער משנה און מדרשים; ער שרײַבט אין א לײַכטן, פליסיקן, ווען אפילו ניט באזונדערס בילדער־און פארבן־רײַכן סטיל.

דער ארי־שבחבורה, דער באדײַטנדיקסטער אין דעם ווילנער משכילים־קרײַז פון יענער צײַט איז געווען אברהם דוב בער מיכאליש־קער, מער באקאנט אונטער דעם נאמען אד״ם הכהן לעבענזאן, — דער ערשטער באדײַטנדיקער דיכטער, וואס דאס רוסישע יידנטום האט געגעבן דער נײַ־העברעיִשער ליטעראטור. אמת, יאין איין צײַט מיט לעבענזאנען האט געלעבט אן אנדער דיכטער, וואס איז נאך פאר אים ארויסגעטראטן מיט א לידער־זאמלונג. יענער איז אבער געווען בלויז אן אנזאג פון א שפעטערישן דיכטער, אן אנזאג, וואס איז ניט פארווירקליכט געווארן. יעקב אייכענבוים האט דער דאזיקער דיכטער געהייסן. געבארן אין 1796 אין א קליין גאליציאנער שטעטעלע (קריסטיאנפאל), האט ער שוין קינדווײַז ארויסגעוויזן פענאמענאלע פעיִקייטן. צו צוויי יאר האט ער שוין פרײַ געלייענט תפילות פונם סידור, צו פיר יאר האט ער שוין געקענט גאנץ חומש. די אומגעלומפערטע דערציִונג האט אבער ניט דערלויבט, די דאזיקע אויסערגעוויינליכע פעיִקייטן זאלן זיך קאנען נאר־מאל אנטוויקלען. צו אכט יאר איז דער קליינער עילוי צו מזל א חתן געווארן, און זײַן פאטער האט אים איבערגעגעבן אויף דערציִונג דעם צוקינפטיקן שווער, אן ארענדאר אין א דארף, ניט ווײַט פונם ווארינער שטעטל ארכאוו. נאך דער חתונה האט דאס יונגע בעל־הביתל עפעס ביי א דורכגערײַזטן מקובל זיך באקענט מיט די ערשטע יסודות פון מאטע־מאטיק. אין דעם יונגן אייכענבוים האט זיך דערוועקט דער דורשט נאך וועלטליכן וויסן, און דאס האט געבראכט צו א קאנפליקט מיט זיין

פרויס משפחה, פארפרומטע און עם־הארצישע דארפס־יידן. נאך לאנגע סכסוכים איז אייכענבוים זיך צעגאנגען מיט זיין פרוי, און עס פאנגען זיך פאר אים אן די נע־ונד יארן. אין 1815 געפינט ער זיך שוין אין זאמאשטש, וווּ ער האט דאס צווייטע מאל חתונה. דארט באקענט זיך אייכענבוים דורך די ארטיקע משכילים מיט דער „בערלינער השכלה"; ער לערנט פלייסיק די דייטשע שפראך, נאר מיט באזונדערער ליבע גיט ער זיך אפ מיט מאטעמאטיק. שוין אין 1819 איז ביי אים פארטיק א העברעישע איבערזעצונג פון אויקלידעסעס „עלעמענטן". אוים געלט־מאנגל [1] בלייבט אבער די איבערזעצונג אין מאנוסקריפט. אן אמתע סענסאציע האט ארויסגערופן דער וכוח, וואס אייכענבוים האט געהאט מיט דעם פראנצויזישן געלערנטן מאטעמאטיקער פראנקער, מכוח א טעות, וואס אייכענבוים האט אויפגעוויזן אין איינעם פון יענעמס חשבונות. דער וכוח האט זיך פארענדיקט מיט דעם נצחון פון דעם יידישן אווטאדידאקט. אייכענבוים האט אויך איבערזעצט פראנקערס לערנבוך פאר מאטעמאטיק אויף העברעיש, נאר אויך די איבערזעצונג איז געבליבן אין מאנוסקריפט [2].

דער דאזיקער גרינדליכער תלמודיסט און אויסגעצייכנטער מאטעמאטיקער איז אבער אויך געווען באשאנקען מיט א ניצוץ פון אן אמתן דיכטער. אין 1833, בעת ער האט געלעבט אין מאהילעוו, האט ער געשיקט זיין פריינד בנימין הירש וואלפזאן אלס געשאנק א זייער געלונגענע פאעמע „ארבע עתות השנה" [3], אין וועלכער שיינע נאטור־שילדערונגען ווערן הארמאניש צונויפגעפלאכטן מיט דער ליבע־געשיכטע

---

1 מיר האבן שוין אויבן (ז' 112) ציטירט אייכענבוימס בריוו צו לעווינזאנען, ווו ער באקלאגט זיך אויף זיין שווערער מאטעריעלער לאגע און ווי שווער עס קומט אים אן מפרנס צו זיין די פרוי מיט די זיבן קינדער. אין 1844 האט זיך זיין לאגע געבעסערט, נאך דעם ווי ער האט באקומען א לערער־שטעלע אין דער ביי־געגרינדעטער שול אין קישינעוו. פון 1850 ביז זיין טויט (1861) איז אייכענבוים געווען אינספעקטאר אין דער זשיטאמירער ראבינער־שול.

2 אין 1857 האט אייכענבוים פארעפנטליכט א לערנבוך (לויט דעם מוסטער פון א פראנצויזישן ווערק) פאר מאטעמאטיק „חכמת השעורים". דער מאנוסקריפט פון אייכענבוימס א צווייטן לערנבוך „תכונת המספרים" געפינט זיך אין אונזער רשות.

3 די פאעמע האט אייכענבוים צוגעשיקט זיין פריינד מיט אזא צושריפט:

קח נא, אחי, שירי זה שמרהו
אות אהבה הוא ביני ובינך.
עת כי נסתר איש מרעהו
הוא יזכירך אז את שם אוהבך אייכענבוים

(די צושריפט ברענגען מיר פון א מאנוסקריפט).

פון צוויי יונגע הערצער, און די ווינטער-אקאָרדן גיסן זיך צוזאמען מיט די עלעגישע טענער פון דער טראַגיש-פאַרענדיקטער ליבע. אייכענבוימס שילער-איבערזעצונגען באַווייזן, אַז ער וואָלט אויך געקאָנט פיל לייסטן אַלס עפּישער דיכטער; אים, דעם תּלמודיסט און מאַטעמאַטיקער, איז אָבער געפעלן בלויז דאָס חריפישע, דאָס שאַרף-שכלדיקע; אין פּאָעזיע האָט ער פאַקטיש געזען בלויז שפּיל און לייכטן צייט-פאַרוויַל. אפילו אויף דעם געביט אינטערעסירט אים אויך קודם-כל דער איינפאַל, די המצאה. ער שרייבט, אַ שטייגער, אין 1819 (תּקע״ט) אַ תּחינה מיט גאַלע לפּ״קן, ד״ה, יעדער פערז באַטרעפט בגימטריא: תּקע״ט [1], און אין צוויי יאָר אַרום, ווען עס דערשיינט בלאָכס „שבילי עולם״, שרייבט אייכענבוים אַ לויבליד אויך פון לויטער לפּ״קן, און דאָס מאָל באַטרעפט שוין יעדער פערז בגימטריא: תּקפ״א [2].

די געטין פון געזאַנג איז אָבער אַ זייער אייפערזיכטיקע געטין. זי פאָדערט פון אירע פאַנען-טרעגער, זיי זאָלן איר דינען מיטן גרעסטן ערנסט. און ווער עס פאַרהאַלט זיך צו איר קונסט בלויז ווי צו אַ לייכט-זיניקן שפּיל — צו דעם קערט זי דעם רוקן, ער מעג זיַין ווי באַגאַבט, זיַינע שאַפן בלייַבט טויט, ניט באַשייַנט פון דער געטינס אָפּגלאַנץ און לעבנס-פּראַכט.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין אייכענבוימס שאַפן זיַין באַוווּסטע פּאָעמע „הקרב״ (די שלאַכט) [3].

די שאַך-שפּיל (שוך-צוביל, ווי עס הייסט אין אַלט-ייִדיש) איז שוין זינט טיפן מיטלעלטער געווען זייער באַליבט ביַי די ייִדן. די דאָזיקע שפּיל געפינט אַן אָפּקלאַנג אין פיל ייִדישע לעגענדעס און לידער. אויך אייכענבוים איז געווען אַ היציקער שאַך-שפּילער; ער איז אין דער שאַך-שפּיל געווען אַזוי פאַרליבט, אַז ער האָט זי אין אַ ספּעציעלער פּאָעמע באַזונגען. ער פירט צונויף ביַים שאַך-ברעט צוויי קונציקע שפּי-לער און דערציילט, ווי אַזוי די שלאַכט-שפּיל איז צוגעגאַנגען. עס איז ממש צו באַוווּנדערן, מיט וואָס פאַר אַ מייַסטערשאַפט דער דיכטער גיט איבער אין דער ביבל-שפּראַך אין פּליסיקע זעקס-צייַליקע סטראָפן אַלע דעטאַליען פון דער קאַמף-שלאַכט. יעדע שאַך-פיגור ווערט פאַרוואַנדלט

---

1 קול זמרה, 99—100.

2 קול זמרה 50—53.

3 צום ערשטן דערשינען אין 1840. אין 1847 האָט יוסף ראַבינאָוויץ (דער שפּעטערדיקער אַרויסגעבער פון „ראַזסוועט״) איבערגעזעצט אייכענבוימס פּאָעמע אין רוסיש און זי אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיטן אָריגינאַל.

אין א טאפפערן קריגער, וואס פירט אן עקשנותדיקן קאמף אויף לעבן און טויט. און יעדער קריגער קעמפט אויף זיין אייגענעם שטייגער, אזוי ווי ער דארף קעמפן לויט די כללים פון דעם אויסטערלישן שאך-שפיל. אבער אויך אין דעם מייסטער-ווערק איז סוף-כל-סוף מער קונץ-שטיק ווי אמתע קונסט [1]. פון א גאנץ אנדערן שניט איז געווען אד"ם הכהן לעבענזאן.

א טרויעריקע קינדהייט האט פארבראכט דער צוקינפטיקער דיכטער אין זיין געבורט-שטאט ווילנא [2]. דער פאטער זיינער, חיים, איז געווען א גרויסער קבצן; לעבענזאן איז נאך א קליין קינד געווען, ווען זיין מוטער איז געשטארבן, און ער האט זיך אויפגעצויגן אינם הויז פון זיין זיידן יונה דאמיאנסקי. צו זיבן יאר האט מען דעם קליינעם אברהם בער שוין אריינגעגעבן אין א ישיבה, און דארט האט ער געלערנט דעם „שעור" גלייך מיט דערוואקסענע בחורים. צו עלף יאר האט ער שוין געשמט אין דער למדנישער ווילנע אלס „עילוי" און אויסגעצייכנטער שווימער איבערן ים התלמוד. דער זיידע זיינער האט דעם קליינעם עילוי אוועק-געשיקט לערנען אין דער מיכיילישקער גרויסער ישיבה. דארט, אין מיכיילישאק, האט מען מיט אים באלד געטאן א שידוך און צו דרייצן יאר אים חתונה געמאכט. גאנצע אכט יאר האט ער געגעסן קעסט ביים שווער אין הויז, און די קעסט-יארן זיינען אויך געווען פאר אים לערן-יארן. דאס וויסנסבאגיריקע מיכיילישקער בעל-הבית'ל האט זיך ניט געוואלט באגניגן בלויז מיט דער תלמודישער ליטעראטור. ער פארטיפט זיך אין די מיטל-אלטערליכע חקירה-ספרים, פארנעמט זיך א שטיקל צייט אויך מיט קבלה, זי באפרידיקט אבער ניט זיין שארפן און ניכטערנעם פארשער-געדאנק. אים אימפאנירט פיל מער דער חריפיש-לאגישער בא-שעפער פונם „מורה נבוכים", און ער ווערט אויף זיין גאנץ לעבן מיימונים ענטוזיאסטישער פארערער [3], ער באקענט זיך אויך מיט דער „בערלינער

---

1 די גרויסע פאעמע אין פיר געזאנגען „הקוסם", וואס אייכענבוים האט פון דייטש באארבעט אין לעצטן יאר פון זיין לעבן (פארעפנטליכט אינם ערשטן יאר-גאנג „המליץ" און דערנאך בזונדער געדרוקט) האט א גאנץ קנאפן באדייט.

2 לעבענזאנס געבורטסיאר איז ניט פעסטגעשטעלט. אייניקע ביאגראפן גיבן אן דאס יאר 1787, אנדערע דאס יאר 1794. קלמן שולמאן פארזיכערט. אז לעבענזאן האט געלעבט העכער הונדערט יאר. דאס איז אבער געווים א גוזמא. ער איז געשטארבן אין 1878 קרוב צו ניינציק יאר.

3 בעת לעבענזאן דערמאנט דעם רמב"ם, באגלייט ער זיין נאמען מיט אזוינע פאטעטישע שורות: „למי כל חמדת ישראל? למי ישאו תורה כל זרע יעקב? הוא אשר בקע צור התורה במטה חכמת האלהים אשר בידו, ויזובו מים חיים, חיי רוח לכל עדת בני ישראל? — הלא זה ארוננו המורה, מורנו מורה הנבוכים בדרך

השכלה״. ער ווערט אן איבערצייגטער ראציאנאליסט און פארנעמט אין דער היגזיכט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, א פיל ראדיקאלערע פאזיציע, ווי זיינע מיטצייטלער און מיטקעמפער צבי הירש קאצענעלענבויגען און מרדכי אהרן גינצבורג, וואס האבן פאקטיש געהערט צום מער רעכטן פליגל פון דער השכלה-באוועגונג 1. לעבענזאן פרווט אויך שטודירן די דייטשע שפראך, דאס קומט אים אבער שווער אן, און אויך אין די שפעטערדיקע יארן איז ער ניט אימשטאנד געווען צו לייענען אן פרעמדער הילף די דייטשע קלאסיקער 2. זיין איינציקע קולטור-שפראך איז געווען און געבליבן די העברעישע שפראך. די לעצטע האט ער אבער באהערשט, ווי זייער ווייניקע אין זיין צייט. ער איז אבער גיט בלויז געווען איר גרויסער מייסטער — די ביבל-שפראך איז געווען זיין איינציקע ליבע, און די ליבע האט געגרעניצט מיט פארגעטערונג, מיט אמתער מסירת נפש. זיין אידעאל איז געווען נפתלי הערץ וויזל; ער באזינגט אים מיט גרוים פאטאס אין א ספעציעלן ליד 3, אבער ניט בלויז דערפאר, וואס ער האט אים געהאלטן פאר א גרויסן דיכטער אלס פארפאסער פון „שירי תפארת״. אים ברענגט דער עיקר אין אנט-

---

ביד החזקה ובמורה הגדול, אשר עשה זה משה בן מיימון לעיני כל חכמי ישראל, אשר שלחו ד׳ תחת משה בן עמרם ומי יודע — אם לא זה משה האיש המיימוני, מה היה לו לות משה איש האלהים בדור הזה? מצד האמונה ומצד התבונה (קינת סופרים, 56—57).

1 כאראקטעריסטיש איז פאר מרדכי אהרן גינצבורג פאלגנדיקער פרט: אין זיין אויבן ציטירטן ארטיקל קעגן ליליענטאלן ווענדעט ער זיך צו די דייטשע ראבינער: צו אייך ווענד איך מיך, מייגע הערן דאקטוירים. אויב די רעגירונג אדער די קהילות וועלן אייך איינלאדן צו אונז, בעטן מיר אייך טאקע זיך ניט אפצוזאגן, איר וועט ביי אונז זיין זייער אנגעלייגט, ווארום איר וועט בלי ספק קאנען פיל נוצן ברענגען. איר דארפט אבער סארויס וויסן, וווהין און מיט וועלכער אויפגאבע איר קומט אהער. קומט איר צו אונז אלס פרעדיגער און לערער, וועט איר געסינען אויפמערקזאמע צוהערער, וואס וועלן גערן פארנעמען אייערע דרשות אויף ריינער דייטשער שפראך, און פלייסיקע תלמידים, וואס וועלן מיט גרויס חשק לערנען ביי אייך די וועלטליכע וויסנשאפטן, וואס זיינען אונז אזוי נייטיק. אויב איר האט אבער בדעה צו ווערן ביי אונז רבנים, איז מיין איינציקע עצה — איר זאלט מיטברענגען תירה, תירה און תורה... ווען אפילו אריסטו אליין זאל פונס קבר אויפשטיין, וועט ער אויך ניט זוכה זיין צו פארנעמען א רבנות-שטעלע ביים היליקן פאלק. מיר וועלן אים טאקע אויפנעמען מיט גרויס יראת הכבוד, ווי ער פארדינט, אבער פאר א רב וועלן מיר אים ניט מאכן״ (המוריה, 43—45).

2 דערויף ווייזט אן אזא באגלויבטער עדות, ווי לעבענזאנס תלמיד און פארערער, דער דיכטער י. ל. גארדאן (יעווריסקאיא ביבליאטעקא, VII, 164). זע אויך „חזון למועד״, II, 81.

3 חלום ערב (שירי שפת קודש, I, 201—205).

ציקונג וויזלס גרויסע ליבע צו דער העברעיִשער שפראך, די איבער־געבנקייט, מיט וועלכער יענער האט געפארשט דעם ווארט־שאץ און די כללים פון דער ביבל־שפראך און קאמענטירט די ביבל־ביכער [1]. איז טאקע לעבענזאן געגאנגען אין וויזלס דרכים; ער האט מיט גרויס ליבע געפארשט אלע אייגנארטן און פיינסטע ניואנסן פון דער ביבל־שפראך [2], און די נייע ביבל־אויסגאבע מיט דער דייטשער איבערזעצונג, וואס ער האט באזארגט צוזאמען מיט בן־יעקב (1848—1853), האט ער באגלייט מיט „תורת האדם", א נייעם ביאור אויף א טייל פון די נביאים־ביכער. די לעצטע שורות, וואס ער האט אין זיין לעבן געשריבן, זיינען געווען א פירוש אויף א פסוק אין תהילים. אכת, לעבענזאנען האבן געפעלט די דערצו נייטיקע וויסנשאפטליכע ידיעות אויפן געביט פון שפראכפארשונג און עקזעגעטיק, אויך האט ער ניט באזעסן די נייטיקע בקיאות אין די אנדערע סעמיטישע שפראכן. די גרויסע ליבע צו דער ביבל־שפראך און דער אינטואיטיווער חוש פון א דיכטער האבן דאך אפט מיטגעהאלפן, אז לעבענזאן זאל מאכן גאנץ ווערטפולע באמערקונגען בנוגע דעם בוי און אייגנארט פון דער העברעיִשער שפראך און איר ווארט־שאץ.

לעבענזאן, דער איבערגעגעבנסטער ריטער פון דער ביבל־שפראך, האט זיך אבער פארהאלטן גאנץ קאלט צום תלמוד, און מיט א באשטימטער שנאה צו דער שפעטערדיקער רבנישער ליטעראטור. אפילו אין זיין תפילה־ליד „קול נאקת בת־יהודה", וואס איז געשריבן אין דעם גאטספארכטיק־פרומען סטיל פון די מיטלאלטערליכע סליחות, קלאגט זיך דער דיכטער פאר גאט: דו האסט אונז, גאט, פארלאזן און פארשפארט אונז אין דער פינסטערניש. פון פיל ליידן און נויט האבן מיר פארגעסן וואס רעכט איז, און אונזערע וועגוויַזער בלאנדזשען ווי בלינדע; קיינער פון זיי באגרייפט ניט די באדערפענישן פונם פאלק, קיינער פון זיי פארשטייט ניט, ווי דאס פאלק צו שיצן; אויפן ארט פון אמתן שוץ טוען זיי אלץ נייע צוימען בויען און דעם אמתן בראך באמערקן זיי ניט" [3]. ער שליידערט צארנדיקע סטראפן אין די פארפינסטערטע „מורדי

---

1 אַךְ הוּא לִשְׂפַת עֵבֶר אָמַר: הִגָּלִי!
כִּי גַל בָּהּ תַּעֲלוּמוֹת עוֹד לֹא נוֹדָעוּ
וְיֶתֶר בָּהּ שִׁירָיו עַד רוּם גָּגְעוּ
כִּי זוּל שָׁם גֵּיא אָבִיו וְשָׁמוֹ נִפְתָּלִי.

2 מחקרי לשון, 1849.

3 שירי שפת קודש, I, 1861, 155—156.

אור״ [1], אין די „בוני התורה״ [2] און אין די „בוני חכמה״ [3], וואָס פאַר־פאַלגן אַן רחצאות די פאַרשער פון וויסן, און יעדער טיפּוש און נאַר הייסט בײַ זיי רב (כי בפתיות שם רב קראו). ער קאָן ניט מוחל זײַן, וואָס דעם נאָמען „בערלינער״ מאַכן די פּרומאַקעס צו שאַנד און צו שפּאָט (נתנו שֵׁם בֶּרְלִינִי לְחֶרְפּוֹת נצח, נתנו בו כל דפי מבלי כל חֵקֶר), און ער איז פעסט און זיכער, אַז — הֵן עוד שֵׁם בֶּרְלִינִי לִפְאֵר „יֵהָפֵךְ״ (דער נאָמען „בערלינער״ וועט נאָך אַ שיינדלינג ווערן). אויך אין זײַן בריוו, וואָס ער האָט דערלאַנגט משה מאָנטעפיאָרען, בעת יענער האָט אין 1846 באַזוכט ווילנע, ווײַזט ער אָן, אַז איינע פון די „ארבעה אָבות נזיקין״, פון די פיר הויפּט־סיבות, וואָס פאַראורזאַכן די שווערע לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דאָס רוסישע ייִדנטום, — איז די, וואָס די פירער און רבנים פאַרשטייען ניט די נויטן און באַדערפענישן פונם פאָלק. זיי וויסן רק „צו פאַרגרעסערן אָן אַ צאָל די מנהגים און אָסורים, אָנצו־זאַמלען גאַנצע בערג נײַע חומרות, וואָס רויִנירן דאָס פאָלק. און די דאָזיקע חומרות, טענהט לעבענזאָן, האָבן קיין שום יסוד ניט אין דער תורה שבכתב, ניט אין דער מסורה פון קדמונישע צײַטן, רק זיי זײַנען גענומען פון אויס דער פרעמד אימפּאָרטירטע נאַרישע אָבערגלויבנס, אָדער פון ווילדע מנהגים, וואָס אַלטע פרויען און אומוויסנדיקע מענטשן האָבן אויסגעטראַכט [4].

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט לעבענזאָנס אַלעגאָרישע דראַמע „אמת ואמונה״ [5]. מיר האָבן שוין אין פאָריקן קאַ־פּיטל אָנגעוויזן, ווי אין 1842, בעת די אָרטאָדאָקסן האָבן געקעמפט קעגן די נײַע שולן און קעגן אוואַראָווס עמיסאַר ליליענטאַלן, זײַנען די משכילים געווען באַזונדערס אויפגעבראַכט בײַ דער ידיעה, אַז עס ווערט צונויפגערופן אַ ספּעציעלע רבנים־קאָמיסיע, וואָס וועט באַטראַכטן די שול־רעפאָרם. די משכילים האָבן אין דעם געזען אַ גרויסע געפאַר פאַר דער גאַנצער אונטערנעמונג. דער סֵפֶר לעבענזאָן האָט דאַן זײַן גאַנצן צאָרן אויסגעגאָסן אין זײַן אומפאַנגרײַכער אַלעגאָרישער דראַמע, וואָס ער האָט פאַרענדיקט אין משך פון אייניקע חדשים.

---

1 שירי שפת קודש, II, 1856, 69—70.

2 דאָרטן, 150—153.

3 דאָרטן, 154—161.

4 יתר שירי אדם, 70.

5 וועגן דעם קאַמף, וואָס איז אַנטשטאַנען אַרום דעם דאָזיקן ווערק פון רײַן עסטעטישן שטאַנדפּונקט, וועט זײַן די רייד אינעם פאָלגנדיקן באַנד.

דער „אמת ואמונה" איז געשריבן לויט דעם מוסטער פון משה־חיים לוצאטוס „לישרים תהלה". דער סטיל איז אבער א גאנץ אנדע־רער. אין לוצאטוס ווערק הערן זיך צארטע פילאזאפיש־הומאניסטישע טענער; לעבענזאנס „אמת ואמונה" איז אבער א קעמפעריש ווערק, וואס אטעמט מיט האס און צארן. אין דעם אונטערקעפל ווערט אונטער־געשטראכן: „לטהר האמונה מכל דבר שקר, ולהקדישה קדש אך לאמת"— מען דארף ריי ניקן די אמונה פון פאלשקייט און ווידמען זי אויסשלים־ליך דעם אמת. אין לעבענזאנס ווערק ווערט בכלל ניט דערמאנט די געאפענבארטע, די דורך געטליכע התגלות דערווארבענע אמונה. די אמונה פון לעבענזאנס אלעגארישער דראמע איז א פרימיטיוו מענטשליכע, די נאיווע טאכטער פונם המון און פון פתיות — אט די אומוויסנדיקע, אבערגלויבישע דומהייט, וואס לאזט זיך פארפירן פון יעדן שווינדלער. די אומגעלומפערטסטע באבע־מעשיות זיינען ביי איר א באגלויבטע תורה, זי שאקלט תמימותדיק צו מיטן קאפ און חזרט אלץ איין און דעם זעלב־זמר: כן הוא (אזוי איז עס).

די צענטראלע פיגור אינם גאנצן ווערק איז צבעון — דער שווינד־לער און טארטיוף, וואס איז שוין כלל ניט קיין אבסטראקטע אלעגאריע— ער איז דער פראטאטיפ פון דעם פאלשן נידערטרעכטיקן פרומאק, וואס ווערט געשילדערט אין די פארשיידנסטע וואריאציעס אין דער שפעטער־דיקער טענדענציעזער בעלעטריסטיק פון דער השכלה־ליטעראטור. לעבענ־זאן זאמלט צונויף אין דער דאזיקער נעגאטיווער פיגור אלע טיפישע שטריכן פון די ביי די משכילים אזוי פארהאסטע פארשוינען פונם אלטן לעבנסשטייגער. צבעון איז א מקובל, א בעל־מופת, האט צו טאן מיט די ספירות, מיט שדים און כלערליי בעל־שמישע סגולות; לויפט אלע מאל אין מקוה אריין און אין דער זעלביקער צייט איז ער א טארטיוף, מאכט דעם אנשטעל, אז ער זיצט גאנצע נעכט איבער דער הייליקער תורה און טוט דערביי די נידערטרעכטיקסטע מעשים, און איז אויפן בזהדיקן אופן עובר אויפן זיבנטן געבאט. און ווען דורך זיין און מרמה'ס * איניציאטיוו דערשיינט דער שקר אין דער אמונה'ס מלבושים, דערקלערט זיך פאר דעם משנה למלך אמת, פארבינדט זיך מיט דער אמונה און ווערט דעם המונס איידעם,—דעמאלט פאנגען זיך אן שווערע צייטן פארן המון... "

צבעון מיט שקרן ווערן ניט מיד צו שאפן אלץ נייע רעליגיעזע געזעצן. זיי שרייבן אן א צאל ספרים מיט אלץ נייע גזרות און חומרות,

---

* מרמז — באטרוג.

וואָס האָבן קיין שום זין און גרונד ניט, זײַנען לויטער נאַרישקייטן און אומגעלומפּערטער אָפּערגלויבן. מענטשן זיינען פשוט ניט אימשטאַנד די אַלע חומרות איבערצוטראָגן און ווערן רוי נירט אונטער זייער שווערער לאַסט [1].

לעבענזאָן האָט אָבער דעם מוט ניט געהאַט זײַן קאַמפּסווערק צו פאַרעפנטליכן. ער האָט געדענקט דעם טרויעריקן גורל פון מנשה איליערס ווערק און פון אברהם יצחק לאַנדאָס „ספר הקונדס". דערצו איז אויך לעבענזאָנס מאַטעריעלע לאַגע שטאַרק אָפּהענגיק געווען פון די „בעלי-היכולת", פון די גבירים און קהלס-פירער. נאָכדעם, ווי ער איז אַראָפּ פון קעסט, האָט ער זיך גענומען האַנדלען, האָט באַלד אָבער זײַן געלט אָנגע-וואָרן; דעמאָלט האָט ער זיך מיט זײַן פאַמיליע באַזעצט אין ווילנע און גענומען זיך צו מלמדות. נאָך צעניאָריקן קנעלן האָבן זיך בײַ אים באַוויזן די שווינדזוכט-סימפּטאָמען; האָט ער געמוזט זוכן אַ נײַעם פּרנסה-מעמד, און איז געוואָרן אַ סרסור — אַ פאַרמיטלער בײַ הלוואות, אַ לופט-פּרנסה, וואָס איז פאַרבונדן מיט פיל פּיזור הנפש און דערני-דערונגען. איז לײַכט באַגרײַפליך, אַז דער טרסור, וואָס מוז זײַן אַ נכנע פאַר די געלט-זעק, האָט מורא געהאַט ארויסצוטרעטן פאַר דער עפנטליכ-קייט מיט זײַן קאַמף-שריפט.

אמת, אין פינף יאָר אַרום איז לעבענזאָן אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרן קעגן די „חֲשֵׁכִים" (פינסטערלינגע) [2], אַז ער האָט עפנטליך דערקלערט וועגן זײַן באַשלוס איינגיבן צו פאַרעפנטליכן זײַן „אמת ואמונה". דאָס איז געווען באַלד נאָך מרדכי אהרן גינצבורגס טויט (סוף 1846). לעבענזאָן, ווי אויך די איבעריקע ווילנער משכילים, האָבן אין גינצבורגס טויט געזען אַ געוואַלטיקע אבידה פאַר דער העברעישער שפּראַך... „שפת קדשנו, — קלאָגט זיך לעבענזאָן, — הן היא היתה כאלמנה", פאַראיינזאַמט און פאַרלאָזן איז געבליבן די הייליקע שפּראַך, „אין לה גואל עוד" — אָן אַ באַשיצער איז זי פאַרבליבן. דער פרומער שטאָט-

1 אמת ואמונה, 89:

חֲדָשִׁים הֵם לְבְקָרִים לָדָת חֹק אַךְ רֶגַע
וּסְפָרִים הַרְבֵּה אֵין קֵץ, כְּתָבֵי דַת אֵין חֵקֶר...
כָּל יָד נֶאֱסָרָה מִבְּלִי יוּכְלוּ בְּקֹשׁ טֶרֶף
גַּם צַעֲדֵיהֶם צָרוּ מֵרֹב גֶּדֶר וּגְדֶרֶת...
כֻּלָּם אַךְ תַּעְתּוּעִים הֲבָלִים הַבְלֵי הָבֶל
מַהֲתַלּוֹת וָלַהַג — אוֹ, אַךְ מִסְפֵּד וָאֵבֶל.

2 קינת סופרים, 25.

מגיד האָט אָבער אין גינצבורגן געזעען בלויז דעם אפּיקורס, האָט ער דערפֿאַר, אײַנשטימיק מיט די איבעריקע אָרטאָדאָקסן, געהאַלטן פֿאַר ניט פּאַסיק צו מאַכן װעגן אים אַ ספּעציעלן הספּד, און זיך באַגנוגנט בלויז דערמיט, װאָס צום סוף פֿון זײַן גאַנץ לאַנגער דרשה, האָט ער אַגב אורחא דערמאָנט, אַז „מרדכי אהרן גינצבורג איז אויך געשטאָרבן". דאָס האָט שרעקליך אויפֿגעבראַכט דעם װילנער משכּילים-קרײַז. זיי האָבן באַשלאָסן מאַכן אַ מנין פֿאַר זיך, און דעם נעכסטן שבת האָט מען געמאַכט אַ גרויסן הספּד נאָך דעם פֿאַרשטאָרבענעם שריפֿטשטעלער, און טאַקע לעבענזאָן איז געװען דער רעדנער. זײַן הספּד האָט שטאַרק אויסגענומען בײַם עולם און מען האָט אים באַלד אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונ-דערן קונטרס [1].

לעבענזאָן האָט אָבער נאָך אַלץ ניט געװאָלט מוחל זײַן, װאָס זײַן פֿאַרשטאָרבענער פֿרײַנד „לא נספּד כּהלכה". ער װיל זיך אָפּרעכענען מיט די „צבעונים" און „מורדי אור"; דערקלערט ער צום שלוס פֿון זײַן „קינת סופרים" (71—72), אַז ער טרעט צו צום דרוקן זײַן דראַמע.

דאָך האָט די מורא פֿאַר די „בעלי היכולת" גובר געװען. גראָד צו יענער צײַט האָט מען לעבענזאָנען באַשטימט פֿאַר אַן אָבער-לערער פֿון העברעיִש און אַראַמיש אין דער װילנער ראַבינער-שול, האָט ער זײַן קאַמף-פּיעסע געלאָזט אין כּתב-יד ליגן, און ערשט אין צװאַנציק יאָר אַרום, װען לעבענזאָן האָט אַלס אַכציק-יאָריקער זקן פֿאַרלאָזן די לערער-שטעלע און געלעבט די לעצטע יאָרן זײַנע אָן דאגת פּרנסה, האָט ענדליך זײַן „אמת ואמונה" די װעלט דערזעען (1867).

און טאַקע ניט דער אַזוי שפּעט דערשינענער „אמת ואמונה" האָט לעבענזאָנס נאָמען באַרימט געמאַכט אין די משכּילישע קרײַזן, נאָר זײַנע „שירי שפת קודש". װי װײַזל בשעתו, האָט אויך לעבענזאָן ביז די עלטערע יאָרן פֿאַרעפֿנטליכט בלויז „געלעגנהייט"-לידער. דער עיקר איז דאָך געװען די שפּראַך, „השפה היפה השרידה היחידה"; דער אײנ-האַלט איז אַ נעבנזאַך, די הויפּטזאַך איז די הייליקע שפּראַך. איר דאַרף מען דינען געטרײַ, מיט מסירת נפש, און װער עס שרײַבט העב-רעיִש, איז אַ „כהן לאלהים", — דער פּריסטער, װאָס באַדינט די הייליקייט...

[1] קינת סופרים, װילנע, 1847.

עס איז כאראקטעריסטיש, מיט וואס פאר א תמימות אדם הכהן מעלדעט דעם לייענער:

אֶל שֻׁלְחַן אֱלֹהִים יָשַׁבְתִּי שֶׁבֶת
וּבְיָדִי עֵט סוֹפֵר לוֹ אֲנַהֲלָה
וּשְׂפָתוֹ בְּקֹדֶשׁ יָדִי כּוֹתֶבֶת
וּשְׂפַת תּוֹרָתוֹ וּשְׂפַת עַמּוֹ סֶלָה

דער טיש, ביי וועלכן ער האלט „די שריפטשטעלערישע פען אין דער האנט", איז שוין דערמיט א „געטליכער שלחן", ווייל ער שרייבט אויף דער הייליקער שפראך, אויף דער שפראך פון גאנץ תורה און גאנץ פאלק. ווען וואס ער שרייבט, איז קיין נפקא מינה ניט, דער לשון איז דער עיקר. דעביוטירט טאקע לעבענזאן אין דער העברעישער ליטע־ראטור מיט א „קארמען־ליד" צו דער חתונה פונם גראף טישקעוויטש [1]. אין דריי יאר ארום איז אלעקסאנדער דער ערשטער געשטארבן. ברעכט אוים דער יידישער דיכטער מיט א „קול בכי" און שרייבט א גאנץ גרויסע עלעגיע, נאר ווייל רוסלאנד איז ניט געבליבן אן א קיסר, און נאך אלעקסאנדערן איז ניקאלאי צו מזל ארויף אויפן טראן, פארענדיקט לעבענזאן די עלעגיע מיט א פרייליכן „מזמור שיר". אין א יאר ארום איז ניקאלאיס קרוינונג פארגעקומען, זינגט ווידער לעבענזאן א „מזמור שיר"; דערנאך ווערט ביי ניקאלאיען א זון געבוירן, — איז ווידער א שמחה, און דער יידישער דיכטער זינגט א פאטריאטיש לויב־געזאנג; און ווען דער טראנפאלגער ווערט פולמינדיק, זאגט אן דער דיכטער דער גאנצער וועלט די פריידיקע בשורה:

שמעו זאת כָּל העמים
הַאֲזינו כל יושבי חָלֶד!

און לעבענזאן דרוקט איבער אין זיין לידער־זאמלונג „שירי שפת קודש" [2] ניט בלויז די אלע פילצאליקע פאטריאטישע לידער זיינע, נאר אפילו די „אַבְנֵי בָכוּת" — די געגראמטע מצבה־אויפשריפטן מיט די געוואלדיקע תהילות ותשבחות, וואס ווילנער בעלי בתים פלעגן באשטעלן פאר א געוויסן געצאלט ביים „בעל לשון" לעבענזאן פאר זייערע פאר־שטארבענע קרובים. אלץ איז ביי לעבענזאנען געווען חשוב און וויכטיק, ווייל אלץ איז דאך געשריבן געווארן ביים „שלחן אלהים", פארפאסט אין דער הייליקער שפראך. איר, דער ביבל־שפראך, וואס ווערט ביי לעבענ־

1 שיר חביבים, ווילנע, 1822.

2 דער ערשטער טייל איז דערשינען אין 1842, דער צווייטער אין 1856.

זאנען געקריינט מיט די ביינעמען „גנת בית אלהים", „בחירת אלהי ישראל ויקרת נביאיו", „גברת הלשונות", — איז געווידמעט דער „שירי שפת קודש". אויף העבער צווייט דרוק-זייטן גיסט אויס דער דיכטער זיין הייסע ליבע און יראת-הכבוד-געפיל פאר זיין „הארין". „דו — רופט ער אויס מיט התפעלות — ווייסט דאך מיין הארץ, דו ווייסט, אז פון אלע פריידן אין דער וועלט, פון אלע מענטשליכע באגערן און פארלאנגען, האב איך אויסדערוויילט רק דיך אליין. נאך דיר טו איך בייינקען אלע מיינע טעג, צו דיר לעכצט מיין נשמה; דיינע ליבהאבער זיינען אויך מיר ליב, און פעסט געבונדן איז מיין הארץ אן די, וואס פארשן און גלוסטן נאך דיר" [1].

און דאך — האט לעבענזאן רעכט, ווען ער ברענגט אלס מאטא צו זיין „שירי שפת קודש" א מימרא אויסן ילקוט, וואס דארף אנזאגן, אז די דאזיקע זאמלונג שטעלט מיט זיך פאר א „שירה חדשה" אין דער ניי-העברעישער ליטעראטור. ווארום — דער געוועזענער ישיבה-בחור, דער משכיל און שטרענגער מדקדק לעבענזאן, איז ביי זיין גאנצער אלט-פרענקישער תמימות און געוויסער דאזע פון בית-מדרש-בטלנות — דאך געווען אן אמתער דיכטער מיט א שארף אויסגעפרעגטער אינדיווידואלי-טעט, מיט זיין אייגענעם סטיל, מיט זיין אייגענעם וועלט-באנעם.

ס'איז שוין אין פאריקן באנד אנגעוויזן געווארן [2], ווי אזוי די ראציאנאליסטישע אידעען פונם 18טן יר"ה, וואס האבן פיל מיטגעהאלפן דער פערזענליכקייט צו באפרייען זיך פון דער אויס דעם אלטן לעבנס-שטייגער בירושה געבליבענער גייסטיקער קנעכטשאפט, האבן צו דער זעלביקער צייט אויך שטארק אונטערגעגראבן דעם רעליגיעזן וועלט-באנעם מיט זיין פעסטן גלויבן אין שכר ועונש און אין השארת הנפש. דאס האט זיך קודם כל געפונען אין א געוויסער סתירה מיט דער אפ-טימיסטישער וועלט-אנשויונג פון די „אויפקלערער". דער מענטש איז דאך געבארן גליק צו געניסן אויף דער בעסטער פון אלע וועלטן, וואס ווערט דאך רעגירט דורך דער „פאראויס-באשטימטער הארמאניע" — און דעם מענטשנס לעבן איז אזוי קורץ, פול מיט צער און ליידן, שוין לויערט אויף אים דער טויט, און — ווי א שאטן פארשווינדט דער מענטש, צעפאלט אין אש און שטויב... דערפאר טאקע האט מען אין דער „אויפקלערער"-תקופה אזוי פיל אויפמערקזאמקייט געשענקט דעם טויט-פראבלעם, און מיט אזא פיינליכן אינטערעס זיך באשעפטיקט מיט

---

1 שירי שפת קודש, I, 9.

2 ערשטער בוך, 29.

דער פראַגע וועגן אומשטערבליכקייט פון דער מענטשליכער נשמה. אין דעם איז אויך געלעגן די הויפּט-סיבה פון דעם קאָלאָסאַלן דערפאָלג, וואָס מענדעלזאָנס „פעדאָן" האָט בשעתו געהאַט.

דאָס טויט-פּראָבלעם איז אויך געוואָרן דער צענטראַל-פּונקט פון לעבענזאָנס דיכטערישן שאַפן. די ראַציאָנאַליסטישע אידעען האָבן אינם דיכטער צעשטערט דעם אַלטן תמימותדיקן גלויבן. דער סקעפּטיש-קריטישער געדאַנק האָט ביי אים שטאַרק אונטערגעגראָבן די יסודות פונם טראַדיציאָנעלן רעליגיעזן בנין. דרינגענדיק און שמאַרצפול האָט אינם דיכטער געעגבערט „דאָס קוואַלפולע אוראַלטע רעטזעל", וועגן וועלכן היינע רעדט אין זיין באַוואוסטן געדיכט מיט אַזאַ ביטערן סאַרקאַזם: „וואָס בעדויטעט דער מענטש? וואָהין איסט ער געקאָמען? וואָ געהט ער הין?". לעבענזאָנס דיכטעריש געוויסן לאָזט ניט רוען די אַלטע אַנגעווייטאָגטע פראַגע, וואָס פאַרנעמט אַזאַ צענטראַלן אָרט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור [1]: צו וואָס לעבט דער מענטש? און וואָס באַשטייט דאָס ציל? מיט וואָס קאָנען באַרעכטיקט ווערן דעם מענטשנס גרויסער צער, זיינע אומענדליכע ליידן? ווי איז צו דערקלערן, ווי איז צו באַגרייפן דאָס טראַגישע רעטעניש פון דער וועלט? ווי קאָן מען פאַרענטפערן דעם גרויסן פלאַנטער, די טיפע סתירה: דער באַשעפער — אַן אל מלא רחמים, און איינגעטונקט אין רשעות און אין פאַרדאַרבנקייט איז די וועלט?

טראַגישע פערזענליכע איבערלעבונגען האָבן נאָך שמאַרציקער פאַרשאַרפט די דאָזיקע פּראָבלעמען. זיבן קינדער זיינען ביים דיכטער געשטאָרבן. אין זיין עלעגישן געדיכט „מספד מר" שילדערט ער אין שטאַרקע סטראָפן, ווי פאַר זיינע אויגן האָבן צוויי זיינע הייסגעליבטע קינדער, אַ פיר-יאָריק מיידעלע און אַ יינגעלע פון זעקס יאָר, זיך געראַנגלט מיטן טויט; און ניט פאַרגעסן קאָן דער דיכטער אָט די קינדערשע ליידנפולע אויגן מיט דער שטומער פראַגע: פאַר וואָס? און פול מיט ווייטאָג שרייט אויס דער דיכטער: „אזעק: על מה זה? אמרו! ומדוע?" [2]. אַ זון אַ דיכטער האָט לעבענזאָן געהאַט, אַ צאַרטע שיינע בלום, וואָס האָט געזאָלט ווערן דער שטאָלץ און גלאַנץ פון דער ניי-העברעיִשער פּאָעזיע, און אָט די דאָזיקע שענסטע האָפענונג האָט יאָרןלאַנג געוועלקט, געצאַנקט און פאַר זיינע אויגן דעם לעצטן אָטעם אויסגעהויכט. טיף דערשיטערט יאָמערט דער אומגליקליכער פאָטער:

1 זע אונזער ווערק, ערשטער באַנד.

2 שירי שפת קודש, I, 231 (איך שריי: פאַרוואָס קומט דאָס! ענטפערט: פאַרוואָס?).

אַךְ בִּכְיִי יִתֹּם עֵת חַיַּי יִתָּמוּ
וִיגוֹנִי יִדֹּם עֵת יָמַי יִדָּמוּ
וּבְנֵי זֶה אֶשְׁכַּח כִּי תֵבֵל אֶשְׁכָּחָה [1]

און האָפענונגסלאָז שליידערט ער זיינע יאוש-פולע פראגן:

מִקְּנֵי צִפּוֹרַי זֶה מִי הִבְרִיחַ?
מִבֵּיתִי מִזְמוֹרַי מִי זֶה הִשְׁכִּיחַ?
מִי נִפֵּץ כִּנּוֹרִי וַיִּקְרָא נְהִי! [2]

אָט די פערזענליכע איבערלעבונגען האָבן נאָך מער פארשארפט דאָס טויט-פּראָבלעם אין לעבנזאַנס דיכטערישן שאַפן. אפילו אין זיינע נאַטור-שילדערונגען, ווען ער באַזינגט דעם פרילינג [3], זעט ער צווישן די בלומען-בליטן די פאַרוועלקטע בלעטער, און אין דעם פרילינגס-געזאַנג הערט ער די יאָמער-געשרייען פון אונטערגאַנג. און דאָס פרילינגס-ליד פאַרענדיקט מיטן טרויעריקן אַקאָרד:

אַף נַחְנוּ עַל חֶלְדֵּנוּ
נַחְנוּ יַלְדֵי עַצֶּבֶת
אֵיךְ נִרְאֶה אֶת מֵתֵינוּ
וּבַל נִרְאֶה הַמָּוֶת [4].

אפילו דער זומער-אָוונט וואַרפט אַן אַ שרעק אויפן דיכטער. אים שרעקן די שאָטנס פון דער נאַכט, וואָס לויערט שוין ביים זונען-אונטערגאַנג:

עוֹד שׁוּלֵי שַׁלְמָתָהּ נִרְאִים אֵלֵינוּ,
וַיִּדֶּא נִיקָם חוֹשֶׁךְ מֵאֶרֶב
נֵעוֹר חִישׁ לָצֵאת כִּזְאֵבֵי הָעֶרֶב
מִתַּחְתִּית אֲבַדּוֹן מֵעֵמֶק שַׁחַת...

---

1 שירי שפת קודש, II, 200: מיין געזאַנג וועט זיך ענדיקן צוזאַמען מיט מיין לעבן, געשטילט וועט ווערן מיין טרויער, ווען מיינע טעג וועלן ענדן. און מיין זון וועל איך פאַרגעסן, ערשט ווען איך וועל אין דער וועלט פאַרגעסן.

2 דאַרטן, 193: פון מיין נעסט מיין פייגעלע ווער האָט פאַרטריבן? מיין געזאַנג אויס מיין הויז ווער האָט פאַריאָגט? ווער האָט מיין האַרפע צעשמעטערט און וואָך געמאַכט דעם יאָמער?

3 דאַרטן, I, 23—29.

4 אויך מיר אויף אונזער וועלט, מיר קינדער פון טרויער: מיר זעען דאָך אונזערע טויטע, און באַמערקן ניט דעם טויט.

די פינסטערניש איז ביים דיכטער דער סימבאָל פון שרעקן און אומקום:

זֶה חשֶׁךְ לא הוד לו לא חֵן לֹא יוֹפִי
בַּלָּהוֹת כֻּלוֹ אַךְ מָשְׁחָת וָדֹפִי.

זי איז אינם דיכטערס באוווּסטזיין דער אורקוואַל פון דעם כאַאָס און ניט־זיין — „הוא ראש כל תוהו״ [1].

ער זינגט דערפאַר א לויב־געזאַנג דעם „יום הארוך״, דעם לענגסטן טאָג אין יאָר, ווייל יענער פאַרטרייבט אמווייטסטן די פינסטערע שאָטנס פון דער נאַכט [2].

און שרעקליכע חלומות ברענגען די שאָטנס פון דער נאַכט. אָט חלומט דער דיכטער, ווי ער שטייט ענג צוגעשפּאַרט צו א ברייטן טויער, און ער זעט, ווי עס יאָגן דורך אים מיט גרויס געשווינדקייט געדיכטע מענטשן־מחנות. און דער מענטשן־שטראָם האָט ניט קיין אָנהויב און ניט קיין ענד. קוקט ער דורך יענער זייט טויער, פונוואַנען דער מענטשן־שטראָם פליסט — באַפאַלט אים א גרויל — שָׁמָּה אֵין כל, הוי אך דָּמִי, אך תוהו! [3] וואַרפט ער זיך צו דער אַנדערער זייט — „גם שמה אין כל״ — אויך דאָרט איז ליידיק און פוסט, „אך קברות צלמות״, לויטער קברים פון פינסטערניש. באַשטירצט פון שרעק שרייט אויף דער דיכטער: ווער זייט איר, קינדער פון ניט־זיין? איר טויער־וואַנדערער? וואָס באַדייט די טויט־פינסטערניש פון ביידע טויער־זייטן? „המעשים תחת השמש״ * — קלינגט דער ענטפער. וואָס איז פון דער זייט טויער? „כל אשר יהיה״ (אַלץ וואָס וועט זיין); און וואָס פון יענער — „כל אשר היה״ (אַלץ וואָס געווען), און וואָס באַדייט דער טויער? „ההוה עת יהיה״ (דער מאָמענט פון זיין). די ווייטערדיקע פראַגן שטאַרבן אָפּ אויף זיינע ליפּן, וואָרום די טויער־וואַנדערער טוען זייער לויף ניט פאַרהאַלטן —

הן נרדפים נחנו על צוארנו [4].

א שרעק באַפאַלט דעם דיכטער, א טיפער טרויער פאַרקלעמט זיין האַרץ, און ער דערוואַכט פון זיין שווערן טרוים. „חלום עובר״ הייסט

1 שירי שפת קודש, ן 11—16.
2 דאָרטן, 30—34.
3 דאָרט איז גאָרנישט פאַראַנען, בלויז שווייגן און כאַאָס.
* די געשעענישן אונטער דער זון.
4 מען טרייבט אונז צלך חייטער, מיר טאָרן ניט שטיין.

דאָס דאָזיקע ליד [1] — אַ שנעל פאַרגייענדיקער טרוים איז דאָס גאַנצע לעבן. און האַרט ביים „חלום עובר" לויערט דער טויט, און דער „חלום עובר" גופא איז פול מיט שרעקן פאַרן טויט, פול מיטן באַוווּסטזיין, אַז דער טויט לויערט אויף יעדן טריט. אָט דעם טויט־באַוווּסטזיין ווידמעט דער דיכטער איינע פון זיינע וויכטיקסטע שאַפונגען — זיין גרויסע פּאָעמע „הדעת והמות" (דאָס וויסן און דער טויט) [2].

לעבנזאָן איז דאָך אַ ראַציאָנאַליסט געווען, און גלייך מיט אַנדערע משכילים האָט ער געקעמפט פאַר וויסן. דאָס וויסן (הדעת) איז דאָך דאָס געטליכע ליכט, וואָס באַשיינט דאָס מענטשליכע לעבן. פאַנגט זיך טאַקע אָן די פּאָעמע מיט שטאָלצע אַקאָרדן, ווי אין דעם אומענדליכן אוניווערזום איז בלויז דער מענטש באַשאָנקען מיט דער וווּנדערבאַרער גאָב פון וויסן.

אַךְ הוּא הָאֶחָד בַּיְצוּרִים כֻּלָּמוֹ
הַיּוֹדֵעַ אוֹתָם וּבִלְתּוֹ אָיִן!

בלויז ער דענקט און געדענקט

יָחוּשׁ וְיַשְׁעֵר גַּם יִזְכּוֹר לָדַעַת
חוֹשֵׁב וּמַשְׂכִּיל אֶל כָּל לוֹ מַשְׁמַעַת.

אַלץ האָט אויסגעפאָרשט דער מענטש, ער האָט אפילו איינגעדרונגען אינם סוד פון אייביקייט (הוא ידע גם את סוד הנצח). ער האָט אָבער צו טייער באַצאָלט פאַר דאָס וויסן, דער מענטש. ער איז דאָך דער איינער אינם גאַנצן אוניווערזום, וואָס נעמט אַרום מיט זיין געדאַנק אויך דעם טויט, „דעם קוואַל פון יעדער פּלאָג".

אֶת הַמָּוֶת הָרָע וּמְקוֹר כָּל נֶגַע
כִּי גַם אוֹתוֹ יִקַּח — הֵן הוּא יוֹדֵעַ.

הה, דאָס פאַרשאָלטענע וויסן! — רופט אויס דער דיכטער, — דאָס וויסן פון דעם, וואָס איז, אַז ער וועט אין ניט־זיין פאַרוואַנדלען (לדעת בהיותו כי גם לא יהי)...

אין מעכטיקע פּאָעטישע סטראָפן שילדערט דער דיכטער, ווי דאָס וויסן וועגן דער אומפאַרמיידליכקייט פונם טויט פאַרסמט דעם קוואַל פונם לעבן. ניט דער טויט גופא, נאָר שוין דאָס וויסן וועגן זיין עקסי־

1 שירי שפת קודש, 53—61.

2 דאָרטן, II, 9—31.

סטענץ טוט טויטן, ווארום דער טויט עקזיסטירט נים פאר די, וואס ווייסן נים פון אים:

יוֹם יוֹם יָמוּת – כִּי הַתְּמוּתָה נוֹדַעַת!
לֹא יָמוּת בַּמָּוֶת, כִּי אִם בַּחַיִּים!
לֹא יָמוּת בַּמָּוֶת, כִּי אִם בַּדַּעַת...
יֵדַע כִּי דַּעַת מוֹתוֹ הוּא מוֹתֵהוּ
כִּי אֵין מָוֶת לַאֲשֶׁר לֹא יְדָעֶנּוּ
כָּל חַי זוּלַת לֹא יֵדַע קִצֵּהוּ.

און עס איז ממש צו באוואונדערן, ווי דער זעלביקער דיכטער, וואס האט פארפאסט אזוי פיל נישטיקע הורא־פאטריאטישע לידער און געלעגנהייטס־געדיכטע, שאפט אזוינע פראכטפולע סטראפן:

כִּי מַה זֶּה הַמָּוֶת? – אַךְ תּוֹם הַחַיִּים
כָּל רִגְעֵי חַיָּיו יִרְאֶה כִּי יָסוּפוּ,
עַל כֵּן כָּל רֶגַע מוֹתוֹ לְעֵינָיִם
כִּי חַיָּיו וּרְגָעָיו יַחְדָּו יָעוּפוּ
וּבְרֵאשִׁיתוֹ אַחֲרִיתוֹ יֵדַע גָּבֶר
וּבְחַיָּיו – מוֹתוֹ, וּבְבֵיתוֹ – הַקָּבֶר

נים אבער בלויז אין דעם אליין באשטייט די טראגיק פונם מענטשנס לעבן. דער דיכטער לייקנט פאקטיש אין דעם גרונד־דעוויז פון די אויפקלערער, אז דער מענטש איז צו גליק געבארן. אלץ איז דאך לויטער מיראזש און באטרוג. דאס איינציק רעאלע איז בלויז דער טויט. נים רעאל איז אפילו דאס, מיט וואס דער מענטש טוט אזוי שטאלצירן — דאס ווּיסן.

דעם דיכטער האבן, ווי עס שיינט, זיינע פריינד, וואס זיינען געווען בעסער פון אים באהאבנט אין דער דייטשער שפראך, באקענט מיט קאנטס קריטישער פילאזאפיע, מיט איר אויספיר, אז דער מענטש איז נים אימשטאנד מיט דער הילף פונם בלויזן שכל צו דערקענען דעם אמתן מהות פון דעם, וואס געפינט זיך אויסער אים, ווייל אלע באגריפן, וואס דער מענטש באקומט פון דער אויסנוועלט, ווערן דאך קודם כל אויסגעפארמט דורך דעם מענטשנס אויפנעמונגס־אפאראט, זיינען א געוויסער פועל יוצא פון די ספעציפישע פארמען, וואס דעם מענטשנס שכל האט לויט זיין עצם נאך. דער דאזיקער אידעענגאנג איז געווען אמבעסטן

צוגעפּאַסט צו דעם דיכטערס שטימונג. דער דיכטער זעט — אַלץ איז לויטער באַטרוג. „הכל הבל“, אַזוי הייסט איינס פֿון זײַנע מיזאַנטראָפּישע לידער [1]. „שוא, — רופֿט אויס דער דיכטער, — זע, כּי אך שקר חיי החיים (לויטער באַטרוג איז דאָס גאַנצע לעבן). בן אָדם שורה, זע דו מענטש, — אַלץ איז בלויז אַ חלום! „התעו אָדם רק התעוהו“, — אָפּגענאַרט האָט מען דעם מענטשן, „כּלם רמוני“ — מיט דעם רעזיומירט זײַן לעבנסוועג דער גוסס אין דעם ליד „הגוע“ [2]. און ער פֿאַרענדיקט מיטן סקעפּטישן פֿערז: עתה הן רוחי תעל לראות מה שם ממעל — איצט וועט מײַן גײַסט זיך אין דער הייך דערהייבן, זען, וואָס דאָרטן טוט זיך!...

אין אַ ספּעציעלן געדיכט „חלום חזיון לילה“ [3] שילדערט דער דיכטער די פֿילפֿאַרביקע וועלט פֿון פּראַכט און שיינקייט אַלס בלויזן מיראַזש, אַלס באַטרוג־געשפּענסט פֿון דעם מענטשנס שפּירונגען און געפֿילן; זי אָבער, די אומפּאַסבאַרע און אומבאַגרײַפֿליכע „בת אל אלהים“ — די באַשאַפֿונג (הבריאה), זי איז דאָך אַ גאָרער פֿראַגע־צייכן:

אֵין יוֹפִי אֵין חֵשֶׁק אַף אֵין כָּל נוֹעַם
אֵין עָרֵב אֵין עוֹנֶג אַף אֵין טוּב טַעַם
אֵין שֶׁמַע אֵין מַרְאֶה אֵין מַחְמַד עָיִן;
אֵין דְּמוּת וּדְמוּת אֵין חֵקֶר וָשֵׂכֶל
כִּי אֵין גַּם מִשְׂגֶּה וּפְתַיּוּת וָסֶכֶל
אֵין חִידָה וָסוֹד אַף כָּל רַעְיוֹן אָיִן.

ער, דער ראַציאָנאַליסט, לייקנט אין דעם גרונד־גלויבן פֿון די „אויפֿקלערער“, אַז דער שכל, דעם מענטשנס שכל הישר, איז דער רעגירער פֿון דער וועלט [4]. „בינה ודעת — גם בם מגרעת“, דעם מענטשנס וויסן באַשטייט פּאַקטיש בלויז אין דעם, וואָס מען איבערצײַגט זיך, אַז מען קאָן ניט באַגרײַפֿן ניט דעם באַשאַף, ניט דעם באַשעפֿער. אַלס אָנהענגער פֿון מיימוני, ווייסט ער דאָך, אַז די גאָטהייט קאָן מען נאָר

1 שירי שפת קודש, II, 41—51.

2 דאָרטן, II, 58—61.

3 דאָרטן, I, 62—68.

4 אפילו אין זײַן קריגערישן „אמת ואמונה“ שטרײַכט דער דיכטער אונטער די באַגרעניצטקײַט פֿונם שכל, און אַז ניט שטענדיק קאָן מען זיך אויף אים פֿאַרלאָזן, ווי אויף דעם ריכטיקן וועגפֿירער (דאָרטן, 86—98).

באַקליידן מיט נעגאַטיווע אַטריבוטן [1], מיט דעם, וואָס ער איז נישט, ער גופא איז אָבער אומבאַגרײַפליך און אומפּאַסבאַר... „כִּי דֵעַ הָאֵל מִמֶּנּוּ גָבוֹהַ — ניט באַגרײַפן קען דער מענטש, וואָס איבער אים איז פאַראַן. מיר ווייסן בלויז, אַז אַלץ איז איין איינהייט, „אַך מה האחד? אִישִׁים הַנְּבָאוּ?״ * (I, 68) און דער דיכטער קומט אין זײַן ליד: „מהלל אֶל (דער גאָט־לויבער) [2] צום אויספיר: מײַן גײַסט האָט אַלץ געזוכט און ליידיק צוריקגעקומען. פאַר דעם גאָט, וואָס פאַרבאָרגט זיך, טוט זיך אויך מײַן נשמה פאַרבאָרגן. ווען לויבן הייסט פאַרשווײַגן, איז דאָס בעסטע שווײַגן״...

אינם „אמת ואמונה״ קעמפט דער משכּיל לעבענזאָן פאַרן „אמת״, וואָס באַלײַכט די גאַנצע וועלט און איז דער איינציקער באַגלויבטער וועגווײַזער; אָבער אינם ליד „מבקש אמת״ (I, 131—132) שטייט דער „אמת־זוכער״ פול מיט יאוש און ספקות: ווער זעט דען דעם אמת, זײַן געזיכט איז דאָך אונטער אַ שלייער באַהאַלטן! גם אני מי אני? הה, מי רִמָּנִי!.. מאַכטלאָז איז דער פאַרשטאַנד אונדז צו אַנטפּלעקן דעם סוד פון פאָטער־גאָט (קצרה יד הדעת שם בגבוה לעשות לנו הה! גם אב ואלוה). און איבער אַלע עקן פונם אוניווערזום הערט זיך בלויז איין אויסגעשריי: „אי אָב לנו, אַן יוצר אֱלֹהַ? [3] און ווײַל דער פאַרשטאַנד איז ניט אימשטאַנד אַן ענטפער צו געבן, קומט די אמונה און טוט דעם פאַרשטאַנדס אָרט פאַרנעמען (תשלח האמונה ותכהן תחתנה) [4]. דער דיכטער געפינט אָבער, אַז אויך די אמונה קאָן קיין באַפרידיקנדיקן ענטפער ניט געבן. די אמונה פאַרזיכערט, אַז גאָט איז אַ „אל רחום וחנון״, „איז ער טאַקע אַ לײַטזעליקער דערבאַרמדיקער פאָטער״? דער דאָזיקער פראַגע ווידמעט

---

1 זע אונזער ווערק, I, 205.

* אָבער וואָס איז די איינהייט — דערגייט איר מענטשן!

2 שירי שפת קודש, II, 6–7.

3 דאָרטן, 15 (ווער איז אונזער פאָטער, ווו איז דער, וואָס האָט דאָס אַלץ באַשאַפן).

4 כאַראַקטעריסטיש איז דערבײַ פאָלגנדיקע שטעלע אין „הדעת והמות״;

כי לו עין האדם היתה צופיה
תכלית דעת שַׁדַּי חָכְמַת עוֹשֵׂהוּ,
אָז גַּם מבלי דָת יֵדַע תּוּשִׁיָּה (וואָלט דעם מענטשנס אויג געקאָנט אַרײַנדרינגען אין די טיפענישן פון גאָטס וויסן און דעם באַשעפערס חכמה, וואָלט דער מענטש אויך אָן דעם דת אַ זכרע שטיצע געפינען).

דער דיכטער א גרויסע פּאָעמע פון גאַנצע הונדערט זעקספּערזיקע סטראָפן „החמלה" 1.

די „חמלה" (באַרעמהאַרציקייט) האָט איבער דער וועלט געוואַנ־דערט, און צעבראָכן, פול מיט יאוש האָט זי זיך פון דעם וואַנדער אומגע־קערט. אין גאַנצע פיר קאַפּיטלעך גיט זי איבער די אַלע שרעקן, וואָס זי האָט אויף דער וועלט געזעען. אינם ערשטן קאַפּיטל דערציילט זי וועגן דעם רויב און בלוט־פאַרגיסן, וואָס הערשט צווישן די אַלע באַשע־פעניש, וואָס לויערן אין די וועלדער, גריבלען אין דער ערד, פליען אין דער לופט און ווידמען זיך אין געוויסער. איבעראַל האָט זי געזעען רק, ווי „בין שני טורפים חללים יצעקו" *. אינם צווייטן קאַפּיטל ווערט געשילדערט דאָס אומרעכט און אכזריות, וואָס מענטשן באַגייען בנוגע גאָטס באַשעפעניש. אינם דריטן קאַפּיטל ווערט אין שטאַרקע סטראָפן בלויזגעשטעלט דאָס גרויסע סאָציאַלע אומרעכט, וואָס הערשט אין דער מענטשליכער געזעלשאַפט, ווי מענטשן פאַרקויפן זייערע אייגענע ברידער, ווי בהמות און שאָף:

הַכִּבְהֵמוֹת שָׂדַי יִמָּכֵר שָׁם גֶּבֶר?
אִם כְּכֶבֶשׂ יֻצַּג עַל שׁוּק וָשַׁעַר?
הַיְּבֻקַּר כַּבָּקָר אִם יֵשׁ בּוֹ שֶׁבֶר?
הַיָּעֳמַד שָׁם עָרוֹם כְּחַיָּתוֹ יָעַר —

ווי אײַנגעטונקט אין בלוט און רשעות איז די וועלט. דער אומ־פאַנגרײַכסטער קאַפּיטל איז דער פערטער. דאָרט קערט זיך דער דיכטער אום צו זײַן אַנגעוווייטיקטער טעמע: וועגן דער טראַגיק פון דעם מענטשנס לעבן, וועגן דעם שרעקן פון דעם מאָומדיקן טויט מיט זײַנע פיל אויגן (המות הנורא רב העינים), וועגן דער גרויזאַמקייט פון דעם שיקזאַל, וואָס רודפט אָן אויפהער דעם מענטשן. און די חמלה גיסט אויס איר טיפן טרויער אין יאָמערנדיקע סטראָפן:

הוֹי תֵּבֵל בֵּית אֵבֶל, הוֹי גֵּיא הַבָּכִי!
נַהֲרוֹתַיִךְ דִּמְעָה וַעֲפָרֵךְ אֵפֶר אאז"וו.

ווי אין דעם שלוס־טייל פונם ספר „איוב", אַזוי אויך אין שלוס־קאַפּיטל פון לעבענזאָנס פּאָעמע, טוט גאָטס שטימע פון דער הייך דער־טאַלן, און ענטפערט דער חמלה אויף אירע קלאָגן. נאָר הערנדיק דעם

1 שירי שפת קודש, II, 165—200.

* ווי צווישן די ציין פון די פאַרצוקעטע טעם די פאַרסיליקטע שרײַען.

ענטפער, דערמאָנט מען זיך ניט ווילנדיק אין היינעס באוווסטן שלום־פערז: „אבער איסט דאס איינע אַנטוואָרט?" און טיף געבויגט ענטפערט הכנעהדיק די חמלה: „געוויס ווייס איך איצט, אז דו ביסט אן אֵל צדק, און שוויַיגן מוז מײַן מויל". און פול מיט טרויער רופט זי אויס: „ווי שרעקליך איז איַיער בראָך, איר, וואָס רוט אין דער נידער! אזוי האָט באשלאָסן דער אייבערשטער, וואָס רוט אין די וואָלקענס" 1.

דער דיכטער וויל זיך אָבער ניט באפרידיקן מיט דעם דאָזיקן באשלוס און וויל אויך ניט שוויַיגן, ווי די הכנעהדיקע חמלה. ער שליַי־דערט זײַן שטורמישן פראָטעסט אין די צאָרניקע סטראָפן פון זײַן „המתאונן" 2, וואָס איז די קרוין פון זיין גאנצן שאפן. אפילו לעבענזאָנס בעסטע פאָעטישע שאפונגען ליַידן ניט ווייניק פון דעם, וואָס זייער באשעפער ווייסט ניט פון „סוד הצמצום". אין זײַן „החמלה", „הדעת והמות" און בפרט אין זײַן גרויסער עלעגישער פאָעמע „מיכל דמעה" ווערן ניט זעלטן שטארקע, פראכטפולע סטראָפן פארוואסערט מיט מליצישער רעטאָריק. דער „המתאונן" איז פריַי פון דעם חסרון. אלע סטראָפן זײַנען, ווי פון איין שטאָלענעם גוס. מיט פאַקנדיקער געוואלט רײַסן־מיט דעם לייענער אָט די שטורמישע צאָרנדיקע פערזן, וואָס אָטעמען מיט אזוי פיל האָפענונגסלאָזן יאוש. א פראָזאַישע איבערזעצונג איז ניט אימשטאנד צו געבן א באגריף וועגן דער געוואלדיקער מאכט פון אזעלכע סטראָפן:

לוּ אֵדַע כִּי יהרוס קולי בַּכּוֹחַ
תֵּבֵל וּמְלוֹאָהּ גַּם צְבָאוֹת שָׁמַיִם,
אָז תֵּתִּי קוֹל גָּדוֹל: „הָבוּ מָנוֹחַ!"
וּלְתוֹהוּ אָשׁוּבָה עִם כָּל הַחַיִּים.
כִּי הַחַיִּים יוֹדְעִים יִבְלָעֵם קֶבֶר
אַחֲרֵי שָׂבְעָם עָמָל וּמַר עַצָּבֶת;
וּבְעוֹדָם עוֹד יִרְאוּ, כִּי חַיֵּי גֶבֶר
רָצִים כִּבְרָקִים לִפְנֵי רַעַם מָוֶת.

אִם תִּסְפּוֹר יָמֶיךָ תִּסְפּוֹר אֵידֶיךָ
כִּי מֵאֵיד אֶל אֵיד לִרְגָעִים נֶהְדַּפְתָּ.
כֵּן יוֹם הוּלַּדְתָּ אַף כֵּן כָּל חֶלְדֶּיךָ
כֵּן תִּזְקַן כֵּן תִּגְוַע הָהּ! כֵּן נִרְדַּפְתָּ...

1 שירי שפת קודש, 200: אֱנוֹשָׁה מַכַּתְכֶם, הה שׁוֹכְנֵי שֶׁפֶל
כֵּן חָרַץ עֶלְיוֹן הַשּׁוֹכֵן בָּעֲרָפֶל!

2 דאָרטן, I, 45 – 50

דעם מרה־שחורהדיקן דיכטער, וואָס האָט זיך אַזוי פאַרן טויט געשראָקן, האָט דער טויט זייער לאַנג געשוינט. איבערזעטיקט מיט יאָרן איז דער אַלטער לעבענזאַט פון דער וועלט געגאַנגען (אין סוף 1878). אַנדערש איז געווען דער גורל פון זיין זון מיכה יוסף. ווי אַ גלענצנדער מעטעאָר האָט ער אין דער יונגער העברעישער פּאָעזיע אויפגעשיינט — און גלייך פאַרשוווּנדן, דער טויט האָט די צאַרטע בלום צעטראָטן...

צוויי פרויען־געשטאַלטן זיינען ביי דעם דיכטערס וויג געשטאַנען: די ליכטיקע געטין פון געזאַנג און — די טרויעריקע טאָכטער פון ליידן און זאָרג. פעסט געאָרעמט האָבן זיי געטריי באַגלייט דעם אומגליקליכן דיכטער זיין קורצן לעבנסוועג און אים באַגאָסן מיט וווּנדערבאַרן חן און שיינקייט...

שוין אין די קינדער־יאָרן האָט דער צוקינפטיקער דיכטער די ליבלעכע געטין פון פערזן כאַוונגען, און טאַקע שוין דעמאָלט האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימפּטאָמען פון דער אומהיילבאַרער שווינדזוכט־קראַנקהייט. אין דעם קרענקליכן קערפער האָט אָבער געלעבט אַן אומשטילבאַרער וויסנס־דורשט. דער פאָטער האָט אים געקאָנט געבן בלויז גרינדליכע ידיעות אין דער העברעישער ליטעראַטור און איר שפּראַך, גאָר אַליין, אַדאַנק אייגענעם פלייס, האָט דער יונגער דיכטער געלערנט די דייטשע שפּראַך, אויך פראַנצויזיש, פּויליש און רוסיש. אויפגעצויגן אינם הויז פון איינעם פון די „אבות ההשכלה“, איז דעם יונגן דיכטער שוין ניט אויסגעקומען צו קעמפן פאַר „אויפקלערונג“ און מורא צו האָבן פאַר רדיפות מצד די „מורדי אור“. אין דעם פאָריקן טייל פון אונזער ווערק (זע 7טער בוך, ז' 138) האָבן מיר גערעדט וועגן די פאַסיוו־גריבלענדיקע נאַטורן צווישן די גאַליציאַנער משכילים, ביי וועלכע עס האָט געפעלט דער פּאַרטייאיש קריגערישער אימפּעט און עס האָט ביי זיי דאָמינירט די סענטימענטאַל־ראָמאַנטישע שטימונג. אויך אינם טרוקענעם לומדישן ווילנע האָט זיך געלאָזט באַמערקן די דאָזיקע שטימונג. געוועזענע ישיבה־בחורים, הייסע אַנהענגער פון דער „השכלה בת השמים“, האָבן מיט פאַרחלומטע אויגן שפּאַצירט איבער די שיינע מיט וואַלד באַוואַקסענע בערג אַרום ווילנע, און מיט סענטימענטאַל־טרויעריקע מאָטיוון געזונגען לעטעריסעם „יונה הומיה“ און אדם הכהנס „התמורה“, „החמלה“ און אַנדערע לידער. דעם בכבודסטן פּלאַץ צווישן זיי האָט פאַרנומען מיכה־יוסף לעבענזאָנס געליבטער פריינד קלמן שולמאַן [1], אין וועלכן

[1] געבאָרן אין 1826, געשטאָרבן אין 1899.

דער ווילנער משכּילים־קרײַז האָט געזען דעם פּאָרטזעצער און גײַסטיקן יורש פון מרדכי אהרן גינצבורג [1]. שולמאַן איז ווירקליך געווען דער פּאָרטזעצער פון גינצבורגס ליטעראַרישער אַרבעט. ער האָט קאָמפּילירט און איבערגעזעצט פיל היסטאָרישע ווערק „על טהרת הקודש" [2]. זיין שפּראַך אונטערשיידט זיך אָבער שטאַרק פון גינצבורגס. יענער האָט זיך געפליסט צו שאַפן אַ מאָדערנעם פּראָזע־סטיל, שולמאַן האָט אָבער געשריבן אַ מליצישן ביבל־סטיל שטאַרק געווירצט מיט אָריענטאַלישע מעטאַפאָרן.

די פרײַנדשאַפט, וואָס האָט געהערשט אין דעם דאָזיקן יוגנט־קרײַז האָט געטראָגן אַ באַזונדער ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלן כאַראַקטער, וואָס האָט געפונען אַ געווינסן אָפּקלאַנג אין דער אויפגעהיטער קאָרעס־פּאָנדענץ [3]. ניט ווייניק האָט דערבײַ מיטגעהאָלפן די וווּנדערבאַרע צאַרטע געשטאַלט פון דעם יונגן, קראַנקן דיכטער, וועמעס ערשט געדיכט, וואָס ער האָט געשריבן, איז געווען דער „פרײַנדשאַפט" געווידמעט. אַפילו גאַנץ ווייניק ראָמאַנטיש געשטימטע נאַטורן פלעגן מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער דערמאָנען זייער באַקאַנטשאַפט מיטן פאַר־שטאָרבענעם דיכטער מיכה־יוסף לעבענזאָן, ווי וועגן אַ שיינעם פּאָעטישן יוגנט־טרוים, באַשײַנט מיט די צאַרטעסטע זילבערשטראַלן. בײַ אַלע זיינע באַקאַנטע איז דער קראַנקער דיכטער געבליבן אײַנגעקריצט אין זכרון, ווי איינע פון די דערשײַנונגען, וועגן וועלכע דער רוסישער דיכטער האָט געזונגען:

Они не созданы для мира
И мир не создан был для них...

באַזונדערס שטאַרק איז געווען דער פרײַנדשאַפט־בונד צווישן דעם דיכטער לעבענזאָן און קלמן שולמאַן. כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגנדיקער פּרט. שפּאַצירנדיק אין דעם שיינעם וואַלד, וואָס אַרום ווילנע, האָבן אַמאָל די צוויי יוגנט־פרײַנד אָן אָפּמאַך געשלאָסן, אַז ווער פון זיי ביידע

---

1 כנור בת ציון, 70: ובמקום גינצבורג שולמאן לך יהי.

2 צחישן זי: חעבערס חעלכ-געשיכטע אין 9 בענד (דברי ימי עולם, 1867—1884); תולדות חכמי ישראל אין פיר טייל (לויס גרעץ); מלחמות היהודים (נאָך יוסף פלאַוויוס). אין 2 טייל.

3 כאַראַקטעריסטיש איז, אַשטייגער, שולמאַנס בריוו צו ש. זק״שן (אין אַלאַפינס „קסת הסופר" 81—83): ילעגו המלעיגים עלי בלעג מעוג, ואני בתמי אחזיק, כי נשמות בני אדם האצילות, ממקום קדוש אחד וממקור חיים אחד יהלכון אף אם תפרדנה בארץ הזאת בשתי קצ׳ות. תסלנה מסלות למו תעופפנה על כנפי רוח עד אשר תשובנה ותתלכדנה יחד, רגשותיהן תשתפכנה אשה אל אחותה ותהיינה לנפש אחת.

עס וועט פריער גיין פון דער וועלט, וועט ער דעם נעכסטן שבת אויף דעם זעלביקן פלאץ פאר זיין פארלאזענעם פריינד דערשיינען, בכדי צו באווייזן, אז די פריינדשאפט איז שטארקער פונם טויט, און אפילו אויף יענער וועלט האט ער אין זיין פריינד נים פארגעסן. באלד נאכ־דעם איז מיכה יוסף געשטארבן, און קלמן שולמאן האט פארזיכערט, אז אין אייניקע טעג ארום האט זיך טאקע אויפן באשטימטן ארט פאר אים באוויזן די געשטאלט פונם פארשטארבענעם דיכטער.

נאך צו ניינצן יאר שרייבט דער קראנקער דיכטער זיין פריינד שולמאנען א בריוו, וואס טראגט אלס מאטא היינעס באקאנטע פערזן:

איזט דאך זיסס דיע לעבענסגאבע,
אבער אונטען איסט עס גרויזיג *
אין דעם דונקעלן, קאלטען גראבע.

„ס'איז האלבע נאכט — שרייבט דער דיכטער — אלע שלאפן שוין, נאר איך איינער קאן נים שלאפן. מיך לאזט מיין קראנקהייט נים רוען... איך ווייס — אומהיילבאר איז מיין קראנקהייט, עס לויערט שוין אויף מיר דער טויט... איך זע מיך שוין ליגן אויפן טויטן־בעט, איך הער דאס געוויין פון מיינע עלטערן, פון מיין ברודער, שוועסטער און פריינד. איך זע זיך שוין אין קבר ליגן און איבער מיר הערט זיך דאס ביטער געוויין. איך זע פאר מיר די לעצטע בליקן, מיט וועלכע מיינע עלטערן געזעגענען זיך מיט מיר אויף אייביק. איך זע, ווי די האנט, וואס שרייבט אט איצט, ווערד פון ווערם דורכגעפרעסן, און דאס הארץ און דער מוח צעפוילן און צעפאלן... אך, ווי שרעקליך איז דער טויט, און ווי זיס דאס לעבן!.. איך האב אלץ געמיינט: איך בין שוין גרייט צום טויט... נאר שטארבן אזוי יונג, פארלאזן די וועלט צו ניינצען יאר... און מיין הארץ איז נאך אזוי פול מיט לעבנסלוסט, מיר איז אזוי ליב און טייער דאס ליכט פון דער זון. איך דורשט מיך אנזעטן מיט אלע לעבענספריידן, איך וויל די גאנצע וועלט אומארמען, אלץ זעען און געניסן; לעבן וויל איך, לעבן! נאר שלאבריג זיינען מיינע הענט, דער פיבער ברענט אין אלע מיינע גלידער. מיר פעלט אוים דער אטעם — אט זע איך אים, דעם טויט, ווי ער לויערט אויף מיר. ער טרעט צו אלץ נעענטער, נאך עטליכע טעג — און ער קומט, דער טויט, ווי שרעקליך!" [1]...

---

* גרויזיג — מאוימדיק, שרעקליך.

1 שירי שפת קודש, II, 248—255.

אין אזא שווערן גראַנגל האָט דער קראַנקער דיכטער געטרויסט און געשאַפן. אין דעם זעלביקן יאָר, ווען ער האָט דעם אָקערשט ציטירטן בריוו געשריבן, האָט ער פון שילערס דײַטשער איבערזעצונג איבערגעזעצט אויף העברעיִש דאָס דריטע און פערטע בוך פון ווירגיליוס׳ עפּאָס „ענעאידע״, אונטערן נאָמען „הריסות טראַיאַ״. אין דער דאָזיקער איבערזעצונג (פאַרעפנטליכט אין 1849) פילט זיך שוין די מײַסטערהאַנט פון אַן אמתן דיכטער, און די באַשרײַבונג פון טראַיאַס אומקום איז אין לעבנזאָנס איבערזעצונג באַדייטנדיק שטאַרקער ווי בײַ שילערן. דער „הריסות טראַיאַ״ האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ניט בלויז אין די משׂכּילישע קרײַזן, נאָר אויך בײַ די אויסלענדישע געלערנטע און פאָרשער. אין 1849 איז דער קראַנקער דיכטער אַוועקגעפאָרן קיין בערלין זוכן הילף בײַ די דאָרטיקע פּראָפעסאָרן. יענע האָבן אים געשיקט זיך היילן קיין זאַלצברונען. דערנאָך האָט ער פאַרבראַכט אַ ווינטער אין בערלין, און דעם צווייטן זומער אויף אַ קוראָרט. די אַנדערהאַלבן יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אויסלאַנד, האָבן זיין קערפּער קיין היילונג ניט געבראַכט און זײַן קראַנקהייט האָט נאָך שטאַרקער פּראָגרעסירט, דערפאַר אָבער גײַסטיק איז דער דיכטער באַדײַטנדיק אויסגעוואַקסן. ער האָט געהערט פילאָזאָפישע פאָרלעזונגען בײַם אַלטן שעלינגן, האָט זיך באַקאַנט מיט צונצן און באַפרײַנדעט מיט דעם טיכטיקן געלערנטן שניאור זק״ש, וועמענס זײַנען געווען באַקאַנט מיט זײַן „הריסות טראַיאַ״, האָבן אים געראָטן פאַרלאָזן די „פרעמדע מוזען״ און זינגען נאַציאָנאַלע לידער. דאָס זעלביקע האָט אים אויך געראָטן אין זײַנע בריוו שמואל דוד לוצאַטו. דער יונגער דיכטער איז געווען ממש באַרוישט פון דער גרויסער שפע נייע אידעען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקאַנט אין דער פּרײַסישער רעזידענץ־שטאָט. מיט יוגנטליכן איבערמוט דערקלערט ער אין איינעם פון זיינע בריוו: „איך האָבע קיינע רעליגיאָן! מיין ברודער — די מענשהייט! די וועלט מיין פאָטערלאַנד! מיין רעליגיאָן — די טוגענד״ [1]. צו דער זעלביקער צייט אָבער בעת דער דיכטער איז באַרוישט פון דעם באַוווּסטזיין, אַז די גאַנצע וועלט איז זיין פאָטערלאַנד, שאַפט ער זיינע וווּנדערבאַרע נאַציאָנאַלע לידער אויף דער נאַציאָנאַלער ביבל־שפּראַך „שירי בת ציון״ [2].

אויס זעקס לירישע פּאָעמען באַשטייט דאָס דאָזיקע ווערק (שלמה, קהלת, נקמת שמשון, יעל וסיסרא, משה על הר העברים, ר׳ יהודה

1 יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ, 1914, 269.

2 אין 1859 האָט יהושע שטיינבערג איבערגעזעצט אויף דײַטש אַלע פּאָעמען פון „שירי בת ציון״. אויף פראַנצויזיש זײַנען איבערגעזעצט די פּאָעמען „שלמה״ און „קהלת״. אויף רוסיש די פּאָעמע „יהודה הלוי״.

ה״וי) און אלע אטעמען זיי מיט דער ראמאנטישער ליבע צום היסטא-רישן לאנד פון דער ביבל, צום לאנד, וואס איז, לויט דעם דיכטערס שיל-דערונג, „די פערל-קרוין פון דער באשאפונג, דער סימבאל פון שיינקייט און געזאנג, ווו יעדער שטיין איז א בוך, און יעדער פעלז — א טאוול פון געשיכטע״:

בכלילת יופי זו אֶרֶץ הַשִּׁירָה
כל אבן ספר, כל סלע הוא לוח,
ובנזר היקום היא אבן מזהירה...

מיר האבן שוין אין ערשטן באנד אנגעוויזן 1, ווי אין די אויגן פון גרעסטן מיטלאלטערליכן יידישן דיכטער, יהודה הלוי, איז „ציון״ געווען ניט נאר דאס היסטארישע לאנד פון זיינע אבות. פאר זיין פאעטישן גייסט, וואס איז געוויינט געווען צו פארקערפערן דאס ריין אידעאלע און אבסטראקטע אין פלאסטישע און קאנקרעטע פארמען, זיינען די בערג פון יהודה געווארן דער סימבאל, די עמבלעמע פונם שענסטן און דערהייבנסטן, „דאס הארץ פון דער וועלט״. נאך וואס עס האט געבענקט און געחלומט זיין פאעטישע נשמה. אויך ביי אונזער יונגן דיכטער, וואס איז געבארן אין די ענגע, קויטיקע געסלעך פון ווילנע, איז „ציון״ געווארן דער לייכט-טורם, דער בלענדנדיקער סימבאל פון זיינע פאעטישע טרוימען. און עס איז בכלל ניט קיין צופאל, וואס די שענסטע פאעמע אין „שירי בת ציון״, די קרוין פון זיין שאפונג איז „ר׳ יהודה הלוי״. לעבענזאן איז ניט קיין עפיקער, נאר א פראכטפולער ליריקער. אין דעם טרויער און בענקען פון דעם גרויסן קאסטיליער באזינגט ער די טרוימען פון זיין אייגענער נשמה. די פאעטישע תפילה-שטימונג פון דעם דיכ-טער-פיליגרים בעת ער דערגרייכט דעם ציל פון זיינע טרוימען:

אֶרֶץ כָּל אֶבֶן בָּהּ מִזְבַּח אֵל חַיִּים
כָּל סֶלַע מַעֲמָד לִנְבִיא אֵל גְּבוֹהַּ

דער טיפער וויי, וואס אומפאסט דעם דיכטער, בעת ער זעעט, וואסערע טרויעריקע רוינען עס שטעלט מיט זיך פאר אין דער ווירקליכ-קייט דער שענסטער אידעאל פון זיינע טרוימען; די וואונדערבארע מוזי-קאלישקייט פון דעם סטראפן-בוי, די עלעגיש-לירישע אקארדן, וואס קלינגען אין יעדן פערז, — דאס אלץ גיסט זיך צונויף אין איין הארמא-נישער גאנצקייט פון הויכער פאעטישער קונסט. מיט טיפן בענקען נאך

1 ערשטער באנד, 138—139.

ציון אלס העכסטן ציל און אידעאל, איז אויך דורכגעדרונגען די פּאָעמע „משה על הר העברים". אין צארטע, עלעגישע סטראָפן שילדערט דער דיכטער די טיפע לעבנס־דראַמע פון דעם גרויסן פאָלקס־פירער, וואָס האָט זיין גאַנצן דור באַגראָבן אין די זאַמדן פון די מדבריות, ביז ער האָט ענדליך דערגרייכט דעם ציל פון זיין ליידנפולן לעבן. פון דעם שפּיץ בארג נבו זעט ער שוין דאָס לאַנד פון זיינע שענסטע חלומות. נאָר שטרענג איז גאָטס פאַרבאָט: „לא תבוא שמה" — דאָס לאַנד פון דיינע טרוימען דאַרף דיין פוס ניט באַטרעטן. און דער מעכטיקער פירער ברעכט צוזאַמען. דאָרט אויפן שפּיץ באַרג ליגט ער אין זיין אייביקער רו — „ונטויה עוד עינו לירושָלים", און זיין אויג איז געווענדעט צו ירושלים.

ווי די פּאָעמע „יהודה הלוי", איז אויך מיט פּערזענליכע איבער־לעבונגען דורכגעדרונגען לעבנזאַנס באַרימטע פּאָעמע „שלמה", ווו ער שילדערט אויפן פּראַכטפולן פאָן פון דער פילפאַרביקער אָריענטאַלישער נאַטור די ליבע פון דעם יונגן בן מלך און דיכטער צו דער שאָף־הירטין שולמית. „לשלמה בן דוד הוא שיר השירים" — מיט דעם פערז פאַר־ענדיקט זיך די פּאָעמע. ס'איז אָבער פּאַקטיש ניט שלמה בן דודס ליבע־געזאַנג, — דאָס באַזינגט דער יונגער דיכטער זיין אייגענע יוגנט, זיין אייגענעם פרילינג און ליבע־אַנטציקונג, באַזינגט אין אַזוינע בילדער, אין אַזוינע אין דופּט און טוי געטובלטע סטראָפן, וואָס זיינען שוין זינט לאַנגע דורות ניט געהערט געוואָרן אין דער העברעיִשער פּאָעזיע.

אלס אַנטיטעזע צו דער פּאָעמע „שלמה" האָט געזאָלט זיין די צווייטע פּאָעמע „קהלת", ווו דער קראַנקער דיכטער, וואָס הערט שוין אונטער זיך די האַסטיקע טריט פונם באַלדיקן טויט, שילדערט שלמהן אויף דער עלטער, אין דער געשטאַלט פון דעם סקעפּטיקער קהלת מיט זיין יאוש־פולער סענטענץ „הבל הבלים, הכל הבל". די דאָזיקע פּאָ־עמע איז דעם דיכטער ווייניקער געראָטן. עס פילט זיך דאָ די השפּעה פון לעבנזאָן דעם פאָטער און זיין פּאָעמע „הדעת והמות". די פּאָעמע „קהלת" איז ביים דיכטער מער **דורכגעטראַכט**, ווי דורכגעלעבט.

דאָס וואָס ס'איז דעם דיכטער ניט איינגאַנצן געלונגען אין זיין „קהלת", האָט ער גלענצנדיק דערגרייכט אין זיין ווייטערדיקן ציקל לידער. נאָכדעם, ווי ער האָט זיינע „שירי בת ציון" פאַרענדיקט, שרייבט לעבנזאָן זיין פריינד שניאור זק"ש: „איך האָפע דען קינפטיגען ווינטער גראָבעס צו ליפערן; איך קאַן איהנען ניכט זאגען, וועלכע אונענדליכע

פּאָעטישע פּלאַנע מיין געהירן ערפילען אונד וואָללטע איך יעצט, זאָ קאָנטע איך באַנדע פיללען — אבער עס האט צייט"[1].

צייט איז שוין אָבער ליידער גאַנץ ווייניק געבליבן. די קראַנקהייט האָט שנעל פּראָגרעסירט. דאָך האָט ער נאָך באַוויזן אָנצושרייבן אַ גאַנצע גרופּע פּראַכטפולע לירישע לידער: „אהובה עזובה", „יום הולדת אהובתי", „אהות לנו", „האוהב הנשבע", „החלירע בעיר בערלין", „חַג הָאָבִיב" א"אַ[2]. אָט די אַלע איינצלנע לידער בילדן צוזאַמען אַן איינהייטליכע פּאָעמע, אין וועלכער עס ווערט איבערגעגעבן מיט גרויסער פּאָעטישער קראַפט די טיפע ליידנס־דראַמע פון דעם קראַנקן צוויי־און־צוואַנציק יאָריקן דיכטער, איבער וועמען עס פלאַטערט שוין דער שאָטן פונם טויט, בעת זיין האַרץ איז נאָך איבערפולט מיט אומשטילבאַרן דורשט נאָך לעבן, ליבט, גליק און פריידיקן געלעכטער. די הייסע ליבע צו דער שיינער יונגער חַנה, די פילפאַרביקע נאַטור־שילדערונגען פלעכטן זיך צונויף מיטן שמאַרצפולן באַוווסטזיין, אַז די שפּיל איז אויס, און שוין שטרעקט אויס נאָך אים דער טויט זיין פּראַסטיקע אומאַרעמונג. אַ באַזונדערס שטאַרקן רושם מאַכט זיין וווּנדערבאַר ליד „חַג הָאָבִיב". אין דעם ליכטיקן פרילינג־יום־טוב שפּאַנט דער קראַנקער דיכטער איבער די רוישנדיקע גאַסן פון בערלין. איבעראַל הערט זיך פרייד און געלעכטער, נאָר ער, דער טויט־קראַנקער דיכטער, גייט מיטן יאוש אין האַרצן, ווו אַלץ איז אָפּגעשטאָרבן, „ווי אין אַ וואַלד נאָך אַ שטורעם, ווי אַ צעבראָכענע שיף, וואָס דער ים־שטורעם האָט צעשמעטערט" (כְּצִי אַחֲרֵי נפל אל ים הסערות). „אַך, ווי שרעקליך איז צום קבר צו שלייכן, ווען דאָס האַרץ איז איבערפולט מיט לעבנסלוסט!" — רופט אויס דער דיכטער. און דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיטן יאושפולן אויסגעשריי: ארור המות! אֲרורים החיים! — פאַרשאָלטן דער טויט, פאַרשאָלטן דאָס לעבן![3]

אַ צעבראָכענער, אַ נוטה לָמות, האָט דער קראַנקער דיכטער צוריקגעקערט קיין ווילנע. ער האָט געוווּסט — זיינע טעג זיינען שוין געציילטע. און הכנעהפול שרייבט ער זיין לעצט שוואַנען־ליד „התפלה"[4].

---

1 יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ, 1914, 269.

2 די מוזיקע לידער האָט דער דיכטער געוואָלט אַרויסגעבן אין אַ ספּעציעלער זאַמלונג „שושנים וחוחים" (זע יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ, 1914, 273). מחמת דעם דיכטערס פריצייטיקן טויט, איז די מוזיקע זאַמלונג נישט דערשינען. מיכה יוספס נישט פאַרעפנטליכטע לידער האָט זיין פאָטער דערנאָך אַרויסגעגעבן אין אַ ספּעציעלער זאַמלונג „כנור בת ציון" (1870).

3 כנור בת ציון, 30.

4 דאָרטן, 1—6.

„זײ נעבענטשט, דו תּפלה, דו הארצנס־טאָכטער (בת־הלבבות) — אַזוי פאַרענדיקט זיך דאָס דאָזיקע שענע ליד — אויף דײנע פליגלען ברענגסטו היילונג פאַר יעדענס לײדן; ווי דער טוי, וואָס נידערט פון די הימלישע הייכן, שטילסט דו „עס מענטשנס האַרץ און ברענגסט היילונג זײן קראַנקער נשמה״.

דאָס זײנען געווען דעם דיכטערס לעצטע סטראָפן. דעם 27טן שבט 1852 איז מיכה יוסף געשטאָרבן נים קיין פולע 24 יאָר אַלט.

דאָס, וועגן וואָס די בעלי „המאספים״ האָבן געחלומט: שאַפן „שיינקייטן״ אויף דער ביבל־שפּראַך, — איז ענדליך מקוים געוואָרן. אַ רייך באַגאַבטער ליריקער פון אייראָפּעיִשן מאַסשטאַב איז דערשינען אין העב־רעיִשן טעמפּל־געזאַנג. ליידער האָט נים לאַנג זײן ליד געקלונגען, און שוין ביי די ערשטע אַקאָרדן האָט עס דער טויט דערשטיקט.

און דאָך האָט דער יונגער דיכטער געהאַט אַ דויערנדיקע השפּעה אויף דער שפּעטערדיקער נײַהעברעיִשער דיכטונג. עס האָבן זיך אויך געהערט נאָכקלאַנגען פון „שירי בת ציון״. די ראָמאַנטישע ליבע צום לאַנד פון ציון הערט זיך אויך אין דעם פּאָפּולערן שיינעם ליד, וואָס עס האָט צו יענער צײַט פאַרפאַסט מרדכי האַכמאַן אוים קלעצק:

ציון ציון! עיר אלהינו
מה גדל שִׁבְרֵךְ, מִי ירפָּא לָךְ?

ווי לעטעריסעס „יונה הומיה״, אַזוי האָט מען אויך האַכמאַנס ליד מיט אַ ספּעציעלן מאָטיוו געזונגען [1].

אָבער נים בלויז אין לידער און פּאָעמען האָט מען ציון באַזונגען. אין דער זעלביקער צײַט, ווען מיכה יוסף לעבענזאָן האָט פאַרעפנטליכט זײַנע „שירי בת ציון״, איז אויך געשאַפן געוואָרן דער ערשטער העברעי־שער ראָמאַן — און אויך ער האָט די „ליבע פון ציון״ באַזונגען.

„אהבת ציון״, — אַזוי האָט דער ערשטער נײַהעברעיִשער ראָמאַן געהייסן (דערשינען אין 1852). און געשאַפן האָט אים אברהם בן יקותיאל מאַפּו.

אברהם מאַפּו איז געבאָרן אין 1807 אין סלאָבאָדקע (אַ פאָרשטאָט פון קאָוונע) אין דער פאַמיליע פון אַן אָרימען גמרא־מלמד. אין גרויס דחקות און נויט האָט דער צוקונפטיקער שריפטשטעלער פאַרבראַכט זײַנע קינדער־יאָרן. נאָך איידער ער האָט באַקומען די מעגליכקייט זיך געהעריק צו באַקענען מיטן פּשט פונם חומש־טעקסט, האָט אים דער פאָטער איבערגענומען צו זיך אין חדר און אָנגעשטאָפּט זײַן מוח מיט האַרבע

1 זע ביילאַגע, מ' 6.

סוגיות פון תלמוד. דער קלײנער אברהם איז געװען אַ צאַרט נאָכגעביק
קינד, האָט ער געלערנט מיט גרויס התמדה און איז צו זײַן פאָטערס
פרייד באַלד געװאָרן דער בעסטער תלמיד אין חדר. צו צװעלף יאָר איז
ער שוין געװען גוט בקי אין אַ סך מסכתות און דער פאָטער האָט אים
דערלויבט צו לערנען „פאַר זיך" אין בית-המדרש צוגלײַך מיט די גרויסע
בחורים. באַלד האָט „אברהמל יקותיאלס" באַקומען אַ שם פון אַן „עילוי"
און ער האָט אַלץ געלערנט און געשמאַק געהונגערט. עפּעס האָט גע-
בענקט און געחלומט זײַן הארץ, נאָר אַליין ניט געװוּסט, ניט באַנומען
װעגן װאָס. זײַן אײנציקע פרייד און פאַרגעניגן אין די יונגע יאָרן איז
געװען — נגינה און געזאַנג. די טרויעריקע תּפלות-כּאַװנות, דער האַר-
ציקער ניגון, מיט װעלכן מען פלעגט זאָגן אין בית המדרש די תהלים-
פסוקים, פלעגן בײַ אים אַרויסרופן טרערן פון התפעלות. װען אברהם
איז אַלט געװאָרן 15 יאָר, האָט זײַן פאָטער דער למדן געפונען, אַז זײַן
זון איז שוין ראוי, מען זאָל אים אויך באַקענען מיט די יסודות הקבלה.
פאַרן פאַרחלומטן ייִנגל האָבן זיך מיט אַ מאָל געעפנט נײַע װעלטן.
אויפן אָרט פון טרוקענעם פּלפּול און שפּיציקע חריפות האָט ער פּלוצלינג
דערזען אַ פאַנטאַסטישע װעלט פון דביקות און התלהבות. אים איז
געװאָרן ענג אין די פאַרמרה-שחורהטע װענט פון סלאָבאָדקער בית המדרש.
דאָרט, אין דער לופטיקער רחבות פונם אַלעקסאַטער באַרג, װאָס איז אַרומ-
געגאַרטלט מיט צװײ טײַכן-געשװיסטער — פון אײן זײַט דער ניעמאַן,
פון דער אַנדערער — די װיליע [1], — דאָרט פלעגט דער יונגער מקובל
זיך אומגעשטערט איבערגעבן זײַנע חלומות. אינסטינקטיװ, אומבאַװוּסט
האָט אין אים דערװאַכט דער קינסטלער-באַאָבאַכטער; ער װיל װערן
אַ „רואה ואינו נראה", בכדי צו קאָנען װאַנדערן איבער די געמאַרקן פון
לעבן, זיך צוקוקן צו דער התנהגות פון די מענטשן, צו זען, װי זײ זײַנען
אין דער אמתן, אָן שום פּאָזע, אָן פלערליי אָנשטעלן. מיט אַ סאַרקאַ-
סטישן שמייכל פלעגט ער אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערצײלן, װי אַזױ
ער האָט זיך פאַרטיפט אין די קבלה-מעשׂיות, דורכגעמאַכט אויפן באַרג
אַלעקסאָטי אַלע סגולות און השבעות, װאָס װערן געפאָדערט, בכדי צו

[1] ש. פרידבערג גיט אין זײַנע זכרונות אַזאַ באַשרײַבונג פונם אַלעק-
סאַנדער באַרג: עס איז װירקלעך דאָ װאָס צו באַװוּנדערן. באַזונדערס שיין איז צו
זען די שטאָט מיט די בײדע גרויסע טײַכן, דעם ניעמאַן און דער װיליע, װאָס
יעמען זי אַרום פון בײדע זײַטן און פאַראײניקן זיך צוזאַמען מיט אירע בײדע פאָר-
שטעט, פון אײן זײַט די שטעטל אַליקסאָט, פון דער אַנדערער די סלאָבאָדקע, װאָס
איז אַ גרויסער טײל פון דער שטאָט זעלבסט. יעדע גאַס ליגט פאַר די אויגן, מען
קען זען און צײלן די מענטשן, װאָס גײען און טרײַבן זיך דאָרט אום (הויזפריינד, I,
.1908, 28).

דערגרייכן די מדרגה פון א „רואה ואינו נראה״, און ווי אזוי ער האָט די דאָזיקע מדרגה ניט דערגרייכט...

צו זיבעצן יאָר האָט מען דעם בעל־החלומות חתונה געמאַכט, און זיצנדיק בײַם שווער אויף קעסט, האָט ער צום ערשטן דערפילט דעם טעם פון עסן ברויט צו דער זאַט. דער יונגער בעל־הבתיל, ווערנדיק אַן אָפּטער אַרײַנגייער צום סלאָבאָדקער רב, אליה איירעגאָלער, האָט אַמאָל צופעליק באַמערקט אין דעם רב׳ס אַלמער מיט ספרים אַ תהילים מיט לאַטייניישער איבערזעצונג. מיט שטײַנענסוועלטן פלײַס נעמט זיך דער יונגער מאַפּו, וואָס האָט אפילו דעם לאַטייניישן אַלף־בית ניט געוווסט, שטודירן די דאָזיקע איבערזעצונג. ער פּרוּווט לערנען לאַטיין מיט דער הילף פונם העברעיִשן טעקסט. ער מאַכט דערבײַ אַ טרויעריקע אַנט־דעקונג: עס איבערצייגט זיך, אַז זיינע ידיעות אין דער ביבל־שפּראַך זיינען ניט קיין גענוגנדיקע. נעמט ער זיך צו די מפרשים, און טאַקע צו די, וואָס פאַרנעמען זיך דער עיקר מיטן פשט, מיטן פירוש המלות. דעם שטאַרקסטן רושם מאַכט אויף אים דער ספרדישער גאון אברהם אבן עזרא. אויף אַזאַ מאָדנעם אופן האָט מאַפּו זיך באַקענט מיטן קלאַ־סישן ביבל־טעקסט און איז געוואָרן אויך באַהבנט אין דער שפּראַך פון די אַלטע רוימער. צו דער צייט איז זיין שווער געוואָרן אַ „יורד״. האָט מאַפּו קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און גענומען זיך צו מלמדות. אַלס מלמד בײַ אַ שענקער אין דאָרף, האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ קאַ־טוילישן גלח, וואָס איז געווען איבערראַשט צו זעען אינם יונגן דאָרפס־מלמד אַ לאַטיין־קענער. ער האָט אים געגעבן צו לייענען פאַרשיידענע לאַטיי־נישע קלאַסיקער, צווישן זיי אויך ווירגילי און האָראַץ. דער גלח האָט אים אויך געשענקט אייניקע פראַנצויזישע ביכער. אדאַנק זיינע לאַטיין־קענטעניש איז מאַפּו געווען בערך לײַכט ביי זיין ריזיקער התמדה אויסצולערנען די קרובהשע פראַנצויזישע שפּראַך. פראַנצויזיש איז ביי מאַפּון געוואָרן די באַליבטסטע שפּראַך, און ער האָט אפילו פאַרפאַסט אַ ספּעציעל לערן־בוך, דער „הויזפראַנצאָזע״. ווי מיר זעען, איז מאַפּו געווען דער ערשטער משכיל ניט קיין „בערלינער״, וואָרום די דייטשע שפּראַך האָט ער ערשט אָנגעפאַנגען צו שטודירן מיט דער הילף פון טענדעלסזאָנס חומש־איבערזעצונג שוין נאָכדעם, ווי ער האָט פלײַסיק שטודירט האָראַצן און ווירגילין און מיט גרויס חשק געלייענט די פראַנ־צויזישע ראָמאַנטיקער. נאָך מענדעלסזאָנס חומש־איבערזעצונג נעמט זיך מאַפּו צו קאַנטן. ער פּרוּווט אויך שטודירן העגעלן, נאָר אָן דעם מינדסטן דערפאָלג.

אַזוי איז ביסלעכווײַז דער עילוי און מתמיד „נתחמץ" געוואָרן און מגולגל געוואָרן אין אַ משכּיל. די ערשטע צײַט, ווען ער איז צוריק־געקומען קיין קאָוונע, האָט ער זיך געפּלייסט צו האַלטן דאָס בסוד. מען איז אָבער סוף־כּל־סוף אין שטאָט געוואָר געוואָרן, אַז „אַברהמקי יקותיאַלס" איז „נתפּקר" געוואָרן, און מען האָט אים אָנגעפאַנגען רודפן. ווידער ווערט זײַן ליבלינגס־אָרט דער שײנער באַוואַקסענער אַלעקסאָטער באַרג. נאָר שוין נים מיט קבּלה־מעשׂיות, ניט מיט סגולות אויף צו ווערן אַ „רואה ואינו נראה" פאַרנעמט זיך איצט דער משכּיל מאַפּו; ער וויל ווערן אַ סופר בישׂראל, און נעמט זיך שרײַבן אַ ראָמאַן אויף דער ביבל־שפּראַך. מאַפּוס ביאָגראַפן [1] ווײַזן אָן, אַז שוין דעמאָלט, אין 1830, האָט דער 22־יאָריקער מאַפּו אויפן אַלעקסאָטער באַרג אין דער זומער־בעסעדקע, פונוואַנען נאַפּאָלעאָן האָט צוגעזען, ווי זײַנע לעגיאָנען זײַנען אַריבערגעפאָרן דעם ניעמאַן, אויפגעשריבן דעם גרעסטן טייל פון דעם ראָמאַן „אהבת ציון" אין זײַן ערשטער רעדאַקציע. עס איז אָבער אויסער ספק, אַז די דאָזיקע „ערשטע רעדאַקציע" האָט זייער ווייניק קרבֿות מיט מאַפּוס ראָמאַן, וואָס איז ערשט דערשינען אין צוויי און צוואַנציק יאָר אַרום. אויס מאַפּוס אַ בריוו צו שניאור זק״שן [2] ווערן מיר געוואָר, אַז נאָך אין 1843 האָט מאַפּוס נאָך ניט פאַרענדיקטע ווערק געטראָגן דעם נאָמען „שולמית", ניט „אהבת ציון". מאַפּו גופא ווײַזט אויך אָן [3], אַז ביים בוי פון זײַן ראָמאַן מיט זײַן קאָמפּליצירטער אינטריגע, מיט די שפּאַנענדיקע אויסערגעוויינלעכע עפּיזאָדן, האָט אים געדינט אַלס מוסטער דער פראַנצויזישער ראָמאַניסט אייג׳ען סיו (Eugen Sue) מיט זײַנע ראָמאַנען „די סודות פון פּאַריז" און „דער אייביקער ייִד", וואָס זײַנען אין יענער צײַט געווען אַזוי באַרימט און איבערגעזעצט געוואָרן כּמעט אויף אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן. די דאָזיקע דעמאָקראַטיש־אַוואַנטורי־סטישע ראָמאַנען זײַנען אָבער ערשט דערשינען אין די 40ער יאָרן פון דעם 19טן י״ה.

אין 1832 איז מאַפּו אַוועקגעפאָרן אויף אַ לערער־קאַנדיציע קיין יורבורג, וואָס בײַ דער פּרײַסישער גרעניץ. פון דאָרט איז ער אַריבער־געפאָרן קיין ראַסיין, וואָס האָט, ווי ניי־זאָגער, געשטמט מיט אירע משכּילים. „עיר חכמי לב אוהבי עמם ושפת קדשו", אַטעסטירט מאַפּו די דאָזיקע שטאָט. דאָרט האָט ער זיך באַפרײַנדעט מיט שניאור זק״שן, וואָס האָט

---

1 זע: ש. פרידבערג אין הױזפרײַנד, I, 27; ראובן ברײַנין, אברהם מאפו", 32.

2 י. לאַפּין, „קסת הסופר", 103.

3 ר. ברײַנין, ציטירט חערק, 49.

אויף אים געהאט א גרויסע השפעה. זיבן יאר האט מאפו פארבראכט אין ראסיין, דערנאך האט ער פארבראכט א שטיקל צייט אין ווילנע, ווו ער איז געווען אלס לערער אנגעשטעלט ביים באוואוסטן גביר יודל אפאטאוו. זינט 1848 איז ער געווען אנגעשטעלט אלס לערער אין דער אין קאוונע געגרינדעטער יידישער רעגירונגס-שול. ער האט אויך אין די שפעטערדיקע יארן באקומען סיסטעמאטישע שטיצע פון זיין יינגערן ברודער, וואס האט געפירט די געשעפטן ביים פעטערבורגער גביר גינצבורג. מאפו האט איצט געהאט די מעגליכקייט זיך פיל אפצו-געבן מיט ליטערארישער ארבעט, און אין 1852 איז ענדליך דערשינען זיין ערשטער ראמאן „אהבת ציון", וואס שטעלט מיט זיך פאר א באַ-שטימטן עטאפ אין דער העברעישער ליטעראטור.

דער פארפאסער פון דעם דאזיקן ראמאן איז געווען א גאנץ אייגנארטיקע פערזענליכקייט. „הוא היה שוטה במילי דעלמא"—שרייבט וועגן אים זיין ביאגראף ראובן בריינין 1. אברהמל תם" פלעגן אים רופן די שטאט-מענטשן. אין רעאלע אלטעגליכע פראגן און אנגעלעגנ-הייטן איז ער געווען אומבאהאלפן, ווי א קליין קינד. דאס איז געווען א טיפישער טרוימער, איינער פון די בעלי החלומות, ביי וועלכע דאס געוועב פון זייער רייכער פאנטאזיע הילט איין די רעאלע ווירקליכקייט אין דעם שימערירנדיקן שלייער פון דעם גאלדענעם וואונדערלאנד. ארום אים האט געווימלט דאס קליינליכע גרויע לעבן פון ארעמע קרעמערלעך, פראצענטניקעס, בעלי-מלאכות, לופט-מענטשן און סתם קבצנים-דלפנים און ער האט געשוועבט אין א פאנטאסטישער וועלט פון אויסטערלישער פראכט און מאראלישער שיינקייט. ער איז געזעסן אויפן אלעקסאטער בארג, און געחלומט, אז ער זיצט אויפן הר הזיתים, און די סלאבאדקע מיט די שמוציקע געסלעך און אירע אפגעריסענע קבצנים איז אין זיין פאנטאזיע פארוואנדלט געווארן אין די פראכטפולע ציון-שטאט פון ישעיהו הנביא'ס צייטן מיט אירע פאלאצן און טורעמס, מיט אירע שיינע גאסן, איבער וועלכע עס וואנדערן די גאטבאגייסטערטע נביאים, וואס פרעדיגן יושר און גערעכטיקייט.

גראד אין די פערציקער יארן פונם 19טן יר"ה האט אין דער אייראפעישער ליטעראטור זיך באזונדערס געשטארקט די שטרעמונג פון דער אזוי-גערופענער „דארפס-פאעזיע". זשארזש זאנד און מאקס ביושאן אין פראנקרייך שרייבן דארפס-ראמאנען, גאטהעלף און אויערבאך אין דייטשלאנד שאפן דארפס-געשיכטען. דער גרונד-מאטיוו פון די דאזיקע ווערק איז געווען — ערדארבעט, די באליבטע העלדן — ערדארבעטער,

1 ר. בריינין, ז. ח., 87 (ער איז ממש געווען א שוטה אין וועלט-זאכן).

וויינגערטנער. אָט די דאָזיקע שטרעמונג האָט זיך אויף אַ גאַנץ אייגנ־אַרטיקן אופן אָפּגעשפּיגלט אין דעם שאַפונגס־פּראָצעס פון אברהם מאַפּו. די ראָמאַנטישע ליבע צום אידילישן לעבן פונם ערדאַרבעטער איז דאָך געווען אַזוי פּאָפּולער אין דער השכלה־ליטעראַטור. בײַ זײַן זייער רײַכער אָריענטאַלישער פאַנטאַזיע זײַנען דעם טרוימער מאַפּו די אַנטיקע ביבל־פּערסאָנאַזשען געווען פּאַקטיש נעענטער און פאַרשטענדליכער, ווי די מענטשן, צווישן וועלכע ער האָט געלעבט. און עס געשעעט דאָס אויסערגעוויינליכע. דער טרוימער פון סלאָבאָדקע שרייבט דער ערשטער אין אייראָפּע אַ היסטאָרישן ראָמאַן פון אַ תקופה, וואָס איז פון אונז אָפּגעטיילט מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר [1]. מיט דער מאַכט פון וווּנדערבאַרער אינטויִציע באַווייזט אונז דער דיכטער די אייגנאַרטיקע שיינקייט פון דער גלאַנץ־תקופה אויס דער ביבל־צייט, גיט פּראַכטפולע נאַטור־שילדערונגען אויף די בערג און טאָלן פון יהודה. עס לעבן פאַר אונז אויף די שיינע טעכטער פון ציון מיט זייער תמימות־נאַיִוון גלויבן און הייסער ליבע, וואָס איז „שטאַרקער פון טויט". מיר באַוווּנדערן די שיינע דאָרפס־בילדער פון שניט־צײַט, פון טרויבן זאַמלען, ווי די יוגנט אַרבעט, פרייט זיך, גיסט אויס איר לעבנסלוסט און גליק אין רווישנדיקע טענץ און געזאַנג. און דאָרט, פון די הייכן פון דער ציון־שטאָט, דונערן די פײַערדיקע רייד פון די נביאים; און אין זייער ברענענדיקן פּאַטאָס לעבט־אויף די אַלטע ביבל־שפּראַך און שפּראָצט מיט זאַפט און יוגנט...

עס איז אָבער זייער שווער מיט בלויזער אינטויִציע צו שאַפן פײַן געפּלאַנטע און האַרמאָניש־פּאַרענדיקטע קונסט־ווערק. און מאַפּו איז דאָך אַן אַוטאָדידאַקט געווען, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף טרוקענעם פּלפּול און פאַנטאַסטישער קבלה. זײַן געשמאַק איז געבליבן אומאַנטוויקלט, און אַלס העכסטע קינסטלער־אידעאַלן האָבן בײַ אים געגאָלטן אייזשען סיו און דיומאַ דער עלטערער. איז דערבאַר קיין חידוש ניט, וואָס מאַפּוס „אהבת ציון" איז בײַ זײַן וווּנדער־שיינער שפּראַך און פיל פּראַכטפולע דעטאַליען — גאַנץ שוואַך אין דער קאָנסטרוקציע, און אומבאַהאָלפן אין כאַראַקטער־שילדערונגען. דער סיוזשעט איז איבערלאָדן, לויט די פראַנצויזישע מוסטערן, מיט פיל אומנייטיקע סענסאַציאָנעלע פּרטים. בכדי עס זאָל מאַכן דעם ראָמאַן מער „שפּאַנענד" און „אינטערעסאַנט".

---

1 פלאָבערס היסטאָרישער ראָמאַן „סאַלאַמבאָ" איז דערשינען מיט צען יאָר שפּעטער (1862); נאָך שפּעטער זײַנען דערשינען די היסטאָרישע ראָמאַנען פון געאָרג עבערס.

דעם היינטיקן לייענער איז שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר א געוואַלדיקן רושם דער דאָזיקער ערשטער העברעיִשער ראָמאַן האָט געמאַכט אויף דעם דעמאָלטיקן לייענער־פּובליקום [1]. דער „אהבת ציון“ איז געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג. פאַר דער אויף טרוקענעם פּלפּול אין דעם ענגן בית המדרש אויפגעצויגענער יוגנט איז מאַפּוס ראָמאַן געווען, ווי א פרישער דערקוויקנדיקער קוואַל פאַר דעם שמאַכטנדיקן וואַנדערער. אמנון און תמר, דאָס העלדן־פּאָר פון „אהבת ציון“, זיינען געוואָרן די פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע פּערזענליכקייטן אין די מרהשחורה־דיקע געסלעך פונם יִדישן געטאָ. די פילפאַרביקע, מיט זונענשטראַלן און לעבנסלוסט אָנגעזעטיקטע בילדער פון דעם אַנטיקן לעבן אין דעם ציון־לאַנד האָבן פיל בולטער ווי אַלע השכלה־אַגיטאַציאָנס־שריפטן באַוויזן דער יוגנט די נבזהקייט, די וואָכעדיקע גרויקייט פון דעם אַסקעטישן, אין די שטרענגע שולחן־ערוך־חומרות איינגעשרומפּענעם קרעמעריש־טענד־לערישן געטאָ־לעבן און געוועקט אין איר דעם דורשט און דראַנג צו נייערע, שענערע לעבנס־פאָרמען.

אין דער צווייטער העלפט פון די פופציקער יאָרן, אין צוזאַמענ־האַנג מיט די פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע ענדערונגען אין לאַנד, האָבן זיך באַוויזן נייע שטרעמונגען אויף דער יִדישער גאַס. זיי האָבן אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דעם ווייטערן עטאַפּ פון מאַפּוס שאַפן. דאָס געהערט שוין אָבער צו דער שפּעטערדיקער תקופה, וועגן וועלכער עס וועט ערשט זיין די רייד אין דעם ווייטערדיקן באַנד פון אונזער ווערק.

---

1 מאַפּוס „אהבת ציון“ איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יִדיש (1874), צוויי מאָל אויף ענגליש (אין לאָנדאָן 1887, אין ניו־יאָרק 1903), אויף דייטש אונטערן נאָמען „טאַמאַר“ (1885) און אויף אַראַביש (1908).

פינפטער קאַפּיטל

חעגן לאַגישע פּועל־יוצאס, חאָס זײַנען אויסער דעם מענטשנס חילן און פאַרלאַנג. — געצוווּנגענע אין בעריסחיליקע ייִדישיסטן. — ישראל אַקסענפעלד. — זײַנע חאַנדער־יאָרן; די גאַליציאַנער השפּעה. — אַקסענפעלד אַלס לעווינזאָנס נאָכפאָלגער. — אַקסענפעלדס קאַמף קעגן חסידים און רבּיים. — אַקסענפעלדס נאַיִוו־פּרימיטיווער רעאַליזם. — דער באַדײַט פון אַקסענפעלדס ווערק. — אַקסענפעלדס אויפטו אין זײַן „דער ערשטער ייִדישער רעקרוט“. — השכּלה־ליטעראַטור און פאָלקס־ליטעראַטור. — אַקסענפעלדס לעבנסדראַמע. — דער השכּלה־קעמפער אברהם־בער גאָטלאָבער. — דער משׂכּיל און „מליץ“, און דער שפּראַצלינג פון די „געזעליגע לײַט“. — גאָטלאָבער אַלס פאָלקס־זינגער און סאַטיריקער. — גאָטלאָבערס סאַטירעס „די דעפּוטאַטען“, „די אסיפה“, „דער סיים“ און זײַן קאָמעדיע „דער דעקסוך“.

מיר האָבן אין פריִקן קאַפּיטל אָנגעוויזן, ווי בײַ די ווילנער משׂכּילים איז די ביבל־שפּראַך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין קולט. די שפּראַך פאַר זיך אַליין, אָפּגעטיילט פון וועלכן־ס׳איז אינהאַלט, איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס העכסטע דערגרייכונג, אַלס פאַרגעטערט „הייליקטום“. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס צו דער פאָלקס־שפּראַך, צום „זשאַרגאָן“, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן מיט אַ באַזונדערן ביטול. מ. בן־עמי דערציילט אין זײַנע זכרונות [1], מיט וואָס פאַר אַ שרעקן דער „מליץ“ קלמן שולמאַן האָט אויסגעשריגען: „האנכי אכתוב זרגונית? — ווי? איך וועל שרײַבן זשאַרגאָן? זאָל מיך גאָט היטן פון אַזאַ זאַך! איך האָב אַפילו אַנדערע פאַרבאָטן מײַנע ווערק אויף זשאַרגאָן איבערצוזעצן“. מיר ווייסן אָבער, אַז ניט אַלע משׂכּילים, אַפילו פון די, וואָס האָבן זיך מיט חאָס פאַרהאַלטן צו דער פאָלקס־שפּראַך, זײַנען געווען אַזוי קאָנזעקווענט ווי קלמן שולמאַן. עס גענוגט צו דערמאָנען וואָלפסאָנען, אייכעלן און לעווינזאָנען. „אין דער וועלט־געשיכטע, — ווײַזט אָן העגעל אין דעם מייסטערהאַפטן אַרײַנפיר צו זײַן „פילאָזאָפיע דער געשיכטע“ [2], — ווערט בכלל אויס די מעשׂים, וואָס מענטשן פולברינגען,

---

1 התקופה, כ״ה, 598.

2 צווייטע אויסגאַבע, בערלין, 1840, 35.

גולד עפּיס אַזוינס, וואָס איז גרונדפאַרשיידן פון רעם, וואָס יענע האָבן באַצוועקט און געוואָלט, ווענן וואָס זיי האָבן אוממיטלבאַר געוווּסט און דערצו געשטרעבט. מענטשן באַצוועקן בלויז זייערע אינטערעסן, עס ווערט אָבער דערבײַ אויך דערגרייכט (צושטאַנדגעבראַכט) אַזוינס, וואָס איז לויט זיין מהות אַ נאַטירליכער פּועל־יוצא פון די דאָזיקע פולברינגונגען, עס איז אָבער געווען אויסער דעם באַוווּסטזיין פון די דאָזיקע מענטשן און אויסער זייער ווונטש... מען דאַרף פאַרשטיין און געדענקן, אַז אין דעם אוממיטלבאַרן טאָן קאָן זײַן פאַרבאָרגן אַזוינס, וואָס איז אויסער די גרעניצן פון דעם באַוווּסטזיין און ווילן פון דער פולברינגנדיקער פערזענליכקייט".

די אָקערשט דערמאָנטע משׂכּילים האָבן טאַקע געוואָלט בלויז באַקעמפן די זיי פאַרהאַסטע לעבנס־דערשיינונגען, „עפענען די אויגן" דער פאָלקסמאַסע; ווײַל זיי האָבן אָבער געפונען, אַז דאָס קאָן אַמצוועקמעסיקסטן דערגרייכט ווערן מיט דער הילף פון דער פאָלקסשפּראַך — האָבן זיי זי אויסגענוצט אַלס קאַמף־מיטל, כאָטש זיי האָבן זיך צו איר פאַרהאַלטן מיט האַס און פאַראַכטונג. מיט דעם קולטורעלן וווּקס פון דער מאַסע וואַקסט אָבער אויך דער קולטורעלער ווערט פון דער שפּראַך, אויף וועלכער די מאַסע רעדט, און ווייל די דאָזיקע משׂכּילים זיינען געווען באַגאַבטע מענטשן און זייער שאַפן אויף דער פאָלקס־שפּראַך האָט געהאַט אַ באַשטימטן קולטור־ליטעראַרישן ווערט, האָבן אָט די באַקעמפער פון „זשאַרגאָן", קעגן זייער ווילן און באַוווּסטזיין, געלייגט מיט זייערע קאַמפשריפטן די גרונדשטיינער פון דער נײַ־יידישער ליטעראַטור...

אין איין צייט מיט לעווינזאָנען זיינען אָבער אויך אַרויסגעטראָטן אַזוינע השׂכּלה־קעמפער, וואָס זיי איז שוין לחלוטין פרעמד געווען דאָס ביטול־געפיל צו דער שפּראַך פון דער פאָלקס־מאַסע, און זיי האָבן געהאַלטן פאַר זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז ווער עס וויל ווירקן אויפן פאָלק, דאַרף שאַפן אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער דאָס פאָלק רעדט און דענקט. דער עלטסטער פון די דאָזיקע שריפטשטעלער, און טאַקע יצחק בער לעווינזאָנס אַ גוטער באַקאַנטער, איז ישׂראל בן־יעקב אַקסענפעלד.

ישׂראל אַקסענפעלד איז געבאָרן אין 1787 אין נעמיראָוו אין אַ יחסנישער פאַמיליע. זײַנע יונגע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישער סביבה, געלערנט גמרא און פּוסקים; לויט דעם שטייגער פון יענע יאָרן האָבן אים די עלטערן זייער יונג חתונה געמאַכט. נאָך דער חתונה איז דער יונגער בעל־הבית געוואָרן אַ פאַרברענטער בראַסלאַווער חסיד, געוואָרן אַ מקורב בײַ דעם בראַסלאַווערס

סעקרעטאר נתן נעמירָאווער [1]. דאָס פאַמיליענלעבן האָט זיך אָבער דעם יונגן אקסענפעלדן ניט איינגעגעבן; ער האָט זייער אומגליקליך געלעבט מיטן ווייב און נאָך פיל מאַטערנישן איז אים ענדליך געלונגען מיט איר זיך צו שיידן. ביסלעכווייז איז דער בראָסלאָווער חסיד „נתפקר" געוואָרן; ער האָט מיט גרויס התמדה אָנגעפאַנגען צו לערנען דייטש, פויליש און רוסיש, איז געוואָרן אַ געשעפטסמאַן, און ווען עס האָט אויסגעבראָכן די נאַפּאָלעאָנישע מלחמה, האָט ער זיך צוגעשלאָגן צו פּאָדריאַדן, האָט נושא חן געווען ביי די רוסישע קאָמאַנדירן און האָט מיט דער רוסישער אַרמיי דורכגעוואַנדערט דורך פּויל קיין דייטשלאַנד און דאָרט אַ שטיק צייט זיך אויפגעהאַלטן אין ברעסלוי. „דורך זיינע רייזן — דערציילט אקסענפעלדס לאַנגיאָריקער באַקאַנטער צעדערבוים — אין פאַרשיידענע געגנטן און דורך דעם, וואָס ער איז געקומען אין געשעפטס־פאַרבינדונג און אַזוי אין באַרירונג מיט פיל פאַרשיידנאַרטיקע מענטשן, האָט ער פיל דערפאַרונג און מענטשנקענטעניש געלערנט. דערצו האָט ער געהאַט אַ מערקווירדיקן זכרון אַלץ צו געדענקען אויספירליך, אַזוי אַז ער האָט אינם גאַנצן לעבן שטאָף געהאַט צו אונטערהאַלטן געזעלשאַפטן מיט אינטערעסאַנטע מעשיות [2].

די ניין יאָר פון 1815, ווען די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבן זיך געענדיקט, ביז 1824, ווען אקסענפעלד האָט זיך באַזעצט אין אָדעס, בילדן אַ בלויז אין אקסענפעלדס ביאָגראַפיע. מיר רעכענען אָבער, אַז גראָד די דאָזיקע יאָרן זיינען געווען פון גרויס וויכטיקייט פאַר אקסענפעלדס גייסטיקער אַנטוויקלונג. גראָד דעמאָלט האָט ער זיך געפונען אין אַזאַ געזעלשאַפטליכער כביבה, אין אַזאַ קולטור־קרייז, וואָס האָט בלי ספק געהאַט אַ באַשטימטע השפעה אויף זיין שפּעטערדיקער ליטעראַרישע טעטיקייט.

אין דעם צווייטן באַנד פון „שבילי עולם" איז פאַרעפנטליכט דער רייסטער פון די „פרענומעראַנטן", וואָס האָבן זיך מתחייב געווען צו קויפן דעם ערשטן באַנד פון דעם ווערק (דערשינען אין 1821). די „פרענומעראַנטן" זיינען אויסגערעכנט לויט די שטעט, וווּ זיי האָבן געוווינט, און צווישן די בראָדער תושבים, וואָס האָבן באַשטעלט דעם „שבילי עולם", ווערט אויך דערמאָנט ישראל אקסענפעלד. משמעות, ער האָט דעמאָלט (אין די יאָרן 1820—1821) געלעבט אין בראָד. ווי עס שיינט, האָט אקסענפעלד טאַקע אין בראָד דאָס צווייטע מאָל חתונה

1 זע אונזער װערק, באַנד VII, צווייטער בוך, 172.

2 קול מבשר, 1866, נומ' 26.

געהאט. צעדערבוים ווײַזט אָן אין זײַן אויבן ציטירטן אַרטיקל, אַז אַקסענפעלד האָט התונה געהאַט מיט „דער קלוגער, וואָרהאַפט־רעליגיעזער, זייער געבילדעטער, איידעלער און געפּילפּולער רעבעלי, דער טאָכטער פון דעם געריסמטן ר׳ אבלי הורוויץ אוים בראָד״. די חתונה איז אָבער בלי ספק געווען נאָך איידער אַקסענפעלד האָט זיך באַזעצט אין אָדעס (אין 1824), וואָרום זיין זון דער מעדיקער אַווגוסט איז געבאָרן אין 1825. ער איז אָבער געווען דער צווייטער זון, און אַקסענפעלד האָט געהאַט נאָך אַן עלטערן זון, דעם מאָלער היינריך. דערפון קאָן מען מיט זיכערקייט זיך משער זײַן, אַז אַקסענפעלד האָט אַ לענגערע צײַט פאַרבראַכט אין בראָד, דאָרט אויך חתונה געהאַט מיט אַ דאָרטיקן משכּילס אַ טאָכטער, און אויף אַזאַ אופן געהאַט די מעגליכקייט זיך צו באַקענען מיט די באַדייטנדיקסטע פאָרשטייער פון דער גאַליציאַנער השׂכּלה. עס איז אויך העכסט וואָרשיינליך, אַז טאַקע דאָרט האָט זיך אַקסענפעלד באַקענט מיט יצחק־בער לעווינזאָנען [1], צו וועלכן ער האָט זיך באַצויגן, ווי מ. ווינער ווײַזט גאַנץ ריכטיק אָן [2], „ווי אַ תּלמיד צו דער אָנערקענטער און אָנספּקדיקער אויטאָריטעט פון אַ לערער און פירער״, און איז דערנאָך געשטאַנען מיט אים אין אָפטע בריוולינע באַציִונגען. און לעווינזאָנס השפּעה פילט זיך טאַקע זייער שטאַרק אויף אַקסענפעלדס שאַפן.

אַקסענפעלדס ליטעראַרישע טעטיקייט האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען בערך אין אַ יאָר צען אַרום, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַזעצט אין 1824 אין אָדעס, וווּ ער האָט זיך באַשעפטיקט אַלס געשוואָרענער אַדוואָקאַט און נאָטאַריוס. מען קאָן מיט אַ געוויסער זיכערקייט אַרויסזאָגן די

1 מ. ווינער (זע: י. אַקסענפעלדס ווערק, I, 354) האָט דערוויזן, אַז אַקסענפעלד איז אויך געווען באַקאַנט מיט דעם מדקדק און דיכטער טוביה פעדער. מיר רעכענען אָבער, אַז מיט דעם דורך ווינערן פאַרעפנטליכטן בריוו פון אַקסענפעלדן צו פעדערן איז אַ מיספאַרשטענדעניש. דער נוסח פונם בריוו זאָגט עדות, אַז אים האָט געשריבן ניט אַקסענפעלד, נאָר טאַקע פעדער גופא. ווי עס שײַנט, האָט דאָ דער אָפּשרײַבער אַ טעות געהאַט, און די איבערשריפט צום בריוו דאַרף הייסן „תשובה מהמחבר לר׳ ישראל אַקסענפעלד״. אויפן גרונד פון אין פּראָזע אין דעם דאָזיקן בריוו קומט ווינער צום אויספיר, „אַז דער זשאַרגאָנישער שרײַבער אַקסענפעלד ווערט געטרייסט פון דעם אַמאָליקן פאַרביסענעם קעגנער פון ייִדיש, פונם באַרוסטן העברעיִשן משכּיל טביה פעדער, אַז דערמיט, וואָס ער שרײַבט ייִדיש, איז ער ניט מינדער פון יעדן אַנדערן אין דער שרײַבערישער משפּחה. דער דאָזיקער אויספיר איז אָבער לחלוטין ניט ריכטיק, אפילו ווען דעם דאָזיקן בריוו זאָל ווירקליך האָבן געשריבן פעדער, ניט אַקסענפעלד. עס גענוגט אָנצווײַזן, אַז פעדער איז געשטאָרבן אין 1817, מיט פיל יאָר פריער איידער אַקסענפעלד איז געוואָרן אַ „זשאַרגאָנישער שרײַבער״.

2 דאָרטן, 348.

השׂערה, אַז אַלס ענדגילטיקער סטימול פאַר זײַן אַרויסטרעטן אויפן ליטע־ראַרישן געביט האָבן דערבײַ געדינט לעווינזאָנס אַנטיחסידישע סאַטירעס און די „הפקר־וועלט" מיט איר צאָרנדיקן פּראָטעסט קעגן די אומגערעכ־טיקייטן, וואָס קומען פאָר אין דער ייִדישער קהילה בײַם אויספּילן דעם רעקרוטן־אוקאַז. יעדנפאַלס איז אויסער ספק, אַז אַקסענפעלדס ערשט־לינגס־ווערק זײַנען „ספר חסידים" און „דער ערשטער ייִדישער רעקרוט". אין דעם פון אונז אין גאָטלאָבערס ארכיוו געפונענעם „רייסטער" פון אַקסענפעלדס מאַנוסקריפּטן 1, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין 1862, ווײַזט אַקסענפעלד אָן, אַז די „אַלע ספרים" האָט ער געמאַכט אויף לשון פּראָסט ייִדיש פון פאַר דרײַסיק יאָר אָן. משמעות, זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער ערשט אָנגעפאַנגען אין די דרײַסיקער יאָרן. אויס דער בקשה, מיט וועלכער אַקסענפעלד האָט זיך אין אָקטאָ־בער 1841 געווענדעט צום מיניסטער אוואַראָוו, ווייסן מיר, אַז צו יענער צײַט זײַנען בײַ אים געווען פאַרטיק בסך־הכּל דער ראָמאַן „ספר חסידים", וואָס איז, ווי ער ווײַזט דערבײַ אָן, „דאָס ערשטע, וואָס ער האָט אָנגע־שריבן", און „אויך עטליכע דראַמעס און קאָמעדיעס" 2. דרײַ פון די דאָזיקע פּיעסעס זײַנען אונז גוט באַקאַנט און עס איז ניט שווער פעסט־צושטעלן די דאַטעס, ווען זיי זײַנען פאַרפאַסט געוואָרן. צום ערשטן גייט דער „ערשטער ייִדישער רעקרוט", וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין 1834—1835 3. נאָך אים דער „קבצן־עושר־שפּיל", אין וועלכן עס פיגו־רירט דער יונגער אהרן בעל מחשבה מיט זײַן כּלה פערילע, וואָס שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער ערשטער פּיעסע. דער „קבצן־עושר־שפּיל" איז פאַרפאַסט נאָך 1837, ווײַל אויף ז' 62 ווערט מאָטעלע טשערנאָבי־לער דערמאָנט אַלס געשטאָרבענער און יענער איז געשטאָרבן אין 1837. די דאַטע, ווען די מעלאָדראַמע „מאַן און ווײַב, שוועסטער און ברודער" איז פאַרפאַסט געוואָרן, איז אויך ניט שווער פעסטצושטעלן: אין דער פאָררעדע ווײַזט אַקסענפעלד אָן, אַז די מעשה „האָט זיך פאַרלאָפן פאַר פופציק יאָר". איינע פון די פּערסאָנאַזשן אין דער פּיעסע, בעת זי לייענט פאַר אַ בריוו, וואָס איז דאַטירט 1765, מאַכט זי דערבײַ די באַמערקונג: „מילא, הייסט עס פאַר 25 יאָר. איז דערווײַס קלאָר, אַז די פּיעסע איז פאַרפאַסט געוואָרן אין 1840... בײַ זײַנע דראַמאַטישע סצענעס „די גענאַרטע וועלט" ווײַזט אַקסענפעלד גופא אָן, אַז ער האָט זי געשריבן אין 1842.

---

1 זע: פּערעזשיטאָיע, IV, 328—329; י. אַקסענפעלדס װערק, I, 353.

2 ש. גינזבורג אין פילאָלאָגישע שריפטן, II, 47.

3 זע מ. װינער אין אַקסענפעלדס װערק, I, 329—331.

בכן, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז אַקסענפעלדס ערשטלינגס-ווערק זיינען דער „ספר חסידים״ און „דער ערשטער יידישער רעקרוט״, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין אַ פּאָר יאָר אַרום נאָכדעם, ווי עס זיינען אין דרוק דערשינען לעווינזאָנס צוויי אַנטיחסידישע פּאַמפלעטן „דברי צדיקים״ און „עמק רפאים״, און זיין „הפקר וועלט״ האָט אָנגעפאַנגען פאַרשפּרייט צו ווערן אין פּילצאָליקע אָפּשריפטן.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן (ז׳ 33) אויף די נאַציאָנאַל-סאָציאַלע מאָטיוון, וואָס האָבן באַדייטנדיק געשטאַרקט אין לעווינזאָנען די פּאַטריאָטישע שטימונגען; דאָס אייגענע באַמערקט זיך אויך ביי אַקסענפעלדן. ווייל די דאָזיקע מאָטיוון האָבן געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אויך ביי די משׂכּילים פונם שפּעטערדיקן דור, איז פון קולטור-היסטאָרישן שטאַנדפּונקט כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף זיי מער באַריכות. אַקסענפעלד האָט אין דער אוקראַינע געהאַט די מיגליכקייט צוצוזעען, מיט וואָס פאַר אַ ביטול און פאַראַכטונג די פּוילישע פּריצים, די דעגענערירטע פאַר-שטייער פון דעם פעאָדאַלן, אונטערגייענדיקן קלאַס, האָבן זיך פאַרהאַלטן צום יידישן פאַקטאָר, צום יידישן שענקער. אַלס פּראָוויאַנט-פּאָדריאַדטשיק ביים מיליטער בשעת די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָט אַקסענפעלד געהאַט אויך די מעגליכקייט זיך צו באַקענען מיט געוויסע פאָרשטייער פונם רוסישן אַדל, וואָס האָבן אַלס אָפיצירן געדינט אין דער אַרמיי. אַז אויך דער רוסישער אַדל פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטנס צייטן האָט זיך פאַרהאַלטן מיטן גרעסטן ביטול צום יידישן פאַקטאָר און לופט-מענטש, קען מען בולט אַרויסזען אויס די פריער ציטירטע מעמואַרן פון איינעם פון די הומאַנסטע און געבילדעטסטע רוסישע אַדעליקע, פירשט דאָלגאָ-רוקי[1]. אַקסענפעלד האָט אָבער געזען די פאָרשטייער פונם רוסישן אַדל ניט אין דער ראָלע פון פעאָדאַלן און גוטבאַזיצער, וואָס עקספּלאָ-אַטירן דעם רעכטלאָזן פּויער, נייערט אין דער ראָלע פון אינטענדאַנטישע מיליטער-טשינאָווניקעס, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דעם פּראָצעס פון „קאַפּיטאַליסטישער אַקומולאַציאָן״, ד״ה פון אָנזאַמלען קאַפּיטאַליס-טישע רייכטימער. אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן פּראָצעס האָבן זיי שטאַרק מיטגעהאָלפן די ענערגישע און אונטערנעמונגס-פעיִקע יידישע פּאָדריאַדטשיקעס מיט זייערע פּריקאַזטשיקעס. עס איז זעלבסטפאַר-שטענדליך, אַז דאָ האָט זיך ניט געקאָנט אַנטפּלעקן דאָס ביטול-געפיל פונם אַדעליקן פעאָדאַל צום יידישן פאַקטאָר; אדרבה, דאָס דאָזיקע געפיל איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס געוואָרן אָפּגעשוואַכט דורך דעם סאָלידאַריטעט-געפיל אינם בשותפותדיקן „באַרייכערונגס-פּראָצעס״.

[1] И. М. Долгорукий, Славны бубны за горами, 146, 220, 223 и т. д.

אקסענפעלד איז נאַטירליך צו יענער צייַט ניט אימשטאַנד געווען קריטיש צו אַנאַליזירן די דאָזיקע דערשיינונג. ער קומט דערפאַר אין זיין „שטערנטיכל“ [1] אָט צו וואָס פאַר אַן אויספיר: „אַ פּוילישער פּריץ איז לרוב (מען קאָן ניט זאָגן אַלע פּריצים, ס'איז דאָ עטליכע בעסערע אויך) מיט גרויס גדלות אָנגעשפּיגעוועט; נאָר ער איז ביי זיך אַ מענטש אָף דער וועלט, דער פּאָווער איז ביי אים גלייך מיט אַ פערד, מיט אַן אָקס אָדער מיט אַ קו. פּאָווערן זיינען באַשאַפן געוואָרן פונעם פּריצים אַרבעט וועגן; ייִדן זיינען דאָך ניט זיינע עבדים, האַלט ער זיי פאַר כּלים, און זיינען אויך נאָר פונעם פּריצעס וועגן דאָ אָף דער וועלט. טאַקע, ווען דער פּריץ דאַרף דעם רייַכן ייִדענס לאַסקע, ער זאָל אים געלט אַנטלייַען, איז ער ביי אים ווי דער שוסטער, ער מוז אים האָבן, ווייַל ער דאַרף שטיוול. האָט ער שוין די שטיוועל, איז דער שוסטער אַ שוסטער נישט מער. כּל־שכּן ומכּל־שכּן זיין קרעטשמער און דער קרעמער דער ייִד איז ביי דעם בעל־גאווה־פּריץ מבוזה ערגער ווי אַ גאַסן־הונט: ער שפּעט פון אים, ער מאַכט פון אים חוזק, ער שלאָגט אים, ער פּאַטשט אים, ווען ער האָט חשק; זידלען און שעלטן איז פּראָסט אַ מנהג. „זשיד שעלמאַ, זשיד הוינצוואַט“ הייסט אַזוי ווי ר' קרוב. אַ פּאַקטאָר, וואָס דרייט זיך אַרום אַ פּוילישן פּריץ, הערט פון אים נאָך גרעבערע ווערטער: „פּיאָס פּאַביעגני, נאַ זאַראַז“! אַ צי באַ דער פּאה אָדער באַ דער באָרד איז אַ קאַטאָוועסל, און אַז ער צאָלט אים פאַר דער טירחה, טוט ער דעם גילדן אַ וואָרף אויף דער ערד: „נאַ מאַש הוינצוואַט!“ אַזעלכעס צו קאָנען דערלייַדן מוז מען טאַקע זיין גאָר אַ נידעריקער מענטש, אַ שיכּור, אַ הולטייַ“.

„אונדזערע רוסישע שׂררות זיינען גאָר אַנדערע מענטשן. דאָס פּויליש ביטערע אָנגעבלאָזענע גדלות, די פּוילישע גאווה איז ביים רוס ניטאָ. אַ רוס, אַז ער קאָן זיך מיט אַ ייִדן און האָט מיט אים עטליכע מאָל צו טון, רופט ער אים „בראַט“ אָדער „בראַטיץ“. אַפילו דער פּאַקטאָר, אַז ער דינט אים געטרייַ, האָט ער אים ליב (יאָ, יאָ, טאַקע פּראָסטע ליב). ווער שמועסט, אַז ער ווערט באַקאַנט דורך משׂא־ומתּן מיט אַ ייִדישן סוחר אַ צייַט לאַנג, ווערט דער גרעסטער רוס דעם ייִדנס גוטער פריינד (יאָ, יאָ, אַ גוטער פריינד)“.

לעווינזאָנס השפּעה באַמערקט זיך באַזונדערס בולט אין דעם, ווי אקסענפעלד פאַרהאַלט זיך צו די חסידים און זייערע רביים פון איין זייט,

[1] שטערנטיכל, קאַפּ' 8.

און צו די רבנים פון דער אנדערער. אקסענפעלד האלט פאר זיין לעבנס־אויפגאבע צו קעמפען קעגען דעם חסידיזם, אפווענדען, לויט זיינע איינענע ווערטער, „די יידן פונם מיסטישן און חלומדיגן חסידישן לעבנס־שטייגער און אראפרייסן פון די רביים יענע שיין פון הייליקייט, מיט וועלכער דער פארגרעבטער עולם האט זיי ארומגערינגעלט״. צו די רבנים אבער פארהאלט ער זיך מיט גרויס רעספעקט. פנחס דער רויטער קלאגט זיך אין „ערשטן רעקרוט״, וואס „זינט די רעבעס, די גוטע יידן האבן זיך ארײַנגעפלאדעט אין דער מדינה, האבן אויפגעהערט די רבנים צו וועלן זיין אין א שטעטל״. און דערויף ענפערט אפ דער אויפגעקלערטער אהרן בעל מחשבה, אז ער האלט זיך פאר א מצוה, וואס ער האט פארטריבן פון דער שטאט דעם רבין, „וואס פלעג בײַ יעדען אוועקנעמען דעם לעצטן גראשן״. ער ווייזט אויך דערבײַ אן די טובי עיר, אז דאס געלד, וואס דער רבי „האט געקאסט די שטאט, איר זאלט דאס וועלן אויסגעבן אף נייטיקערע זאכן, וואלט איר געהאט א רב, עפעס אן ערלעכן למדן אין שטאט און שמשים ניט שכורים״. לעווינזאן שטעלט אין זײַן „הפקר וועלט״ אנטקעגן די רביים, וואס נעמען פדיונות בײַ די פעקלמאכערס און מאכען מיט זיי שותפות, — די ליטווישע רבנים. „בײַ אונז — זאגט דער אורח — האבן די רבנים חרם געגעבן, מע זאל נישט פעקלען; דעם פעקעלמאכער נעמט דער רב מיט קהל און זענען אים מוסר צו דער פאליציע... אונזערע רבנים האבן נאך געלערנט אין יורה דעה, אז עס איז א גרויסע מצוה א פעקל־מאכער מוסר צו זיין צום מלכות, מע זאל מיט אים פאסטאפאיען פא זאקאנו, ווײַל ער איז איין עוכר ישראל״ [1]. אויך בײַ אקסענפעלדן מאכט (אין „דער גענארטער וועלט״) דער חסידישער רבי לייב שפיצעניצער יד אחת מיט יידל פעקלמאכער, אבער ר׳ בעני, דער דיין פון שטאט, רופט אוים מיט אימפעט: „ס׳איז דאך (דאס פעקלען) לעולם טאקע א פראסטע גנבה על פי דין תורה, ווארין בא אונז יידן אין שלחן ערוך איז „דינא דמלכותא דינא״. דאס וואס דער קיסר האט ניט געהייסן טון, איז אזוי אסור ווי דאס וואס גאט האט אונדז אין דער תורה געאסערט.. א יא, איר האט אף א גנב קיין רחמנות נישט און מען זאגט: „האט ער ניט געזאלט גנבענען, — א מצוה״! זאג איך אף א פעקלמאכער זאל מען אויך אזוי זאגן; ער איז א פראסטער גנב בפירוש, אסור לרחם...״ [2] דעם געלדגיריקן און געוואלטיגן בארײַסער מאטעלע טשערנאביליער (קבצן־עושר שפיל), וואס דערמאנט לעווינזאנס בעל־מופת אוים דעם

1 הפקר וועלט, 31.

2 אקסענפעלדס ווערק, I, 313.

צווייטן טייל „הפקר וועלט", שטעלט אַקסענפעלד אַנטקעגן (מאַן און ווייב, שוועסטער און ברידער) דעם ווימיסלער רב ר' שלמה כהן, וואָס איז „אַ גרויסער למדן, אַ גרויסער צדיק, אַ גרויסער חכם", און דערקלערט דעם גרויסן גביר נח ענגלענדער: „דער אייבערשטער האָט מיך אויסגעפירט מיין גאַנץ לעבן תמיד בכשרות; נאָ, זאָל איך היינט רווחים נעמען? חלילה, גאָט וועט מיך ווייטער אויספירן בכשרות — מיר איז גענוג דער קאַפטין מיט אַ שטיקל ברויט מיט באָרשט, נאָר פון גאָט ברוך הוא, ניט פון קיין מענשינס גאָב חלילה" 1.

אַקסענפעלדס מיטצייטלער שטרייכן באַזונדערס אונטער, אַז אין אַלע זיינע פילצאָליקע ווערק ווערן באַשריבן רעאַלע אמתע פּאַסירונגען. די אַרויסגעבער פון אַקסענפעלדס ווערק (סוף זעכציקער יאָרן פאָריקן יר"ה) ווייזן אָן אין דער פאָררעדע צו „דער גענאַרטער וועלט": „אין זיינע טעאַטערשטיק זעען מיר מעשיות, וואָס האָבן זיך געטראָפן, אָדער וואָס קענען זיך טרעפן ביי יידן. אין אַלע זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען באַגעגענען מיר מענטשן, וואָס האָבןווירקליך געלעבט, אָדער וואָס געפינען זיך נאָך אַצינד אונטער יידן". אויך צעדערבוים דערקלערט אין זיין נעקראָלאָג אויף אַקסענפעלדן 2, אַז „אַלע זיינע ראָמאַנען און טעאַטערע (טעאַטערשטיק) זיינען אמתע מעשיות, און די קאַראַקטערע זענין געשילדערט פין מענטשען, וואָס מען האָט זיי געקענט, נאָר, נאַטירליך, אַזוי אויסגעשטעלט, עס זאָל פּאַסן און יעדער זאָל דרינען געפינען אַ מוסר און דערקענען די פעלערן פון גאַנצע ענליכע מענטשן". גאָטלאָבער, וואָס האָט כמעט אַלע אַקסענפעלדס שריפטן געלייענט אין כתב־יד, האַלט אויך פאַר וויכטיק באַזונדערס אָנצומערקן, אַז אַקסענפעלד באַשרייבט אמתע פּאַסירונגען; אַזוי, למשל, איז אין דער דערציילונג „דער מופת" באַשריבן אַ וואָרע געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיטן סאַוורַאַניער רב, און דער העלד פון דעם דיקבייכיקן ראָמאַן „מיכל דער עוזרקיר, אַ יידישער זיל־בלאַז" איז לויט גאָטלאָבערן „אַ וואָרע פּערזאָן מיט דעם אייגענעם נאָמען; איך האָב דעם מענטשן אַליין געקענט אין אָדעס". אַקסענפעלד גופא שרייבט וועגן זיינע ווערק אין דעם אַריינפיר צום פריער דערמאָנטן „רייסטער": „אַ טייל ספרים זיינען קאָמעדיעס, אַ טייל זיינען אמתה מעשהות גוט דערציילט, אַ טייל זיינען פון הולטייעס, שווינדלערס אָפּגערעכט, און פון זייער שוואַרצן סוף, וואָס זיי האָבן געהאַט: די מענטשען, וואָס וועלין די ספרים לייענען,

---

1 מאַן און חייב, 42.

2 קול מבשר, 1866, נומ' 26, 402.

לאַבענדיג וועלין זיי אין איינוועגס הערן מוסר און דוד־אַרץ און טאַקע אַלערליי גינייטיקע וויסענשאַפטן אויך״. אין זיין בקשה צום בילדונגס־מיניסטער אוואַראָוון, וואָס אַקסענפעלד האָט דערלאַנגט אין 1841, ווייזט ער אָן, אַז די פריערדיקע שריפטשטעלער האָבן אין זייער קאַמף קעגן דער שעדליכער ווירקונג מצד די חסידים דערפאַר קיין דערפאָלג נים געהאַט, ווייל יענע „פלעגן זייערע ווערק שרייבן אויף העברעיש אָדער דייטש. צי האָבן אָבער זייערע ווערק געקאָנט האָבן אַ וואָסער־ס׳איז ווירקונג, ווייבאַלד דער פשוטער עולם, פאַר וועלכן זיי זיינען געווען באַשטימט, פאַרשטייט נים קיין איינע פון די ביידע שפּראַכן?״ [1] ער האָט דערפאַר געפונען פאַר נייטיק „אַנצוווענדן אַן אַנדער מיטל: שרייבן אויף אַזאַ שפּראַך, וואָס איז פאַרשטענדליך דעם פשוטן יידישן עולם, אַרויסגעפינען קאָמישע און צוגלייך באַלערנדיקע געשעענישן פונם ווירקליכן לעבן, צוציען דעם לעזער מיט אַ מעשה, אַזוי, אַז אומעטום זאָל אַרויסטרעטן דער אמת, אָבער אין אַ פיינער פאָרם פון אַן אינטערעסאַנטער דערציילונג. האָט די שווערע אַרבעט האָב איך גענומען אויף זיך״ [2].

ווי מיר זעען, שטרייכט אויך אַקסענפעלד באַזונדערס אונטער, אַז ער שרייבט „אמתע מעשיות״, גיט דעם לייענער „קאָמישע און צוגלייך באַלערנדיקע געשעענישן פונם ווירקליכן לעבן״, אַזוי, „אַז אומעטום זאָל אַרויסטרעטן דער אמת״.

בכדי עס זאָל „אומעטום אַרויסטרעטן דער אמת״, פלייסט זיך אַקסענפעלד ווי צום גענויסטן צו שילדערן זיינע פאַרשוינען, וואָס ער נעמט פון דער ווירקליכקייט, מיט זייער אַרט ריידן, זייער הולך און אַלע זייערע תנועות. ם. ווינער אין זיין גרינדליכער אַרבעט וועגן אַקסענפעלדן [3] כאַראַקטעריזירט אים מיט רעכט אַלס „נאַיוו־פרימיטיוון רעאַליסט״. אַקסענפעלד איז נים געווען באַשאָנקען מיט אַן אמתן קינסט־לער־אויג, וואָס ווייסט וועגן „סוד הצמצום״ און פאַרשטייט, ווי פון דעם שלל קליינליכע פרטים און דעטאַלן אַרויסצובאַקומען דאָס טיפּישסטע און קאַראַקטעריסטישסטע. שלום־עליכם, אַשטייגער, פאַרשטייט אפילו אין זיינע יונגע יאָרן צו געבן אונז [4] אַ בולט בילד פון איינעם פון זיינע פער־סאָנאַזשן מיט אַזאַ קורצער כאַראַקטעריסטיק: „ר׳ זכריה, אַ סופר, אַ הויכער ייד מיט אַ גרינער שאַל שטענדיק״. מיר ריידן שוין נים

1 פילאָלאָגישע שריפטן, II, 46.

2 דאָרטן.

3 אַקסענפעלדס ווערק, I, 52, 85.

4 אין דער קאָמעדיע „אַ גט״.

זועגן מענדעלען, וואס אים געלינגט אזוי קונציק מיט ווייניקע שטריכן, איבערגעבנדיק א פאר כאראקטעריסטישע תנועות, אויפלעבן פאר אונז די אויסטערלישע פארשוינען פון גלופסק און טונעיאדעווקע. אקסענפעלד אבער בלײַבט זיך איבערצײַגן מיט א פראטאקאלהאפטיקער געטרײַקייט אלע דעטאלן פון דעם אויסזען, פון דער הלבשה און ארט ריידן פון זײַנע פארשוינען. נאר פון דעם ים איינצלנע פרטים באקומט זיך ניט קיין גאנץ איינהייטליך בילד. דעם לייענער שווינדלט ממש אין די אויגן, און ערשט בײַ׳עכווײַז, דורך זייער האנדלען און ריידן, שווימען די פיגורן ארויס פונם נעפל און הייבן אן באקומען מער קאנקרעטע בולטע פארמען. אט, אשטייגער, ווי אקסענפעלד שילדערט דעם פרנס-חודש, ר׳ שלמה פסיאיאכע: „א ייִד פון עטליכע און פופציק יאר, א געלער מיט צוויי לאנגע געלע פאות, קיין בארד וואקסט אים גאר גישט, א קול האט ער פון א נקבה, א קליינעם שטערן, א געקארטשעטן. די באקן זײַנען אים געקארטשעט; גרויע אויגן, נארישע, א לאנגע נאז, א ברייט מויל. ער גייט אנגעטאן במקום כאלאט אין אן אלטער צעריסענער, אמאל געווען ראצעמארענער זשופעצע, דעם אונטערשלאק, בלויער קיטײַ, זעט מען אומעטום ארויס, און דער אונטערשלאק האלט דאס גאנצע מלביש, ניט צוגעגארטלט. אן ארבע כנפות פון ווײַסער פיקע, נאר זייער קויטיק; אין אן אלטער פליסינער יארמעלקע פול מיט פעדערן, ער נעמט זיך אלץ אן בײַ דער בארד, בשעת ער שמועסט, כאטש ער האט קיין בארד ניט" [1]. און אט איז דאס בילד פונם צווייטן פרנס-חודש, וועלוול גיליוואטע. „א הויכער ייִד, אן אלטער, מיט א גרײַזגרויער בארד, א גאנץ לאנגע, א שמאלע. פאות אויך גרייז-גרויע, גאנץ לאנגע. אימיטן שטערן, וואס איז זייער געקארטשעט, האט ער א גרויסע גולע, די גולע איז רויט. א קורצע נאז, א גראבע, פיל מיט טאבאקע. גראבע וואנצעס, וואס דעקן צו דאס מויל, א לאנגן האלדז, א שווארצן. ער גייט אנגעטאן אין א נײַען איילנקיטיענעם קאפטן מיט א שמאלער סמראקע און אין זייער אן אלט שטריימל. הינטן גייט אפ א גאנץ שטיקל שטרײַמל, רוקט זיך אלץ דאס שטרײַמל מיט דער זייט, וואס גייט אפ פון פארנט צו. דער ווערך איז נאר געריסן. צוגעגארטלט מיט א געפארבטן גרידיטורענעם גארטל, וואס איז געווען רויטער גרידיטור און עס קריכט אפ די פארב, זעט מען אן די פריערדיקע רויטע פארב" [2].

ניט ווייניקער באריכות שילדערט אקסענפעלד דאס אויסערע אויסזען פון דעם גבירס ווײַב, יוטע, אין „קבצן-עושר-שפיל": „א דארע

1 אקסענפעלדס ווערק, I, 149.
2 דארטן.

יידענע, א קליינע, א שווארצע, א גישטיפילטע מיט א קורץ נעזעלע פון איין זײַט אזוי ווי צוגעוואקסן, פון פארינט פעלן איר די ציין אין מויל. דאס מויל איז אפילו קליין, די אויגן אויך קליינישטשקע, גראָע. דאס שלייערל איז מיט דער מאָדע, א גרויס שטערן־טיכל און פעריל אויף דעם האלז. געלע פעריל ציענירדיקע, נאר פיל, טאקע א גאנצים בונט. אין א זײַדן לאפטיקינאשל אָפּ גיטרענט די טרעסטליך, און א ברוסטטיכעל א שמאָלם, א רויטס, א שפאגיל נײַס, מיט א טרעסטילע באלעגט, א ציצן פארטיך, פארברענט דער איינער עק. צוויי מיסע הענט, אָף איין פינגער האט זי א קראם פינגעריל, די אנדערע האנט זײַנין צוויי פינגער איינגיבויגן פון קליינערהייט אָן. אין ווייסע זאָקן מיט מאָדנע פאנטעפיליך, זי רעט שיפּיליוואטע, אלץ מיט א סמך״.

עס איז קלאָר, אז דווקא דורך די צו גרויסע עשרות פון פרטים ווערן די געשטאלטן צעשווומען און עס באקומט זיך ניט קיין בולט בילד. דערפאר אָבער אדאנק אָט דעם שטארק דעטאלישן, פרימיטיוו ריאַליסטישן שילדערונגס־שטייגער באקומען אקסענפעלדס ווערק א זייער גרויסן עטנאָגראפישן און סאָציאל־היסטאָרישן ווערט. אזוינע פּראָטאָקאָלארטיקע באשרײַבונגען, ווי, אשטייגער, דאס שילדערן דעם מארק און די גאסן פון דער שטאָט ניביוואלע (אין דער ערשטער און צווייטער סצענע פון „קבצן־עושר־שפּיל״) זײַנען אַן אמתער אוצר פאר דעם פאָרשער פון דעם עקאָנאָמישן לעבן אינם יידישן תחום אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צײַטן. ניט קיין קלענערן ווערט האט אויך די געטרײַקייט, מיט וועלכער אקסענפעלד גיט איבער אלע ניואנסן און אייגנארטיקייטן פון דער צו יענער צייט אין דרום־מערבדיקן קאנט גערעדטער פאָלקסשפּראַך. און מיט פולן רעכט באמערקט מ. ווינער: „די במעט עטנאָגראפישע גענויקייט אינם פארשרײַבן די לעבעדיקע שפּראַך גיט אקסענפעלדס שפּראַך־רעגיסטראציע (פונקט, ווי זײַנע שטייגער־באשרײַבונגען) אחוץ דעם ליטעראַרישן באטייט אויך א באזונדערס גרויסן שפּראַך־היסטאָרישן ווערט. זײַנע ווערק זײַנען א וויכטיקער דאָקומענט פאר דער שפּראַך־געשיכטע פון יענער צײַט״ 1.

עס וואָלט אָבער געווען א טעות צו מיינען, אז אקסענפעלדס ווערק האָבן בלויז אַן עטנאָגראפישן און ניט קיין ליטעראַטור־היסטאָרישן ווערט. אקסענפעלד איז געווען א לײַדנשאפטליכער קעמפער־נאַטור, מיט א געזונטן געזעלשאפטליכן טעמפעראמענט און מיט א שארף באָאָבאַכטער־אויג. זײַן טאלאנט איז געווען פרימיטיוו, רוי, ניט געשליפן, אָבער

1 ציט. ווו. 71—82.

עכט און קרעפטיק. אַקסענפעלדס שאַפן — דאָס איז אַ באַדײַטנדיקער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, דער ערשטער דרייסטער פּרוּוו צו פירן אַ ברייטן עקשנותדיקן קולטור-קאַמף פאַר אויפקלערונג, פאַר נײַע לעבנס-פאָרמען אויף דער שפּראַך פון דעם המון, פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן. מיר ווייסן שוין, אַז ווי אַלע השכּלה-קעמפער פון גאַליציע און וואָלין איז אויך אַקסענפעלד געווען אַ פאַר-ביסענער קעגנער פון חסידים און זייערע רבּיים. ער גופא ווײַזט אָן, אַז ער האָט זײַן ערשט ווערק „ספר חסידים" געשריבן, בכדי „דעם עולם" זאָל קלאָר ווערן „די ווילדע צביעות" פון די „אַזוי גערופענע גוטע ייִדן"... ער (דער עולם) וועט מוזן דערפילן אַ פאַראַכטונג צו דער גאַנצער חסידישער סעקטע". דעם קאַמף קעגן דער דאָזיקער סעקטע און „די אַזוי גערופענע גוטע ייִדן" פירט ער כמעט אין אַלע זײַנע אויפגעהיטע ווערק: אין דעם „שטערנטיכל" 1, אין דער „גענאַרטער וועלט", אין „קבצן-עושר-שפּיל". ער ווערט אויך ניט מיד פּלויזשטשעלן און צו באַגיסן מיט שפּאָט און ביטול דעם אַלטפרענקישן-קליינשטעטלדיקן שטייגער לעבן, מיט די לופט-פּרנסות, מיטן ווילדן אָבערגלויבן, מיט דער אומבאַהאָלפנ-קייט, וואָס שטאַמט פון מאָוימדיקן אומוויסן און אָפּגעשטאַנענקייט.

אַקסענפעלדס אידעאַל איז, נאַטירלעך, ווי בײַ אַלע אַנדערע משכּילים פון זײַן צײַט, לערנען שפּראַך, וויסנשאַפטן. „אַ יונגער מאַן, וואָס קען לשונות" — דאָס איז דער גרעסטער שבח בײַ אַקסענפעלדן. דאָס שאַרפע באַאָבאַכטער-אויג און דער געזעלשאַפטלעכער טעמפּעראַמענט האָבן אָבער ניט דערלאָזט, אַקסענפעלד זאָל ניט באַמערקן, אַז אויך דורך „אויפגעקלערטע" לײַט, וואָס „קענען לשונות" און פאַרהאַלטן זיך מיט שנאה צו די אָפּגעשטאַנענע אַלט-פרענקישע לעבנס-פאָרמען, ווערן אָפט אָפּגעטאָן שרײַענדיקע סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן. און דער טעמפּעראַמענטפולער אַקסענפעלד האָט ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך דאָס צו פאַרשווײַגן. דאָ באַנוצט ער שוין אָבער ניט זײַן געוויינלעך געווער —

1 טיפּיש איז פאָלגנדיקע טיראַדע, מיט וועלכער עס טרעט אַרויס אין „שטערנטיכל" דער אויפגעקלערטער פּאָדריאַטשיק אַקסמאַן, אונטער וועמעס נאָמען עס רעדט אַקסענפעלד גופא: „די פּלאָג — עזות-פּנימער חסידים, מאַכן חוזק פון דער גאַנצער וועלט. ער דאַרף גאָר נישט קענען, און די חסידישע רבּיס זאָגן בפירוש, אַז נאָר אַ חסיד צו זײַן איז דער עיקר, אינם רבּין צו גלויבן, אַז ער שטייט מיט איין פוס דאָ און מיטן אַנדערן פוס שטייט ער איבער די מלאכים קעגן צו דער-לאַנגען גאָטס קנעפל פון די פלידערן. צו דאָס דאַרף אַ ייִד קענען, ווײַטער טויג אַלץ אויף כּפּרות. די צרה איז דאָס גרעסטע אומגליק פאַר די ייִדן אין רוסיש-פּוילן. ייִדן ווערן אַלע טאָג מער קאַליקעס, זיי קענען נישט לערנען קיין ייִדיש, זיי קענען נישט שרײַבן און זײַנען סאַמע עזות-פּנימער".

שפּאָט און געלעכטער; עס ווערן דאָך דערשיטערט זײַנע אייגענע אידעאַלן, זײַנע אייגענע נעטער ווערן צעשמעטערט. מוז ער עס אויפנעמען טראַגיש — און ער שאַפט אַ טראַגעדיע. זייער טיפּיש איז אין דער הינזיכט אַקסענפעלדס „דער ערשטער יידישער רעקרוט״.

דער רעקרוטן־אוקאַז פון 1827 האָט געמוזט אַרויסרופן בײַ משכילים מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם געזעלשאַפטליכן טעמפּעראַמענט, אַ שאַרפן חשבון הנפש. לויט דעם השכלה־פּראָגראַם איז דאָך געווען זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ווען יידן ווילן באַקומען גלײַכע רעכט מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג אין לאַנד, דאַרפן זיי אויך טראָגן אַלע התחייבותן, און צווישן זיי אויך די מיליטער־פליכט. דער רעקרוטן־אוקאַז איז אָבער אַרויס פון ניקאָלײַ דעם ערשטנס דעספּאָטישער האַנט אין אַזאַ שטרענג פּאָליציייִשן לבוש און האָט בײַם דורכפירן אין לעבן אָנגענומען אַזוינע עקלהאַפטע פאַרברעכערישע פאָרמען...

מיר ווייסן שוין, ווי שמאַרציק לעווינזאָן האָט אויף דעם דאָזיקן אוקאַז רעאַגירט. ער האָט ניט בלויז זײַן „הפקר וועלט״ געשריבן און מיט בקשות צו דער מאַכט זיך געווענדעט. ער האָט צוגעזען, ווי זײַן בן עיר און טאָקע זײַנער אַ קרוב, אַ משכיל, וואָס האָט זיך קונה שם געווען אַלס גרויסער ביבליאָפיל 1, איז רײַך געוואָרן פון די „לאָוטשיקעס״ און פון זייערע נידערטרעכטיקע מעשים; האָט ער דאָס פאַרשווייגן ניט געקאָנט און אים צום שאַנדסלופּ געשטעלט אין זײַן „תולדות מנחם הכובי״ (זע אויבן, ז׳ 39). אויך אַקסענפעלד האָט ניט געקאָנט פאַרשווײַגן דאָס גרויסע סאָציאַלע אומרעכט, און ער שרײַבט זײַן „יידישן רעקרוט״. „איין קאָמיש־טראַגישער ראָמאַן״ — ווערט אָנגעוויזן אויפן דײַטשן טיטל פון דער ערשטער אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען נאָך בײַ אַקסענפעלדס לעבן.

מיר ווייסן אויס זײַן ראָמאַן „שטערנטיכל״ (קאַפּ׳ 14), וואָס פאַר אַ שטאַרקן רושם עס האָט געמאַכט אויפן יונגן אַקסענפעלד דער בירגערליכער דײַטשער טעאַטער, מיט וועלכן ער האָט זיך צום ערשטן באַקענט אין ברעסלוי. אַקסענפעלד לאָזט אינם „שטערנשטיכל״ דעם אויפגעקלערטן פאַדריאַדטשיק אַקסמאַן דערקלערן דעם יונגן מיכל מציבה, וואָס פאַר אַ נוצן ער האָט פונם טעאַטער: „קומט דאָך דער טעאַטער צונויף

1 אַ סך פון זײַנע ספרים, יקרי המציאות. געפינען זיך איצט אין לענינגראַדער אזיאַטישן מוזיי, און דער שרײַבער פון די דאָזיקע שורות האָט זיך אָפט מיט זיי באַנוצט. (זע, צום בײַשפּיל, אונזער חערק, באַנד IV, 58, באַנד VII, ערשטער בוך, 98).

בעכער פון א בעל־דרשנס מוסר־זאָגן. דאָ, אינם טעאַטער, בעת מען האָט הנאה פון די אָנשטעלן, ווי דו, מיכל, רופסט עס — פעקלט מען אַרײַן איטליכן, וואָס זעען און וואָס הערן, אין האַרצן אַרײַן מוסר, און א ראיה, אַז גוט איז ערליך צו זײַן און גוטע לײַט צו פאָלגן — גייט תמיד אוים צום גוטן. פאַרקערט, ווידער, איז עס א ראיה, אַז בעל־גאווה, א שלעכטער מענטש, א הולטײַ, כאַטשע עס דאַכט זיך אַף א קורצער צייט — ער לויכט, קומט ער דערנאָך צו בזיונות".

און אַקסענפעלד האָט זיך טאַקע געשטעלט פאַר א מוסטער די דײַטשע בירגערליכע קאָמעדיעס, וואָס ער האָט געזען אין ברעסלוי און אין אַנדערע דײַטשע שטעט (און אפשר אויך אין אָדעס). ער פלײַסט זיך אונטערצושטרײַכן אין זײַנע קאָמעדיעס דעם מוסר־השׂכּל, „ווי גוט ס'איז ערליך צו זײַן און גוטע (ד"ה אויפגעקלערטע לײַט) צו פאָלגען", מיט דעם פעסטן גלויבן, אַז דעמאָלט „גייט תמיד אַלץ צו גוטן". אין זײַן „דער ייִדישער רעקרוט" וואַרפט אָבער אַקסענפעלד אויפן אַנטשיידנסטן אופן אָפּ דעם דאָזיקן בעל־הבתיש־אָפּטימיסטישן מוסר־השׂכּל.

אין קאָמישן זשאַנר זײַנען געשריבן די קאָלאָריטפולע סצענעס, ווו אַקסענפעלד שילדערט, ווי קינדיש אומגעלומפערט דער ניביוואַלער קהל מיט זײַנע צוויי פּרנס־חודשן רעאַגירן אויף דעם צוגעשיקטן רעקרוטן־אוקאַז. די פּיעסע ווערט אָבער טראַגיש, ווען עס מישט זיך אַרײַן דער גרעסטער עושר אין ניעביוואַלע און שטאַרקער חשוב בײַם שר פון דער שטאָט, אהרן קלוגער, וואָס איז לויט דעם אַווטאָרס רעמאַרקע: „א געלערנטער אין אַלערליי חכמות און לשונות" 1. אַקסענפעלד, וואָס איז טעאָרעטיש פולקום מסכּים מיט די איבעריקע משׂכּילים, אַז ייִדן דאַרפן גלײַך מיט אַלע ערפילן די מיליטער־פליכט, פאַרשטייט אָבער זייער גוט, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג, וואָס פירט פון דורות־לאַנג א גאַנץ אייגנאַרטיקן שטייגער לעבן, מוז באַטראַכטן דעם נײַעם אוקאַז, וואָס רײַסט אַרויס דעם רעקרוט פון זיין אייגענער סביבה אויף גאַנצע 25 יאָר, — ווי א שווערע ביטערע גזרה. דערפאַר קלאָגן טאַקע אַזוי אויף דעם אוקאַז בײַ אַקסענפעלדן ניט בלויז די פינצטערע נאַרישע ייִדענעס, נאָר אויך צפּורה און פערעלע, אויף וועלכע דער פאַרפאַסער זאָגט עדות אין דער רעמאַרקע, אַז זיי זײַנען „זייער שיין, זייער קלוג און זייער גוט". „דאָס וואָס מען זאָל נעמען ייִדן פאַר סאָלדאַטן, קלאָגט זיך פערעלע, איז דאָס אויך ניט קיין גזירה? דאָס איז דאָך אוודאי א ביטערע גזירה!" איר מאַן, דער היינטוועלטיקער רײַכער סוחר, וואָס

1 אחרן קלוגער (אויך אהרן בעל מחשבה) פיגורירט אויך אין „קבצן עושר־שפּיל".

האַנדלט מיט וואַרשע, גיט איר דערבײַ צו פֿאַרשטיין! „פֿאַרשטייט זיך, אַז דער, וואָס וויל אַ גלײַכן רעכט האָבן, ווי יענער, מוז נושא בעול זײַן גלײַך ווי יענער. הײַנט גיבן ייִדן אָבער נישט קיין רעקרוטן, דעריבער הייסט דער קייזער, אַז ייִדן זאָלן אויך געבן רעקרוטן, וועט שוין אַ רעכט זײַן, אַז זיי זאָלן מעגן גלײַך מיט יענע אומעטום וווינען און אומעטום האַנדלען". דערווידערט אָבער דערויף פּערעלע: „דערווײַל איז דאָך אָבער זייער שלעכט דער מאַמען מיטן טאַטן, אַז מען נעמט בײַ זיי אַוועק אַ קינד. ווי איז מיר, סטײַטש, אַ קינד אַוועקנעמען! אַז איך דערמאָן מיך דערינען, ווי אַזוי וואָלט מיר געווען, חס ושלום, עמיצער זאָל וועלן מײַן קינד אַוועקנעמען, — איך וואָלט געשטאָרבן פֿאַר אַ געוויס. וואָס העלפֿט מיר דאָס, וואָס מע נעמט בײַ יענעם אויך? איז יענעם אויך פֿינצטער. אָבער· מיר איז דאָך זייער שלעכט. שלעכטער פֿון אַלע אומגליקן פֿון דער וועלט" 1. „דאָ גייט ער דאָך אויף אייביק פֿאַר אַ סאָלדאַט!" 2— רופֿט אויס פּרומעלע, וואָס ווערט אויך כאַראַקטעריזירט בײַם פּאַרפּאַסער אַלס „זייער אַ שיין, קלוג, גוט מיידל". אויך פּנחס דער רויטער, וואָס מע האָט אים, לויט דעם אַוטאָרס רעמאַרקע, „ליב אין ניביוואַלע", און ער זאָגט אויף זיך עדות, אַז ער האָט זיך „די גאַנצע יאָרן אין באַרדיטשעוו געריבן צווישן די גרעסטע לײַט, האָט זיך אויסגעלערנט רוסיש און ייִדיש שרײַבן און לייענען; האָט זיך גענוג אָנגעהערט צווישן די בראָדער און צווישן אַנדערע מענטשן, וואָס זײַנען געניט און וואָס זײַנען געווען אַף דער וועלט אין אַנדערע מדינות, אַחוץ אין פּעטערבאָרג און אין מאָסקווע", — אויך ער פֿאַרהאַלט זיך גאַנץ קריטיש צום נײַעם אוקאַז. „מיר מיינען, טענהט ער, דאָס איז אַ גזירה; אַנדערע גרעסערע לײַט זאָגן, אַז דער קיסר האָט ייִדן דערמיט אַ חסד געטאָן, כּדי ייִדן זאָלן דערמיט האָבן גלײַך רעכט און אַ חזקה אין דער מדינה... מיר ווייסן לעת עתה נאָך ניט, וואָס דערפֿון וועט ווערן, נאָר סײַ־ווי־סײַ טאָרן מיר ניט זײַן אַקעגן רצון הקיסר יר״ה... איך ווייס, אַז פֿון דער נײַ איז עס ביטער; איך ווייס, אַז ייִדן זענען ביז אַהער פֿרײַ געווען פֿון רעקרוטן, איז אַף אַמאָל זייער שווער צו דערטראָגן אַ ייִדיש קינד אַוועקצוגעבן פֿאַר אַ רעקרוט. פֿאַרגעסט אָבער ניט, אַז די גזירה איז שוין, וואָס וועט דאָ העלפֿן אייער ניט וועלן? מיר רייסט מײַן האַרץ, איך פֿיל דאָס גאַנץ גוט, וואָס דאָס ביטערניש איז, אַ מאַמע זאָל איר זון מוזן אַוועקגעבן, אָדער פֿאָטער און מוטער זאָלן זען זייער קינד אַוועקנעמען פֿאַר אַ רעקרוט" 3.

1 אַקסענפֿעלדס ווערק, I, 161.

2 דאָרטן, 189.

3 דאָרטן, 154.

בלויז דער פון די „גרעסערע לײַט", דער אויבן דערמאָנטער פאַר־שטייער פון דער הויכער בורזשואַזיע, אהרן קלוגער, וואָס פירט גרויסע געשעפטן און איז צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אַלס גילדיע־סוחר באַפרייט, לויט דעם רעקרוטן־געזעץ, פון מיליטער־פליכט, — דער איז שטאַרק צופרידן פון דעם נייעם אוקאַז, ווייל ער האָפט, אַז אדאַנק דעם רעקרוטן־געזעץ „וועט שוין אַ רעכט זיין, אַז יידן (ד"ה, יידישע גילדיע־סוחרים) זאָלן מעגן גלייך מיט יענע אומעטום וווינען און אומעטום האַנדלען". גיט ער צו דערקלערן זיין ווייב פערעלען, אַז ווען „מיר זאָלן ניט האָבן אַזויפיל סאָלדאַטן מיט פאַלקן, מיט יענעראַלן, וואָלטן די פראַנצויזן אָדער אַן אַנדער שונא, אַלץ אַוועקגענומען גאָר אונדז מיט אונדזער פאַרמעגן... היינט פאַרשטייסטו, אַז די מאַמע מיטן טאַטן דאַרפן בשעת מעשה, אַז מע נעמט ביי זיי אַוועק אַ קינד פאַר אַ סאָלדאַט, וויסן, אַז דאָס קינד גייט טאַקע פאַר זיי, אַז ניט — וואָלטן דאָך אַלע געמוזט גיין אין דער מלחמה אריין" 1.

פאַר זיי, פאַר די רייכע און פאַר זייער פאַרמעגן, זיינען אָבער געגאַנגען פאַר רעקרוטן ניט זייערע אייגענע קינדער, נאָר קינדער פון די אָרעמע קלאַסן; און נאָך אין יאָר 1852, קורץ פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער רעקרוטשינע און דעם קאַנטאָניסטן־סיסטעם, ווענדען זיך צו דער רעגירונג עלף סוחרים ערשטער גילדיע און „ערענבירגער", מיטן באַוווּסטן יוזל גינזבורג בראש, מיט אַ מעמאָראַנדום, ווו עס ווערט באַזונדערס אונטערגעשטיצט די אידעע פון צעטיילן יידן אויף „ראַזריאַדן": אויף „נוצליכע" בירגער, ד"ה, אין דער ערשטער ריי סוחרים און אַנדערע „פּראָדוקטיווע עלעמענטן", און אויף „שעדליכע". אין די אינטערעסן פון די „נוצליכע" האָבן אָט די סוחרים ערשטער גילדיע געבעטן ניקאָ־לאַיען און זיינע מיניסטאָרן, אַז די לאַסט פון דער פאַרגרעסערטער רעקרוטן־פליכט זאָל אויפגעלייגט ווערן נאָר אויף די „אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן", דאָס מיינט אויף די יידישע אָרעמע קלאַסן 2.

אַקסענפעלד מיט זיין שאַרפן באַאָבאַכטער־אויג האָט צוגעזען, מיט וואָסערע נידערטרעכטיק־שווינדלערישע שפיצלעך די „נוצליכע בירגער", די „פני" און רעדלפירער פון דער שטאָט, האָבן אַרויפגעלייגט די שווערע רעקרוטן־פליכט אויסשליסלעך אויף די „שעדליכע און אונפּראָדוקטיווע עלעמענטן", ד"ה אויף די אָרעמע פאַלקסמאַסן, — און ער האָט דאָס ניט געקאָנט פאַרשווייגן, און דאָס בלויזגעשטעלט אין זיין „ערשטן רעקרוט".

---

1 אַקסענפעלדס ווערק, I, 162.

2 היסטאָרישע שריפטן, I, 782—787.

ער האָט אפילו געהאַט דעם מוט בלויזצושטעלן אין זײַן גאַנצער צביעות און נידערטראַכט ניט די אַלטפרענקישע פאַרפרומטע קהלס-לײַט, נאָר זײַן השׂכּלישן אידעאַל — דעם געבילדעטן און הײַנטוועלטיקן גרויסן סוחר אהרן בעל מחשבה. בעת אהרן גיט צו פאַרשטיין זײַן פרוי פערעלע דעם באַטייט פון דעם נײַעם רעקרוטן-געזעץ, ווײַזט ער אָן, אַז מען „מוז א גורל וואַרפן, וועט עס זאָל בלײַבן אין דער היים און וועט עס זאָל גיין פאַר א סאָלדאַט. דעם גורל מאַכט איטליכס דאָרף, איטליכע שטאָט צישען זיך טאַקע, און קלויבט אויס וועמען צו געבן פאַר א רעקרוט. דעריבער דאַרפן מיר באַטראַכטן די סאָלדאַטן פאַר טײַערע מענטשן, וואָס גייען אין דער מלחמה אַרײַן פון אונזערטוועגן״ [1].

די דאָזיקע רייד זײַנען אָבער לויטער צביעות און שווינדל. די שטאָט ניביוואַלע וואַרפט ניט קיין גורל, אהרן בעל-מחשבה פאַרטראַכט איינער אַליין א שפּיצל, ווי אַזוי אָפּצונאַרן נחמן דעם גרויסן, אַז ער, דער בן-יחיד בײַ דער בלינדער מאַמען, זאָל גיין פאַר א סאָלדאַט. און דעם דאָזיקן נחמן באַטראַכט אהרן בעל-מחשבה כּלל ניט פאַר קיין „טײַערען מענטשן״, אדרבה, ער שטרײַכט צוויי מאָל אונטער, אַז מען וועט דורכדעם „פּטור ווערען אַזאַ הולטײַ פון דער שטאָט״ [2].

וועער איז ער עס, אָט דער דאָזיקער נחמן דער גרויסער, וועמען דער הויכגעבילדעטער און קלוגער אהרן דערקלערט פאַר א „הולטײַ״, וואָס די שטאָט דאַרף פון אים פּטור ווערן? אין פאַרשווינען-צעטל ווערט נחמן כּאַראַקטעריזירט: „ער איז אין שטאָט א מה יפיתניק, א צרה, א שיינער, קלוגער יונג אפילו מיט מעלות, נאָר ניט קיין לייט״. נחמן גופא ווײַזט אָן:

> אַז איך וויל, קען איך לערנען און שרײַבן,
> נאָר איך האָב ליב קאַטאָוועסלעך צו טרײַבן [3].

ער דערקלערט, אַז בײַ אים „איז אַלט און יונג, אָרעם און רייך, א למדן און א עם-הארץ אַלץ גלײַך״. מיר ווייסן אויך פון דעם לידל, וואָס ער זינגט, אַז פון זײַנע „אָנשטעלן לאַכן אַלע״, און אַז ער וויל „די גאַנצע שטאָט דערשרעקן, גייט ער פּסח אַרום צו סליחות וועקן״. אַז ער שלאָגט זײַן אייגענע מאַמען, דאָס האָט מען בלויז אויף אים אויס-געטראַכט, ס'איז לא היה ולא נברא, און די מאַמע זײַנע פאַרזיכערט,

---

1 אַקסענפעלדס ווערק, I, 162.

2 דאָרטן, 176, 180.

3 „ער רעדט נאָך, מישטייענס געזאָגט, אַזוי גוט פּויליש דערצו״, — זאָגט איך אים עדות פּנחס דער רויטער (דאָרטן, 192).

אז „ער איז געווען א פארשייטער יונג, אבער א גוטער יונג״ 1. „אבער איין ערליכער גוטער יונג איז ער דאך״, זאגט אויף אים עדות פרומעלע 2. דאס ערגסטע „שפיצל״, וואס דער „מהיעשעניק״ האט אפגעטאן, באשטייט אין דעם, וואס בשעת דער פרנס־חודש, וועלוול גיליוואטע, „איז געגאנגען איבער דער גאס אין זיין משא־ומתן, קומט דער מהיעשהניק פון הינטן און גיט א שנאל אין זיין גולע אריין און טועט א שפרונג אוועק״ 3.

הכלל, מיר האבן פאר זיך יצחק לאנדאס „קונדס״ אין עטליכע יאר ארום, ווען יענער איז אונטערגעוואקסן און געווארן א גרויסער. ווי לאנדאס קונדס איז אויך נחמן דער גרויסער אויסגעוואקסן אן א טאטן, איז פון דער נאטור באגאבט, און אים איז ענג און לאנגוויליק אין די מרה־שחורהדיקע געסלעך פון ניביוואלע, — ברענגט ער אוים זיינע אויפגע־וואכטע ניט־דיסציפלינירטע כוחות אויף קונדסישע שטיק, אויף לידלעך זינגען אין שענק פאר בעל־מלאכה־יונגען. נחמן איז אויך אן ארייננייער צו אהרן בעל־מחשבה אין הויז, יענער מאכט זיך לוסטיק מיט דעם קלוגן פארשייטן יונג. נחמן מיינט אפילו, אז „ר׳ אהרן וויל פון מיר א מענטש מאכן״. ער האט אבער א טעות, דער נאיווער, גוטמוטיקער נחמן. א פארשייטער יונג, וואס זינגט לידער אין שענק — שאקירט דעם רייכן סוחר, וואס „איז א חשוב ביי דעם שר פון דער שטאט״, ביי דעם גראף ניביוואלסקי אליין. ער האלט נחמנען פאר א הולטיי, וואס די שטאט דארף פון אים וואס גיכער פטור ווערן. ער דיקטירט מיט א כיוון נחמנען קונדסישע קופלעטן, יענער זאל זיי זינגען אין שענק, בכדי נאך מער אויפצורייצן קעגן אים די פארפרומטע בעלי־הבתים פון ניביוואלע; ער, דער „פני״ פון דער שטאט, באשטימט אים פאר א קרבן. דורך א שווינדל־שפיצל פארנארט מען לויט אהרנס איניציאטיווע דעם נאיוון נחמן, מען רעדט אים איין, אז די שיינע פרומעלע איז אין אים פארליבט, און אז איר ווילן איז — ער, דער בן־יחיד, וואס איז פריי פון מיליטער־דינסט, זאל זיך פרייוויליק פארשרייבן פאר א רעקרוט...

ס׳איז ניט וויכטיק דער מעלאדראמאטישער סוף, ווי פרומעלע, די צארטע בת־יחידה, פארליבט זיך טאקע אויף דער אמתן אין דעם שיינעם גוטמוטיקן נחמנען און שטארבט פאר הארץ־ווייטאג, און איר מוטער, די קלוגע און גוטע צפורה, גייט אראפ פון זינען. כאראקטעריסטיש ביז גאר איז אהרן בעל־מחשבה׳ס לעצטע רעפליק: „איך האב געטאן נאר מיט שכל, איך האב פארגעסן, אז דארטן, ווו דאס הארץ פילט, הערט אויף דער שכל״. אפילו די שווערע קאטאסטראפע ברענגט אים ניט

1 אקסענפעלדס ווערק, I, 195.

2 דארטן, 190.

3 דארטן.

צו חשבון הנפש. ער איז אלץ ביי זיך זיכער, אז דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן מיט נחמן דעם גרויסן, איז „געטאָן געוואָרן מיט שׂכל“, און אויך מיט יושר, נאַטירליך — ס׳איז דאָך אַ יושר די כּשרע שטאָט ניביוואַלע זאָל פּטור ווערן פון אַזאַ „פּאַרשייטן הולטייִ“...

ס׳איז אויך כּדאַי אָנצוווייַזן פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן פּרט: פון אַלע דרייַסיק אָנגעשריבענע ווערק [1] האָט אַקסענפעלד אויף דער עלטער בייַ דער ערשטער מעגליכקייט קודם־כּל אָפּגעדרוקט (צוזאַמען מיטן אַנטיחסידישן ראָמאַן „שטערנטיכל“) די פּיעסע „דער ערשטער רעקרוט“.

דאָ באַרירן מיר אַקסענפעלדס טיפּע לעבנס־דראַמע, וואָס איז ניט בלויז פון גרויסער וויכטיקייט פאַר דעם שריפטשטעלערס ביאָגראַפיע, נאָר האָט אויך אַ געוויסן קולטור־היסטאָרישן באַדייַט.

„אין אַ סך שטעט פון אונזער פאָטערלאַנד,—דערציילט אַ שריפט־שטעלער פון יענער תּקופה, יאָאַכים טאַרנאָפּאָל [2],— ווי, למשל, וואַרשע, ווילנע, אָדעס, מאָהילעוו, בערדיטשעוו וכדומה, וווּ עס געפינען זיך גאַנצע גרופּעס געבילדעטע יידן, עקזיסטירט אין די דאָזיקע אויפגעקלערטע קרייַזן אַ באַזונדער מין ליטעראַרישע אונטערהאַלטונג: מען פאַרברענגט די צייַט אין פאָרלעזן אויפן פּשוטן פּויליש־יידישן זשאַרגאָן דערציילונגען, דראַמאַטישע סצענעס, גאַנצע בראָשורן אין לידער אָדער פּראָזע. אין די דאָזיקע ביכלעך, וואָס מ׳לייענט פאַר גאַנצן צונויפגעקליבענעם עולם, ווערן אין אַ זייער שאַרפער פאָרם אויסגעלאַכט מערערע נאַרישע מנהגים, פאַראַלטערטע אָבערגלויבנס און פאַלשע חסידישע אָנשווּונגען“.

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז דערבייַ, וואָס אָט די דאָזיקע משׂכּילישע ליטעראַטור, וואָס איז „אויף פּשוטן זשאַרגאָן געשריבן“, איז אין גרעסטן טייל געבליבן אַ געשריבענע ליטעראַטור, און מען האָט זי פאַרשפּרייט ניט אין דרוק־עקזעמפּלאַרן, נאָר אין אַ באַגרעניצטער צאָל אָפּשריפטן. צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פונם „המליץ“ און „קול מבשׂר“, פּרוווט אָנווייַזן דעם טעם, אָדער ריכטיקער די טעמים, פון דער דאָזיקער דער־שיינונג: „טייל, — שרייַבט ער, — האָבן עס געמאַכט פאַר אַ שפּאָס און האָבן גאָר נישט געדענקט אַזעלכע שריפטן אַרויסצוגעבן; טייל האָבן זיך פּשוט געשעמט פּלוצלינג מחבּרים צו ווערן אין דעם אָרימען זשאַר־

1 אין דעם אויבן דערמאָנטן רייסטער פאַרצייכנט אַקסענפעלד בלויז 26 חערק; עס חערן אָבער דאָרט ניט דערמאָנט די דעמאָלט שוין געדרוקטע „שטערנ־טיכל“ און „דער ערשטער יידישער רעקרוט“, און אויס אינז אומבאַקאַנטע מאָטיוון, די אונז אויס אַנדערע קוועלן באַקאַנטע „ספר חסידים“ און „מצות באָקן“.

2 Опыт современной и осмотрительной реформы 86—7.

גאַן, וואָס עס איז צו ווינטשן, ער זאָל גאָר פאַרגעסן ווערן פון אונזערע רוסישע ברידער, אַזוי ווי ער עקזיסטירט שוין ניט אין דייטשלאַנד. טייל האָבן גאָר געפּיערט, מען זאָל, חלילה, ניט אויסבילדן דעם שעדליכן זשאַרגאָן. די שרייבער אין דעם לשון האָבן גאָר געגאָלטן פאַר מאַר־שאַליקעס; וועמען גלוסט זיך אַזאַ ראָלע צו שפּילן" 1. דער אַלטער צעדערבוים ווייזט אָבער ניט אָן אַלע סיבות פון דער דאָזיקער אינטע־רעסאַנטער דערשיינונג. ער פאַרשווייגט דוקא די וויכטיקסטע. עס איז קלאָר, אַז אַקסענפעלד האָט אויף זיינע „אין פּראָסט יידיש" געשריבענע ווערק ניט געקוקט ווי אויף „אַ שפּאַס" און האָט זיך כּלל ניט געשעמט צו ווערן אַ מחבר „אין דעם אָרימען זשאַרגאָן". מיר האָבן שוין אָנגע־וויזן, אַז דער טעמפּעראַמענטפולער אַקסענפעלד האָט אויף דער שפּראַך פון די פאָלקסמאַסן געקוקט ווי אויף דעם בעסטן קאַמפּסמיטל, וואָס מיט זיין הילף איז מעגליך צו פירן דעם עקשנותדיקן קאַמף קעגן די פאַראַלטערטע לעבנספאָרמען, קעגן חסידות און אָבערגלויבן. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז זיין הייסער ווונטש איז געווען צו פאַרשפּרייטן וואָס מער זיינע ווערק, מאַכן זיי אויפן ברייטסטן אופן צוגענגליך די ברייטע פאָלקסמאַסן. און דאָ פאַנגט זיך אָן אַקסענפעלדס לעבנס־טראַגעדיע: מען נעמט ביי אים צו די מיגליכקייט זיינע ווערק צו דרוקן. גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר פירט ער דעם עקשנותדיקן קאַמף, ער שטרעבט זיינע ווערק צו פאַרשפּרייטן, מאַכן זיי צוגענגליך די ברייטע פאָלקשיכטן און ער האָט דעם קאַמף פאַרשפּילט...

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ווי שווער עס איז אָנגעקומען מנשה איליער און יצחק בער לעווינזאָנען דער קאַמף מיט די יידישע דרוקערס, וואָס האָבן ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז מיט דער הילף פון זייערע דרוק־ווארשטאַטן זאָלן פאַרשפּרייט ווערן „געפערליכע" אפּיקורסישע ביכער. דער דאָזיקער קאַמף איז זעלבסטפאַרשטענדליך געפירט געוואָרן ניט בלויז בנוגע העברעישע ביכער, נייערט אין נאָך שאַרפערער פאָרם אויפן געביט פונם פאָלקס־בוך, וואָס איז געשריבן אויף דער שפּראַך פון די ברייטע מאַסן.

מיר האָבן שוין אין פאָריקן באַנד געזעען, ווי די יונגע חסידישע באַוועגונג האָט פאַרשטאַנען אויסצונוצן די פאָלקס־שפּראַך אַלס מעכטיק קאַמף־און אַגיטאַציע־מיטל צו פאַרשפּרייטן אירע אידעען צווישן די ברייטע שיכטן. אָבער ניט בלויז די חסידישע ספרים, — די יידישע אויס־גאַבן פון שבחי הבעש"ט, דעם בראַסלאַווערס „סיפּורי מעשיות" וכדומה

1 קול מבשר, 1869, נומ' 22, 247—248.

זײַנען פאַרשפּרייט געוואָרן אין די פֿיל טויזנטער עקזעמפּלאַרן, און אויסגעהאַלטן איין אויסגאַבע נאָך דער אַנדערער. די אַלט־ייִדישע ליטע־ראַטור, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צום אַלטן פּאַטריאַרכאַלישן סדר לעבן, צו דעם וועלט־באַנעם פֿונם פּשוטן פֿאָלקס־מענטשן, פֿון דער אַלט־מאָדישער ייִדישער פֿרוי, האָט זיך כּלל ניט פֿאַרענדיקט מיטן 18טן יר״ה און ניט אויפֿגעהערט צו ציען איר ווײַטערדיקן פֿאָדעם אויך אין משך פֿונם 19טן יר״ה [1], אין דער תּקופֿה פֿון השׂכּלה־באַוועגונג; און די השׂכּלה־ליטעראַטור איז נאָך אַ בערך לאַנגע צײַט ניט אימשטאַנד געווען די אַלטפֿרענקישע פֿאָלקס־ליטעראַטור צו פֿאַרדרענגען און איר אָרט צו פֿאַרנעמען. עס דרוקן זיך אין פֿיל אויפֿלאַגעס ניט בלויז די איבער־זעצונגען פֿון די אַלטע מוסר־ספֿרים און פֿון היסטאָרישע ביכער, ווי דער „יוסיפון", „שבט יהודה", „יון מצולה" און אַנדערע, נייערט אויך אין זייער אַ גרויסער צאָל „קורצווײַליגע" געשיכטן, אַלע מעגלעכע מעשׂיות און ביכלעך פֿון וועלטלעכן אינהאַלט. דאָס באַרימטע „מעשׂה בוך" ווערט מגולגל אין אליעזר פּאַווירס „ספּורי הפּלאות", וווּ עס זײַנען שוין פֿאַר־דרענגט די רעשטן פֿון „ייִדיש־דײַטש", און די מעשׂיות ווערן דערציילט אין אַ ריין פֿאָלקסטימלעכער שפּראַך. דאָס אַמאָל אַזוי פּאָפּולערע „בבא־בוך" ווערט אין סוף 18טן יר״ה מגולגל און דער „בבא־מעשׂה", וואָס דערגרייכט ערשט אינם 19טן יר״ה די געוואַלדיקע פּאָפּולאַריטעט פֿונם אמתן פֿאָלקס־בוך [2]. דאָס אייגענע איז אויך דער פֿאַל מיט „צענטורע וועטורע" און אַ סך אַנדערע דערציילונגען פֿון „טויזנט און איין נאַכט". עס זײַנען אויך געדרוקט געוואָרן פֿיל נײַע ווערק, אָריגינעלע און איבער־זעצונגען, כּמעט אויסשליסלעך אַנאָנים. מיר האָבן שוין אין אונזער ערשטן באַנד אָנגעוויזן (ז' 307—313), אַז אין 1825 איז אין ווילנע — גראָדנער דרוקערײַ דערשינען אַ נײַע געגראַמטע איבערזעצונג פֿון דעם באַרימטן מיטלאַלטערלעכן „משלי שועלים". אין דעם זעלביקן יאָר איז אין דער זעלביקער דרוק דערשינען אַ בריוושטעלער אונטער דעם לאַנגן טיטול „מסדר אגדות אודר איין נייער שרייב לעהריר און בריפשטעלער פֿיר ייִדישע קינדר ביידע גישלעכטיר", וועגן וועלכן דער באַוווּסטער פֿאָלקלאָריסט יהודה עלזעט שרײַבט, אַז פֿיל פֿון די דאָזיקע בריוו זײַנען

---

1 עס איז דער פֿאַרדינסט פֿון דעם שפּראַך- און קולטור־פֿאָרשער זלמן רייזען, וואָס האָט אין אַ משך אַרטיקלען („ייִוואָ בלעטער", ב' I, נום' 3, ב' II, נום' 4—5, ב' III, נום' 1, 3) באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די דאָזיקע אין קולטור־היסטאָרישער הינזיכט וויכטיקע דערשײַנונג.

2 אין אײן ווילנא האָט די „באָבע־מעשׂה" אין משך פֿון 1824 ביז 1860 אויסגעהאַלטן גאַנצע צען אויפֿלאַגעס.

„ממש אַן אוצר פאַר דעם, וואָס וויל האָבן אַן אײַנבליק אין דאָס פאַמיליענלעבן פון פאָלק, זיינע געזעלשאַפטליך־עקאָנאָמישע שטרעבונגען און באַמיִונגען, מנהגים, קליידונג אאַז״וו״ [1]. אין 1830 דערשײַנט אין ווילנע אין דער דרוק פון יצחק דוואָרזיץ אַ „קורץ געפּאַסטער ראָבינזאָן״ איבערגעזעצט „נאָך הערן קאַמפּע״ [2]. אין אַ יאָר אַרום ווערט געדרוקט אַ ייִדישע איבעראַרבעטונג פון משה שמואל ניעמאַנס ביבלישער דראַמע „בת יפתח״ (פאַרעפנטליכט אין ווין אין 1805) [3]. צו דער זעלביקער צײַט דערשײַנט אין ווילנע די אייגנאַרטיקע מעשה „מרדכי און אסתר, איין שיין וואונדערליכע היסטאָריע פון איין חתן מיט איין כלה״ [4].

1 מיר ציטירן לויט ז. רײזען, „ייִווא בלעטער״, ב׳ II, נומ׳ 4—5, 373.

2 דער פולשטענדיקער טיטל: קורץ געפּאַסטער ראָבינזאָן, איינע וואונדערבאַרע היסטאָריע, וואָס עס האָט זיך פּאַסירט מיט דעם יונגן ראָבינזאָן, וועלכן מען האָט גערופן קרוזאָע, אַלעס ער איזט פּעררײַסט אויף זעע (ים) אָן וויסען זײַנער עלטערן. אונד דיא אונגליקן וועלכע עס האָט איהם גיטראָפין און ווי וואונדר גאָט האָט איהם געהאָלפין, ווײַל ער האָט זיך נאָך דעם פיל גיבעסערט. עס איז איין גרויס מוסר פאַר יונגע מענטשין, דאָס זייא זאָללען ניט טאָן אָן ערלויבניס איהרע עלטערן, קורץ איבערגעאַרבעט.

אין דעם עקזעמפּלאַר, מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַנוצט, איז אונטער דער קורצער ווענדונג „אָן דען לעזער״ בלויז אָנגעוויזן: „פאָן איבערזעצער״. מערקווירדיקער־ווײַזע איז אָבער אין דעם עקזעמפּלאַר, מיט וועלכן ז ר זען האָט זיך באַנוצט, אונטער דער הקדמה אָנגעוויזן דער נאָמען פון דעם איבערזעצער: לעווין פעהר גארמייזא. ווי דער לייענער זעט אויס דעם שער־בלאַט, איז דער „קורץ געפּאַסטער ראָבינזאָן״ געשריבן אַ ביסל „דײַטשמעריש״. אין אַ ריין פאָלקסטימליכער שפּראַך איז דערשינען נאָך מיט עטליכע יאָר פריער אין גאַליציע אַ באַאַרבעטונג פון דעמאָס דערציילונג אונטערן טיטל „ראָבינזאָהן, די געשיכטע פון אַלטער לעב״ (באריכות וועגן דער דאָזיקער באַאַרבעטונג, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַ סך אויפלאַגעס, זע: מ. ווינער, פילאָלאָגישעס זאַמעלבוך; נח פּרילוצקי, ייִווא בלעטער, ב׳ III, 36—44). די דאָזיקע באַאַרבעטונג איז פול מיט משכּילישע סענטענצן, אַז מען דאַרף לערנען שפּראַכן און פאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט.

3 אין אונזער רשות געפינט זיך די ווילנער אויסגאַבע פון 1844. מיר ברענגען דאָ דעם שער־בלאַט: בת יפתח הגלעדי. יסופר באריכות על דרך ההוה איין פאַרכטיקע מעשה, אַרויש גינימן פון ספר שופטים וויא יפתח הגלעדי דער שופט פון ישראל האָט זײַן איינציגע טאָכטער חנה פאַר איין קרבן מקריב געווען, ווײַל ער האָט איין נדר גיטאָן, און האָט וועלין זיין נדר מקיים זײַן; אויך די פרומקייט פון דר בתולה חנה. פון דער מעשה איז צו לערנן וויא איין מענש מוז זיך גוט פר היטן איידער ער לאָזט רייד פון זיין מויל אַרויש, זוא וויא עש שטייט געשריבן: שמור פתחי פיך, דאָס איז טײַטש: זאָלשט היטן דיא טירן פון דײַן מונד.

4 אין אונזער רשות געפינט זיך די דאָזיקע דערציילונג אונטער אַ ביסל געענדערטן טיטל: „היסטאָריע, איינע שיינע היסטאָריע פון איין חתן וכלה, וואָש זיך גיטראָפין האָט אין סאַלוניקע״. ווײַל דער שער־בלאַט פעלט, ווייסן מיר ניט דעם דרוק־אָרט און דאָס יאָר פון דער אויסגאַבע.

אלס אינטערעסאנטן פרט אין כדאי אנצומערקן, אז אזעלכע אויסגאבעס פלעגן אפט דערשיינען סעריעס־ווייז. א גאנצן זאץ פון אזעלכע סעריעס האט ארויסגעלאזט אין די צוואנציקער און דרייסיקער יארן דער סודילקאווער דרוק. יעדער ביכל פון דער זאמלונג האט געהאט זיין באזונדערן שער־בלאט, נאר די פאגינאציע איז געווען אן אייגהייט־ליכע אין דער גאנצער סעריע. איינע פון די דאזיקע סעריעס „ספורי מעשיות״, וואס איז דערשינען אין 1834, האט מען נאכדעם, ווי די דרוקערייען אין וואלין זיינען לויטן אוקאז פון 1836 פארמאכט געווארן, איבערגעדרוקט איינציקע מאל אין ווילנע 1. פון די 15 ביכלעך, וואס גייען אריין אין דער דאזיקער זאמלונג, זיינען איניקע פון זיי, ווי אלדד הדני, ספר נשיקת משה, ספר מעשה ישורון, גזירת אומאן ואוקריינא א״א, איבערגעדרוקט פון פריערדיקע אויסגאבן; אנדערע ווידער, ווי „ספר מעשה צדקה״ 2 און „ספר מעשיות נחמדים״ 3, זיינען גענומען פון מדרש און גמרא, צונויפגעפלאכטן מיט באדייטנדיקע צוגאבן פון נייערן מינד־ליכן דערציילערישן פאלקס־שאפן. א באזונדער ארט פארנעמט אין דער דאזיקער זאמלונג דאס ביכעלע „משל ומליצה״ 4, אויף וועלכן עס האט דער ערשטער אויפמערקזאם געמאכט זלמן רייזען (ייוואָ־בלעטער״ III,

---

1 אין אונזער באזיץ געפינט זיך די ווילנער אויסגאבע פון 1845 (צענזור־דערלויבעניש פונם 31־סטן מערץ 1844).

2 אויפן שער־בלאט איז אנגעוויזן: אין דעם ספר ווערט דערציילט, ווי איינר האט צוגיגעבן די קליידער מיט דעם צירונג מיט דעם נדן פון זיין טאכטער צו א פרעמדער כלה. אויך ווי איינר איז געזעען א מכניס אורח און א גרויסער בעל־צדקה, און ווי אזוי עש האט זיך גיפירט מיט אים ביז זיין לעבין איז גיוועזן: און ווי ער האט גידאבונט מיט די אבות אברהם, יצחק ויעקב און משה ואהרן און דוד המלך, און זיין סוף איז זייער גוט גיוועזן ובזכות צדקה וועט במהרה בימינו קומן דער גואל צדק אמן סלה.

3 אויפן שער־בלאט איז אנגעוויזן דער מוסר השכל פונם חיבורל: אין דעם ספר ווערט דערציילט פיל מעשיות זייער שייני, ווי הש״ית פירט אויש דעם גרעכטן אויף עולם הזה, און אויף עולם הבא איז זיין שכר אן איין ע״ך און איין שיעור. און די בעלי לשון הרע איז זייער סוף ניט גוט אויף עולם הזה חוץ אויף עולם הבא האבן זיי גרוש עונש. דריבר גיהער איטליכער מענטש זיך דערוויטערן פון לשון הרע און זאל זיך באהעפטן מיט די צדיקים וחסידים ובזכות זה וועט קומן דער גואל צדק במהרה בימינו אמן.

4 דער פולער שער בלאט: ספר משל ומליצה, איין קלוג מוסר, ווי דער מענש זאל זיך פירן אויף דער וועלט, ער זאל ניט מאכין קיין עיקר דאס געלט, ער זאל זיך אין דער תורה און אין גאטש פארכט צוגעבין, ער זאל זיך קויפין דאס איביגע לעבין, וועט אים בעולם הזה און בעולם הבא זיין וואול, און וועט דער לעבין כי יבוא לציון גואל, במהרה בימינו אמן.

256—259). דאָס איז אַ געגראַמטע איבערזעצונג פון דער אין 1819 דערשינענער דידאַקטישער, אין מאַקאַמען־סטיל געשריבענער פּאָעמע „תורת אדם וקורותיו" 1. בכדי דער לייענער זאָל האָבן אַ באַגריף וועגן דעם סטיל פון דער פּאָעמע אין ייִדישער איבערזעצונג, ברענגען מיר פון דאָרטן אַ קורצן פראַגמענט:

„וַיְהִי, ווי איך האָב זיינע רייד גהערט, האָב איך מיך צו אים גקערט, ער האָט מיך אין זיין הויז געפירט, עס וואָר מיט טייערי שטיינער אויש גציערט, שיינע כלים טוען דרינען שטיין, פון גאָלד פון זילבער און פון איידל גשטיין, בעטן און שטולן מיט יאַוועלין בשטעקט, מיט זיידני פּאָלשטערן דריבער גדעקט. וויא איך האָב דאָש וואָול בטראַכט, האָב איך מיר דאָרט מיין זיצונג גימאַכט, איך זאָג — אויף דעם האָב איך גיהאָפּט אימר, צו וואוינען אין זוא איין צימער, צו באַזעצין זיך צווישן גרושי לייט, דאָס האָב איך מיר גוואונטשן אַלע צייט, איך האָב מיין פּאַטערש הויז פאַרגעסן און בין דאָרטן גזעסן.

וַיְהִי, ווי עס איז שוין דרייצעהן יאָר פאַר גאַנגן, האָט מען מיר איין בריב פון מיין פּאַטער אַבימלך טאָן דערלאַנגן, דארך איינעם אויש מיין לאַנד, וואָש איך בין אים וואול באַקאַנט. אין דעם בריב איז גוועזן געשריבן: מיין זון, איך האָב דיך באַשוואָרין, וויא באַלד דוא בישט וואַרן געבוירן, זאָלשט היטן מיין תורה און מיין גיבאָט, זאָלשט ניט אָפּטרייטן פון דעם ליבן גאָט. דוא האָשט אָבער מיינע רעד ניט צוגעהערט און האָשט דיך פון דעם גוטן וועג אוועק גיקערט..."

אין 1836 זיינען, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַלע ייִדישע דרוקערייען פאַרמאַכט געוואָרן און לויט דעם נייעם געזעץ האָבן געזאָלט געעפנט ווערן בלויז צוויי דרוקן: איינע אין ווילנע און די אַנדערע אין דרום־קאַנט. נאָר אין משך פון העכער צען יאָר איז די ווילנער ייִדישע דרוקעריי געבליבן די איינציקע אין דער גאַנצער אימפּעריע (אויסער קרוין־פּוילן), ווייל די דערלויבעניש צו עפענען אַ דרוקעריי אין קיעוו איז געבליבן אין אַ לאַנגן משך צייט ניט רעאַליזירט 2, און ערשט אין 1847 איז געגרינדעט געוואָרן די צווייטע ייִדישע דרוקעריי אין זשי־טאָמיר.

דער דרוק־מאָנאָפּאָל האָט נאָך אין באַדייטנדיקער מאָס פאַרער־גערט די שווערע לאַגע פון דער השכלה־ליטעראַטור. פרײַ פון יעדער

---

1 דער פאַרפאַסער פון דעם חיבור איז אַ געהיסער אהרן ב"ר יהודה הלוי אויס דעם וואָלינער שטעטיל אָלעקסעניץ (זע „ייִדיש בלעטער", VII, 88).

2 זע וועגן דעם פ. קאָנס אַרבעט אין דער וואַרשעווער „ביכער וועלט", 1929, נומ' 3—4.

קאָנקורענץ, האָבן די דרוקער-מאָנאָפּאָליסטן געהאַט די מעגליכקייט אומ- געשטערט צו שטייגערן אויף זייער אייגענעם באַראַט די דרוק-פּרייזן און דרוקן בלויז די ווערק, וואָס זיי געפינען פאַר נוצליך און רעליגיעז כשר עס איז קלאָר, אַז ביי אַזאַ לאַגע האָט אַמשווערסטן געמוזט לייד א שריפטשטעלער מיט אַזאַ קעמפערישער נאַטור ווי ישראל אַקסענפעלד

נאָך אין די דרייסיקער יאָרן פון פאָריקן יר״ה, ווי נאָר אַקסענפעלד האָט זיינע ערשטע ווערק אָנגעשריבן, האָט ער געפּרוּווט זיי דרוקן אין ווילנע. דער „ספר חסידים״ זיינער איז שוין געווען באַזאָרגט מיט דער באַוויליקונג פון דער צענזור, דער ווילנער דרוקער אָבער, וואָס האָט, ווי מיר האָבן אָקערשט געזעען, אַזוי גערן איבערגעדרוקט די סעריעס פאָלקס- ביכער פון דער סודילקאָווער דרוקעריי, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן אַקסענפעלדס ווערק, וואָס זיינען געשריבן אין אַזאַ שאַרפן אַנטיחסידישן טאָן [1]. אַקסענפעלד האָט אָבער ניט געוואָלט נאָכגעבן. ער האָט זיך געווענדעט מיט אַ בקשה צום בילדונגס-מיניסטער אוּוואַראָוו, אין וועל- כער ער דערציילט באריכות, וואָס ער באַצוועקט מיט זיינע ווערק [2], וואָס פאַר אַ גרויסן נוצן זיי קאָנען ברענגען דעם פשוטן יידישן לייענער, און דער גאַנצער עיכוב איז, וואָס דער ווילנער דרוקער וויל בשום אופן זיי ניט דרוקן. „דעריבער, שליסט אַקסענפעלד זיין בקשה, דערלויב איך מיר פאָלגזאַמסט בעטן אייער עקסעלענץ פאַרצושרייבן וועמען מע באַדאַרף וועגן צוטרעטן אָן שום מניעות צום דרוקן מיינע ווערק״ [3]. די בקשה האָט אָבער צו קיין שום ממשותדיקע רעזולטאַטן ניט געבראַכט. לויט דער אָנפראַגע פונם בילדונגס-מיניסטעריום, האָט דער ווילנער צענזור- קאָמיטעט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די ווילנער דרוקער, און יענע האָבן שריפטליך דערקלערט, אויס וואָסערע טעמים זיי קאָנען זיך ניט אַנטשליסן צו דרוקן אַקסענפעלדס „ספר חסידים״: „דאָס ווערק איז פאַר- פאַסט ניט אויף אַ וואָסערן ס׳איז ריינעם לשון, נאָר אויף דער שפּראַך, וואָס ווערט געברויכט צווישן דעם יידישן פשוטן עולם און אַנטהאַלט

---

1 ס׳איז כדאי אָנצומערקן, אַז אפילו די צווייטע אויסגאַבע פון לעווינזאָנס „תעודה בישראל״ האָט דער ווילנער דרוקער אויך קיין חשק ניט געהאַט צו דרוקן, און ערשט ווען לעווינזאָן האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך וועגן דעם קלאָגן פאַר דער מאַכט, האָט ענדליך דער ווילנער דרוקער זיך מזרז געווען, און אין 1856 אַרויס- געלאָזט פון דרוק לעווינזאָנס ווערק (זע אגרות ריב״ל, 1896, 15).

2 ס׳איז כדאי אָנצומערקן, אַז אין דער בקשה צו אוּוואַראָוון בעת ער דערמאָנט זיין ערשט ווערק „ספר חסידים״, פאָלגט דערביי די באַמערקונג „אַ מין דאָן-קיכאָט״.

3 זע: ש. גינצבורגס אַרטיקל אין „פילאָלאָגישע שריפטן״, 43—54, און י. רימיניקס אַרבעט אין „ציטשריפט״, V, 171—180.

אין זיך בלויז זלזולים קעגן דער חסידישער סעקטע, מיט שאַרפֿסטע באַשולדיקונגען אי קעגן דער סעקטע גופא, אי קעגן אירע רביים און מיט אומאָנשטענדיקע, אויסגעלאַסענע לצנישע אויסדריקן קעגן זייערע דבורים און אויפֿפיר... באַזונדערס געפינען מיר, וואָלט דאָס דרוקן דעם ספר אין אונזער דרוקערײַ אונז פאַרשאַפֿט גרויסע היזקות, וואָרום דורכדעם וועלן קעגן אונז שטאַרק אויפגעבראַכט ווערן די חסידים, וואָס בילדן אַ גרויסן טייל ייִדן, און זיי וועלן אויפהערן נעמען פון אונזער דרוקערײַ ייִדישע ספרים". צום שלום וויזן די דרוק־באַזיצער אָן, אַז זיי וועלן דרוקן דעם „ספר חסידים" נאָר דעמאָלט, אויב זיי וועלן באַקומען אַ דיי־רעקטע פֿאָדערונג פון דער רעגירונג. דעמאָלט וואָלט פון זיי אָפּגעוואָרפן געוואָרן די שולד קעגן דעם חסידישן עולם. דאָס בילדונגס־מיניסטעריום איז אָבער דערויף ניט אײַנגעגאַנגען [1].

ווען אַקסענפעלד האָט זיך איבערצײַגט, אַז דרוקן זײַנע ווערק איז דערווײַל קיין האָפענונג ניטאָ, האָט ער זיך געווענדעט צו אַוואָראַוון מיט אַ צווייטער בקשה: דערלויבן אים צו פאַרעפֿנטליכן זײַנע ווערק דורך ליטאָגראַפירן. דאָס מאָל האָט אַוואָראַוו ערפילט זײַן בקשה: ער האָט מיטגעטיילט דעם קוראַטאָר פון אָדעסער לערן־ראַיאָן, אַז פון זײַן זײַט איז ניטאָ קיין מניעות, אַקסענפעלד זאָל אין אָדעס, וווּ קיין ייִדישע דרוקערײַ איז ניט פאַראַן, אַרויסגעבן זײַנע ווערק אויפן ליטאָ־גראַפישן אופן, אָפּהיטנדיק דערבײַ די גילטנדיקע צענזור־פֿאָדערונגען.

אָבער אויך אויס דעם פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן; דאָס מאָל אויס ריין עקאָנאָמישע סיבות. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דער מאָנאָפּאָל אויף ייִדישע דרוקערײַען האָט אַרויסגערופן אַ יקרות אויף ביכער [2], האָט דאָך אַ ליטאָגראַפירט בוך געמוזט קאָסטן צען מאָל טייערער, ווי אַ געדרוקט בוך פון דעם זעלביקן פאַרנעם.

אַקסענפעלד האָט זיך אָבער ניט געקאָנט באַרויִקן. ער האָט גע־האַלטן פאַר זײַן לעבנס־אויפגאַבע אויפקלערן די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסע, באַפרײַען זי פון אָבערגלויבן און אַלטן שימל, און דאָס ערפילן האָט ער געקאָנט, לויט זײַן פעסטער איבערצײַגונג, נאָר דורכן ג ע ד ר ו ק ט ן

1 אויס חאַסערע מאַטיואַן, זע גינזבורגס ציטירטע ארבעט, ז' 50.

2 אַזוי, צום בײַשפּיל, איז אין ווילנער קאַנט דער מקח פון מחזורים, וואָס פֿלעגט פֿריער קאָסטן 75 קאָפּ., געשטיגן כמעט ביז דרײַ רובל (זע אויבן ציטירטע ארבעט, 45). אויך גאָטלאָבער קלאָגט זיך אין זײַנעם אַ בריוו צו פּירקאָוויטשן: לא נכחד מכבודו הרם את אשר ישבו בני ישראל בא"צנו ימים רבים ללא דפוסים וללא ספרים, ותהי נפש העם מרה וירגנו באהליהם על שני המדפיסים בווילנא ובזיטאָמיר אשר שמו עול ברזל ומועקה על מתניהם ויריעו עליהם כגנב לשלם תשלומי כפל וארבעה וחמשה בעד כל ספר אשר היתה את נפש איש מישראל להביא בצל קורתי.

וואָרט, דורך פאַרעפנטליכן זײַנע אַגיטאַציאָנס־שריפטן. אין 1847 האָט זיך ענדליך געעפנט די צווייטע ייִדישע דרוקערײַ — אין זשיטאָמיר. נאָר אירע בעלי בתּים (די שאַפּיראָס) האָבן זיך געהאַלטן געטרײַ בײַ די חסידיש־פרומע טראַדיציעס פון דער באַוווּסטער סלאַוויטער דרוקערײַ, און אין קיין פאַל ניט געוואָלט פאַראומרייניקן זייערע וואַרשטאַטן מיט אַזוינע אַפּיקורסיש־אַנטיחסידישע ווערק, ווי אַקסענפעלדס און נאָך אַזוינע ווי ער. איז געבליבן נאָר איין אויסוועג: דערשלאָגן זיך אַ דערלויבעניש אויף צו עפענען אַן אייגענע דרוקערײַ. אַקסענפעלדן האָט ניט אַנטמוטיקט דער דורכפאַל פון 1841. אין 1852 ווענדט ער זיך מיט דער זעלביקער בקשה (אים צו דערלויבן עפענען אין אָדעס אַ דרוקערײַ, ספּעציעל אויף צו דרוקן זײַנע ווערק) צום מיניסטער פאַר אינערליכע ענינים. בײַ דער אָנפראַגע בײַם שטעלפאַרטרעטער פון אָדעסער און בעסאַראַביער גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט זיך באַקומען אַ תּשובה, אַז יענער האָט גאָרנישט קעגן דעם, בתנאי, אַז אַקסענפעלדס ווערק זאָלן רעווידירט ווערן דורכן אָדעסער צענזור־קאָמיטעט, מיט דער הילף פון דעם פאַרוואַלטער איבער דער אָדעסער ייִדישער שול ב. שטערן. דער געהילף פון אינערן־מיניס־טער האָט זיך דאַן געווענדעט צום בילדונגס־מיניסטער שירינסקי־שיכמאַ־טאָוו מיט דער ביטע אַרויסצוזאָגן זײַן מיינונג וועגן דער זאַך. שירינסקי־שיכ־מאַטאָווס ענטפער איז געווען אַ גאַנץ קורצער: היות לויט דעם געזעץ פון 27 נאָוועמבער 1845 ווערן דערלאָזט נאָר צוויי ייִדישע דרוקערײַען (אין ווילנע און זשיטאָמיר), קאָן אַקסענפעלדס בקשה ניט דערפילט ווערן [1]. באַלד נאָך דעם דאָזיקן קאַטעגאָרישן אָפּזאָג שיקט אַקסענפעלד אַוועק אַ בקשה אויף דעם קייזערס נאָמען וועגן דערלויבן אים צו עפענען אין אָדעס אַ ייִדישע דרוקעריי. די האָפענונג אויף דעם „מאָנאַרכס חסד“ האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט [2]. אַקסענפעלד פאַרלירט אָבער דאָך ניט דעם מוט. ווי נאָר אויף שירינסקי־שיכמאַטאָווס אָרט פאַרנעמט דעם פּאָסטן פון דעם בילדונגס־מיניסטער א. נאָראָוו, ווענדט זיך אַקסענ־פעלד (יוני 1854) ווידער מיט זײַן בקשה צום נײַעם מיניסטער. ער באַקומט אָבער אויך דאָס מאָל דעם זעלביקן ענטפער, אַז לויט דעם געזעץ פון 27 נאָוועמבער 1845 קאָן זיין בקשה ניט דערפילט ווערן [3].

אין די ערשטע יאָרן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס רעגירונג דערוואַכט ווידער אַקסענפעלדס האָפענונג. דעם 22טן אָקטאָבער 1859 האָט דער „ייִדישער קאָמיטעט“ מיט דער הסכּמה פון זיין „קייזערליכער

1 זע ש. גינזבורגס אַרבעט אין „ייִוואָ־בלעטער“ ב' II, 9—13.

2 זע י. רימיניקס ציט. אַרב. 173—174.

3 „ייִוואָ־בלעטער“, II, 12.

הויכקייט" גענעבן צעדערבוימען א דערלויבעניש ארויסצוגעבן אין אדעס א העברעישע צײַטונג. אין נעכסטן מאמענט זײַנען באזײַטיקט געווארן אלע איבעריקע רײַן אפיציעלע מניעות [1]. דאס גיט נײַעם מוט אקסענפעלדן און ער ווענדעט זיך מיט א בקשה צום אדעסער גראדאנאטשאלניק וועגן עפענען א יידישע דרוקעריי. „די איינציקע עקזיסטירנדיקע דרוקערײַען אין רוסלאנד, — קלאגט זיך אקסענפעלד, — זײַנען אין די הענט פון פאנאטיקער, וואס דרוקן ניט דאס, וואס ס'איז לויט זייער מיינונג שעדליך, און ווען אפילו זיי זאלן יא מסכים זײַן צו דרוקן מײַנע ווערק, איז ניט ערוב צו זײַן, אז זיי וועלן זיי ניט פארדארבן" [2].

אקסענפעלד האט אויך דאס מאל קיין מזל ניט געהאט און זײַן בקשה איז ניט דערפילט געווארן. דערווײַל דערנעענטערט זיך דאס יאר 1862 — דער ענדע־טערמין פון דער דרוקעריי־מאנאפאל. אין דעם אלטן 75יאריקן אקסענפעלד לעבט אויף די האפענונג דורכצופירן זײַן פלאן, און דעם 5טן דעקאבער 1861 דערלאנגט ער ווידער א ביט־בריוו וועגן דערלויבן אים צו עפענען א דרוקערײַ. דעם פאסטן פון דעם גראדאנאטשאלניק האט דעמאלט גראד פארטראטן א נײַע פערזאן, און יענער האט זיך באצויגן מיט מיטגעפיל צו אקסענפעלדס בקשה. ער האט אײַנגעפונען, אז ס'איז נייטיק צו געבן אקסענפעלדן די מעגליכקייט אפצודרוקן זיינע ווערק, „וואס זײַנען אנגעשריבן אויף א פראסטער שפראך („זשארגאן") פארן פשוטן פאלק און דערמיט אריינגעבן די פראסטאקעס פארנינפטיקע באגריפן און דערווײַזן זיי די שעדליכקייט און לעכערליכקייט פון דעם חסידיזם און זיינע שווינדלערישע וווּנדערמאכער". אויף אן ענדגילטיקן באשלוס האט דער גראדאנאטשאלניק אקסענפעלדס בקשה איבערגעשיקט דעם גראף סטראגאנאוו, דעם נײַ־רוסישן און בעסאראבישן גענעראל־גובערנאטאר. פון זײַן זייט האט דער גראדאנאטשאלניק דערבײַ אנגעוויזן, אז לויט זיין מיינונג איז „דאס עפענען אין אדעס א יידישע דרוקערײַ ניט נאר נוצליך, נאר אפילו זייער נייטיק אלס מיטל מיטצווירקן אין דער מאראלישער אנטוויקלונג פון דעם באדייטנדיקן טייל יידן, וואס וווינען אין די שטעט".

---

1 מכּח די פּיקאנטע פּרטים, ווי אזוי די דאזיקע מניעות זײַנען באזײַטיקט געװארן, זע אונזער חערק 73—74, История еврейской печати, 1915

2 זע ש. בּראַחאָיס ארטיקל אין „בּיבּליאלאגישן זאמלבוך", 93—103. אויך גאָטלאָבּער קלאָגט זיך אין אייבּן ציטירטן ניט פּארעפנטליכטן בּריוו בּאזונדערס אויף דער זשיטאָמירער דרוקערײַ, אז זי וויל ניט דרוקן קיין השכּלה־ספרים: „וזה האחרון (המדפּים מז'יטאָמיר) הכביד אכפו על העם, כי מלבד אשר הוקיר השער עוד גרע נחלת דפוסו בדקדוק ההגהה... ויותר מזה הרבה להרע עם ספרי החכמה אשר גרש אותם כלה מהסתפח בנחלת דפוסו ולא נתן להם חנינה.

דאָס איז געווען אַקסענפעלדס ערשטער נצחון. אים האָט ענדליך אָפּגעגליקט דורכצוברעכן די אײַזערנע וואַנט, איבערצוצייגן די רוסישע ביוראָקראַטיע אין דער נייטיקייט פון זײַן אונטערנעמען. גאַנץ אומדערוואַרטעט טרעט אָבער אַרויס אַ נייער קעגנער, ניט פון אויסן, נאָר פון אינעווייניק, אין דער פּערזאָן פון דעם אַדעסער אויפגעקלערטן „אוטשאָני יעווריי" מאַרקוס הוראָוויץ.

דער גראַף סטראָגאַנאָוו פלעגט אין אַלע בראָגז פון „יידישער פּאָליטיק" זיך עצהן מיט זײַן „אוטשאָני יעווריי", דעם פּעדאַגאָג און דערציִער פון יידישער יוגנט מאַרקוס הוראָוויץ, אַ פאַרביסענעם שונא פון יידיש. נאָך אין 1856 שרײַבט הוראָוויץ סטראָגאַנאָוון אין זײַן באַריכט וועגן זײַן רעוויזיע-רייזע איבערן ניי-רוסישן קאַנט: „ס'וואָלט געווען זייער נוצליך אָפּצושטעלן דאָס אַרויסגעבן ווערק אויף דער יידישער שפּראַך און אָנצונעמען די ווירקזאַמסטע מיטלען, אַז רוסיש און דייטש זאָלן ווערן די אַלגעמיין-געברויכלעכע שפּראַכן ביי יידן" 1.

מיר וועלן נאָך ווײַטער זען, ווי דער דאָזיקער קעמפער פאַר אויפקלערונג האָט שפּעטער (אין 1862) געפּרוּווט פּועלן בײַ דער רעגירונג, מען זאָל פאַרווערן דרוקן ביכער אין „זשאַרגאָן" 2. ס'איז דערפאַר קיין חידוש ניט, אַז בײַ אַזאַ „בעל-יועץ" האָט סטראָגאַנאָוו אָפּגעזאָגט אַקסענפעלדן אין זײַן בקשה.

דער 75-יאָריקער אַקסענפעלד האָט ענדליך פאַרלאָרן די האָפענונג צו זען זײַנע ווערק געדרוקט אין רוסלאַנד, האָט ער אין 1862 אָפּגעדרוקט אין לייפּציג צוויי זײַנע ווערק: „דאָס שטערנטיכל" און „דער ערשטער יידישער רעקרוט". אַקסענפעלד האָט אָבער גוט געוווּסט, אַז אויף אַזאַ אופן איז זייער שווער צו האָפן, זײַנע ווערק זאָלן קאָנען פאַרשפּרייט ווערן צווישן די ברייטע שיכטן פּונם פּשוטן לייענער, — ראשית, מחמת דעם הויכן פּרײַז פון ביכער אימפּאָרטירטע פון אויסלאַנד. חוץ דעם איז דעמאָלט אין דרום-קאַנט קיין צענזור פון יידישע ביכער ניט געווען, דעריבער פלעגט מען דאַרפן די פון אויסלאַנד געבראַכטע ביכער פירן צענזורירן קיין קיעוו, ווו זיי פלעגן אָפּליגן אַ לענגערע צײַט און ניט זעלטן אינגאַנצן פאַרלאָרן גיין 3.

אַקסענפעלדס איבעריקע ווערק זײַנען געבליבן אין מאַנוסקריפּט. אין 1862 ווענדט זיך אַקסענפעלד צו גאָטלאָבערן 4 אין אַ בריוו מיט

---

1 ש. באָראָכאָוו אַרטיקל אין „ביבליאָלאָגישן זאַמל-בוך", 98.
2 זע אונזער אַרבעט אין „וואָסכאָד", 1903, III, 56—59.
3 זע באָראָכאָווס ציט. אַרבעט, 96.
4 גראָד צו יענער צײַט האָט אויך גאָטלאָבער פון זײַן זײַט פיל ענערגיע

דער ביטע: „אפשר וועט איר געפינען אַ פאַרמעגליכן מענטשן, וואָס וועט אייך זועלן גלויבן וועגן דעם גרויסן ריווח, וועלכן ער וועט האָבן אָפּקויפנדיק אַלע מיינע כּתבים, וועט איר דערמיט מזכּה זיין פיל מענטשן פון אונזער פאָלק". קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן האָט דער בריוו ניט געהאַט. דער אַלטער אומדערמידליכער אַקסענפעלד מאַכט נאָך דעם לעצטן פּרווו: ער ווענדעט זיך אין אָקטאָבער 1863 צום באַרימטן כירורג פּיראָגאָוו, וואָס האָט מיט אַ צייט פריער פאַרטראָטן דעם פּאָסטן פון קוראַטאָר איבער אָדעסער בילדונגס-קרייז, מיט דער בקשה צו באַזאָרגן פאַר אים די נייטיקע מיטלען אַרויסצוגעבן זיינע ווערק [1]. פּיראָגאָוו האָט זיך אָבער דעמאָלט געפונען אין אויסלאַנד, און אַקסענפעלד האָט דערפאַר לאַנג קיין ענטפער ניט באַקומען. שוין ניט אַקסענפעלד גופא, נאָר זיינע פריינד האָבן זיך 1864 געווענדעט אין צו דער „חברה מפיצי-השכלה" אָפּצוקויפן אַקסענפעלדס מאַנוסקריפּטן [2]. אויך דער פאָרשלאָג איז, ווי באַקאַנט, געבליבן דערפאָלגלאָז. אין דעם זעלביקן יאָר איז אַקסענפעלד אַריבערגעפאָרן צו זיינע קינדער קיין פּאַריז, ווו ער איז אין 1866 געשטאָרבן.

ניט געענדערט האָט זיך דער טרויעריקער גורל פון אַקסענפעלדס ליטעראַרישער ירושה נאָך דעם מחברס טויט. אַקסענפעלד האָט פאַר זיין טויט איבערגעלאָזט במתנה אַלע זיינע כּתבים (אַן ערך דריי הונדערט דרוק-בויגן) זיין לאַנגיאָריקן פריינד ל. מורעניש אין אָדעס. אַקסענפעלדס אָדעסער פריינד און פאַרערער, בראש מיט משה זשוויף, אַבאַ פעלדמאַן און גדליה אייזנימער [3], האָבן געגרינדעט אַ פאָנד אַרויסצוגעבן זיינע ווערק. זיי האָבן אָבער באַוויזן אַרויסצוגעבן בלויז דריי פּיעסן („מאַן און ווייב", „די געגאַרטע וועלט" און „קבצן-עושר-שפּיל"). עס זיינען שוין געווען אויסגעזעצט אַקסענפעלדס ראָמאַנען „בערדיטשעווער יריד" און „מצות באַקין". פּלוצלינג האָט (אין 1871) אויסגעבראָכן דער באַוווסטער אָדעסער פּאָגראָם. די דרוקעריי איז צעשטערט געוואָרן, דער זאַץ צעוואָרפן, אַקסענפעלדס מאַנוסקריפּטן זיינען רעשטלאָז פאַרשוווּנדן [4] און מיט זיי איז לאַיבוד געגאַנגען אַ גוואַלטיק רייכער אוצר פון רעאַלע

געפּטרט, בכדי צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ יידישע דרוקעריי אין קאַמענעץ, נאָר אויך זיין השתדלות האָט קיין דערפאָלג ניט געהאַט. זע ביילאַגע נומ' 7.

1 זע רימיניקס ציט. אַרב., 174—175.

2 זע אונזער ציט. אַרבעט, 96.

3 זע קול מבשר 1869, נומ' 36, 258.

4 שלום עליכם חייזט אָן אין זיינעם אַ בריוו צו גאָטלאָבערן, אַז ביי אים געפינט זיך דער מאַנוסקריפּט פון אַקסענפעלדס „די מוירען". ווו דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך איצט, איז אונז, ליידער, אומבאַקאַנט.

בילדער און שילדערונגען אויס דעם יידישן פאמיליען- און געזעלשאפטלעכן לעבן פאר די ערשטע צענדליקער יארן פון דעם 19טן יר״ה.

מער מזל האט געהאט זיין ייִנגערער מיטצייטלער און פריינד, דער אקערשט דערמאנטער באוווסטער השכלה-קעמפער אברהם בער גאטלאבער 1.

גאטלאבער איז געווען א גאנץ אייגנארטיקע, סתירות-פולע פערזענ-ליכקייט. זיין פאטער, חיים גאטלאב 2, און זיין זיידע פון מוטערס צד זיינען געווען באוווסטע חזנים. אויך גאטלאבער גופא איז געווען א מנגן, האט געהאט א פיינע שטימע, און אויס זיינעם א נאך ניט פארעפנטליכטן בריוו ווערן מיר געוואר, אז ער האט זיך אפילו א שטיק צייט ארומגעטראגן מיטן געדאנק צו ווערן א חזן אין א קאר-שול 3. ער פלעגט אליין פארפאסן מעלאדיעס צו זיינע לידער און זיי פארזינגען זיינע צוהערער און פארערער. עס האט אין אים געשטעקט א ניצוץ פון די אמאליקע „געזעליגע לייט", מיט זייערע פרייליכע וויצן און קופ-לעטן, מיט זייער קרעפטיקן דורשט נאך לעבנספריידן, וועמענס לעבנס-פראגראם איז באשטאנען פון

ווײַדליך געפריזן, ווידער געצעכט
גאנצע טעג און גאנצע נעכט,

און אלם לוין פאר זייערע „קורצווייליגע" וויצן האבן זיי געפאדערט:

קורצע דרשות און לאנגע בראטן,
ברענגט הער דאס בעסטע עסען...
דען ווין געבט אונז אונגעמעסן
מיר זויפן אין דאך אלער אוים 4.

---

1 געבארן אין אלט-קאנסטאנטין אין 1811, געשטארבן אין ביאליסטאק 1899.

2 אויפן שער-בלאט פון גאטלאבערס ניט פארעפנטליכטער יוגנט-דראמע „אמנון ותמר" איז אנגעוויזן: מאת הצעיר אברהם בער הכהן גאטטלאב. און ווײַטער: בן י״ט שנה אנכי היום א. ב. גאטטלאב. אויך אין זיין אויבן דערמאנטן אלבאם געפינען זיך אייניקע אקראסטיכן מיטן נאמען: גאטלאב. ערשט אין די שפעטערע יארן האט ער איבערגעמאכט זיין נאמען אויף גא לאבער.

3 כי רבים מיקירי בראדי,—שרייבט ער אין דעם דאזיקן בריוו,—נתנו לי עדותם כי יד ושם לי בנגינה... וכלם פה אחד עונים ואומרים כי אין טוב מזה לבחור אותי למורה לעת עתה בבית הספר ולרגל המלאכה הזאת אלמד את חוקי הנגינה כראוי לשיר במקהלות בבית ד׳. ואולם אני בבואי ומצאתי שם את החזן הנ״ל עצרתי במלים ושמתי לפי מחסום ובלי דבר מזה. ועתה אחר אשר בטלה הסבה אמרתי אדברה באזניך את דברי ואתה אולי ייטב בעיניך לדבר באזני החכם הדירעקטאר ובאזני זקני העדה, והיה כי ירצוני וכתבת אלי ואבוא אליכם ותוכל לשא״ל גם את פי אבראס (?) אשר שמע את קולי אם אצליח למלאכה זאת. הודיעני נא בחסדך תשובתך על כל אלה למען אדע.

4 זע אונזער װערק, באנד VI, 351.

אַט דער, לויט זיין כאַראַקטער טיפּישער שפּראָצלינג פון די אַמאָליקע „געזעליגע לייט" האָט אַזוי ווייניק געפּאַסט צו דער ראָלע פון אַ משכּיל אַן אַסקעט לויטן מוסטער פון אַ יצחק בער לעווינזאָן, קלמן שולמאַן אָדער יעקב רייפמאַן, וואָס האָבן אַזוי הבנעהדיק און זעלבסט-אָפּפערנדיק געאַרבעט, געקעמפט און געשמאַק געהונגערט. גאָטלאָבער איז אָבער דערביי אויך אַ קעמפער-נאַטור געווען, מיט אַ פּולבלוטיקן טעמפּעראַמענט, און דאָס האָט אים געצוווּנגען צו ווערן יצחק בער לעווינזאָנס תּלמיד, זיך לאָזן אויף דעם דערנער-וועג, איבער וועלכן די אַסקעטן השכּלה-קעמפער זיינען געגאַנגען...

גאָטלאָבערס פאָטער, אַ יודע ספר, אַפילו אַ חסיד, נאָר ניט קיין פאַנאַטיקער, ברענגט אַליין זיין קליינעם אברהם-בערן דעם „צוהר התבה" און דעם „תלמוד לשון עבר", אויף צו לערנען דקדוק. און אַז דער צען-יאָריקער בחור'ל איז ניט געווען אימשטאַנד אַליין איינצוזופּן די דאָזיקע לערן-ביכער, איז דער פאָטער ניט געווען דאַקעגן, עס זאָל אים דערביי באַהילפיק זיין דער אַלט-קאָנסטאַנטינער משכּיל יוסף וויינער. יוסף וויינער האָט פאַרבראַכט אייניקע יאָרן אין בראָד, און דאָרט, ווי גאָטלאָבער דערציילט אין זיינע זכרונות, „געשעפּט פון די קוואַלן פון חכמה", און אַז ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, „האָט ער דאָרטן אָנגעצונדן דאָס ליכט פון דער ריינער השכּלה". אין יאָר 1828, באַלד נאָכדעם, ווי ס'איז אַרויס די גזירה וועגן נעמען רעקרוטן ביי ייִדן, האָט וויינער דערויף אַ טרויער-שפּיל אָנגעשריבן „קול בוכים". „וויינערס השפּעה — שרייבט גאָטלאָבער — איז געווען אויף מיר זייער גרויס. איך בין געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. ער האָט מיר דערציילט וועגן משה מענדעלסאָנען, האָט מיך באַקענט מיט לעסינגס „נתן דער חכם", האָט מיר אינקורצן דערקלערט, וואָס איז אַזוינס טעאַטער, האָט מיר פאַרגעשטעלט אַלץ, וואָס אין בוך קומט פאָר, אין פאַרשיידענע סצענעס, און האָט מיר אויך דערציילט די ביאָגראַפיע פון לעסינגן, ווי אַזוי ער פלעגט זיך חברן מיט מענדעלסאָנען" [1].

אויפן 14טן יאָר מאַכט מען גאָטלאָבערן חתונה און ער פאָרט אַריבער קיין טשערניכאָוו אויף קעסט צום רייכן שווער, אַ הייסער ריזשינער חסיד. דער יונגער בעל-הבית'ל פילט זיך גאַנץ געמיטליך אין דער פרייליכער חסידישער סביבה; ער חברט זיך מיט יונגע חסידים, לערנט געשמאַק קבלה און פאַראינטערעסירט זיך באַזונדערס מיט חב"ד [2]. דער

1 גאָטלאָבער אין זיין עפּאָכע, 23.

2 זע אונזער װערק, ב' VII, צװײטער בוך, קאַפּ' פיר.

יונגער חַבַדניק פֿאַרגעסט אָבער ניט אינגאַנצן אין ווײַזנערס תורה; ער שרײַבט שירים, פּרוּווט אויך צונויפֿשטעלן לערנביכער פֿאַר העברעישער שפּראַך[1]. די השׂכּלה לעבט נאָך דערווײַל בײַ אים גאַנץ בשלום מיט חסידות, און עס קומט ניט צו קיין שום קאָנפֿליקטן. אַ גרויסע ענדערונג ברענגט אָבער מיט זיך די רײַזע, וואָס גאָטלאָבער מאַכט צוזאַמען מיט זײַן פֿאָטער קיין יאַסע. אויפֿן וועג שטעלן זיי זיך אָפּ אין טאַרנאָפּאָל, און גאָטלאָבער באַזוכט דאָרט דעם השׂכּלה-קעמפֿער יוסף פּערל. דער באַזוך מאַכט אויף גאָטלאָבערן אַ זייער שטאַרקן אײַנדרוק. „איך בין פּלוצלינג געוואָרן אַן אַנדער מענטש", — דערציילט וועגן דעם גאָטלאָבער אין זײַנע זכרונות. ווען ער קומט צוריק צום שווער, באַמערקט מען באַלד דעם שינוי; מען ווערט אַגב געוואָר, אַז ער לייענט אַפּיקורסישע ביכער. מען הייבט אים אָן רודפֿן, עס דערגייט אויך באַלד צום זשיטאָמירער רבין, און אויף יענעמס באַפֿעל צווינגט דער שווער גאָטלאָבערן, ער זאָל געבן גט זײַן טאָכטער. דאָס יונגע פּאָר פֿאָלק האָט זיך דווקא זייער ליב געהאַט, זיי האָבן שוין געהאַט אַ דרײַ יאָריק יִנגעלע, וואָס איז זייער צוגעבונדן געווען צום פֿאָטער. עס האָט אָבער ניט געהאָלפֿן. גאָטלאָבער האָט געמוזט זיך שיידן מיט זײַן געליבטער פֿרוי, פֿאַרלאָזן דעם שווערס גביריש הויז, און בלײַבן אָן װעלכער מאַטעריעלער שטיצע, וואָרום דער פֿאָטער זײַנער איז באַלד נאָך זײַן רײַזע קיין יאַסע געשטאָרבן. אין אַ קורצער צײַט אַרום איז אויך גאָטלאָבערס יִנגעלע געשטאָרבן.

אַפֿילו אין צענדליקער יאָרן אַרום, ווען גאָטלאָבער דערמאָנט אויף דער עלטער אין זײַנע זכרונות זײַן אין דער יוגנט איבערגעלעבטע פֿאַמיליענדראַמע, פֿילן זיך זייער שטאַרק די נאָך ניט געשטילטע צער און צאָרן. „נקמה!" — אָט דאָס איז געוואָרן דאָס דאָמינירנדיקע געפֿיל פֿון דעם טיף דערשיטערטן גאָטלאָבערן. ער זעט אינעם חסידות דעם גרעסטן שונא און קעגנער פֿון מאָדערנעם לעבן, פֿון פּראָגרעס און אויפֿקלערונג. פֿון אַ זײַדענעם יונגנמאַן, וואָס עסט קעסט בײַם חסידישן שווער און הערט חסידישע וווּנדער-מעשׂיות, ווערט ער דער הייסער השׂכּלה-קעמפֿער, דער שטורמישער פּאָנען-טרעגער און אומדערמידלעכער אַגיטאַטאָר, דער פֿײַערדיקער „מיסיאָנער" פֿאַר השׂכּלה, ווי ער ווערט באַצייכנט בײַ צעדערבוימען[2]. יאָרנלאַנג פֿאָרט גאָטלאָבער אַרום פֿון

1 אין זײַנעם אַ ניט פֿאַרעפֿנטליכטן בריוו חײַזס גאָטלאָבער אָן: בהיותי בן חמש עשרה שנה כבר חברתי שני ספרים, האחד יקרא בשם „פתח תקוה" כולל בתוכו קצר שפ"ע, והשני יקרא „מורה שפת עבר" כולל כל יסודי חכמת הדקדוק ע"פ גדולי המדקדקים.

2 „המליץ" 1882, נ' 135.

שטאָט צו שטאָט, ער זאַמלט אַרום זיך יונגע לײַט, פּריידיגט השׂכּלה־אידעאַלן, רופט צום קאַמף מיטן אַלטן לעבנס־שטייגער, מיט דעם אָבערגלויבן און קודם־כּל קעגן חסידות און רביים [1]. גאָטלאָבער ווערט אין דעם דרום־מערב־קאַנט דער סימבאָל פון געפערליכער אפּיקורסות, און דער שרײַבער פון די דאָזיקע צײַלן געדענקט נאָך פון די קינדער־יאָרן, ווי אין וואָלין האָט געגאָלטן אַלס זידלוואָרט: „דו אפּיקורס, דו אַלף בית גימל״ (ראשי־תּיבֿות פון אַבֿרהם בער גאָטלאָבער).

עס איז אָבער פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט כּדאַי אָנצוּמערקן, ווי אַזוי אַט דער דאָזיקער אַגיטאַטאָר און קעמפער פאַר נײַע לעבנס־פאָרמען ווערט פּלוצלינג שטרענג קאָנסערוואַטיוו און אָפּגעשטאַנען, ווי נאָר ער באַרירט ניט רעליגיעז־שטייגערישע פּראָגן, נאָר פּאָליטישע. עס געניגט צו דערמאָנען זײַן העברעיִשע ליד „אל השנה היוצאת שנת תר״ח״, אין וועלכן ער געזעגנט זיך מיטן שטורמיש־רעוואָלוציאָנערן יאָר 1848. אַט דער דאָזיקער „דורך און דורך רעוואָלוציאָנער און נאָוואַטאָר״, ווי עס פּרוווט גאָטלאָבערן אַטעסטירן איינער פון זײַנע ביאָגראַפן, לויבט און דאַנקט גאָט, וואָס עס פאַרשווינדט ענדליך דאָס דאָזיקע יאָר, ווען

וַתְּהִי הָאָרֶץ כִּמְעַט נֶהְפֶּכֶת
רַק בִּכְי וַאֲנָחָה הָיָה חֶבְלֵנוּ.
— — — — — — —
אֶת שָׁאוֹל וְאֶת אֲבַדּוֹן זָבַדְתָּ זָבֶד
וּבַאֲדוֹנָיו מִתְפָּרֵץ הָעָבֶד [2]

בעת מען רעדט אָבער וועגן גאָטלאָבערס ליטעראַרישער טעטיקייט, מוז מען נעמען אין אַכט די שוין אויבן דערמאָנטע פאַרשיידנאַרטיקייט,

---

1 אין זײַן בריוו צו זײַבערלינגען פון 1864 שרײַבט גאָטלאָבער: הלא כל ימי אנכי עמל ויגע לפקוח עינים עורות אשר עשיתי בדובנא, בקרעמעניץ, במאהליב, בקאמעניץ, בבארדיטשעוו, בווארשאי, בזיטאָמיר, באָדעסא ועוד ועוד. אין אַ בריוו צו חיים יהודה קאַצענעלענבאָגען פון 1862, שרײַבט גאָטלאָבער: „כי מנעורי עד היום הזה לִמדתי להלחם עם הפנטיקים המבערים אש קנאת־דת מלחמת תנופה. הלא הפנטיזמוס הוא האליל אשר הסירותי את במותיו בכל מקום מדרך כף רגלי, עליו ועל חילו ידי נטויה זה יותר משלשים שנה. בטרם צמחו שערות זקני החילותי להכות במחנה פלשתים אלה מכה רבה ושאתם לא יָרֵאתי, כי הכל המה מעשה תעתעים והכות אותם שוק על ירך היה אצלי שעשועים.

2 די ערד האָט זיך שיִר ניט איבערגעקערט; בלויז זיפצן און געוויין איז געווען אונזער טײל. דעם גיהנום און אָפּגרונט האָסטו (דאָס יאָר 1848) מיט מתנות באַשאָנקען, און קעגן זײַנע הערן איז דער קנעכט אויפגעשטאַנען.

ריכטיקער — דו=פּאַרצופימקייט פון גאָטלאָבערס פּערזענליכקייט. צוויי
עלעמענטן האָבן געקעמפט אין גאָטלאָבערן: פון איין זייט, דער לעבנס=
לוסטיקער פאָלקסזינגער און קופּלעטן=מאַכער, דער וויציקער און באַגאַב=
טער זשאָנגליאָר מיט זיין געזונטן, ווען אפילו וויייניק געשליפענעם הומאָר,
וואָס איז געווענדעט קעגן די רייכע רעדלפירער, קעגן די קהלס=לייט און
סאָציאַלער אומגערעכטיקייט; פון דער אַנדערער — דער משכיל, דער
דאָקטרינער, מיט די אָנגעבלאָזענע מליצות, מיט זיין הורא=פּאַטריאָטיזם,
וואָס גייט ביי דעם שטענדיק נויטבאַדערפטיקן גאָטלאָבערן [1] אָפּט איבער
אין פּשוטן סערוויליזם, אין לאַקעישער אונטערטעניקייט, מיט דער קליינ=
ליכער השגה אויסצובעטלען דערמיט א מעדאל, א בעסער באַצאָלטע
לערער=שטעלע, צדער אזוי א טובת הנאה [2]. און ביידע גאָטלאָבערס
„פּרצופים" זיינען געווען ליטעראַריש טעטיק; איינער האָט געשריבן
העברעיש, דער אַנדערער פּראָסט יידיש. דער ערשטער האָט געשריבן
אין די הונדערטער שירים און פּאָעמעס, נאָר די איינציקע פון זיי, וואָס
האָבן יאָ א געוויסן ליטעראַרישן ווערט, זיינען על=פּי=רוב איבערזעצונגען
פון גאָטלאָבערס לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין יידיש. א גע
באַזייט האָט אויך זיין איבערזעצונג פון דעם באַרימטן דענקמאָל אויס
דער אויפקלערונגס=תקופה — לעסינגס „נאַטאַן דער ווייזע". פון אלע זיינע
העברעיִשע פּראָזע=ווערק האָבן א קולטור=היסטאָרישן ווערט בלויז זיינע
זכרונות, וואָס ער האָט אויף דער עלטער געשריבן. דערפאַר אָבער
פאַרנעמט א בכבודיקן אָרט אין דער ניי=יידישער ליטעראַטור דער פאָלקס=
זינגער גאָטלאָבער מיט זיינע יידישע לידער און סאַטירעס.

עס איז לייכט באַגרייפליך, אז ביי דעם „דו=פּרצופימדיקן" גאָטלאָ=
בער האָט ניט געקאָנט זיין קיין באַשטימט קאָנזעקווענט פאַרהאַלטן צו
דער פאָלקס=שפּראַך. א חונס א זון האָט אים געצויגן צום פאָלקסטימ=
ליכן, צום זאַפטיקן וואָלינער יידיש, צום קערנדיקן פאָלקס=ליד. דאָס איז
אָבער געשטאַנען אין פולער סתירה מיט דעם השכלה=פּראָגראַם, מיט די

---

1 אפילו אין די יאָרן, ווען גאָטלאָבער איז געווען אנגעשטעלט אלס לערער
אין די יידישע רעגירונגס=שולן, קלאָגט ער זיך שטענדיק אין זיינע בריוו אויף זיין
שווערער מאַטעריעלער לאַגע. פון איינעם זיינעם א בריוו ווערן מיר, אשטייגער,
געוואָר, ווי ער פאַרמשכנט א יאָרגאַנג „המאסף", בכדי צו לייען דריי רובל. ער פלעגט
צעשיקן פאַרשיידענע גבירים זיינע חבורים און באַקומען אויף צזא אופן פון זיי
מאַטעריעלע שטיצע. אין אונזער רשות געפינט זיך גאָטלאָבערס א בריוו פון 1846
צום באַוווסטן בערדיטשעווער גביר יעקב יוסף האַלפּערן, יענער זאָל אים קומען צו
הילף, ווייל מען האָט אים באַגנבעט. און טאַקע אויף דער אָפּשריפט פונם בריוו,
געפינט זיך גאָטלאָבערס א באַמערקונג: קבלתי 2 האלבע אימפּעריאַלן.

2 ווענן דעם אין ווייטערן באַנד.

אידעען פון דער „בערלינער אויפקלערונג", אויף וועלכער גאטלאבער איז אויפגעוואקסן און פאר וועלכער ער האט מוטיק געקעמפט. דערצו נאך האבן די משכילים אין די זעכציקער יארן, ווען עס האט זיך נאכן פויליש-אויפשטאנד געשטארקט די רוסיפיקאציע-פאליטיק, — ארויסגעשטעלט דעם דעוויז פון „עברים-רוסים": „איין פאלק און איין שפראך, בלויז פארשיידענע אמונות". דערפאר איז ביי גאטלאבערן אזא סתירותפול פארהאלטן צו ייִדיש. עס איז שוין אין דער ייִדישער ליטעראטור אייניקע מאל ציטירט געווארן די באקאנטע שטעלע אין גאטלאבערס א העברעיִשן ארטיקל (המליץ, 1865, 180—181), ווו ער טרעט ארויס מיט פאלגנדיקער עצה: „לאמיר בעטן די שרייבער, די משכילים, זיי זאלן זיך ניט שעמען צו ריידן צום פאלק אויף דער שפראך, וואס ער רעדט; זאלן זיי געדענקען, אז אזוי האבן געטאן אונזערע חכמים פון אמאליקע צייטן יעדער אין זיין לאנד. און זאלן זיי נישט זאגן: סטייטש, סטייטש, ווי אזוי קאנען מיר פארלאזן אונזערע ריינע און שיינע לשונות און אנהויבן שרייבן א געמישטן און מבולבלדיקן לשון, אויף א לשון, וואס האט ניט קיין געשטאלט און קיין צורה (אשר לא תואר ולא הדר לו). מיינע ליבע! ווייסט איר דען נישט, אז א סך שפראכן זענען פון אנהויב געווען אין דעם זעלביקן צושטאנד, אין וועלכן די דאזיקע שפראך געפינט זיך? די שרייבער אין זייערע ווערק בעסערן אויס די שפראכן און מאכן זיי לייטן גלייך". דערמאנענדיק אין זיינע זכרונות דעם אינצידענט צווישן מענדל לעפין און טוביה פעדער [1], דערקלערט ער דעם לעצטן פאר א „פאנאטיקער" און ווייזט דערביי אן: טוביה פעדער האט פיינט געהאט ייִדיש, ווייל עס איז ניט קיין שיינע שפראך; אבער דער דאזיקער משורר און מדקדק האט ניט פארשטאנען, אז א שפראך ווערט ניט מיט א מאל געבארן, אז די ליטעראטור שאפט די שפראך, אז דאס פאלק קאן ניט באנעמען א שפראך, וואס עס פארשטייט ניט; און וואס איז די פעולה, וואס מיר וועלן ריידן צום פאלק אין א שפראך, וועלכע עס פארשטייט ניט?" [2].

דער אייגענער שריפטשטעלער, וואס האט ארויסגעזאגט די דאזיקע געדאנקען, טרעט אבער אויך ארויס אין עפנטלעכע ארטיקלען [3] און אין פריוואטע בריוו [4] קעגן דעם „לשון בבל", דעם מיאוסן געמישטן

1 זע אונזער ווערק, ב' VII, צווייטער בוך, ז' 257—261

2 א. פריידקין, גאטלאבער און זיין עפאכע 174.

3 המליץ, 1863, 232.

4 רשומות, II, 421.

זשאַרגאָן, וואָס האָט נישט קיין גראַמאַטיק און מען דאַרף וואָס גיכער אים פאַרבייטן אויף „לשון המדינה״ און ווערן לייטן גלײַך. כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט גאָטלאָבערס א נאָך ניט פאַרעפנטליכטער בריוו צו דעם באַוווסטן ווילנער משׂכּיל און שפּראַכפאָרשער יהושע שטיינבערג. יענער האָט אים געמעלדעט, אַז ער האָט בדעה אַרויסצוגעבן א ציי־טונג „בשפת אשכנז קלה״. פאַרשטייט ניט גאָטלאָבער, וואָס שטיינבערג מיינט אונטער „שפת אשכנז קלה״. ער וואָרנט אים אָבער גלײַך, אַז אויב ער מיינט טאַקע „לשון אשכנז ממש״, וועט אַזאַ צייטונג קיין פּעולה ניט האָבן, וואָרום קיינער וועט זי ניט וועלן לייענען און אויך ניט קענען פאַרשטיין. „איך, — שרייבט ווײַטער גאָטלאָבער, — ווייס שוין פון לאַנג, אַז העלפן אונזער פאָלק און היילן זיינע וואונדן קאָן מען נאָר, ווען מען רעדט צו אים אויף זײַן שפּראַך; און ערשט דעמאָלט וועט ער אַוועקוואַרפן די דאָזיקע פאַרדאַרבענע שפּראַך, ווען ער וועט טאַקע דורך איר גופא באַקומען אָפענע אויגן; זי וועט דעמאָלט ווערן אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא, וואָס מען וואַרפט אַרויס, ווען מען דאַרף זי שוין ניט״ [1].

באַזונדערס אינטערעסאַנט בנוגע גאָטלאָבערס פאַרהאַלטן צו ייִדיש איז זיין, פון אונז צום ערשטן פאַרעפנטליכטן בריוו [2] צו א באַקאַנטער דאַמע. אין דעם דאָזיקן אין „דייטשמעריש״ געשריבענעם בריוו לייענען מיר: „איך קעהרע ווידער צו מיינעם געדיכטע צוריק. איך נאַנטע עס איהנען מיין לעצטעס, וויל איך אַלערדינגס פעסט ענטשלאָסן בין ניכטס ליטעראַרישעס מעהר אין דיזער אַרמזעליגען אונדאַנקבאַרען אונד אונגליקס־שוואַנגערן שפּראַכע צו שרייבען. עס איזט איינע שפּראַכע אָהנע ליטע־ראַטור, אָהנע גראַמאַטיק, אָהנע לאָגיק, אָהנע רעטאָריק, אָהנע פילאָזאָפיע אונד געשיכטע, אונד וואָס דאָס שלימסטע איזט — אָהנע נאַציאָן: דענן, די וואָהרהייט צו זאַגען, אָבוואָהל דיא יעניגען דיא דיזע שפּראַכע שפּרעכען איינעם פאָלקע איינגעהערן, דאָס איינסט „עם חכם ונבון״ געהייסן האָט, זאָ פערדיענען דיא דאָך געגענווערטיג זאָ וועניג איינע נאַציאָן גענאַנט צו ווערדען, וויא דיא איינסט פאָן דען גריכען אונד רעמערן פערעהרטע מיטהאָלאָגיע — איינע געשיכטע; דענן ביידע זינד איבערבלייבזל איינער אוראַלטען צייט, דערען טיעף־איינגעוואָרצעלטער

1 ואני זה כבר ידעתי כי אין מרפא לשבר עמי ולמחץ מכתו רק אם בלשונו ידברו אליו; ואך אז ישליך מאליו את הלשון הנשחתה כאשר תפקחנה עיניו על ידי הלשון ההיא עצמה, והיתה הלשון הזאת אז כשבטי „ההושענא״ אשר ישליכו החוצה אחר אשר נחבטו.

2 „ליטעראַרישע בלעטער״, 1930, נומ׳ 10.

ראַסט פאַסט נאָך הייליגטהוענדער אונד געהיימניספאַללער אַלס איהר וועזען זעלבסט געוואָרדען איזט. איך וויל אַלזאָ מיט דיעזער נויעסטען שפּראַכע דער עלטסטען נאַציאָן, מיט דיעזעם פערדאָרבענסטען דיאַלעקטע דעם הייליגסטען פאָלקעס, מיט דיעזעם גאַטטלאָזען באַרבאַריזמוס דער גאָטטעסגעזעגנעטסטען געמיינדע ניכטס מעהר צו טהון האַבען. איך האַבע פיעלעס אין דער זעלבן געציינט, וואַס וועדער זיא נאָך דיא יעניגע דיא זיא האַנדהאַבען ווערטה זינד, אונד וואַס האַב איך דאַפיר צום לאָהן? שפּאָטט דער געבילדעטען (אָדער האַלב געבילדעטען), דאַס איך מיך פאָן דיעזער געמיינען דירנע פערלאָקקען ליעס, האַס דעם אונגעבילדעטען הויפען דער אָנשטאַטט בילדונג אָן צו נעהמען, מיך פיר דער בעל צעבוב (בעל־זבוב) זיינער העללענשפּראַכע האַלטע, אונד אַללעס פיר טייפעלס מעסיגעס געהייל, וויל ער זיינען אונד זיינער שפּראַכע ווערטה צו גוט קעננע, אַלס דאַס ער דאַראָן אונד דעסענטוויללען עטוואַס פאָן גוטעס פּרינציפּע מוטמאַססען זאָלטע".

גאָטלאָבערס דערקלערונג, אַז ער וויל מיט דעם „גאַטטלאָזען באַר־ריזמוס", דאָס הייסט מיט ייִדיש, „ניכטס מעהר צו טהון האַבען", און אַז ער האָט באַשלאָסן מער „ניכטס ליטעראַרישעס" צו שאַפן אויף דער דאָזיקער „שלימזלדיגער און אומדאַנקבאַרער שפּראַך", האָט ער טאַקע אין געוויסער מאָס מקיים געווען. ער ווײַזט אַליין אָן אין זיינעם אַ נאָך ניט פאַרעפנטליכטן בריוו צו ש. י. פין פון 1862, אַז ער האָט פיל געשריבן „בלשון העם" אין די „פריִערדיקע יאָרן" (בשנות העוברות). כמעט אַלע זײַנע לידער און סאַטירעס, וואָס האָבן בשעתּו גאָטלאָבערס נאָמען אַזוי פּאָפּולער געמאַכט, זײַנען געשריבן געוואָרן אין די דרײַסיקער און פערציקער יאָרן פון פאָריקן יר"ה. שפּעטער, בפרט אין דעם משך יאָרן, ווען ער איז געווען לערער אין די קאַזיאָנע שולן, האָט ער, אויסער זיין איבעראַרבעטונג פון ערטערס „גלגול נפש", קיין זאַך ניט געשריבן אויף דער „העללענשפּראַכע". ערשט נאָך די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן, ווען גאָטלאָבער איז, ווי פיל אַנדערע השכּלה־קעמפער, אַ בעל־תשובה געוואָרן, האָט ער ווידער אָנגעפאַנגען ייִדישע (נאַציאָנאַל־ציוניסטישע) לידער צו שרײַבן, וועגן וועלכע עס וועט נאָך אויסקומען צו ריידן.

גאָטלאָבער ווײַזט אָן אין זײַנע זכרונות, אַז דעם ערשטן שטויס צו „ריידן צום פאָלק אויף זײַן אייגענער שפּראַך" האָבן אים געגעבן מענדל לעפינס ייִדישע איבערזעצונגען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקענט אין באַר ביי מאיר רײַכן. דאָס איז געווען אין יאָר 1830, און טאַקע פון

גאָטלאָבערס אָנווייַזונגען ווייסן מיר, אַז זיין פּיעסע „דער דעקטוך״ איז געשריבן אין 1838, זיין סאַטירע-ליד „דאָס שטרייַמל מיטן קאַפּעליוש״ — אין 1841, די גרויסע סאַטירישע פּאָעמע „דער סיום״ [1] — אין 1842, „דער בידנער ישראליק״, וואָס איז געווען אַזוי פּאָפּולער, אַז ס׳איז, ווי גאָטלאָבער גופא ווייזט אָן, ניט געווען קיין איין ייִדיש הויז, וווּ מ׳זאָל דאָס ליד ניט זינגען, — אין 1843, „די גזרה דייטשן״ — סוף זומער 1845. אין דעם זעלביקן יאָר האָט ער פאַרפאַסט „די גרויסע קינץ, אָדער דאָס ביסעלע מינץ״. ניט שפּעטער פון די פערציקער יאָרן איז אויך בלי ספק פאַרפאַסט געוואָרן זיין פּאָליטישע סאַטירע „די דעפּוטאַטן״ [2]. אַז ער האָט אויך „די פאַרקערטע וועלט״ [2] געשריבן אין די פערציקער יאָרן, ווערן מיר געוואָר אויס דעם אויבן-ציטירטן בריוו צו פינען, וווּ ער ווייַזט אָן, אַז שוין אין 1850, ווען ער איז געווען אין ווילנע, האָט ער פאַר-זאָרגט די דאָזיקע פּאָעמע מיט דער צענזור-דערלויבעניש (כבר קבלתי עליו הרשיון מהצינזור להדפיסו).

גאָטלאָבערס ייִדישע לידער האָבן אים געשאַפן נישט נאָר, ווי ער קלאָגט זיך אין דעם אויבן ציטירטן „דייַטשמערישן״ בריוו, „האָס דעם אונגעבילדעטען הויפענס״, נייערט אויך אַן אומגעהייערע פּאָפּולאַריטעט. עס איז כמעט נישט געווען קיין איין ייִדיש הויז אין וואָלין און פּאָדאָ-ליע, וווּ מען זאָל נישט זינגען און דעקלאַמירן גאָטלאָבערס לידער מיט די מאָטיוון, וואָס ער גופא האָט צו זיי געמאַכט [3]... אדאנק דער קאָלאָסאַלער פּאָפּולאַריטעט זיינען אַפילו מיט דער צייט געשאַפן געוואָרן אַ ריי פאָלקס-איבעראַרבעטונגען פון גאָטלאָבערס לידער. די פאָלקס-מאַסע האָט זיי באַטראַכט ווי איר אייגנס, האָט זי זיי איבערגעמאַכט לויט איר געשמאַק און באַגריפן [4].

גאָטלאָבער האָט זיינע לידער ניט נאָר געזונגען „אין טאָן פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מוזיק״, ווי א. י. פּאַפּערנא ווייַזט אָן, זיי זייַנען אויך געשאַפן אינם ריטם און טאָן פונם פּשוטן פאָלקס-ליד, מיט זיין

---

1 דעם „סיום״ האָט דער כמאַטריעל פון דער דובנער קאַזיאָנער ראַבינער אוסשי-לישטשע, תנחום ראַיענצהייַג, איבערגעזעצט אויף רוסיש.

2 צום ערשטן דורך אונז פאַרעפנטליכט אין „צייַטשריפט״, V.

3 א זון פון א חזן, — שרייַבט א. י. פּאַפּערנא אין זייַנע זכרונות וועגן גאָטלאָבער (דער פּנקס, 1913, 187), — האָט גאָטלאָבער געיַרשנט פון זייַן פאָטער אַ מוזיקאַלישן טאַלענט. ער איז געווען אַ גוטער בעל-תפילה, און זייַנע פאָלקס-לידער האָט ער געזונגען אין טאָן פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מוזיק. אָט די פאָלקס-מאָטיוון האָבן זייַנע פאָלקס-לידער נאָך מער פּאָפּולער געמאַכט״.

4 באריכות וועגן דעם זע ז. סקודיצקיס ארבעט אין „צייַטשריפט״ V 245—255.

פרימיטיווער פשטות, אָבער אויך מיט זײַן בײַסנדיקן הומאָר, מיט זײַן בראַטעסטע קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. ס'איז כּדאַי אָנצומערקן, אַז דוקא דעם אַמיינסטן פאַרהאַסטן שונא, דעם חסידיזם, באַרירט גאָט־לאָבער זייער ווייניק אין זיינע לידער און סאַטירעס. אויסער דער זייער געלונגענער פּאַראָדיע אויף די שבתדיקע זמירות „איש חסיד", האָט גאָט־לאָבער נאָך פאַרפאַסט אַ גרעסערע פּאָעמע „רב איציק גר", וואָס האָט, ווי עס שיינט, געזאָלט האָבן אַן אַנטי־צדיקישע טענדענץ; ער האָט זי אָבער ניט פאַרענדיקט און איבערגעריסן אין סאַמע אָנהויב. דערפאַר אָבער באַרירט גאָטלאָבער זייער גערן סאָציאַלע מאָטיוון און מאַכט פאַר אַ צילברעט פאַר זיין סאַטירע די קהלישע רעדלפירער, די יידישע „שטאָט־בעלי־טובות". מיט וואָס פאַר אַ ביטול ווערן אין דער פּאָעמע „די דע־פוטאַטן" אויסגעלאַכט די יידישע שתדלנים, וואָס די קהלות פלעגן אַזוי אָפט שיקן קיין פעטערבורג אין יענע צייטן:

בקיצור, עס איז אַזוי געבליבן
מען האָט דעם איזיל אויסגעקליבן
דעם למדן, דעם בעל לשון קודש
פאַר שתדלן און פאַר פּרנס חודש.

נאָר ווײַל ס'איז דאָך ניט שיין, דער שתדלן זאָל גיין איינער אַליין, — האָט מען נאָך אַ שטיק זיבן דעפּוטאַטן אויסגעקליבן: דער אָקס, דער שיינער בעל־הבית, און דאָס פערד, דער גרויסער עושר, און ביידע ראַטמאַנס — דער וואָלף און דער הונט, די דראַבעס, די סיפּאַקעס, די הויטשינדער, און דער געשוואָרענער רב, דער בער, איז אויך געקומען אַהער.

אפילו דער מאָדערנער לייענער וועט מיט פאַרגניגן לייענען גאָט־לאָבערס סאַטירע „די אסיפה", „אַן אַלטע מעשה, נאָר אַ שפּאָגל נײַע", ווי עס הייסט אינעם אונטערקעפּל. מיט בײַסנדיקן הומאָר ווערן געשיל־דערט ביידע צדדים אויף דער אסיפה: פון איין זײַט די רעדלפירערס, די בעלי דיעות, און פון דער אַנדערער — די אָרעמע לײַט, דאָס שטענדיקע כּפּרה־הינדל, וואָס האָבן אפילו ניט דעם מוט צו פּראָטעסטירן קעגן די עוולות און נגישות, וואָס ווערן קעגן זיי אָפּגעטאָן:

אַזוי איז במוסכם כּולם געבליבן,
מען האָט די תקנה אין פּנקס פאַרשריבן:
„היות, אַזוי פון ימים ושנים
זײַנען דאָ ביי יידן נגידים און קבצנים,

מוז מען דאָך וויסן, צו וואָס איטליכער ניצט,
פאַרשרייבן מיר עס אין פנקס איצט:
צום רייסן, צום בייסן, קלאַפּן, שלאָגן
און אַלערליי צרות איבערצוטראָגן
דאַרפן אָרעמעלייט אויפשטעלן די פּלייצעס
און די נגידים — ניצן אויף אסיפות און עצות.
מיר מוזן זיי נאָכזאָגן דעם שבח אָן חניפה:
זיי מאַכן אויסגעצייכנט איין אסיפה״.

א באַזונדערן אינטערעס שטעלט מיט זיך פאָר די גרויסע פאַעמע „דער סיום״, ווו עס ווערט אַזוי שאַרף און אָן רחמנות בלויזגעשטעלט די גאַנצע „באַנדע שטאָט בעלי טובות״. עס איז ממש ניט צו גלויבן, אַז דער משכיל גאָטלאָבער מיט זיינע סערוויל-פּאַטריאָטישע העברעישע לויבגעזאַנגען דעם „הערשער דעם צדיק״ (דעם רוסישן קיסר), זאָל זיך דערלויבן אויף „מאַמע לשון״ שרייבן אַזוינע „חוצפּישע״ פערזן ווי:

דער עיקר, וואָס מיר דאַרפן פונם מלך האָבן
איז — ער זאָל אונז נאָר ניט באַגראָבן.

דער קלוגער פוקס טראַכט „שטילערהייט צו זיך אַליין״:

איך בין טאַקע צו דער מלוכה צו קליין,
דאָס איז דאָס אומגליק, דאָס איז דער שלאַק:
די וועלט האָט ליב אַ גרויסן, כאָטש אַ דוראַק.

און ווען מען האָט ענדליך דעם לייב פאַר אַ מלך אויסגעקליבן, פאָלגט דער אויספיר:

דער וואַלד פירט זיך ווידער, ווי ער האָט זיך געפירט:
דער שוואַכער ליגט שטיל, דער שטאַרקער פאַרפירט,
דער גרויסער איז גרויס, דער קליינער איז קליין —
וויל איז דעם, ווער עס האָט שאַרפע ציין.

אַזוינע שטעכיקע אָנצוהערענישן באַגעגנט מען אין דער פאַעמע גאַנץ אָפט, נאָר דאָס אַלץ בלויז אגב אורחא. זיינע שפּיציקע פיילן שלײַדערט אונזער פאָלקס-זינגער דער עיקר אין די היימישע „פּני״ — אין די דיינים, רבנים און ראשי הקהל. ער וויל ניט וויסן פון קיין פיינע, צירליכע מאַנירן; אויף דעם פּראָסטן „עמך״-לשון טוט ער זיי דערקלערן:

וואָס שטופּט איר אייך, פאַרכעס, אין דער היץ?
אַז איר האָט ניט קיין שכל, קיין וויץ?

חזירים, אײזל, פערד, בערן,
וואָס ווילט איר אַלע קהלס־לײַט ווערן?
ווי קומט עס צו אײַך, אַז איר קענט אַלע מכּות? —
אין וואַלד אַרײַן, איר לײַדאַקעס!

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין גאָטלאָבערס שאַפן זײַן קאָמעדיע „דער דעקטוך". מיר ווייסן פון זײַנע זכרונות, אַז זײַן לערער דער קאָנס־טאַנטינער משׂכּיל יוסף ווײַזנער, וואָס האָט אַליין פאַרפאַסט אַ העברעיִשע פּיעסע „קול בוכים", האָט דערוועקט אין דעם גאַנץ יונגן גאָטלאָבערן אַ ספּעציעלן אינטערעס צו טעאַטראַלישע ווערק. די ערשטע גרעסערע זאַך, וואָס גאָטלאָבער האָט געשאַפן אין העברעיִש, איז געווען אַ ביבל־דראַמע אין פיר אַקטן „אמנון ותמר"[1]. מיר האָבן שוין אין אונזער אויבן ציטירטן אַרטיקל („ליטעראַרישע בלעטער" 1930, נומ' 10) אָנגע־וויזן אויף דעם גאַנץ קנאַפן ליטעראַרישן ווערט פון דער אין מאַנוסקריפּט פאַרבליבענער פּיעסע. שפּעטער מיט יאָרן (1867) האָט גאָטלאָבער פאַר־עפנטליכט זײַן אַלעגאָרישע דראַמע „תּפארת לבני בינה", וואָס איז די שוואַכסטע און אומבאַהאָלפנסטע פון אַלע פּילצאָליקע העברעיִשע אַלע־גאָרישע דראַמעס, וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן אין דער השׂכּלה־תּקופה לויט דעם מוסטער פון משה חיים לוצאַטוס „לישרים תהילה". דער משׂכּיל און מליץ איז אָבער בײַ גאָטלאָבערן, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, געווען צונויפגעפלאָכטן מיטן שפּראַצלינג פון די אַמאָליקע „געזעליגע לײַט", פון די טאַלענטירטע „לצנים" און „פּורים שפּילער", מיט זייער געזונטן, פאָלקסטימלעכן הומאָר און געלעכטער. אַדאַנק דעם, פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע דער השׂכּלה־קעמפער גאָטלאָבער אין דברי־מוסר און הויכגעהויבענע מליצות, די איבערהאַנט באַקומט דער „לץ", וואָס שאַפט אויף זײַן קערנדיקער וואָלינער שפּראַך די פאָלקסטימלעכע דרײַ־אַקטיקע קאָמעדיע „דער דעקטוך". גאָטלאָבער ווײַזט אַליין אָן אין זײַנע זכרונות אויף דעם גרויסן אײַנדרוק, וואָס ס'האָט אויף אים געמאַכט אין 1837 שלמה עטינגער, בשעת יענער האָט אים פאָרגעלייענט זײַן „סערקעלע", און טאַקע אונטער דעם דאָזיקן אײַנדרוק האָט ער פאַרפאַסט זײַן דרײַ־אַקטיקע קאָמעדיע. „סערקעלע" האָט אָבער געדינט גאָטלאָבערן בלויז אַלס אָנרעגונג, נאָר ניט אַלס מוסטער. דעם השׂכּלה־קעמפער

1 א. פרידקינס אָנווײַזונג (ציט. ח. 178), אַז „אמנון ותמר" איז „אַ פּיעסע פון דעם איצטיקן לעבן", איז ניט ריכטיק. דער טעות נעמט זיך וואַרשײַנליך דערפון, וואָס ה' פרידקין האָט ניט ריכטיק אויסגעטײַטשט גאָטלאָבערס העברעיִשן אויסדרוק „על דרך ההוה". דאָס וויל כּלל ניט באַדײַטן, אַז אינם ווערק ווערט געשילדערט די נעגנהאַרט, נײַערס, אַז ס'איז געשריבן אין דיאַלאָג־פאָרם.

גאָטלאָבערן האָבן דאָ ניבער געדינט אַלס מוסטער לעווינזאָנס „הפקר־וועלט״ און וואָלפזאָנס אייכלס „פּאַמיליענגעמעלדע״. גאָטלאָבערס האַס צו די גוטע ייִדן און שווינדלער בעלי מופתים, זיין ביטול צו די אומגעלומפּערטע פאַרעלטערטע לעבנס־פאָרמען, צו דער אומנאַטירליכקייט פון די אַלט־פרענקישע חתונות, ווען צוליב נארישן יחוס איז רעכט געווען צו פאַרקנסן אַ טאָכטער פאַר אַ לא יוצלח, פאַר אַ פּיזישן און גייַסטיקן קאַליקע, — דאָס אַלץ געפינט דעם שאַרפסטן אויסדרוק אין דעם „דעקטוך״, ווערט באַשפּאָט מיט דעם בייַטש פון סאַטירע, באַלאַכט מיטן געזונטן „עמך״־געלעכטער. די טרעגער פון ליכט און „אויפקלערונג״ זייַנען אינם „דעקטוך״ ניט קיין רעזאָנערישע האַלץ־פיגורן, ווי בייַ אייכלען, נאָר לעבנסלוסטיקע פערסאָנאַזשן פון „קאָמעדיע דעל אַרטע״; זיי זינגען פריילעכע קופּלעטן, מאַכן פלערליי קונדסישע שטיק, און, ווי אַלע „געזעליגע לייַט״ און „מאַרשאַלעקעס״, זייַנען זיי העכסט צופרידן, ווען מען גיט זיי ביר און ווייַן „אומגעמעסן״.

עס איז אמת צו באַדויערן, וואָס אָט די פאָלקסטימלעכע קאָמע־דיע־בוך, דער דאָזיקער ערשטער מוסטער פון דער מאָדערנער ייִדישער מעלאָדראַמע, איז גאַנצע יאָרצענדליקער געבליבן ניט געדרוקט, נאָר געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט אין פאַרגרייַזטע קאָפּיעס, ביז אין 1876 האָט איינער אַ יאָזעף ווערבלינסקי אָפּגעדרוקט אַזאַ פאַרגרייַזטע אָפּשריפט אונטער זייַן נאָמען. דאָ מוזן מיר אָבער קאָרעגירן דעם אויספיר, וואָס מיר האָבן דערבייַ געמאַכט אין אונזער אויבן ציטירטן אַרטיקל. דאָס, וואָס גאָטלאָבערס ייִדישע זאַכן זייַנען אַזוי לאַנג אין מאַנוסקריפּט געבליבן, האָבן מיר דאָרט דערקלערט דערמיט, וואָס „דרוקן זייַנע אין ייִדיש געשריבענע זאַכן האָט ער קיין חשק נישט געהאַט, און דאָס — נישט אויס מאַטעריעלע מניעות, נאָר פּשוט, ווייַל ער האָט זיך געשעמט אַרויסצוטרעטן פאַר דער עפנטלעכקייט אַלס „זשאַרגאָן״־שרייַבער [1]. נאָכ־דעם ווי מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט גאָטלאָבערס נאָך ניט פאַרעפנט־לעכטער אומפאַנגרייַכער קאָרעספּאָנדענץ, זייַנען מיר געקומען צו דער איבערצייַגונג, אַז די סיבה, וואָס גאָטלאָבערס ייִדישע ווערק זייַנען בשעתּו ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איז איינע און די זעלביקע, וואָס האָט אויך גורם געווען, אַז אַקסענפעלדס שאַפונגען זאָלן בלייַבן אין מאַנוסקריפּט.

1 אַגב איז אינטערעסאַנט צו ברענגען גאָטלאָבערס באַמערקונג (ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק, 1888, 257) וועגן ייִדיש: „אין פריערע צייַטן האָט מען ניט געוווּסט פון דעם נאָמען זשאַרגאָן. אונזער לשון האָט געהייסן ייִדיש־דייַטש. מיר געפעלט אויך דער נאָמען זשאַרגאָן ניט, ווייַל באמת הייסט זשאַרגאָן איינע אינפּאַרשטענדליכע גערעדע; עס איז גלייַכער צו בלייַבן בייַם נאָמען ייִדיש אָדער ייִדיש־דייַטש.

„אַ דרוק, אַ דרוק! — רופט גאָטלאָבער אויס אין איינעם פון זיינע בריוו — דאָס איז מיין חלום זינט מיין יוגענט, זינט מיין קינדהייט, ביז אין די אַלטע יאָרן" [1]. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ווי נאָך אין 1850 האָט גאָטלאָבער פאַרזאָרגט זיין „פאַרקערטע וועלט" מיט דער צענזור-דערלויבעניש, ער האָט אָבער ניט געהאַט די מעגליכקייט דאָס ווערק צו דרוקן [2]. ווי נאָר דער טערמין פונם דרוק-מאָנאָפּאָל האָט זיך פאַר-ענדיקט (1862) און דער „קול מבשר" האָט אָנגעהויבן דערשיינען, האָט גאָטלאָבער גלייך אָנגעהויבן צו דרוקן זיינע קלענערע יידישע זאַכן. אין 1865 דרוקט ער אָפּ אין „המליץ" (נומ' 12) אַזאַ מודעה: „איך בין מודיע, אַז איך בין גערייט איבערצוגעבן אין דרוק פאָלגענדיגע מיינע ווערק אין דער פאָלקס-שפּראַך: א) „דאָס דעקטוך אָדער צוויי חופּות אין איין נאַכט", אַ קאָמעדיע אין דריי אַקטן. ב) „די פאַרקערטע וועלט", ג) דער „סיים אָדער די גרויסע אסיפה אין וואַלד, אַז די חיות האָבן אויסגעקליבן דעם לייב פאַר אַ מלך". די לעצטע צוויי ווערק זיינען געשריבן אין פריינע ריטם, וואָס הייסט אין דייטשן קניטעלריימען. דאָס ערשטע איז געשריבן אין פּראָזאַ, נאָר עס קומען דאָרט אויך פאָר לידער, צווישן זיי אויך אין געשלאָסענעם ריטם, און זיינען פאַרפּאַסט צום זינגען, און זיי וועלן געדרוקט ווערן צוזאַמען מיט די נאָטען פון די מאָטיוון. די דאָזיגע ווערק מיינע האָבן זיך שוין קונה שם געווען און זיי זיינען באַקאַנט פילע משכּילים און דיכטער" [3].

מיט דעם דאָזיקן אויפטו זיינעם — צו שאַפן אַ פּיעסע מיט לידער און געזאַנג, — דערשיינט גאָטלאָבער אַלס פאָרלויפער פון אברהם גאָלד-פאַדן, דעם באַשעפער פון מאָדערנעם יידישן טעאַטער. און בעת מען שאַצט אָפּ גאָטלאָבערס פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור, מוז טאַקע דערביי דערמאָנט ווערן, אַז זיינע באַליבטע תּלמידים, אויף וועלכע זיין השפּעה איז פון גאַנץ גרויסן באַדייט — זיינען געווען דער זיידע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור מענדעלע מוכר ספרים און דער באַגרינדער פונם מאָדערנעם יידישן טעאַטער — אברהם גאָלדפאַדן.

---

1 זע ביילאַגען, נומ' 7.

2 ס'איז כאַראַקטעריסטיש, ווי גאָטלאָבער רופט אויס מיט שטאָלץ אין זיינעם אַ בריוו צו פּנחס בערנשטיינען: „הגידו אחי המשכילים, מתי לא הראיתם דשן נזשכם אם עברית או יהודית-אשכנזית שרתי?

3 אין גאָטלאָבערס אַ צווייטער מודעה אין „המליץ" ווערן דערמאָנט צוויי זיינע לידער, „די דובנער שרפה" און „די בלינדע יתומה", וואָס זיינען אין די אַנדערע קוועלן ניט אָנגעוויזן.

זעקסטער קאַפּיטל

די השכלה־באַוועגונג אין פּוילן. — די השפּעה פון דער „בערלינער השכלה". — פרידלענדערס „איבער די פערבעסערונג דער איזראעליטען אים קעניגרייך פּאָלען" — דער „אויפקלערער" יעקב טוגענדהאָלד. — אַנטאָני אײַזענבוים און דער „בעאָבאַכטער אַן דער ווײַכסעל". — מענדעלסזאָנס „ביאור" אין וואַרשעווער איסנאַבע. — די אייגנאַרטיקייט פון דער השכלה־באַוועגונג אין פּוילן. — יעקב רײַכמאַן און זײַן שאַפן. — חיים־זעליג. סלאָנימסקי און זײַן באַדײַט. — אפרים־פישל פישעלזאָהן אויס זאַמאָשטש און זײַן „טעאַטער פון חסידים". — שלמה עטינגערס לערן־ און וואַנדער־יאָרן. — עטינגער דער עסטעט און מײַסטער פון דער ייִדישער שפּראַך. — זײַנע פּיעסן, משלים און עפּיגראַמען. — עטינגער דער משכיל. — עטינגערס לעבנס־דראַמע. — דער קולטור־קעמפער טוגענדהאָלד אַלס צענזאָר. — די דורך דער צענזור „אויסגעבעסערטע" עטינגערס ווערק בלײַבן אין מאַנוסקריפּט.

אין די פריקע קאַפּיטלעך האָבן מיר באַקענט דעם לייענער מיט די „אבות ההשכלה" פון וואָלין און ליטע; אין דעם איצטיקן קאַפּיטל וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דער השכלה־באַוועגונג אין דעם דריטן וויכטיקן צענטער — אין פּוילן.

די שכנותדיקע לאַגע צו פּרײַסן, די אָפטע האַנדלס־באַציִונגען מיט די וויכטיקע פּרײַסישע צענטרען האָבן מיטגעווירקט, וואָס די השפּעה פון דער „בערלינער השכלה" האָט זיך שוין געלאָזט באַמערקן אין די אייבערשטע שיכטן פון דער וואַרשעווער קהילה, בעת וואַרשע איז נאָך געווען די רעזידענץ פון דער פּוילישער מלוכה. דער דאָזיקער פּראָצעס איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך 1795, ווען וואַרשע איז נאָך דער דריטער פּוילן־צעטיילונג איבערגעגאַנגען צו פּרײַסן. דער האַנדלס־פאַרקער צווישן וואַרשע און בערלין האָט זיך דאַדורך באַדײַטנדיק געשטאַרקט, און פיל פּרײַסישע ייִדן עפענען אין וואַרשע אייגענע געשעפטן. עס גענוגט אָנצווײַזן, אַז אין 1799 האָבן אין וואַרשע פונקציאָנירט דרײַצן ייִדישע בענק, מערסטנטיילס געעפנט דורך פּרײַסישע

יידן 1. אין סוף 18טן יר״ה ווערט אין ווארשע געגרינדעט א רעפאר-מירטע „דײַטשישע״ סינאגאגע מיט דײַטשע פרעדיגן 2, און די דאזיקע שול האט פונקציאנירט אפילו נאך דעם, ווי ווארשע איז געווארן אויס פרײַסישע פראווינץ און איז לויט נאפאלעאנס באפעל מגולגל געווארן אין דער רעזידענץ פון דעם „ווארשויער הערצאגטום״. די השפעה פון דער „בערלינער השכלה״ האט זיך אבער אויף דער שוועל פונם 19טן יר״ה געשפירט אין געוויסע שיכטן פון דער ווארשעווער קהילה ניט בלויז אויפן גײַסטיקן געביט, נאר אויך אויפן רעכטליך-פאליטישן. די ווער-שעווער קהילה, בעת זי האט זיך געווענדעט מיט אירע ביטשריפטן צו דער מאכט וועגן פארברייטערן די יידישע בירגער-רעכט, האט געהאלטן פאר נייטיק צו בעטן דערבײַ שטיצע בײַ די בערלינער ראשי הקהלה, וואס זײַנען דאך געווען „קרובים למלכות״. אויך די פרײַסישע רעגירונג האט פון איר זײַט געזען אין די בערלינער ראשי הקהלה די אנערקענטע אפיטרופסים איבער די פוילישע „אסט-יודען״. אין סוף 18טן יר״ה ווענדט זיך דער פרײַסישער מיניסטער פאס צו דוד פרידלענדער מיט דער בקשה, יענער זאל ארויסזאגן זײַן מיינונג וועגן „דעם יודען-רעגלא-מענט״ פון 1797. פרידלענדער האט צו דעם צוועק ספּעציעל באזוכט פוילן, בכדי זיך צו באקענען אויפן ארט מיט דער יידישער לאגע, און דערנאך (אין 1801) דערלאנגט דעם מיניסטער אן אומפאנגרײַכע „דענקשריפט״.

אפילו נאך די נאפאלעאנישע מלחמות, ווען ווארשע איז געווארן די רעזידענץ פון „קעניגרײַך פוילן״, וואס איז איבערגעגאנגען אונטער רוסלאנדס אויבערמאכט, האט זיך ניט איבערגעריסן די גײַסטיקע השפעה פון די בערלינער אויפקלערער אויף זייערע ווארשעווער „גלויבנסגענאסען״. באלד נאכדעם, ווי די „צײַטווייליגע רעגירונג״ פון דעם נײַ-דערקלערטן „קעניגרײַך״ האט געגרינדעט (1815) א ספּעציעלע קאמיסיע מיט דער אויפגאבע צו באטראכטן די יידן-פראגע אין פוילן, האט דער ביסקופ מאליטשעווסקי זיך געווענדעט אין נאמען פון אייניקע פאליטישע טוער צו פרידלענדערן מיט דער ביטע, יענער זאל ארויסזאגן זײַן אויטאריטעטע מיינונג, אויף וואס פאר אן אופן די יידן-פראגע קאן אמבעסטן געלייזט ווערן אין פוילן. פרידלענדער האט אפגעענטפערט מיט א לאנגן „גוטאכטען״, וועלכן ער האט אין דרײַ יאר ארום פארעפנטליכט מיט אייניקע הוספות — אין זײַן אונז שוין באקאנטן ווערק „איבער די פער-

1 י. שאצקי אין „היסטארישע שריפטן״, I, 427.

2 זע ב. ווײַנריבס זאכליכן ארטיקל אין „מאנאטסשריפט״, 1932, 139—152.

בעסערונגען דער איזראעליטען אים קעניגרייך פּאָלען" 1. פון זיין ענג ראַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט איז פרידלענדער פעסט איבערצײַגט, אַז די וויכטיקסטע מניעות, וואָס שטערן די גײַסטיקע לייזונג פון דער יידן-פראַגע אין פּוילן, זײַנען פאָלגנדיקע צוויי פאַקטאָרן: 1) וואָס בײַ די דאָרטיקע יידן גילט אַזוי שטאַרק דער תּלמוד, און 2) די שעדליכע חסידישע באַוועגונג, וואָס פאַרנעמט דאָרט אַזאַ בכבודיקן אָרט. עס איז גאַנץ באַגרײַפליך, אַז ניט נאָר פּוילישע גייסטליכע און וועלטליכע שררות האָבן זיך געפונען אין קאָנטאַקט מיט דעם אַלטן פרידלענדער, נאָר אויך די פאָרשטייער פון די וואַרשעווער משכּילים. זיי האָבן געזעען אין פרידלענדערן דעם אָנערקענטן גײַסטיקן פירער, און צו אים און צו זײַנע אָנהענגער פלעגן זיי זיך ווענדן בנוגע פאַרשיידענע קולטור-פראַגן.

אין 1819 עפנט דער יונגער יעקב טוגענדהאָלד די ערשטע וועלטליכע שולן פאַר דער יידישער יוגנט, לויט דעם מוסטער פון די בערלינער שולן. טוגענדהאָלד האָט געשטאַמט פון דײַטשע יידן. זיין פאָטער, ישעיה טוגענדהאָלד, אַ געבאָרענער אין ברעסלוי (אין 1755), איז געווען אַ פאַרערער פון די „מאספים", האָט געשריבן אין זייער סטיל מליצהדיקע בריוו, שירים און פירושים אויף תּנך 2. נאָך אין די יונגע יאָרן האָט ער זיך באַזעצט אין דעם פּוילישן שטעטל זאַלאָשיץ (נעבן קראָקאָ) און דאָרט זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט 3. זײַן עלטערער זון, יעקב, האָט שוין געהאַט אַ פאַמיליע, ווען ער האָט פאַרלאָזן (1812) זיין געבורטס-שטאָט זאַלאָשיץ און איז אַוועק קיין ברעסלוי שטודירן 4. אין 1817 באַזעצט ער זיך אין וואַרשע, און שוין אין אַ יאָר אַרום טרעט ער אַרויס אין דער פּוילישער ליטעראַטור מיט אַ צאָרנדיקן ענטפער אויף אַן אָקערשט דערשינענער אַנטיסעמיטישער אַנאָנימער בראָשור „Sposób na żydów", וווּ עס ווערט דערקלערט אַלס איינציק מעגליך ראַציאָנעל מיטל צו פאַרענטפערן די יידן-פראַגע — אַרויסטרײַבן אַלע יידן פון לאַנד. אין זיין מיט יוגנטליכן אימפּעט געשריבענער פּאָלעמישער שריפט „Jerobaal czyli mowa o Żydach" זאָגט טוגענדהאָלד אַגב אַרויס זײַן פעסטע איבערצייגונג, אַז דער נײַער דור פון דער יידישער באַפעלקערונג

---

1 זע אונזער ווערק, ב' VII, ערשטער בוך, 144.

2 אַ באַדײַטנדיקער טייל פון זײַנע מאַנוסקריפּטן איז פאַרברענט געוואָרן בשעת אַ שׂרפה אין 1796. דער פאַרבליבענער טייל פון זײַן ליטעראַרישע ירושה האָט י. י. חײַסבערג פאַרעפנטליכט אין אַ באַזונדערער זאַמלונג „דברי ישעיה" (קראקא 1896).

3 געשטאָרבן אין 1830.

4 זע, דברי ישעיה 16 — 19.

וועט אויפדערצויגן ווערן אינם גייסט פון מאָדערנער אייראָפּעיִשער קולטור [1]. בכדי דאָס צו פאַרווירקליכן, גרינדעט טוגענדהאָלד אין א יאָר אַרום די אָקערשט דערמאָנטע מאָדערנע שולן מיט פּויליש אַלס אונטערריכט=שפּראַך. דאָ זיינען אים אָבער פאָרגעשטאַנען גרויסע אנטוישונגען. די „בערלינער", די אויפגעקלערטע באַנקירן, פאַבריקאַנטן און גרויסע סוחרים, וואָס האָבן געשפּירט די נייטיקייט פון אייראָפּעיִשער בילדונג און פון נייַע לעבנספאָרמען, האָבן אין דעמאָלטיקן וואַרשע נאָך געבילדעט א גאַנץ דינינקע שיכט; די הויפּטמאַסע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אָרטאָדאָקסן, חסידים און סתם „עמך", וואָס האָבן זיך נאָך געהאַלטן פעסט אָן די אַלטע אָפּגעזונדערטע לעבנספאָרמען. די אַסימילאַציע=טענדענצן, וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק געשפּירט אין פּרײַסן, האָבן אין פּוילן געקאָנט האָבן א גאַנץ קנאַפּן איינפלוס, ווייל דיווירטשאַפטליכע סטרוקטור פון דער פּוילישער גזעלשאַפט איז נאָך געווען א ריין=פעאָדאַלע. דער ייִד האָט געלעבט פונם פּריץ, האָט זיינע דאגות פּרנסה באַפרידיקט אין די ד' אמות פון זיין קליין וועלטל. ער האָט זיך געקענט ווי עס איז צונויפרײידן מיטן פּריץ, און דעריבער האָט ער ניט געהאַט קיין גרויסן אינטערעס צו די פּאָליטישע און קולטור=געזעלשאַפטליכע פראַגן, ווייל זיי זיינען נאָך ניט געקומען צו זיין באַוווּסטזיין, אַדאַנק זיין סאָציאַלער איזאָלאַציע [2].

עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס יעקב טוגענדהאָלד האָט מיט זיינע רעפאָרם=שולן דערוועקט א גרויסן צאָרן אין די אָרטאָדאָקסישע קרייַזן, און די פרומע פאָרשטייער פון דער וואַרשעווער קהלה האָבן אים אָנגעפאַנגען שטאַרק רודפן, אויסגעטראַכט אויף אים כלערליי בלבולים [3]; עס איז שוין אפילו געווען א מאָמענט, ווען יעקב טוגענהאלד איז געווען אַזוי איבערגעשראָקן, אז ער האָט בדעה געהאַט צו אַנטלויפן פון וואַרשע [4]. דאָס אינטערעסאַנטסטע איז אָבער דערבײַ, וואָס ביידע צדדים, אי יעקב טוגענדהאלד און זיין פאָטער, אי דער צד שכנגד האָבן זיך געווענדעט מכח דער כחלוקת מיט קלאָג=בריוו צו די בערלינער „פּני", צום באַוווּסטן כלל=טוער ישראל יאַקאָבסזאָן און צו פרידלענדערס מקורבים [5].

---

1 זע, פערעזשיטאָיע, I, 205, 211.

2 י. שאַצקי, היסטאָרישע שריפטן, I, 427.

3 יעקב טוגענדהאָלדס פאָטער קלאָגט זיך אין איינעם פון זייַנע בריוו: כי אלופי קהל מוואַרשא שלחו מכתב... ופתשגן המכתב היה כתב שטנה על בני בזה הלשון: דש ער פיהל רשעת געגען יהודים מאכט אונד בעווירקט, דאש ער איין סעאטער-שטיק יודען צו לעסטערן פערפערטיגט האט" (דברי ישעיה, 78).

4 דאַרטן, 65.

5 דאַרטן, 77—81; זע אויך חייַנריבס ציטירטע אַרבעט, 146—152.

די אונטער דער אָנפירונג פון טוגענדהאַלדן געגרינדעטע דריי מאָדערנע עלעמענטאַר-שולן (באַלד זיינען אויך צוגעקומען צוויי אַזעלכע שולן ספּעציעל פאַר מיידלעך) זיינען געווען בלויז דער ערשטער שריט מצד די וואַרשעווער משכילים צו דערנעענטערן די ייִדישע באַפעלקערונג צו דער מאָדערנער קולטור. סוף 1823 האָט אַנטאָן אייזענבוים [1], וואָס האָט געענדיקט אַ פּוילישן ליציי און איז געווען באַהבנט אין עטליכע אייראָפּעיִשע שפּראַכן, געגרינדעט אין וואַרשע אַ צווייִשפּראַכיקע צייטונג אין פּויליש און ייִדיש-דייטש — „דער בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל" (אין פּויליש האָט זי געהייסן: „Dostrzegacz Nadwiślański"). די רעגירונגס-קאָמיסיע פון פאָלקס-בילדונג, וואָס האָט געגעבן אייזענבוימען די דערלויבעניש אויף אַרויסצוגעבן אַ ייִדישע צײַטונג, „בכדי צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן", האָט דערבײַ אויך באַשטימט אייזענבוימען אַ סובסידיע פון צוויי טויזנט פּוילישע גילדן מיטן תּנאי, אַז דער טעקסט אין דער צייטונג זאָל זיך דרוקן ניט בלויז אין ייִדיש נאָר אויך אין פּויליש [2].

די צייטונג [3] איז לויט איר אינהאַלט באַשטאַנען פון פינף אָפּטיילונגען: 1) אָפיציעלע רעגירונגס-דעקרעטן און פאַראָרדענונגען, און מיטטיילונגען אויס דעם אינערן לעבן אין לאַנד; 2) נאַכריכטן פאָם אויסלאַנד"; באַשרײַבונגען פון פרעמדע לענדער און וועגן דעם לעבן פון די דאָרטיקע ייִדן; 3) האַנדלס-נאַכריכטן; 4) ביאָגראַפיעס פון גרויסע ייִדישע מענער, אַנעקדאָטן און מעשהלעך; 5) אַנאָנסן.

די צײַטונג האָט קיין שום דערפאָלג ניט געהאַט און דאָס האָט דער עיקר גורם געווען דער רעדאַקטאָר גופא. דער טרוקענער „אוטשאָני יעווּרעי" און „אינפאָרמאַטאָר", אַנטאָני אײַזענבוים, האָט בכלל זייער ווייניק געפּאַסט פאַר דער אחריותדיקער ראָלע פון אַ צייטונגסלייטער. דערצו נאָך האָט אײַזענבוים, בכדי צו „פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן", געשטעלט זיך די אויפגאַבע צו פאַרדרענגען דעם „פאַרקריפּלטן זשאַרגאָן" דורך ליטעראַריש דײַטש. צו דעם צוועק האָט ער געדרוקט זיין צײַטונג אויף אַזאַ מין „אויסגעאיידלטן" דײַטשמעריש:

„לויט בריפען אויס סאַלאָניקאַ פאָם 15 נאָוועמבער האָט דער שלעכטעסטע אַלער מענטשן זיינען פערדינטען לאָהן בעקאָמען. אַבאַלאַבוטפאַשאַ פאָן סאַלאָניקאַ, וועלכער אים פאָריגען יאַהרע איבער 5000 פאַמי-

---

1 געבאָרן אין 1791, געשטאָרבן אין 1852.

2 Kwartalnik Żydów w Polsce, 1912, II, 59.

3 דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 3-טן דעצעמבער 1823.

ליען האט אומבערעננגען לאססען אונד דערנאך זיך ריהמטע דאס אויף זיינען בעפעהל אן איינציגען טאגע 1500 וויבער אונד קינדער ערמאָר־דעט וואָרדען זינד — איסט ענדליך זעלבסט אויף בעפעהל דעם סולטאנס הינגעריכטעט וואָרדען" [1].

אזא מין „יִדיש־דייטש" האבן די פשוטע פוילישע יידן נאך וועני־קער פארשטאנען ווי דער בערלינער חלבן ר׳ הענאך דעם אויפגעקלערטן מאַרקוסעס לשון [2]. איז דערפאר מיטן „בעאבאכטער" געשעען דאס, וואס ס׳האט געמוזט געשעען: ווייל קיינער האט אים ניט געלייענט, האט ער אפילו קיין יאר ניט אויסגעלעבט און מיטן 42טן נומער (דער־שינען דעם 29 סעפטעמבער 1824) האט ער אומבאַכערקבאר זיין גרוי־ליכע עקזיסטענץ פארענדיקט.

דערמיט האט זיך אבער ניט פארענדיקט אנטאן אייזענבוימס „אויפקלערונגס"־ארבעט. אין צווי יאר ארום ווערט ער פאקטישער ליי־טער פון דער אין 1826 אין ווארשע געגרינדעטער ראבינער־שול. די אונטעררייכטס־שפראך אין דער דאזיקער שול איז געווען פויליש. די איינציקע הנחה, וואס ס׳איז דערלאזט געוואָרן בנוגע די לערער פון רעליגיעזע לימודים, אז באם זיי באהערשן ניט פולקום די פוילישע שפראך, ווערט זיי דערלויבט צייטווייליק זיך צו באנוצן מיט דער דייטשער שפראך, אבער בשום אופן ניט מיט דעם יידיש־דייטשן „זשארגאָן" [3]. אייזענבוימס נאענטסטע צוויי מיטארבעטער אין דער ראבינער־שול זיינען געווען די שטארק אסימילאטאריש־געשטימטע „אויפקלערער", יעקב צענטנערשווער און אברהם בוכנער, דער לערער פון העברעיש און ביבל. ווי דוד פריד־לענדער, אזוי איז אויך בוכנער געווען אן איבערצייגטער תלמוד־קעגנער און האט אפילו א ספּעציעל ווערק געשריבן „די ניכטיקייט דעם תלמודס" [4]. עס קאן דערפאר ניט חידושן, וואס די ראבינער־שול האט פארן גאנצן משך פון איר כמעט פערציק־יאריקער עקזיסטענץ ניט ארויסגעלאזט קיין איין איינציקן ראבינער [5].

בכדי „אויפצוקלערן די יידישע מאסן", זיינען די ווארשעווער משכילים צוגעטראטן אין די 30־ער יארן צו א קולטור־אונטערנעמונג פון ברייטן פארנעם. אין 1835 האט דער ווארשעווער משכיל משה

1 בעאבאכטער אן דער ווייכסעל, נומ׳ 1.

2 זע אונזער ווערק, באנד VII, ערשטער בוך, 180.

3 זע „פערעזשיטאָיע", I, 224.

4 דארטן, 230. נאך אייזענבוימס טויט איז אלס דירעקטאר באשטימט געוואָרן דער אונז שוין באקאנטער יעקב טוגענדהאלד.

5 דארטן, 232.

טאַנענבוים פאַרעפנטליכט אַ מודעה, אַז ער טרעט צו אַרויסצוגעבן דעם חומש מיטן ביאור אין מענדעלסזאָנס דײַטשער איבערזעצונג. פינאַנסירט די אויסגאַבע האָט הויפּטזעכליך דער וואַרשעווער גביר טעאָדאָר (טעבל) טעפּליץ, וואָס איז רײַך געוואָרן פון דער אַרענדע פון פאַרשיידענע שטײַערן, ווי — פון דעם אָפּצאָל פון זאַלץ און כשר פלייש [1]. די אויסגאַבע האָט אָבער, ווי עס שײַנט, קיין דערפאָלג ניט געהאַט. די אָרטאָדאָקסישע מאַסע האָט קיין חשק ניט געהאַט צו קויפן דעם חומש מיט „משה דעסערס" ביאור; דאָס באַשטעטיקט פאָלגנדיקער פאַקט: אין צוויי יאָר אַרום, שוין נאָך דעם, ווי ס'איז אַרויס דער דריטער באַנד פון דער אויסגאַבע, ווען די אַרויסגעבער האָבן זיך איבערצײַגט, אַז זייערע חומשים האָבן ניט קיין אָפּגאַנג, האָט דער „געלטגעבער" טעפּליץ זיך געווענדעט מיט אַ בקשה (דאַטירט דעם 21טן אווגוסט 1837) צו דער קאָמיסיע (מיניסטעריום) פאַר אינעווייניקסטע און קולט־ענינים אין וואַרשע [2]. די דאָזיקע בקשה איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש, אַז מיר ברענגען דאָ וועׂרטליך דעם ערשטן טייל: „די לאַנג־יאָריקע דערפאַרונג אין פאַרשיידענע לענדער האָט געוויזן, אַז די ישועותדיקע כוונות פון אַ רעגירונג בנוגע דער מאָ־ראַלישער אויפקלערונג פון די ייִדן ווערן רעכטצײַטיק און ברענגען די געוווּנטשענע פרוכט נאָר דעמאָלט, ווען מען באַנוצט ווירקזאַמע מיטלען אָפּצוגעוויינען די ייִדן פון דער פאַרדאָרבענער שפּראַך, ד״ה פון ייִדישן זשאַרגאָן. דאָס ווירקזאַמסטע מיטל בײַם באַקעמפן זיי מיט דער לאַנד־שפּראַך איז אָבער — פריער זיי צוגעוויינען ריכטיק צו ריידן די דײַטשע שפּראַך, ווײַל צו איר איז די ייִדישע זייער נאָענט. אויך איז ניט פאַראַן קיין שום ספק, אַז ווי נאָר דער ייִד קען שוין דײַטש, נעמט ער זיך נערן צו דער שפּראַך פונם לאַנד, וווּ ער וווינט, בינדט זיך אַזוי אַרום מיט מער אויפריכטיקייט צו צו דער רעגירונג, צו די געזעצן פון לאַנד, ווי אויך צו די לאַנדסלײַט פון אַן אַנדער אמונה. אָבער די ווירקזאַמקייט פון די דערמאָנטע מיטלען קאָן דערגרייכט ווערן דעמאָלט, ווען די איבערזעצונג אין דער ריינער דײַטשער שפּראַך זאָל זיך געפינען נעבן דעם טעקסט פון די ביכער, וואָס האָבן אַ רעליגיעזע חשיבות און זײַנען צום מיינסטן פאַרשפּרייט צווישן ייִדן, ווײַל די ביכער לייענען זיי תּון באַדאַרף געדן, און כמעט ניט ווילנדיק לערנען זיי זיך אויס די ריינע שפּראַך. זײַענדיק דערין איבערצײַגט און וועלנדיק ווײַזן, אַז איך פיל מײַן חוב מיטצוווירקן בײַ די ישועהדיקע כוונות פון דער רעגירונג, האָב

1 אַ ביסל צושטײַער אויף דער אויסגאַבע האָט אויך געגעבן דער ווילנער משכיל הירש קליאַצקאָ (זע „היסטאָרישע שריפטן", I, 777—778).

2 זע וועגן דעם ב. וויינריבס נאָטיץ אין „ייִווֹאָ בלעטער", VIII, 85—88.

איך צוויי יאר צוריק אונטערגענומען אין אייגענעם פארלאג אין ווארשע א נײַע אויפלאגע פונם חומש מיט דער אויסגעצייכנטער דײַטשער איבער־זעצונג פונם בארימטן מענדעלסזאן, וועלכע האט געקראגן די לויבפולע אפראָבירונג פון די געלערנטע פון דער גאנצער וועלט, און אויסער דעם וואס זי פארבייגט א טייל פאנאטישע אויסטײַטשונגען פון דער הייליקער שריפט, העלפט זי אויך מיט, אז יידן זאלן זיך באקענען מיט דער דײַטשער שפראך" [1].

ערשט נאך דער גאנצער הקדמה גייט טעפליץ איבער צום גאנצן עיקר: אז ס'איז ניט פאראן קיין אנדער מיטל צו פארשפרייטן דאס דאָזיקע נוצליכע ווערק, נאר, אז די קאמיסיע זאל באפעלן די קהילות (Dozor Rozniczy), זיי זאלן זיך מתחייב זיין צו באשטעלן צו איין — און די גרעסערע שטעט צו מער — עקזעמפלארן פון דעם חומש פאר די בתי־מדרשים.

ווי עס שײַנט [2], האט די רעגירונג טאקע ערפילט טעפליצעס בקשה און האט געצוואונגען די יידן צו קויפן די חומשים מיט מענדעלס־זאנס ביאור.

אין פוילן, ווי מיר זעען, האט די אויפקלערונגס־באוועגונג אנגענו־מען גאנץ אייגנארטיקע פארמען. אין דער הויפטשטאט, אין ווארשע, האט זיך געבילדעט אן אייבערשטער שיכט גרויס־בורזשואזיע, יידישע באנקירן, פאבריקאנטן, גרויסע סוחרים און זייערע אגענטן, וואס האבן צוליב געשעפט זיך נענייטיקט אין אייראפעישער בילדונג. האבן זיי זיך געפירט „דײַטש", געווען אין א באדײַטנדיקער מאס אסימילירט. די הויפט־מאסע פון דער יידישער באפעלקערונג אין ווארשע גופא און בפרט אין דער פראווינץ האט זיך אבער געפירט נאך אויפן אלטן שטייגער, און אזוינע „אויפקלערער", ווי אייזענבוים, טעפליץ, בוכנער וכדומה האבן אויף זיי געהאט א גאנץ קנאפע השפעה, זיי האבן פאקטיש זיך ניט געקענט צונויפריידן, עס זיינען געווען צוויי גאנץ באזונדערע וועלטן...

דווקא אין אייניקע קלענערע פוילישע צענטרען, אין א זאמאשטש, שעבערשין וכדומה, האבן זיך געפונען משכילים, ווען אפילו אין א גאנץ קנאפער צאל, פון א גאנץ אנדערן שניט. דאס זיינען געווען ניט קיין באנקירן און געשעפטסלײַט, נאר ארעמע וויסנסבאגיריקע ישיבה־בחורים. די נײַע אידעען פון דעם שכנותדיקן פרײַסן האבן דערגרייכט, ווען אפילו

---

1 חײַנריבס נאטיץ אין „יִתְא־בלעטער", VIII, 87.

2 באזײַזן דערויף — זע אין חײַנריבס ציטירטער נאטיץ.

אין שוואכע אפקלאנגען, צו זייערע פארוואָרפענע שטעטלעך און געוועקט אין זיי דעם דראנג צו ליכט און וויסן. מיט גרויס מי און מאַטערניש, נאָך יאָרן פון דחקות און נויט, איז זיי ענדליך געלונגען צו דערשלאָגן זיך צו די קוואלן פון אייראָפעישן וויסן. זיי האָבן זיך אָבער ניט אָפגעטיילט מיט זייער סדר לעבן, מיט זייער גאַנצן הילוך פון דער ארומיקער סביבה.

עס גענוגט צו דערמאָנען איינעם פון די טיפישסטע און אויך פון די באַדייטנדיקסטע פון די דאָזיקע משכּילים — דעם געלערנטן יעקב רייפמאַן.

יעקב רייפמאַן איז געבוירן אין 1818 אין א דאָרף נעבן אָפּאַטאָוו (ראַדאָמער גובערניע). די יוגנט זיינע האָט ער פארבראַכט אין אָפּאַטאָוו, ווו דער פאָטער זיינער, צבי הירש, האָט געלעבט בדחקות פון מלמדות. נאָך אין זיינע יונגע יאָרן איז רייפמאַנען, וואָס איז געווען באַשאָנקען מיט א שכל הישר, געווען צווידער דער פלפול מיט זיינע איבערגעשפּיצטע איינפאלן. אין דעם פארפלאָנטערטסטן טעקסט האָט ער געזוכט פשטות, דעם איינפאַכן קלאָרן פשט. א נייע תקופה פאַנגט זיך אָן אין זיין גייסטיקער אנטוויקלונג, ווען ער פאָרט אריבער נאָך זיין חתונה קיין שעבערשין (לובלינער גוב.), ווו ער באַקענט זיך צום ערשטן אין זיין שווערם הויז מיט מיימונים „מורה נבוכים״. מיט גרויס התמדה שטודירט רייפמאַן די מיטלאַלטערליכע העברעיִשע פילאָזאָפישע ליטעראַטור. אָן וועלכער זייטיקער הילף לערנט ער די דייטשע שפּראַך, וואָס גיט אים די מיגליכקייט צו באַקענען זיך מיט דער מאָדערנער פילאָזאָפיע און מיט קריטישער שפּראַך־פאָרשונג. און שוין אין 1842 טרעט רייפמאַן ארויס אין יאָסטס „ציון״ מיט זיין ערשטער וויסנשאַפטליכער ארבעט וועגן אייניקע אַפּאָקריפישע ביכער. זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען א זייער טרויעריקע; זיין גאַנץ לעבן [1] האָט ער פארבראַכט אין שווערער נויט, געליטן הונגער און קעלט. בכדי צו געבן א באַגריף, ביי וואָסערע שווערע צושטענדן דער דאָזיקער געלערנטער האָט געלעבט, גענוגט צו ברענגען א קורצע ציטאַט פון זיינעם א בריוו צו ש. י. האַלבערשטאַמען: „ליידער בין איך געצוווּנגען צו לעבן אין א חדר, ווי א שטייג די גרויס, און דאָס נאָך צוזאַמען מיט קינדער, גאַנץ קליינע און גרעסערע, און אויך מיט עופות, וואָס גאַגערן און קוואַקן ביי טאָג און ביי נאַכט, שטערן מיר אין מיין וויסנשאַפטליכער ארבעט און לאָזן מיך ניט איינשלאָפן״ [2].

---

1 רייפמאַן איז געשטאָרבן אין 1895.

2 זע פריידוס־דענקמאַל, 8: הן אני לעצבון רוחי יושב בנוה קטן וצר ככלוב עוף ובבין עוללים ויונקים ואף גם בבין תרנגולים המצפצפים והומים כהמית ים יומם ולילה ומשביתים ומפריעים אותי מעבודתי בתורה ובחכמה וגם אינם מניחים לי לישון.

אט ביי אזעלכע צושטענדן האט דער שעפערשינער תלמיד חכם אין משך פון פופציק יאר געפירט זיין וויסנשאפטלעכע ארבעט. אלס אווטאדידאקט, וואס האט ניט באקומען קיין סיסטעמאטישע בילדונג, איז רייפמאן געווען א גאנץ קנאפער סיסטעמאטיקער. זיינע ארבעטן, בפרט זיינע גרעסערע, ליידן ניט ווייניק אין זייער ארכיטעקטאניק. עס זיינען אין זיי אפט ארייננגעפלאכטן גאנץ זייטיקע פראגן, וואס זיינען ארגאניש מיט דער באהאנדלטער טעמע כלל ניט פארבונדן. די זייטיקע זאכן זיינען אבער ביי רייפמאנען קיינמאל ניט קיין דברים בטלים, נאר וויכטיקער מאטעריאל פון וויסנשאפטלעכן ווערט. די געוואלטיקע ידיעות, וואס ער האט אנגעזאמלט מיט אזא אומדערמידלעכן פלייס, איז רייפמאן ניט אימשטאנד איבערצוגעבן אין שטרענג סיסטעמאטישער פארם, — ער גיט זיי אבער איבער דעם לייענער אין אן איינפאכער קלארער שפראך, וויסנשאפטלעך באלייכטעט און בּאגרינדעט. דער אלטמאדישער לייענער, דער למדן, די אויף פּילפּול אויפגעוואקסענע ישיבה־בחורים, האבן אין רייפמאנס ארבעטן [2] באקומען א שלל קריטיש־באלייכטעטע וויסנשאפטלעכע ידיעות וועגן די פארשיידנסטע בראנשן פון דער אלטער העברעישער ליטעראטור: וועגן די אפאקריפן, וועגן די תרגומים, וועגן די קלאסיקער פון דער רעליגיעזער פילאזאפיע, וועגן היסטארישע ביכער און וועגן פארגרייזטע טעקסטן אין אלטע ברייתאס, מדרשים און שו״ת.

וועגן דעם יראת הכבוד און דאנקבארן געפיל, וואס דער אומדערמידלעכער רייפמאן האט געוועקט אין זיינע לייענער, גיט אונז א קלארן באגריף י. ל. גארדאנס באקאנט ליד, וואס ער האט געווידמעט רייפמאנען, ווו ער רופט פאטעטיש אויס:

כִּי בַּאֲשֶׁר אֶפְנֶה שָׁם אֶרְאֶה רוּחֶךָ
חוֹפֵשׂ חַדְרֵי תוֹרָה בְּאוֹר הָאֲבוּקָה...
אַךְ לֹא שְׁבַחְתִּיךָ, אָחִי, וּמִי יְשַׁבְּחֶךָ?
כַּמָּה יַעֲקֹב רֵייפְמַאן אִכָּא בְשׁוּקָא?!

און ניט בלויז ביי די פשוטע לייענער, נאר אויך אין דער ברייטער געלערנטן־וועלט איז געווען זייער געשעצט דער עניוותדיקער געלערנטער

---

2 דעם רייסטער פון רייפמאנס געדרוקטע ווערק זע: ה. צייטלין, קרית ספר. 300 פון זיינע ארבעטן, וואס זיינען געדרוקט אין העברעישע און דייטשע צייט־שריפטן, זע מ. שוואב אין 322, Repertoire. דעם רייסטער פון זיינע ניט גע־דרוקטע ווערק — זע „האסיף", VI, 203—205; רוסיש־יידישע ענציקלאפעדיע, XIII, 365.

פון דעם קליינעם שטעטל שעבערשין. מיט רייפמאנען האבן געפירט א וויסנשאפטליכע קארעספאנדענץ כמעט אלע אנגעזעענע יידישע געלערנטע פון זיין צייט: שי״ר, צבי הירש חיות, גייגער, יאסט, ריגי״ו, לוצאטו, פירסט, שטיינהיים, קירכהיים, שניאור זק״ש א״אנד.

נאך מער קונה שם געווען האט רייפמאנס עלטערער בן-דור חיים זעליג סלאנימסקי 1. עס איז אויסער ספק, וואלט סלאנימסקי געוועז אויסגעוואקסן ביי אנדערע באדינגונגען און באקומען א רעגלמעסיקע בילדונג, וואלט ער זיך דערווארבן א גרויסן נאמען אלס גייסטרייכער דערפינדער אויף טעכניש-וויסנשאפטליכן געביט. ער איז אבער דערצויגן געווארן נית אין א טעכנישער שול, נאר אין „יחיאל ניבעס״ קלויז אין זיין געבורט-שטאט ביאליסטאק. דארט האט ער געשמט אלס קונציקער „בעל-חשבון״; פון אלע סוגיות אין תלמוד האבן אים דער עיקר אינטע-רעסירט די שטעלן, וואס האבן א שייכות צו מאטעמאטיק און אסטרא-נאמיע, ווי „קידוש החודש״ וכדומה. ווען ער האט צו 18 יאר חתונה געהאט און איז אריבערגעפארן צום שווער אויף קעסט קיין זאבלודאווא, האט ער אויך דארט קודם-כל געגישטערט נאך מאטעמאטישע ספרים און איז געווען איבערגליקליך, ווען אים איז געלונגען צו באקומען יש״ר מקנדיא׳ס „אלים״ און רפאל האנאווערס „תכונות השמים״. די דאזיקע ווערק האבן אבער נית געקאנט שטילן סלאנימסקיס דורשט נאך וויסן. דא איז אים געקומען צו הילף דער משכיל יחיאל מיכל זאבלודאווסקי, איינער פון דעם מין השכלה-פיאנערן, וועגן וועלכע מיר האבן געשריבן אין צווייטן טייל פונם פינפטן באנד 2. מיט זיין הילף האט סלאנימסקי שטודירט די דייטשע שפראך און אדאנק איר באקומען די מעגליכקייט צו באקענען זיך מיט די נייערע ווערק וועגן מאטעמאטיק און נאטורוויסנשאפט. ער פאר-נעמט זיך אויך פיל מיט פיזיק און כעמיע. דער ביאליסטאקער חובש בית המדרש איז א משכיל געווארן, נאר א משכיל פון גאנץ אייגנאר-טיקן ־שניט. ער האט נית געשריבן קיין געהויבענע מליצות דער „השכלה בת השמים״, נית געזונגען קיין לויב-לידער דער „שפה היפה, היחידה השרידה״. געזאנג איז בכלל געווען הימלוויט פון אט דעם קאלטן, חקיריש-לאגישן „בעל-חשבון״. ער האט אויך נית געקעמפט קעגן די

---

1 געבארן אין ביאליסטאק אין 1810, געשטארבן אלס זקן מופלג איןווארשע אין 1904.

2 ז״ז 274—339. זאבלודאווסקי איז געבארן אין 1803, געשטארבן אין 1869 ער האט פארעפנטליכט: „משען מים״ (דערקלערונגען צו פארשיידענע אגדות אין תלמוד און מדרשים) און „מי מיכל״ — קריטישע הערות צו טונקעלע שטעלן אין „מדרש-רבה״.

חסידים און זייערע צדיקים. נים קאמף, נאר וויסן, וואס מער וויסן, איז געווען סלאנימסקים דעוויז אויף זיין לאנגן לעבנס-וועג.

„תכלית כונת הצפירה" — דער הויפט-צוועק פון דער צייטונג „הצפירה", — האט סלאנימסקי מיט פיל יארן שפעטער מכריז ומודיע געווען אינם פראספעקט, וואס ער האט צעשיקט אין יאנואר 1862 [1], — „איז צו פארשפרייטן די ליכטיקייט פון די נייטיקע חכמות, צו באווייזן זייער שיינקייט און נוצליכקייט". שוין צו 24 יאר האט ער פארענדיקט אן אומפאנגרייך לערנבוך וועגן מאטעמאטיק. ער האט אבער אויס געלט-מאנגל פארעפנטליכט בלויז דעם ערשטן טייל, אונטערן נאמען „מוסדי חכמה" (ווילנא, 1834). גראד אין פאלגענדיקן יאר האט די גאנצע קולטור-וועלט געווארט אויף אן אייגנארטיקן גאסט, אויף דעם אומדער-מידליכן וועלט-וואנדערער — די האללייס-קאמעטע, וואס פלעגט אין די קדמונישע דורות אנווארפן א טויט-שרעק מיט איר פלוצלינגדיקן וואנדער-בארן דערשיינען אין די הימלישע הייכן. די ערד-איינוווינער פלעגן אין דעם אומדערווארטעטן גאסט זעען דעם בשורה-אנזאגער פון בלוטיקע, אומגליק-ברענגענדיקע געשעענישן, ביז עס איז געקומען דער ענגלישער אסטראנאם, ניוטאנס תלמיד און פארערער, האללייי, און האט וויסנ-שאפטליך אויסגערעכנט און אויסגעפארשט דעם וואנדער-וועג פון דער אויסטערלישער הימלישער דערשיינונג. ער האט דערוויזן, אז דאס איז א קאמעטע, וואס וואנדערט איבער דער רחבות פון דער וועלט לויט פעסט באשטימטע געזעצן, און נעמט ארום ווי מיט א גארטל אויף איר עליפטישן וועג אין משך פון 75 יאר דעם גאנצן חלל פון דער זונען-ספערע מיט אירע פלאנעטן און די ערד בתוכם. לויט האלליים ארויסגע-שטעלטער פארמעל האט אין 1835 דער דאזיקער הימלישער גאסט אויף זיין וואנדער-וועג באדארפט זיך געפינען אזוי נאענט פון דער ערד, אז די ערד-איינוווינער זאלן אים קענען ליכט באמערקן אין דער פינסטער פון דער נאכט. אלע צייטונגען האבן פיל וועגן דעם געשריבן, און די קלאנגען וועגן דער דערווארטעטער האללייס-קאמעטע זיינען אפילו ארייננ-געדרונגען אין די יידישע גאסן, אין די יידישע בתי-מדרשים. דעמאלט האט סלאנימסקי געפונען פארן בעסטן שעת הכושר ארויסצוטרעטן מיט זיין „כוכבא דשביט" (1835), ווו ער באקענט מיט די יסודות פון דער מאדערנער אסטראנאמיע, מיט די געזעצן פון קעפלער און ניוטאן און מיט דעם מהות און וואנדער-וועגן פון די קאמעטן. דאס דאזיקע ווערק האט געמאכט זייער פאפולער סלאנימסקים נאמען אויף דער יידישער

1 וועגן דער צייטשריפט „הצפירה" וועט זיין די רעדע אין וויטערדיקן באנד.

גאס. באלד איז אויך זיין נאמען באקאנט געווארן אין דער אויסערער וועלט. פאר א צוגעטראכטער נייער רעכן-מאשין האט אים די רוסישע וויסנשאפטליכע אקאדעמיע באשאנקען מיט דער דעמידאוו-פרעמיע. אין דעם זעלביקן יאר האט סלאנימסקי באזוכט בערלין, און דארט זיך באקענט מיט פיל געלערנטע. ער, דער פשוטער ישיבה-בחור, האט זיך דערווארבן אזוינע באדייטנדיקע וויסנשאפטליכע קענטענישן, וואס האבן געבראכט אין באוואונדערונג דעם וועלט-בארימטן געלערנטן אלכסנדר הומבאלדט, מיט וועלכן ער האט זיך באקענט אין 1858 [1].

סלאנימסקי האט זיך באקאנט געמאכט אין דער געלערנטן-וועלט נאך מיט אייניקע דערפינדונגען אויפן געביט פון פיזיק [2]; ניט אין דעם אבער ליגט דער הויפט-באדייט פון חיים זעליג סלאנימסקי. ניט אלס דערפינדער, נאר אלס טאלענטפולער פאפולאריזאטאר, אלס טרעגער פון בילדונג און וויסן איז זיין נאמען ארייגעטראגן אין דער געשיכטע פון דער יידישער אויפקלערונג. זיינע גרויסע קענטענישן האט סלאנימסקי קודם-כל אויסגענוצט צו פארשפרייטן נוצליכע ידיעות צווישן דעם יידישן אלטמאדישן עולם, וואס האט כל ימיו פארבראכט באהלה של תורה און געהאט אזא קנאפן באגריף וועגן מאדערנע וויסנשאפטן. ער האט זיך כלל ניט געוואלט באגניגן מיט דעם, וואס פאר זיינע אויגן זיינען אנט-פלעקט געווארן די סודות פון די וויטע הימלען מיט זייערע אומענדליכע וועלטן און פלאנעטן; ער האט אויך געשטרעבט, אז דאס ליכט פון די אלע אנטפלעקטע פרעמדע וועלטן זאל באשיינען דעם חיימישן יידישן תחום, אז העל און ליכטיק זאל ווערן אין אלע ווינקעלעך פונם אלטן יידישן בית המדרש. און סלאנימסקי איז כמעט דער איינציקער צווישן די אלטע משכילים, וואס איז געווען שטארק אנגענומען ביי די אלע שיכטן פונם יידישן לייענער-פובליקום. ער איינער האט פארשטאנען דעם סוד, ווי אזוי אריבערצווארפן א בריק פונם אלטן צום נייעם. און דער בריק האבן אלע געטרויט — אזוי זיכער און פארזיכטיק איז זי געווען באארבעט... אפילו די ארטאדאקסן האבן זיך גאר ניט געקאנט פארחידושן, ווי קונציק סלאנימסקי האט אויסגערעכנט „על פי חכמת השיעור״ (לויט די געזעצן פון מאטעמאטיק) די „יסודי העבור״ [3], ווי

1 אויס דאנקבארקייט-געפיל צום גרויסן געלערטן, וואס האט אין אים א זייער װארעמען אנטייל גענומען, האט סלאנימסקי פארפאסט אין העברעיש א הומבאלדט-מאנאגראפיע „אות זכרון״, וו ער גיט אויך איבער דעם אינהאלט פון הומבאלדס בארימטן ווערק „קאסמאס״.

2 זיי, אשטייגער, איבערגעבן דורך איין דראט פיר דעפעשן מיט א מאל.

3 די השערות, וואס סלאנימסקי האט ארויסגעזאגט מכוח דער קאלענדאר-רעכענונג ביי יידן, האבן אין דער העברעישער ליטעראטור ארויסגערופן א „דרייטיק-

ער האט אזוי פשוט, אזוי פארשטענדליך מסביר געווען זיי, די למדנים און ווילנערנער, פונוואנען עס נעמען זיך די „כוכבי דשביט" (קאמיטן), זיי באקאנט געמאכט מיט די „תולדות השמים" ג, מיט דער אנטוויקלונג און דער באוועגונג פון די פלאנעטן, און סלאנימסקי האט מייסטערהאפט פארשטאנען, ווי אזוי דעם אמת וויסנשאפטליכן אינהאלט איינצוהילן אין אזא ריין יידישער פארם, דאס עס איז גארנישט געווען צו דערקענען, אז דאס איז עפעס נייס, פרעמדס, און נישט א פשוטער המשך פון דעם, וואס שטייט אין די אלטע הייליקע ספרים...

און בעת די ארטאדאקסן האבן געקוקט אויף אנדערע משכילים ווי אויף צעשטערער, ווי אויף „מרשיעי ברית", איז סלאנימסקי געווען — זייער סלאנימסקי, דער פשטן, דער מסביר. סלאנימסקי האט קיין מלחמה ניט געפירט מיט די „מורדי אור", ניט געהאלטן קיין שטראפרעדן און ניט געלויבט אין טאג ארײַן די „געטליכע טאכטער" השכלה; ער האט בלויז די ארטאדאקסן, די מענטשן מיט דער פארעלטערטער וועלט-אנשויונג, צוגעוווינט, זיי זאלן אין די חכמות חיצוניות, אין דער אייראפעישער וויסנשאפט זען קודם-כל חכמה, ניט אפיקורסות.

און אז סלאנימסקי האט שפעטער אנגעהויבן ארויסגעבן די וואכנשריפט „הצפירה", וו ער האט געדרוקט פאפולערע ארטיקלען וועגן כלערליי וויסנשאפטליכע און טעכנישע פראגן: וועגן טעלעגראף, וועגן כעמיע, וועגן דאמף-מאשינען, וועגן לופט-באלאנען, עלעקטריציטעט וכדומה, און דאס אלץ נאך אילוסטרירט מיט „ציורים פתוחי חותם" (האלצשניט בלע"ז) — האבן דערפון אנגעקוואלן און געלעקט די פינגער ניט בלויז יונגע ישיבה-בחורים, וואס זײַנען שוין אנגעשמעקט געווען מיט אפיקורסות, נאר טאקע אויך די עמודי התורה, די למדנים גופא.

יעקב רייפמאן און חיים זעליג סלאנימסקי האבן זיך געווענדעט צום למדן, צום יודע ספר, האבן זיי דערפאר געשריבן אויסשליסליך אויף העברעיש. ווי אין וואלין, אזוי האבן אבער אויך אין פוילן זיך געפונען אזוינע משכילים, וואס האבן געהאלטן פאר זייער חוב צו ווענדן זיך צו די ברייטע מאסן, שרײַבן אויף דער איינציקער שפראך, וואס די דאזיקע מאסן פארשטייען — אויף יידיש, און ס'איז כדאי דערבײַ אנצומערקן אט וואס: אין וואלין האט בלויז בײַ אקסענפעלדן ניט עקזיסטירט די „שפראך"-פראגע, עס איז בײַ אים געווען זעלבסטפארשטענדליך, אז שאפן דארף מען פארן פאלק אויף דער שפראך פון די ברייטע פאלקס-

יאריקן קריג", אין וועלכן עס האבן אנטייל גענומען אלע יידישע „בעלי חשבונות" און געניטע מאטעמאטיקער, ווי פינעלעס און אנדערע.

1 דאס ווערק איז דערשינען אין 1838.

מאַטן; לעווינזאָן און גאָטלאָבער האָבן פּאַקטיש זיך פאַרהאַלטן מיט ביטול צום „זשאַרגאָן" און האָבן זיך מיט אים באַנוצט בלויז אויס דעם מאָטיוו, וואָס זיי האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. די פּוילישע „יידישיסטן" אָבער האָבן בכלל ניט געוווּסט פון קיין שום „גערמאַנגלעניש" בנוגע דער יידישער שפּראַך; איינער פון זיי איז אפילו, ווי מיר וועלן ווייטער זען, געגאַנגען נאָך ווייטער פון אַקסענפעלדן, און ניט בלויז געשאַפן אויף דער פאָלקס-שפּראַך, נאָר אַפילו געמאַכט דעם דרייסטן פּרוּוו די פאָלקס-שפּראַך צו דערהייבן צו דער מדרגה פון אַ ליטעראַטור- און קונסט-שפּראַך. מיר וועלן זיך דאָ צאָפּשטעלן אויף צוויי פון די דאָזיקע שריפט-שטעלער, און ביידע זיינען אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן ניט אין וואַרשע מיט אירע צוויי אַנטקעגנגעזעצטע לאַגערן, די האַלב-אַסימילירטע גרויס-בורזשואַזיע מיט אירע מיטהעלפער פון איין זייט, און די חסידיש-פרומע אָרטאָדאָקסן פון דער אַנדערער, — נאָר אין קליינע קולטור-צענטערן, ווו „תורה" און „חכמה", השכלה און פרומקייט האָבן נאָך געלעבט פרידליך נעבנאַנאַנדער, ווי ביי יענע השכלה-פּיאָנערן, וועגן וועלכע ס'איז געווען די רעדע אין פינפטן באַנד פון אונזער ווערק (274—339).

איינער פון די דאָזיקע צוויי שריפטשטעלער, אפרים-פישל פישעלזאָהן, איז ביז גאָר דער לעצטער צייט געווען כמעט ווי פאַרגעסן. עס איז דערפאַר גאַנץ באַגרייפליך, וואָס מיר באַזיצן וועגן אים זייער קנאַפּע ביבליאָגראַפישע ידיעות. מיר ווייסן בלויז, אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט געוווינט אין לובלין, איז געווען באַקאַנט מיט צעדערבוימען און באַפריינדעט מיט שלמה עטינגערן [1]. מ. עריס האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף פישעלזאָהנס אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ" [2], וווּ ער חתמעט זיך „איש זאַמושטץ" — אַ געבאָרענער אויס זאַמאָשטש. ווי אַלט-זאַגער, אַזוי האָט אויך זאַמאָשטש געשמט אַלס „עיר הדעת" — אַלס קולטור-צענטער. פון דאָרטן שטאַמט מענדעלסזאָנס לערער דער בעל „נצח ישראל", ישראל זאַמאָשטש [3], דער דיכטער ישכר בער פאַלקענזאָן [4]; דאָרט איז אויך געבאָרן געוואָרן און פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן דער דיכטער אריה לייב קינדערפריינד [5]; אין זאַמאָשטש האָט אויך געלעבט דער משכיל יוסף צעדערבוים, וועמעס זון האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער יידישער זשורנאַליסטיק.

---

1 ח. באָראָדיאַנסקי אין „היסטאָרישע שריפטן", I, 632—633.

2 המליץ, I, נומ' 5, 78.

3 זע אונזער ווערק, באַנד V, ז' 287.

4 דאָרט, ב' VII, ערשטער טייל, ז' 36.

5 זע אַ יבן, ערשטער בוך, ז' 110.

ווי עס שײַנט, האָט פּישעלזאָהן געהאַט אַ געוויסע פאַרבינדונג מיט גאַליציע. יעדנפאַלס ווערט אויפן שער־בלאַט פון זײַן ווערק „טעאַטער פֿין חסידים", וואָס ער האָט פאַרפאַסט אין 1839, צוגעגעבן די באַמער־קונג: „געשפּילט געוואָרן אין לעמבערג". דאָס ווערק באַשטייט אויס צוויי טיילן: פון אַ לאַנגער העברעיִשער הקדמה, וואָס איז פאַקטיש אַ סאַטירע פאַר זיך, און דערנאָך דאָס „טעאַטער" גופא, אַן אַנטי־חסידישע סאַטירע, געשריבן אין ייִדיש אין גראַמען. דער פאַרפאַסער האָט אָבער, ווי עס שײַנט, אויס מורא פאַר די חסידים, ניט געהאַט דעם מוט זײַן ווערק צו פאַרעפנטליכן, איז עס געבליבן אין מאַנוסקריפּט, און ערשט אין דער נײַערער צײַט האָט ד"ר חיים באָראָדיאַנסקי אָפּגעדרוקט דעם „טעאַטער פֿין חסידים" [1], נאָר אָן דער העברעיִשער הקדמה, פון וועלכער ער גיט בלויז איבער דעם אינהאַלט.

דער לייענער וועט האָבן אַ טעות, אויב ער וועט מיינען, אַז דאָס דאָזיקע ווערק שטעלט מיט זיך ווירקליך פאָר אַ פּיעסע, וואָס איז „געשפּילט" געוואָרן אין לעמבערג. עס ווערט אָפּילו אויפן שער־בלאַט אָנגעוויזן, אַז דער טעאַטער איז „אין דרײַ אַקטן אײַנגעטיילט". אין דער אמתן האָבן מיר אָבער פאַר זיך ניט קיין פּיעסע, נאָר איינע פון די „וויכּוחים", וועלכע זײַנען געווען אַזוי פּאָפּולער אין דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור. לויט דער פאָרם און סטיל איז פּישעלזאָהנס „טעאַטער" גאַנץ ענליך צו דעם אונדז שוין באַקאַנטן שפּאַט־ליד „די באַשרײַבונג פון אשכּנז און פּאָליאַק" [2]. דאָרט פירן דעם וויכּוח דער פּאָליאַק, דער אשכּנז און דער פרעגער, און אין פּישעלזאָהנס סאַטירע באַטייליקן זיך: דער חקרן לייבלי אויפגעקלערטער מיט זײַן פרײַנד ישראל, די חסידים ר' שמואל, ר' שמעיה זון וואָלף הולטאַי און די ישיבה־בחורים פון בית המדרש. דעם פאַרפאַסערס אידעאַל איז דער חקרן לייבעלע פילאָזאָף; אין זײַן מויל לייגט ער אַרײַן זײַנע אייגענע פאָדערונגען און ווונטשן. דער משׂכּיל לייבעלע אונטערשיידט זיך כּלל ניט מיט זײַן הילוך, מיט זײַן גאַנצער התנהגות פון דער אָרטאָדאָקסישער מאַסע. גלײַך אין אָנהויב ווערט אָנגעוויזן, ווי לייבעלע פילאָזאָף זיצט אין בית־המדרש „איבער דעם יד החזקה גאַנץ ברייט, לוסטיג אויבן אָן, טלית און תּפילין אויך אָנגע־טאָן". דאָס ווערק זאָגט עדות, אַז דער פאַרפאַסער גופא איז אויך געווען גוט באַהבנט אין דער מיטלאַלטערליכער חקירה־ליטעראַטור; ער ציטירט אָפט דעם רמב"ם, דעם „חובות הלבבות", דעם בעל „העקרים". פון דער

---

1 היסטאָרישע שריפטן, I, 649—694.

2 זע אונזער װערק, באַנד VI, 332—335.

ניַערער השכלה־ליטעראַטור דערמאָנט ער בלויז דעם „מליץ המפואר״ וויזל (זיַין „ספר מדות״ און „שירי תפארת״).

ווי דער הויפּט־העלד פונם „טעאַטער״, לייבעלע פילאָזאָף, אַזוי גלויבט אויך ־דער פּראָפעסאָר איַיזנפעסט אין דער איבערציַיגנדיקער קראַפט פונם שכל הישר און פון לאָגישע סברות; פּליַיסט ער זיך צו איבערציַיגן די חסידים, ווי פאַרנאַרישט זיי זיַינען, וואָס זיי, אַזוינע אביונים, טראָגן אַוועק דעם לעצטן גראָשן דעם רבין. מיט ביַיסנדיקער איראָניע שילדערט ער, ווי די פאַרפירטע אומוויסנדיקע חסידים פאַרהאַלטן זיך מיטן גרעסטן ביטול צו אַלע, וואָס זיַינען ניט פון זייער כּנופיא.

אינץ חסידים — דערקלערט דער חסיד ר׳ שמואל —
וועלמער אויף אַך אַרום ראַטין.
מיר חסידימלעך וועלמער לעבין, און עטץ — פּאַשאַל פּין וואַטין!
אינץ מיט אינזער רבין וועלמער אין גן עדן זיצען
און עטץ, ה ולטאיעס, וועט אין דער פינצטער שוויצין.
עטץ וועט דאָס דאַרטין אין גיהנם לאַדין קראַנטע צרות
נאָר נישט קשה — עטץ מעגט זיַין חלעבין אינזערע כּפּרות.

לייבעלע טרעט אַרויס מיט אַ גאַנצן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די חסידים, ער רעכנט אויס די אַלע עוולות, אין וועלכע די משכּילים פון יענער ציַיט פלעגן באַשולדיקן די חסידים, און רופט אויס צום שלוס:

ניין! אַזאַ חסידות איז אַזוי ווי דער ציגאַנגינער שניי,
עס איז פּונקט אַזוי פיל ווערט וויפיל איַין אויסגעבלאָזן איַיאַ.

מיט באַזונדערן כּעס פאַלט לייבעלע אָן אויף די רביים און „גוטע יידן״:

אוי! פינצטער זענין די יאָר און די טעג
דעם וואָס ער געוויינט זעך צי גיין אין אַזאַ וועג.
פאַרשטייט ער דען נישט אליין, אַז דער פּדיון מאַכט גאָר נישט גיט
עס איז נישט מיַין נאָר דער גיטער ייד נאָגט אויס דאָס ביסל בליט.
זיי קענין מאַכען די מלאכה גיט, גאַנץ קליג,
אָבער העלפן — מכּות! פינקט אַזוי פיל ווי אַ פליג...

ווי לעווינזאָן און אַקסענפעלד, שטריַיכט אויך פישעלזאָהן אונטער, אַז דער צדיק־קולט פּאַראַליזירט ביַי די חסידים דעם אַקטיוון ווילן. זיי פאַרלאָזן זיך אַלץ אויף דעם רבינס ניסים, טראַכטן ניט וועגן אַקטיווער אַרבעט, באַגניגן זיך מיט שעדליכע לופט־פּרנסות, און אָפּנאַרן דעם

פויער איז בײַ זײַ כּלל קיין עוולה ניט. לייבעלע חקרן שטרײַכט דערבײַ אונטער, אַז מען טאָר ניט פאַרגעסן „דאָס, וואָס דער גוי אַרבעט שווער און ביטער", און מוסרט דעם עולם:

הויבט אָן צו קלערין, פון ווען אַן ער * ווערד געבוירן
ביז וואנין ער ווערט נעבעך פון דער וועלט פארלוירן,
די ביטערע ארבעט און דאָס גרויסע מיא,
צים סוף קומט דער יוד און נעמט דאָס עהם צוא.

דער פּאַרפּאָסער איז זיכער, אַז די יוגנט וועט זיך שוין ניט לאָזן פּאַרנעמען אין דעם נעץ פון חסידות, און ער פּאַרענדיקט דעם „טעאַטער" מיט דער דערקלערונג, אַז די ישיבה־בחורים, וואָס זײַנען דערבײַ געווען, „האָבן זעך איבער גיקלערט די ווערטער, וואָס זיי האָבן פון לייבלין גיהערט", און ס׳איז בײַ זיי געבליבן, אַז לייבלי

איז אין חקירות, אין אמת גאַנץ פלינק
און אינזערע חסידים די קבצנים
זײַנען טאַקע לײַדאַקעס, גרויסע בערנים...

פון די געבראַכטע ציטאַטן קאָן דער לייענער זיך איבערצײַגן, אַז פּישעלזאָהן שרײַבט אין אַ ריין פאָלקסטימלעכער שפּראַך, וואָס איז שטאַרק באַפאַרבט מיט די אייגנטימלעכקייטן פונם פּוילישן דיאַלעקט. פּישעלזאָהנס ייִדיש איז לחלוטין פרײַ פון „דײַטשמערישע" אויסדריקן, דערפאַר אָבער איז עס דורכגעמישט מיט סלאַוויזמען, אויף ווי ווײַט זיי זײַנען אײַנגעבירגערט אין דער גערעדטער פאָלקס־שפּראַך. די גראַמען פליסן בײַ אים פרײַ און לײַכט, זיי ווילן אָבער ניט וויסן פון מעטריק און ריטם. פּישעלזאָהן איז דאָך ניט אויסן קיין עסטעטיק, קיין קונסט, בײַ אים איז דער עיקר דער מוסר־השכּל, זײַן איינציקער מיין איז — אויפקלערן, באַפרײַען פון „נאַרישע אָבערגלויבענס". אַנדערע צילן האָט זיך אָבער געשטעלט פּישעלזאָהנס פרײַנד, וועמען ער האָט זײַן „טעאַטער פון חסידים" געווידמעט, „שלמה הירץ מזאמושטש", — דער אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַזוי גוט באַקאַנטער שלמה עטינגער.

שלמה עטינגער איז געבאָרן אין וואַרשע סוף 1800 אָדער אָנפאַנג 1801 [1] אין אַ יחסניש־רבנישער פאַמיליע. נאָך קינדווײַז אַ יתום געבליבן, איז עטינגער דערצויגן געוואָרן בײַ זײַן פעטער, מענדל עטינגער,

* דער פויער.

1 חלוקי דעות וועגן פעסטשטעלן עטינגע׳ס געבאָרן־יאָר, זע: מ. ווײַנרייך, שלמה עטינגערס כתבים, 585—588; מ. הינער אין ביבליאָלאָגישן זאַמעלבוך, 1931, 125—127.

רב אין לענטשנע. אדאנק זײַנע גלענצנדיקע פעיִקייטן האָט דער יונגער שלמה געשמט אלס וויללערנער. צו פופצן יאָר מאַכט מען אים חתונה, און ער פאַרט אריבער קיין זאַמאָשטש עסן קעסט בײַ זײַן רײַכן שווער, יהודה־ליב גאָלד. וועגן דעם באַדײַט פון זאַמאָשטש אלס השכלה־צענטער איז שוין פריער געוועזן די רייד [1]. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס דער באַגאַבטער יונגער עטינגער הויבט זיך באַלד אָן צו חברן מיט די אָרטיקע משכּילים, באַקענט זיך מיט דער השכלה־ליטעראַטור און שטודירט צו־ביסלעך דײַטש. ס׳איז דערבײַ אָנצוהײַבן אויף אזא כאַראַקטעריסטישן שטריך: דער יונגער משכּיל עטינגער שרײַבט ניט קיין געהויבענע העברעיִשע מליצות, ער דערוואַרבט זיך אָבער א נאָמען מיט זײַנע יִדישע גלײַכווערטלעך, עפּיגראַמעס, שפּאָט־לידער. ער איז אויך א גוטער צייכענער, מאָלט פּאָרטרעטן פון פרײַנד און באַקאַנטע. אין עטליכע יאָר אַרום איז דער שווער געשטאָרבן, און עטינגער, וואָס איז אין דער צײַט שוין געוועזן א מטופּל מיט עטליכע קינדער, האָט אָנגעפאַנגען צו טראַכטן וועגן א מקור פּרנסה. ער לאָזט זיך קיין אָדעס, וווּ עס וווינט זײַן פרוים פאַרמעגליכער ברודער. דער שוואָגער, וואָס האָט געהאַט א „בראָדערין״ פאַר א ווײַב, האָט זייער פרײַנדליך אויפגענומען דעם יונגן משכּיל; עס איז אים אָבער ניט געלונגען צווזכן פאַר עטינגערן א באַשעפטיקונג. די נײַע אָדעסער באַקאַנטע, וואָס האָבן געהאַט נאָענטע באַציִונגען מיט גאַליציע, האָבן עטינגערן אַן עצה געגעבן, ער זאָל פאָרן קיין לעמבערג שטודירן מעדיצין. אין לעמבערגער מעדיציניש׳ן אינסטיטוט איז עטינגער אָנגעקומען בערך אין 1825, און ער האָט פאַרענדיקט זײַן שטודיום אין 1830. דער „לוסטיגע זאַלאָמאָ״, ווי עטינגער האָט געהייסן צווישן זײַנע קאָלעגן, האָט אָבער אין לעמבערג געלערנט ניט בלויז מעדיצין און די דײַטשע שפּראַך; דאָרט איז בײַ אים אויך רײַף געוואָרן דער געדאַנק צו ווערן א יִדישער שרײַבער. אין דעם צום ערשטן דורך מ. וויינרייך פאַרעפנטליכטן [2] זייער וויכטיקן דאָקומענט, געשריבן מיט עטינגערס אייגענער האַנט, — א פּראָספּעקט צו דער אויסגאַבע פון זײַנע ווערק, — דערציילט עטינגער גופא, בײַ וואָסערע אומשטענדן און אוים וואָסערע מאָטיוון ער האָט באַשלאָסן צו ווערן א שריפטשטעלער:

„פאַר עטליכע יאָר האָב איך געקריגן צו לייענען אין לעמבערג צוויי ביכלעך. איינס האָט געהייסן „די גענאַרטע וועלט״ [3], און דאָס

---

1 אויבן, ז׳ 230, זע אויך י. שאַצקי, פּנקס, 1928, 281—282.

2 שלמה עטינגערס כתבים, XXVIII—XXIX.

3 זע אונזער ווערק, באַנד VII, צווייטער בוך, ז׳ 275—276.

אנדערע — „אלטער-לייב" [1]. ביידע ביכלעך זענען איבערגעזעצט און גאר איבערגעארבעט געווארען פון דאטש אויף יידיש... עך האב צי געזעהן, אז די ביכלעך זענען זייער א סך מענשין געפעלין, דהיינו אזעלכע וואס זענען גרויסע קענערס און אזעלכע וואס זענען פראסטאקעס. די ערשטע, בין איך מיר משער, האט עס געמיזט געפעלין, וויל זיי האבן געזעהן אזוי עפעס, וואס זיי האבן נאך ביז אהער נישט געזעהן אויף יידיש לשון געשריבן; און די אנדערע — וויל זיי האבן עפעס געליינט א מעשה בוך. אויב די ביכלעך זענען יא אדער נישט גיט געמאכט געווארן, וויל איך מחמת כמה טעמים נישט זאגן, נאר דאס וועט איטליכער אליין שוין אנזעהן, אז וויינינגסטענס האט מיר דער פלאן צו שרייבן אין פראסטען יידישן לשון געמיזט געפעלן, ווארין עך האב מיך תיכף געפריפט, אויב עס איז אין מאן כח אויך עפעס אין דעם שטייגער און אין דעם לשון צי שרייבן. דאס ערשטע, וואס עך האב געשריבען איז געוועזן איינציגע משלים און כתבותלעך (אויף דאטש הייסט דאס עפיגראמע). עך האב געזעהן, אז זיי זענען דעם עולם זייער שטארק געפעלין, מען האט בא מיר ציחאפט אלס וואס עך האב נאר געשריבן, און איטליכער האט זעך עס איבערגעשריבן, נאר, ווי דער שטייגער איז, מיט סאמע פעלער און גראזען. ווי איך האב דאס געזעהן, האב עך מיך מישב געוועזין און האב מיר אליין אויסגעטראכט א סך משלים און כתבותלעך (עפיגראמען) און צום סוף גאר א גאנץ טהעאטערשטיק".

מיר האבן אין פאריקן קאפיטל געזעהן, ווי אקסענפעלד האט אין זיינער א שריפטליכער דערקלערונג (צום מיניסטער אוואראוו) אנגעוויזן, אז ער שטעלט זיך פאר אן אויפגאבע זיינע ברידער צו באפרייען פון די טעותן, אין וועלכע יענע לעבן, באווייזן זיי די ווילדקייט פון זייערע „אבערגלויבנס" און זיך באזונדערס „סטארען צו ראטעווען זיי פון דער שעדליכער ווירקונג מצד די חסידים".

די דאזיקע שריפטליכע דערקלערונגען פון עטינגערן און אקסענפעלדן באווייזן אזוי בולט, ווי גרונד-פארשיידן עס זיינען געוועזן אט די צוויי באדייטנדיקסטע שריפטשטעלער פון דער ניי-יידישער ליטעראטור אין דער פאר-מענדעלע-תקופה. אקסענפעלד מיט זיין קאמפסלוסטיקן טעמפעראמענט איז אויסן קודם-כל אויפקלערונג, נוצן ברענגען. עטינגער — איז א קינסטלער-נאטור. דער אינסטינקט פון א קינסטלער וועקט אין אים דעם דראנג צו שאפן אזוינס, וואס זאל געפעלן, זאל אויסנעמען ביים עולם. ער גופא דערציילט אין זיין אקערשט ציטירטן פראספעקט, ווי

---

[1] זע אויבן, ז' 193.

אַזוי ער פלעגט דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, געבן צו לייענען אַזעלכע מענטשן, וואָס זײַנען זייער געשיקט און האָבן שוין געלייענט זייער אַ סך ביכער אויף אַנדערע לשונות, און ווידער אַזעלכע מענטשן, וואָס זײַנען גאָר פּראָסטאַקעס און קענען נישט מער, נאָר דאָס יִדישע לשון, „כּדי עך זאָל פין איטליכען הערען, וואָס ער וועט דערצי זאָגין. די געשיקטע מענשין האָבן עס געלויבט נאָך זייער שטייגער, און די פּראָסטאַקעס נאָך זייער שטייגער״ [1]. עטינגער איז פון די געציילטע צווישן די משׂכּילים פון יענעם דור, בײַ וועמען עס האָט כּלל ניט עקזיסטירט די שפּראַך-פראַגע: דער קינסטלער-אינסטינקט האָט אים געבראַכט צום אויספיר, אַז קינסטלעריש זיך אויסלעבן קאָן ער נאָר אין דער מוטער-שפּראַך, אין דער שפּראַך פון די ברייטע פאָלקסמאַסן. און אַז דער אינסטינקט האָט אים ניט אָפּגענאַרט, באַווײַזן טאַקע זײַנע ליטעראַרישע פּרוּוון אין דײַטש און העברעיִש, פּרוּוון, וואָס זײַנען לויטער דורכפאַלן, אָן דעם מינדסטן ליטעראַרישן ווערט. עטינגער פאַרשטייט נאַטירליך זייער גוט, אַז די יִדישע שפּראַך איז נאָך רוי און ליטעראַריש ווייניק געשליפן, און ער ווײַזט טאַקע אָן אין אַ בריוו צו זײַנעם אַ באַקאַנטן, ווי שווער ס'איז „עטוואס געניערייכעס צו שרײַבין״ אין אַ „וואָרטאָרעמער״ שפּראַך, „פיר איינע נאַציאָן דער עס אן מיטהאָלאָגיע, וועלט אונד נאַטורגעשיכטע מאַנגעלט״ [2]. שטעלט טאַקע עטינגער פאַר זיך די אויפגאַבע, די דאָזיקע „שוועריקייט״ צו באַזײַטיקן; ער פילט זיך באַרופן צו באַרײַכערן די „וואָרטאָרעמע״ שפּראַך [3], פאַרוואַנדלען זי אין דעם פּאַסנדיקן אינסטרומענט פאַר קינסטלעריש שאַפן.

זייער אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט פאָלגנדיקער פּרט. אהרן וואָלפזאָהן, אלעזר ליבערמאַן און פיל אַנדערע משׂכּילים פון יענער צײַט האָבן אָנגעוויזן, אַז תּפילה טאָן דאַרף מען אויף אַ ר ײ נ ע ר שפּראַך [4], ד״ה אָדער אויף העברעיִש, אָדער אויף אַן אייראָפּעיִשער שפּראַך, אָבער ניט אויף דעם „פאַרדאָרבענעם זשאַרגאָן״. עטינגער האַלט פאַר איבעריק צו דעבאַטירן וועגן דער דאָזיקער פראַגע: פאַר אים איז קלאָר, אַז דער גלויביקער מענטש דאַרף מתפּלל זײַן אויף זײַן מוטער-שפּראַך; ער פילט אָבער מיט זײַן קינסטלערישן חוש, אַז ליטורגישע געבעט דאַרפן ניט

---

1 עטינגערס כּתבים, I, XXVIII—XXIX.

2 דאָרטן, II, 567.

3 וועגן עטינגערס אויפטוען אויפן געביט פון דעם יִדישן וואָרט-אוצר — זע בײַ ווײַנרײַכן אין „עטינגערס כּתבים״, I, XXXI.

4 זע אונזער ווערק, באַנד VII, צווייטער בוך, 296.

פאַרפאַסט װערן אין דעם זעלביקן נוסח, װי מען רעדט אויפן מאַרק. דערפאַר גײט ער אויף אַ גאַנץ אַנדערן װעג, װי מענדל לעפין בײַ זײַן ביבל־איבערזעצונג [1]. עטינגער פאַרטראַכט אַ נײַע סידור־איבערזעצונג אין ײדיש; די דאָזיקע איבערזעצונג האָט געזאָלט װערן אַן אמתע ליטעראַרישע דערגרײכונג, לײדער האָט אָבער עטינגער זײַן אונטערנעמען ניט דורכגעפירט; עס זײַנען אויפגעהיט בלױז אײניקע פראַגמענטן. בכדי דער לײענער זאָל האָבן אַ באַגריף, מיט װאָס פאַר אַ קינסטלערישן ערנסט עטינגער איז צוגעטראָטן צו דער דאָזיקער אַרבעט, ברענגען מיר צװײ מוסטערן פון עטינגערס פאַרטראַכטער סידור־איבערזעצונג:

I) מה טובו אהליך יעקב: װי גוט זײַנען דײַנע געצעלטן, יעקב, דײַנע װוינונגען, ישראל! און איך קום אַצינד מיט דײַן גרױסן חסד אין דײַן הױז אַרײַן, און בוק זיך צו דײַן הײליקן טעמפּל מיט גרױס יראה. גאָט! איך האָב ליב דאָס הױז, װוּ דו װױנסט, און דאָס אָרט, װוּ דײַן כבוד רוט, און איך װיל מיך נײגן און װעל קניען; איך װעל קניען פאַר גאָט מײַן באַשעפער. און װען איך בעט צו דיר, גאָט, לאָז זײַן דעמאָלט אַ באַװיליקע צײַט, און מיט דײַן גרױסן חסד, מײַן האַר, ענטפער מיר מיט אַ װאָרער הילף.

II) די תפילה „אני קראתיך כי תענני": איך רוף צו דיר, װאָרום דו װעסט מיר ענטפערן. גאָט, נײג דײַן אויער צו מיר, הער מײַנע רײד. איך, איך זע דײַן פּנים פול מיט גערעכטיקײט, און תיכף, װי איך דערװאַך, װער איך זאַט פון דײַן געשטאַלט, װאָרום איך פאַרזיכער מיך נאָר אויף דיר, גאָט! איך זאָג תמיד: דו ביזט מײַן האַר, הער דאָס קול פון מײַן געבעט, װען איך שרײַ צו דיר, װען איך הײב אויף מײַן האַנט צו דײַן הײליקן פּאַלאַץ. גאָט מײַן האַר, איך האָב שױן צו דיר געבעטן און דו האָסט מיך געהײלט; נאָר צו דיר, גאָט, װעל איך רופן, נאָר צו דיר, גאָט, װעל איך בעטן. לאָז ליכטיק זײַן דײַן פּנים איבער דײַן קנעכט און העלף מיר מיט דײַן חסד, װאָרום צו דיר, גאָט, האָף איך, אַז דו װעסט מיר ענטפערן, גאָט מײַן האַר. הער צו מײַן געבעט, גאָט, און פאַרנעם מײַן געשרײַ, שװײַג ניט צו מײַנע טרערן, הער מיך צו, גאָט, און לײטזעליק מיך, גאָט: און בלײַב מײַן העלפער!".

עס װאָלט אָבער געװען אַ טעות צו מײנען, אַז דער עסטעט עטינגער, װאָס האָט מיט אַ קאָלאָסאַלן פלײַס געשליפן יעדעס װאָרט, יעדן אויסדרוק, איז בכלל געװען פרײַ פון אויפקלערערישע טענדענצן און איז מיט זײַן שאַפן ניט אויסן געװען קײן שום מוסר־השכל. מען דאַרף

---

[1] זע אונזער חעוק, באַנד VII, צװײטער בוך, ז׳ 257.

דאָך דערביַי ניט פאַרגעסן, אַז זיַין יוגנט האָט עטינגער פאַרבראַכט אין דער סביבה פון די זאַמאָשטשער און גאַליציאַנער משׂכּילים און האָט זיך כּל ימיו געפונען אונטער דער דירעקטער השפּעה פון דער דייטשער אויפקלערערישער ליטעראַטור. באַזונדערס שטאַרק שפּירט זיך אין עטינגערס שאַפן די השפּעה פון לעסינגן. כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט פאָלגנדיקער פּרט: די באַליבטסטע זשאַנרען, אויף וועלכע עטינגער האָט אַם גערנסטן געשאַפן, זיַינען געווען: דראַמאַטישע ווערק, דאַן משלים און קאַטאַוועסלעך (עפּיגראַמען); און טאַקע לעסינג האָט ניט נאָר פיל געשאַפן אויף די דאָזיקע געביטן, נאָר אויך פיל אָפּהאַנדלונגען געשריבן וועגן „דראַמאַטורגיע", ווי אויך „איבער די פאַבעל" [1] און אַ סך עטינגערס פאַבעלן און עפּיגראַמען זיַינען טאַקע איבעראַרבעטונגען פון לעסינגען און פון אַנדערע דיַיטשע שריפטשטעלער אויס דער „אויפקלערונגס"-תּקופה [2].

דאָס אָבער, וואָס עטינגער נוצט זייער אָפט אויס פאַר זיַינע משלים און מעשׂהלעך פרעמדע סיוזשעטן מינדערט כּלל ניט זייער ווערט, ווי עס מינדערט ניט דעם ווערט פון קרילאָווס אָדער לאַפאָנטענס פאַבעלן, וואָס אויך דאָרט איז דער סיוזשעט על-פּי-רוב אויס דער פרעמד גענומען. עטינגערן געלינגט שטענדיק דעם פרעמדן שטאָף אַנצוקליידן אין אַ העכסט נאַציאָנאַלן לבוש, און עס באַקומט זיך אַן אמת קונסט-ווערק. עס גענוגט, אַשטייגער, צו דערמאָנען עטינגערס פּראַכטפולע סאַטירעס „וויטעלע" און די „פרומע בערן". אין „וויטעלע" האָט עטינגער אויסגענוצט געלערטס „די בעטשוועסטער". די דיַיטשע בעטשוועסטער בעטע ווערט אונטער עטינגערס קונציקער האַנד מגולגל אין דער אשה צנועה וויטעלע, מיט אַלע אירע תּנועות און נידערטרעכטיקע צביעות, ווי אַזוי „פאַר פרומקייט וויל זי נישט געבן קיין צדקה". אויך אין די „פרומע בערן" איז דער סיוזשעט גענומען פון דער פרעמד (ביַים פראַנצויזישן פאַבעליסטער פלאָריאַן). ביַי עטינגערן באַקומען זיך אָבער אמת „יידישע" בערן; די סאַטירע טראָגט אַ ריין יידישן קאָלאָריט מיט דעם עכט יידישליכן אויספיר, אַז „נאָר חיות נאַראָנים זיַינען אַזעלכע דיַינים".

---

1 זע לעסינגס ווערק: „האַמבורגישע דראַמאַטורגיע" און „אָבהאַנדלונגען איבער די פאַבעל".

2 וועגן עטינגערס סיוזשעטן-אַנטלייַונגען און איבעראַרבעטונגען פון פרעמדע קוועלן, זע; מ. וויַינרייך אין דעם אריַינפיר צו עטינגערס כּתבים, און אויך אין זיַין „בילדער פון דער ייִד. ליטעראַטור-געשיכטע", 280—291; מ. ווינער אין זיַין טיכטיקער אַרבעט „די אויסגאַבע פון עטינגערס שריפטן" אין „ביבליאָלאָגישן זאַמעלבוך".

אזוי זיינען אויך עטינגערס פילצאליקע משלים. די סיוזשעטן זיינען דאס רוב גענומען ביי די דייטשע פאבעלדיכטער: געלערט, לעסינג און אנדערע. עטינגערן געלינגט אבער שטענדיק דעם פרעמדן סיוזשעט איינצושפינען אין אן עכט נאציאנאל יידיש געוועב, און מיר באקומען אן אמת יידישע פאבעל מיט א ריין יידישן מוסר-השכל. אלס אילוסטראציע געניגט צו דערמאנען עטינגערס פאבעל „די צוויי הענער". דאס איז פאקטיש א פאראפראזע פון געלערטס „דיביידן וועכטער" 1, ווו עס ווערט דערציילט, ווי צוויי נאכט-שומרים שלאגן זיך מכות רצח צוליב זייערע חילוקי דעות וועגן דעם נוסח, ווי מען דארף אויסרופן: „פערווארט דאס פייער אונד דאס ליכט" אדער „בעווארט דאס פייער אונד דאס ליכט". ביי עטינגערן ווערן די נאכט-וועכטער פארוואנדלט אויפן יידישן שטייגער אין צוויי הענער, וואס שפארן זיך וועגן דעם ריכטיקן נוסח פון קרייען: קיקערעקי, אדער קוקורעקו.

וואס, שרייט איינער, ער וועט דאס ווערטער פארדרייען?
און „קי—קע—רעקי", ניט „קוקערעקו" קרייען?
ווארט, איך וועל אים שוין וויזן,
ווי מען קרייט מיט גריזן!
איך קרייע, שרייט דער אנדערער האן,
קי—קע—רעקי שוין פון אייביק אן;
מיר קען איטליכער האן זאגן עדות
וואס האט געהערט קרייען מיינע זיידעס
וואס דו מוזט זיך צען מאל אפשווענקען
דו זאלסט זייער נאמען געדענקען —
אז זיי האבן געקרייעט קי—קע—רעקי
און נישט מיט גראבע גריזן ווי די!

און צום סוף גייט אזא ריין יידישער מוסר-השכל:

צווישן אונזערע לומדים, רבנים
טרעפט מען אמאל אויך אזעלכע נאראנים
וואס רייסן זיך שיר נישט ביי די האר
און קריגן זיך אוועק לאנגע יאר
און זידלען זיך אוועק גאנצע צייטן
איבער אן אות, וואס עס קען באטייטן...

---

1 זע מ. ווינער, צ״ס. ארב. 129—130.

אָט אַזוי, אדאנק דעם חוש פון אַ רעאַליסטישן קינסטלער, באַקומען ציטנווייז ביי עטינגערן זיינע פאבעלן און קונסטרייכע עפּיגראַמען אַ קעמפעריש־סאַטירישן טאָן, און עס לאָזן זיך ביי אים ערטערווייז הערן סאָציאַל־צונגעשפּיצטע קריגערישע מאָטיוון. עס גענוגט צו דערמאָנען אַזוינע לידער, ווי „אסותא" אָדער „דער ראש הקהל", וואָס טוט זיך באַרימען:

פאַר מיר מוז איטליכער תּרבות האָבן,
וואָרום איך קען איטליכן באַגראָבן.
איך האָב קיין שום מורא
פאַר דעם רבס דין־תּורה.
וואָרום דער „יש דין בישראל"
גייט נישט אָן ביי אַ ראש־הקהל.
איך מעג טאָן, וואָס איך וויל,
איטליכער מוז שווייגן שטיל...

עטינגער באַרירט אויך אין זיינע פאַבעלן דאָס פּראָבלעם וועגן קינדער־דערציִונג („דאָס קאַטשקעלע"), מאַכט אָפּט חוזק פון דעם ביי ייִדן אַזוי שטאַרק אָנגענומענעם „יחוס" (די פאַבעלן: „דאָס זעקל", „די אסיפה", „דער גילדן").

ניט אומזיסט דערקלערט אויך עטינגער:

איך לאַך אויס אַלעם, וואָס קומט פיר,
און אַז עס פעלט אַ זאַך
דערויף צו געבן אַ לאַך —
גיב איך אַ לאַך אַליין פון מיר.

דאָס טוט ער טאַקע אין זיינע עפּיגראַמען. אויס עטינגערס ביאָגראַפיע איז באַקאַנט, אַז ער איז אין זיין פאַמיליענלעבן געווען ניט באַזונדערס גליקליך; זיין שמענדיק אָנגעברויזטע פרוי האָט אים פאַרביטערט דאָס לעבן. קלאָגט ער זיך טאַקע אין זיין עפּיגראַם „אין יובל":

פון זיין אייגן ווייבל פאַרשוואַרצט צו ווערן,
טאָג און נאַכט נאָר שלעכטע ווערטער צו הערן,
איז בעסער גאָרנישט געבאָרן צו ווערן...

און אין דעם עפּיגראַם „ביי מיין געבורטס־טאָג" דערציילט דער דיכטער, ווי ער זיצט און קלערט:

„פאַרוואָס האָבן דאָס נאָך מיינע האָר
זייער גרויס שוואַרצקייט ניט פאַרלאָרן?

עס איז דאָך שוין דרײַ און פערציק יאָר
זינט איך בין אויף דער וועלט געבאָרן?
נאָר איך האָב אַ תּירוץ גאָר אַ קליינעם:
זיי ווערן פאַרשוואַרצט מיט מיר אינאיינעם.

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, ווי אין עטינגערס משלים און קאַטאַ־וועסלעך לאָזן זיך בולט באַמערקן די משׂכּילישע טענדענצן פון יענער צײַט. דער אָביעקטיווער ליטעראַטור־פאָרשער דאַרף אָבער דערבײַ ניט פאַרשווײַגן, אַז צוזאַמען מיט די דאָזיקע טענדענצן לאָזט זיך אויך אין עטינגערס פּאָעטישן שאַפן באַמערקן די גאַנצע באַגרעניצטקייט פון דעם בעלי־בתּיש־משׂכּילישן וועלט־באַנעם. אַזוי, אַשטייגער, קומט עטינגער אין זײַן פאַבעל „די צוויי פערדלעך" צום מוסר־השׂכּל, אַז מען דאַרף למען־השם האָבן איבער זיך אַ בעל־הבית און מען טאָר ניט פאַרגעסן, „אַז דער בעל הבית גיט אים צו עסן", און ווער עס וויל „דעם בעל־בית פּטור ווערן", וועט ער האָבן אַ פינסטערן סוף, „ווי אַנדערע צוויי פאַר־שאַרטע פערד". אין דער לאַנגער פאַבעל „דער אינדיק" באַלערט אונז עטינגער, אַז מען דאַרף ניט חלומען וועגן ווײַטע מקומות און פרעמדע לענדער, באשר

טאָרסט אין דעם אָרט ניט פאַרגעסן,
וווּ דײַנע אָבות זענען געזעסן.
דאָ, וווּ דו ביזט געבאָרן,
דאָ זאָלסטו ווערן פאַרלאָרן.

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז עטינגערס פאַבעל „די שטאַ־טעס". מיר האָבן פריער געזעען, ווי אַקסענפעלד האָט זיך פאַרהאַלטן צום רעקרוטן־געזעץ. עטינגער האָט אָבער, ווי פיל אַנדערע משׂכּילים, אָנגענומען מיט גרויס התפּעלות די ידיעה, אַז „מען נעמט שוין ייִדן צום מיליטער". ער שטראָפט שטאַרק זײַנע ברידער, וואָס קוקן אויף דעם נײַעם אוקאַז, ווי אויף אַ שווערער גזירה, און „פון יונג ביז אַלט שרײַען אַלע גוואַלד: לאָמיר וויינען, לאָמיר קלאָגן, לאָמיר לויפן תּהילים זאָגן, לאָמיר אויסנעמען די ספרים, לאָמיר גיין רײַסן קברים". און ער מוסרט דעם ייִדישן רעקרוט:

פאָלג דו נאָר די אָפיצירן
און לערן פלײַסיק דאָס מושטירן.
זײַ נאָר תּמיד אָנגעגרייט
צו לויפן אַפילו אין פײַער אַרײַן

אויסצופירן דעם מֶלֶכס פּלאַן;
וואָרום די גוטע, וואָס גייען אין קרוינען,
ווייסן שוין איטליכן צו באַלוינען.

אַט די באַגרעניצטקייט פון עטינגערס וועלט־באַנעם לאָזט זיך אויך באַמערקן אַפילו אין זײַן מײַסטערווערק „סערקעלע" — די העכסטע קונסט־דערגרייכונג פון דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור פון דער פאַר־מענדעלע־תקופה.

„סערקעלע" איז אַ שטייגער־פּיעסע. די צענטראַלע פיגור, סערקעלע, איז אַ פאַרגרעבטע, מאָראַליש פאַרדאָרבענע מעל־קרעמערקע, וואָס ווערט דורך אַ שווינדל אַן אויפגעקומענע נגידית. איר ברודער, דוד גוטהערץ, אַ רײַכער סוחר, פאָרט אַוועק אין די ווײַטע לענדער און פאַרברענגט דאָרט אַ לענגערע צײַט. סערקעלע רעכנט, אַז ער איז געשטאָרבן אין דער פרעמד, פאַרפאַסט זי אַ פאַלשע צוואה, לויט וועלכער גוטהערץ האָט איר כלומרשט אָפּגעזאָגט זײַן גאַנץ פאַרמעגן און אײַנגאַנצן פאַרטיילט זײַן אייגענע טאָכטער הינדע. די אויפגעקומענע נגידיתטע באַהאַנדלט זייער שלעכט די אָרעמע הינדע און קעכלט איר אייגענע בת יחידה — איר פוסטע נאַרישע טאָכטער פריידע־אַלטעלע, פאַר וועלכער זי זוכט אַ בכבודיקן שידוך. דער שידוך ווערט געשלאָסן, דורך דער הילף פון יוחנן שדכן, מיט דעם שווינדלער־ספּעקולאַנט גבריאל, וואָס גנבעט אַוועק ביי סערקעלען דאָס קעסטעלע מיט צירונג, און די שולד וואַרפט סערקעלע אַרויף אויף הינדען מיט איר געליבטן, דעם סטודענט מאַרקוס. אין לעצטן אַקט קערט זיך אום פון זײַן ווײַטער רייזע דוד גוטהערץ. עס ווערט אויפגעדעקט סערקעלעס באַטריגערײַ, דער ספּעקולאַנט גבריאל ווערט דעמאַסקירט, און די פּיעסע פאַרענדיקט זיך מיט דריי חתונות אויף אַ מאָל.

ווי אַקסענפעלד, האָט אויך עטינגער געבויט זײַן פּיעסע לויט דעם מוסטער פון דעם דײַטשן בירגערליכן טעאַטער־רעפּערטואַר אין די צוואַנציקער יאָרן פון פאָריקן יר"ה. נאָר אויך מיט עטינגערס פּיעסע געשעעט דאָס זעלביקע, וואָס מיט זײַנע משלים. ווי אַן אמתן קינסטלער געלינגט אים פון אַ פרעמדן סיזשעט און אַנטליענע מאָטיוון צו שאַפן אַ גאַנץ נײַ אָריגינעל ווערק. שוין העכער הונדערט יאָר זײַנען פאַרגאַנגען זינט עטינגער האָט געשאַפן זײַן „נאָר אַ נײַ טעאַטער־שטיק", און נאָך ביז הײַנטיקן טאָג געהערט „סערקעלע" צו די קונסט־פולסטע פּיעסן, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור פאַרמאָגט. נאָך עד־היום ווערט באַוואונדערט די גלענצנדיקע קאָמפּאָזיציע פון עטינגערס פּיעסע, זײַן גרויס

מײַסטערשאַפט, מיט וועלכער ער שילדערט זײַנע געשטאַלטן. אײכל און אַקסענפעלד, אַשטייגער, פלעגן זיך מיט פאָטאָגראַפישער פּינקטלעכקייט איבערצוגעבן דעם אַרט ריידן פון זייערע אַלטמאָדישע פאַרשוינען, וואָס זיי האָבן קאָפּירט דירעקט פונם רעאַלן לעבן. זיי פאַרנאַטירן מיט דער גרעסטער גענויקייט אַלע רייד-תנועות, וואָס זיי האָבן אונטערגעהערט בײַ די פאַרשוינען, וואָס זיי שילדערן. עטינגער אָבער, אַלס אמתער מײַסטער פון ליטעראַרישער פאָרם, באַנוצט דעם וואָרט-בוי, ווי דער מאָלער די פאַרבן, אויף איבערצוגעבן די פײַנסטע ניואַנסן און אייגנאַרטיקייטן פון זיינע טיפּן [1].

דער שפּראַך-נוסח פון סערקעלע, פון גבריאל הענדלער, פון יוהנן שרכן, פון שמעלקע טרויניקס איז קונסט-פול אינדיווידואַליזירט, אין יעדער רעפּליק פילט זיך די האַנט פון אַן אמתן מײַסטער. אָבער דאָס אַלץ בלויז בנוגע די מער-וויניקער נעגאַטיווע פּערסאָנאַזשן, אָדער בײַם שילדערן פּשוטע מענטשן, אַשטייגער, משרתים, דינסטמיידלעך. דאָרט אָבער, ווו עטינגער פּרוּווט שילדערן פּאָזיטיווע פיגורן אויס זיין אייגענער, משכּילישער סביבה, דאָרט שטייט ער בײַ דער גרעניץ פון זיינע מעגליכקייטן. זיין מאַרקוס רעדליך (אַ סטודענט, וואָס לערנט דאָקטאָריי) איז ניט וויניקער סכעמאַטיש און בלוטלאָז, ווי מאַרקוס אין אייכלס קאָמעדיע.

אויסער „סערקעלע" האָט עטינגער פאַרטראַכט נאָך צוויי טעאַטער-שטיק, ער האָט זיי אָבער ניט פאַרענדיקט, ווייל ער האָט פאַרלאָרן די האָפענונג זיינע ווערק אין דרוק צו זען. דאָ באַרירן מיר עטינגערס

---

1 אין זײַן גרינדליכער אַרבעט וועגן אַקסענפעלדן פירט מ. וויינער דורך פאָלגנדיקע געלונגענע פּאַראַלעל צווישן אַקסענפעלדן און עטינגערן: „אַקסענפעלד איז אַמאָל פּינקטליכער און ביז צו קליינליכקייט אויספירליך אינם רעאַליסטישן אויפכאַפּן די רייד-תנועות פון זײַנע פיגורן, נאָכמאַכנדיק אָן באַזונדערער דערפינדערישקייט און אויסקלײַבונג זייער שטייגער ריידן. עטינגער שטייט אָבער אומפאַרגלײַכליך העכער פון אַקסענפעלדן וואָס שייך קינסטלערישער עכטקייט, קינסטלעריש אויסגעגליכענער נאַטירלעכקייט, קאָנסטרוקטיווער און קאָמפּאָזיציאָנעלער אויסגעמאָסטנקייט אין אָרגאַנישער צילזיכערקייט. ער שטייט אויך צוויי פיל העכער פון אַקסענפעלדן, ווי אַ באַדײַטנדיקער אַנטוויקלטער רעאַליסטישער קינסטלער פון אַ נאַיוו-פּרימיטיוון זשאַנער-מאָלער. עטינגערס הומאָר איז שאַרף פּוענטירט, אויסגעשליפן, סטיליך, פײַן, מיט אַ גענויער זיכערער האַנט אָרגאַניזירט, זײַן וויץ איז גראַציעז און שפּילעוודיק; אַקסענפעלדס הומאָר קומט אויס אין פאַרגלײַך מיט עטינגערס צעצויגן, בלאַס פּאַראָדירנדיק און האַמעטנע מיטן טראָפּ דער עיקר אויף דער קאָמיק פון דער זשעסטיקולאַציע, און ניט אויף דער איידעלערער קאָמיק פון וואָרט (אַקסענפעלדס ווערק, I, 64).

לעבנס־דראמע. זיינע ווערק האָבן ביי זיין לעבן געהאַט דעם זעלביקן ביטערן מזל, ווי אַקסעגנפעלדס חיבורים.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז עטינגער האָט נאָך אין אָנפאַנג פערציקער יאָרן געמעלדעט אין אַ ספּעציעלן פּראָספּעקט, אַז ער גיט באַלד איבער אין דרוק „אַ טעאַטער־שטיק אין פינף אויפציִעס און משלים און כתבותלעך״. ער זאָגט דערביי צו, „אַז ער וועט זיך דערמיט ניט באַגניגן און וועט „נאָך אַלעמאָל נײַעס ליווערן, דהיינו טעאַטערשטיקעס, מעשיות, משלים, כתבותלעך (עפּיגראַמען) און נאָך אַנדערע זאַכן פון דעם שטייגער״. פון די אַלע פּלענער איז אָבער גאָרנישט געוואָרן. עטינגערס מזל האָט געטראָגן, ער זאָל ביי זיין לעבן ניט זעען קיין איין שורה זיינע אַ געדרוקטע [1].

קרוין־פּוילן האָט דווקא ניט געוווסט פון דרוק־מאָנאָפּאָל. אין איין וואַרשע האָבן זיך דעמאָלט געפונען פיר יידישע דרוקן. דער צענזאָר פון יידישע ביכער איז געווען עטינגערס אַ גוטער פריינד, דער אונז שוין באַקאַנטער אויפקלערער און קולטור־קעמפער יעקב טוגענדהאָלד. און דאָך איז עטינגערן ניט געלונגען צו פאַרווירקליכן זיין שענסטע האָפענונג — דורכן דרוק־וואַרשטאַט צו מאַכן זיינע ווערק צוגענגליך דעם ברייטן לייענער־קרײַז. שוין ניט די דרוקער מיט זייער פאַנאַטיזם זיינען אין דעם געווען שולדיק, נאָר טאַקע עטינגערס פריינד, דער פיין געבילדעטער צענזאָר יעקב טוגענדהאָלד. עס קלינגט כמעט ווי אַן אַנעקדאָט, נאָר אין ניקאָלאַיס רוסלאַנד איז דאָס גאַנצע לעבן באַשטאַנען פון אַזוינע טראַגישע אַנעקדאָטן.

לויט דער קאָנסטיטוציע, מיט וועלכער אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט מזכּה געווען קרוין־פּוילן, האָבן ביכער געקאָנט דערשיינען פרײַ אָן צענזור — מיט דער אויסנאַמע פון יידישע ספרים. זיי האָבן געמוזט שטרענג צענזורירט ווערן, ווײַל עס איז דאָך אַ דבֿר ידוע, אַז זיי אַנטהאַלטן „די שעדליכסטע לערן, און אויך אַזעלכע געדאַנקען, וואָס געפינען זיך אין פולער סתירה מיט די גוטע אַבזיכטן פון דער רעגירונג״ [2]. אין

[1] אָבער שוין ביי עטינגערס לעבן זיינען זיינע ווערק שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן אין פיל אָפּשריפטן. דער אין זיין צייט פּאָפּולערער זשורנאַליסט נחמן־אָחיך (הענע) שרייבט וועגן עטינגערס משלים, לידער און דראַמעס: זיי זיינען אומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, ביז די כתב ידן האָבן זיך פאַרשפּרייט אין אַלע שטעט פון פּוילן, און אין די לאַנגע שבת־נעכט פלעגט מען זיי לייענען כמעט אין יעדער פאַמיליע, וואָס האָט זיך נאָר אָנגעשמעקט מיט אינטעליגענץ („הצפירה״, 1888, נומ׳ 19).

[2] זע ח. הײַנריכס אַרבעט „צור געשיכטע דעס בוכדרוקעס אונד דער צענזור ביי דען יודען אין פּאָלען״, מאָנאַטסשריפט, 1933, 273—300.

אָנפאַנג צוואַנציקער יאָרן איז אַלס פאָרזיצנדער פון דעם צענזור־קאָמיטעט פאַר העברעיִשע און ייִדישע ביכער באַשטימט געוואָרן דער איטאַליענישער, זייער אַנטיסעמיטיש געשטימטער פּאַטער לודוויק קיאַריני. קיאַריני איז אָבער ניט געווען קיין גרויסער ידען אין העברעיִש, און דער פּאַקטישער צענזאָר איבער ייִדישע ביכער געווען דער סעקרעטאַר פונם קאָמיטעט יעקב טוגענדהאָלד. נאָך דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון 1831 איז די צענזור נאָך באַדײַטנדיק פאַרשאַרפט געוואָרן. מען האָט ייִדן חושד געווען, אַז זיי האַלטן מיט די פּאָליאַקן; פון אַלע זײַטן זײַנען דערלאַנגט געוואָרן מסירות אויף ייִדישע אויסגאַבן, און אין 1837 איז צונויפגערופן געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, וואָס זײַן אויפגאַבע איז געווען צו באַטראַכטן, ווי אַזוי צו קעמפן קעגן „דעם בײַזאַרטיקן פאַנאַטיזמוס פון די ייִדן". מען האָט אַפילו אַרויסגעלאָזט אַ נײַע אויסגאַבע פונם „חושן משפט", וווּ עס זײַנען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פיל „שעדליכע שטעלן" 1. נאָך ערגער זײַנען געוואָרן די צענזור־צושטענדן אין אָנפאַנג פערציקער יאָרן, ווען ס'איז באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פונם צענזור־קאָמיטעט דער משומד טשערסקער, אַ פאַרביסענער ייִדנפֿײַנד. גראָד מיט אַ יאָר פריער איז אין אַ וואַרשעווער דרוק דערשינען מיט דער דערלויבעניש פון יעקב טוגענדהאָלד אַ נײַע אויסגאַבע פון דעם באַקאַנטן „שבט יהודה" 2. באַלד איז דערלאַנגט געוואָרן אַ מסירה, אַז די אויסגאַבע איז פול מיט לעסטערונגען קעגן קריסטנטום, און מיט אָנפאַלן אויף דעם רוסישן קיסר. האָט מען זיך געווענדעט צום קאָמיטעט־מיטגליד טשערסקער, ער זאָל אַרויסזאָגן זײַן מיינונג. יענער האָט געפונען די באַשולדיקונג פולשטענדיק באַגרינדעט, און האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז מען דאַרף טוגענדהאָלדן איבערגעבן דעם געריכט און קאָנפיסקירן זײַן פאַרמעגן. מיט גרויס מי איז טוגענדהאָלדן געלונגען זיך ריינצווואַשן פון דער מסירה. טשערסקער האָט אָבער אויך ווײַטער געפירט זײַן פײַנדז עליקע פּאָליטיק בנוגע ייִדישע ביכער. בײַ אַזעלכע צושטענדן איז גאַנץ באַגרײַפליך, אַז טוגענדהאָלד האָט געהאַלטן אין איין ציטערן, און אויס מורא פאַר מסירות איז ער געווען אַ געוואַלדיקער מחמיר און בײַ די אומשולדיקסטע טעקסטן האָט ער געקעמפט מיטן רויטן בלײַער קעגן קראַמאָלע און גאָט־לעסטערונג; ער האָט אַפילו געפונען, אַז מען טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אויף דער ווילנער צענזור, און די ייִדישע ביכער, וואָס ווערן פון ווילנע טראַנספּאָרטירט קיין פּוילן, דאַרפן נאָך אַמאָל צענזורירט ווערן. און בכדי צו האָבן אַ באַגריף, ווי

1 וויינריבס ציט. אַרב. I, 287.

2 זע אונזער ווערק, באַנד VI, 90—99.

אזוי דער פחדן יעקב טוגענדהאָלד האָט געקעמפט קעגן „קראַמאַלאַ", איז כדאי צו פאַרגלײַכן דעם טעקסט פון דער „בבא מעשה" אין די ווילנער אויסגאַבעס מיט דער וואַרשעווער אויסגאַבע פון 1849, וואָס יעקב טוגענדהאָלד האָט צענזורירט. ער האָט אַפילו פחד, וואָס אין דער מעשה ווערן געברויכט אַזעלכע „הייליקע" טיטולן, ווי קיניג, קיניגין, הערצאָג, מלך, מלכה — פאַרבייט ער זיי אויף אָריענטאַלישע, אָדער, ווו ס'איז נאָר מיגליך, מעקט ער זיי אינגאַנצן אויס. ווען אין דער ווילנער אויסגאַבע ווערט, אַשטייגער, דערציילט: „דער מלך האָט געהייסן מיט זײַן נאָמען הערצאָג גווידאָן", ווערט דאָס דורכן וואַרשעווער צענזאָר פאַרביטן אויף: „דער באַשע (פּאַשאַ) האָט געהייסן מיט זײַן נאָמען גווידאָן". דער זאַץ: „די מלכה האָט געהייסן בראַנדייאַ", ווערט אויסגעבעסערט אויף: „די פרוי האָט געהייסן בראַנדייאַ". בראַנדייאַ האָט דאָך איר אייגענעם מאַן אומגעבראַכט,—ווי קאָן עס אַ „מלכה" טאָן אַזאַ זאַך? פון „עס וואַר איין רײַכער קיניג", ווערט — „עס וואַר איין רייכער שררה", און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער [1].

כמעט צו דער זעלביקער צײַט, ווען טוגענדהאָלד האָט געמוזט זיך רייניוואַשן פון דער באַשולדיקונג בנוגע דער „שבט־יהודה"־אויסגאַבע, האָט עטינגערס גוטער פרײַנד, דער אונז שוין באַקאַנטער רעדאַקטאָר פונם „בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל", אַנטאָני אײַזענבוים, אַנגעגעבן (דעם 24 מאַי 1843) אַ בקשה צום קוראַטאָר פון וואַרשעווער לערנקרײַז, מען זאָל דערלויבן דרוקן עטינגערס „סערקעלע" און „משלים". „אַזעלכע ווערק, האָט ער געשריבן, זײַנען צוטריטליך פאַר אַלע קלאַסן ייִדן; זיי שטעלן אַרויס אין לעבעדיקע פאַרבן די חסרונות און לעכערליכקייטן, זיי מאָלן טרעפיק און קאָמיש דעם גאַנצן ייִדישן שטייגער ריידן, און דעריבער קאָנען זיי האָבן אַ דערלייזנדיקע (bardzo zbawienny) השפעה אויף די מוחות [2].

עטינגער האָט דערבײַ באַזונדערס געהאָפט אויף דער פּראָטעקציע פון טוגענדהאָלדן, מיט וועמען ער איז געווען באַפרײַנדעט. ער האָט זיך אָבער באַלד געמוזט איבערצײַגן, וואָס פאַר אַ ביטערן טעות ער האָט געהאַט. דער פאַרביסענער ייִדנפײַנד טשערסקער און דער פחדנישער קאַריעריסט טוגענדהאָלד האָבן זיך געפלײַסט איינער פאַרן אַנדערן אַרויסצוווײַזן, וואָסערע שטרענגע צענזאָרן זיי זײַנען. טוגענדהאָלד האָט געבאַלעבאַטעוועט אין עטינגערס מאַנוסקריפּטן מיט דעם זעלביקן ווילד־נאַרישן באַר־

---

1 זע נ. פּרילוצקיס אַרטיקל אין „ייִוואָ בלעטער", III, 358—370, אין אונזער נאָסיך, דאָרטן, IV, 187—188.

2 זע עטינגערס כתבים, XXXII; 588.

באַריזם, ווי מיט זעקס יאָר שפּעטער אין דעם „בבא־מעשה"־טעקסט. אויך אין עטינגערס משלים טאָר, אַשטייגער, ניט דערמאָנט ווערן דאָס וואָרט „מלך" אַלס עפּיטעט פאַרן לייב. „מאָנאַרך" ווערט פאַרביטן אויף „גביר", „מלכה־גרין" בעסערט אויס דער צענזאָר אויף „טויז־גרין". „פּרינצהייט" איז אַ צו געפערליך וואָרט, פאַרבײַט עס דער אויפקלערער טוגנדהאָלד אויף „וואָנע". אַפילו די קאָמישע „פּאַגעלפרינצהייט" אין פרידעריקעס מאָנאָלאָג אין לעצטן אַקט מעקט אויס דער שטרענגער צענזאָר און בעסערט אויס אויף „ערפּרייאונג". „שמד־שטיקלעך" פאַרבײַט דער צענזאָר אויף „גנבישע שטיקלעך", און אַזאַ זאַץ, ווי „ווער עס טוט מיט דעם שוואַר שלאָפט מיט דעם בער", געפינט דער צענזאָר פאַר צו פריוואָל און אַנשטאָט „שלאָפט" שטעלט ער אַרײַן „זיצט". די צענזאָרן באַגניגן זיך אָבער ניט בלויז מיט הונדערטער „אויסבעסערונגען" אין עטינגערס טעקסט, זיי וואַרפן אַרויס גאַנצע סטראָפן פון דעם ליד „אסותא", פיל פערזן אין אַנדערע לידער, און מעקן אינגאַנצן אויס אַזוינע עפּיגראַמען, ווי „דיא נקמה", „דער דאָקטאָר גרינד".

עטינגער, וואָס האָט מיט אַזאַ פּײַנליכער פּינקטליכקייט געפּײַלט יעדעס וואָרט, איז געווען אויסער זיך. זײַן גאַנץ ביטער האַרץ גיסט ער אויס אין אַ העברעיִשן בריוו צו זײַנעם אַ פרײַנד:

„...אָפּדרוקן דאָס בוך מיט די אויסבעסערונגען, וואָס די צענזור־לייט האָבן מתקן געווען, וויל איך ניט, מען זאָל עס מיר אַפילו דרוקן אומזיסט (כי להדפיס את ספרי... חנם בל אחפוץ). צי רעדן דען דאָרט מײַנע לעפצן, חלילה, שלעכטס אויף גאָט און זײַן משיחן, אויף די מלכים פון דער ערד, אויף זייערע געהילפן, ריכטער און אויפזעער? צי רעדט דען מײַן צונג דערווידער די ווענן פון זיטליכקייט, וואָס די דאָזיקע לייט האָבן מײַן מאַנוסקריפּט באַצייכנט מיט רויטע צייכנס, געמעקט, געמעקט און צעקאַליעטשעט פון אָנהייב ביז צום סוף, זײַן שיינקייט פאַרדאָרבן, זײַן האַרמאָניע פאַרוואַנדלט אין עקל? און נאָך — איך קען דאָך די דאָזיקע מענטשן, אַז זיי זײַנען געבילדעטע לייט, וואָס פאַרשן נאָך וויסן, און גוטהאַרציק זײַנען זיי און זײַנען אויך שלום מיט מיר פון שטענדיק אָן. פרעג איך: וואָס האָבן זיי אײַנגעזעען מיר אַזאַ בייז צו טאָן? מײַן בוך איז ריין פון וועלכער זינדיקער זאַך, און אויב עס געפינט זיך דאָרט עפּעס אַ פעלער, האָבן זיי מיר דאָך געקאָנט דערקלערן, מיט וואָס איך האָב געפעלט, און איך וואָלט דאָס אָדער אויסגעמעקט, אָדער אויסגעבעסערט...". 1.

---

1 עטינגערס שריפטן, 568.

דורך דעם, וואָס עטינגער האָט פאַרלאָרן די האָפענונג צו זעען זיינע ווערק געדרוקט, איז אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרן זײַן שאַפונגס-לוסט. זײַנע פאַרטראַכטע גרעסערע אַרבעטן האָט ער נים פאַרענדיקט. מיט דער גאַנצער ענערגיע האָט ער זיך גענומען פאַרווירקליכן זײַן יוגנט-אידעאַל — ווערן אַ קאָלאָניסט און ציִען חיונה פון ערדאַרבעט. פיר קילאָמעטער פון זאַמאָשטש האָט ער געקויפט 65 מאָרג ערד און דאָרטן באַזעצט זיך מיט דער גאַנצער פאַמיליע. ער האָט אָבער דאָרטן ניט מאריך ימים געווען; אין 1856 איז ער געשטאָרבן. מיט זײַן ליטעראַרי-שער ירושה איז אָבער עטינגער געווען פּיל מזלדיקער פון אַקסענפעלדן. פינף יאָר נאָך עטינגערס טויט איז אינם פּרײַסישן שטעטל יאָהאַניסבערג אין דרוק דערשינען (אין 1861) זײַן קאָמעדיע „סערקעלע״ און איז דערנאָך אייניקע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן. אין די 60-ער יאָרן איז אויך אַ טייל פון עטינגערס משלים און קאַטאָוועסלעך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „קול מבשר״ און אין דער „וואַרשעווער יידישער צײַטונג״. געזאַמלטערהייט זײַנען זיי אַרויס ערשט אין 1889. אין דער לעצטער צײַט (אין 1925) האָט דער שפּראַכפאָרשער מ. ווײַנרייך פאַרעפנטליכט אַ שיינע זאָרגעוודיקע, טעקסט-קריטיש מיט אַ סך מי און פלײַס צונויפגעשטעלטע אויסגאַבע פון אַלע עטינגערס שריפטן.

עטינגער איז געשטאָרבן בײַ דער טאָמע גרעניץ פון אַ נייער תקופה. אין דעם זעלביקן יאָר, ווען עטינגער האָט זײַן לעבנסוועג פאַר-ענדיקט, האָט זיך אויך פאַרענדיקט, אונטער דעם האַרמאַטן-געדונער ביי די ווענט פון סעוואַסטאָפּאָל, די בלײַ-שווערע דרײַסיק-יאָריקע שליטה פון ניקאָלאַי דעם ערשטן. די מפּלה בײַ סעוואַסטאָפּאָל האָט אַמבולטסטן באַוויזן, ווי אָפּגעשטאַנען און פויל עס זײַנען די עקאָנאָמישע יסודות פון דעם ריזיקן רוסלאַנד. עס פאַנגט זיך אָן די „עפּאָכע פון גרויסע רעפאָרמען״, וואָס געפינט אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אויף אויף דער יידישער גאַס. וועגן דעם אין ווייטערדיקן באַנד.

בײלאַגן

חיים-זעליג סלאָנימסקי

זע זייט 226

ד״ר שלמה עטינגער

זע זייט 234

בײלאַגע נומ׳ 1

(זע זײַט 24)

װעגן מנשה איליערס אויפגעהיטע מאַנוסקריפּטן

אין דער אַפּע־ביבליאָטעק אין לענינגראַד האָט זיך אין דער מאַנוסקריפּטן־אָפּטײלונג געפֿונען אַ געדרוקטער עקזעמפּלאַר פֿון מנשה איליערס „שֶׁקֶל הקודש״, און צוזאַמען מיט אים זײַנען געװען אײַנגעבונדן אײניקע איליערס נאָך ניט פֿאַרעפֿנטליכטע מאַנוסקריפּטן. מיר גיבן דאָ אײניקע קורצע אויסצוגן:

I. „סדרי חכמה״, אַן אָפּהאַנדלונג אין זעקס זײַטן. אינעם אַרײַנפֿיר װײַזט ער אָן, אַז ער װיל קומען צו הילף די װאָס באַזיצן ידיעות, זײ זאָלן װיסן, װי אַזױ זײ מסדר צו זײַן און אויסצונוצן. אין דער אָפּהאַנדלונג גופא באַהאַנדלט ער די פֿראַגע װעגן „ענין הרע שבעולם, ממה הוא בא, בכדי לידע דרך התיקון״. װײַטער רעדט ער װעגן צװײ סאָרטן לײענער: װעגן די װאָס גלויבן אין אַלץ, װאָס דער מחבר שרײַבט, און אַזעלכע, װאָס זײַנען גרײט דעם מחבר מְבַזֶה צו זײַן, אויב ער זאָגט דעם אמת, װאָס שטימט ניט מיט דער מסורה. כּדי מען זאָל אים, דעם מחבר, ניט באַשולדיקן אין דעם, אַז ער װײַכט אָפּ פֿון דעם אָנגענומענעם, מוז ער „להזדקק למדה מגונה... והיא להתפּאר בעצמו״, און דערװײַזן, אַז אַלץ, װאָס ער שרײַבט, איז געשטיצט אויף די רײד פֿון די חכמים און אויף די „ג׳ דברים״, װאָס אויף זײ שטיצן זיך אַלע ידיעות: לימודיות, טבעיות, אלקות...

II. ספר חיזוקא לתקנתא — באַשטײט אויס צװײ אָפּטײלונגען. די ערשטע אָפּטײלונג „שהיא לפרק ולתרץ שני קושיות חמורות״: 1) מה טובה היא זו בריאת העולם, כּיון שהרעות שבעולם הם רבּים מאוד. 2) בענין הידיעה והחכמה... מזה שאנו רואים כּמה חילוקי והיפּוּכי דעות... בּלתי זה יפלא על מה זה בּוטח כּל אחד בּידיעתו... ומעודי, אני משיג עצות בּנפשי איזה הדרך שיהא לתועלת הכּלל... ומצאתי עצמי

מחוייב בדבר להפיץ מעטי ידיעותי... ואני אקוה בע״ה (בעזרת השם) לכתוב דברים פשוטים וברורים, שיהיה שוה לכל נפש...

אויף דף ד׳ לייענען מיר: מעולם לא שמענו מאיזה עשיר שיוציא אף חלק קטן מממונו לצורך השגת איזה ידיעה... ולולי המלכים... שהם מחזיקי החכמה ואנשיה ונותנים להם רב הרווחה — היו כבר נאבדים כל הידיעות... וכן כל עסקי המלכים הם לתיקונים כוללים, וגובים ע״ז (על זה) מסים וארנוניות מן העולם...

ווײַטער אנטוויקלט איליער זײַן באַליבטן טעזיס, ווי נייטיק עס איז צו זײַן באַהבנט אין נאַטורוויסנשאַפטן. „והנה עקרי הידיעות הנצרכים לתועלת הכלל היא הידיעה בטבעים: לידע מה שבכח חומריהם בכל מה שבארץ, במזגי איכותיהם... מה שהם תלוים, למה קירובי וריחוקי החומרים, וגם שינוי המראות התלוים ג״כ בקירובי וריחוקי הדברים... גם נצרך ידיעה בלימודיות שהיא ג״כ מלאכותית לעשות ע״י דרכי החשבון והמדידה כמה מיני כלי אומנות וכלי מעשה.

די צווייטע אָפּטיילונג פונם ווערק באַהאַנדלט די פראַגע: וואָס זײַנען אַזוינס די „ידיעות החושים״ און „ידיעות השכל״. און וואָס באַשטייט דער אונטערשייד און אין וואָס זייער פאַרבינדונג.

III. ספר „ואדבר שלום״. אַ קליינע אָפּהאַנדלונג פון דרײַ דפים 16°, געשריבן בשנת „ואדבר שלום״ לפרט (1829). דער „עיר וקדש״ וואָס דאַרף ברענגען דעם שלום אויף דער וועלט, דאָס איז דער שכל און מען דאַרף אים ניט שיקן פונם הימל, ווייל ער איז בײַ אונז דאָ.

IV. ספר תכלית חכמה. 26 דפים 4°.

כתבתי בזה החיבור לבאר התכלית הכללי שאקוה להגיע לזה מצירוף כל החכמות והידיעות.

אין דער הקדמה ווײַזט אָן דער מחבר: מתבאר בע״ה בגוף חיבור זה איך בכל הענינים שבעולם... הוא הטוב הגמור.

אין דער ערשטער אָפּטיילונג ווערט גערעדט וועגן „ידיעות החושים וידיעות השכל״, וועגן ציל און וויסן „לשמור חוקות ההנהגה מתחלה ע״י יראה בכדי שאח״כ יבואו למדרגת האהבה, אחר שיבינו שזה הוא עיקר שלמותו וזה כל האדם.

די צווייטע אָפּטיילונג טראָגט דעם טיטל: חלק התכלית „מענין מציאות הנפש והשארות והשגחת ד׳ על ברואיו״.

ביילאגע נומ׳ 2

(זע זייט 32)

וועגן דעם פּראָיעקט, גאָטלאָבער זאָל אָנשרייבן א ספּעציעלע מאָנאָגראַפיע וועגן י. ב. לעווינזאָן לויטן מוסטער פון קייזערלינגס ארבעט וועגן מענדעלסזאָנען.

דעם 15טן יולי 1863 איז אין אָדעם צווישן לעווינזאָנס יורש, זיין שוועסטערס זון יעקב-ישראל לעווינזאָן, און אברהם-בער גאָטלאָבער געשלאָסן געוואָרן אזא אָפּמאַך [1]:

ב״ה אלה הדברים שנדברו והתנו בינינו הח״ם (החתומים מטה), היינו ביני אברהם דוב בן חיים הכּה, גאָטלאָבער ובין ידידי המשכיל היקר ר׳ יעקב ישראל לעווינזאָהן בן אחותו ויורשו של ידידי המנוח הרב החכם המפורסם, מוהרר יצחק בער לעווינזאָן זצ״ל.

א) אנכי הח״מ קבלתי על עצמי לכתוב קורות ימי חייו של הרב ז״ל בלשון עברית ע״ד (על דרך) שכּתב החכם קייזערלינג תולדות הרמבּ״מן ז״ל בל״א (בלשון אשכּנז).

ב) הר״ר יעקב ישראל מחוייב לתת לי כּל הכּתבים והאגרות של הרב ושל חכמים אחרים שכּתבו אל הרב מכל הנוגע לנחלת קורות חייו, הכּתבים הנ״ל ישלח לי אחת אחת כּפי שיעלה בידו להעתיקם בכתב מפורש, באופן שבמשך שלשה חדשים מיום דלמטה יגיעו כלם לידי למען אוכל לעשות מלאכתי על פיהם.

ג) במשך ששה חדשים מעת שיגיעו לידי כּל הכתבים מחוייב אני לכלות מלאכתי ולשלוח הספר כּלו אל הר״ר יעקב ישראל הנ״ל.

ד) הר״ר יעקב ישראל מחוייב להדפּים הכ״י הנ״ל על הוצאותיו כּמה עקזעמפּלארים שירצה ולכלות מלאכת ההדפּסה לא יאוחר ממשך שנה תמימה מיום שיקבל הס׳ כּתב-יד ממני ולשלוח לי תיכף מאתים עקזעמפּלארים כרוכים (בּראָשירט) בנייר צבוע מודפּס משני עבריו, היינו: על העמוד הימיני יהיה מודפּס השער העברי ועל השמאלי השער בּלשון אשכּנז, צרפת או רוסיא. וישלח לי הספרים הנ״ל על הוצאותיו.

ה) הברירה בּיד ר׳ יעקב ישראל אם יכבד עליו להדפּים הס׳ הנ״ל על הוצאותיו, אז יודיע לי קודם שאגמור מלאכתי ואשתדל אני להדפּיסו

1 דעם אָפּמאַך האָבן מיר געפונען אין גאָטלאָבערס ניט פארעפנטליכטן א-כיוו.

על הוצאותי במשך שתי שנים מיום כלות החבור ועלי לתת להר״ר יעקב ישראל אחר כלות ההדפסה מאתים ספרים כרוכים כנ״ל.

ו) במשך זמן עבודתי בכתיבת הס׳ הנ״ל עלי לשלוח להר״ר יעקב ישראל פעם בפעם קונטרסים למען ישים עיניו עליהם, אולי ישים עליהם נוספות כפי ידיעתו, ועל הר״ר יעקב ישראל להשיבם אלי בכל פעם למען יהיו כל הקונטרסים תמיד בידי עד כלות המלאכה, ואז אשוב לשלחם אליו כלם יחד.

כל זה נעשה בינינו ברצוננו הטוב
נאום יעקב ישראל לעווינזאהן
נאום אברהם בער בן חיים הכהן גאָטלאָבער.

פון דעם דאָזיקן אָפּמאַך איז אָבער גאָרנישט געוואָרן. אַ דערקלערונג דערויף גיט גאָטלאָבער אין אַ צושריפט צו אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן אין אַ האַלב יאָר אַרום (דעצעמבער 1863) נאָכן אָפּמאַך צו צעדערבוימען *. גאָטלאָבער שרייבט צעדערבוימען אַט וואָס:

ראיתי ב„מגיד״ איזה ישפ״ה כותב קורות ימי חייו של הח׳ רי״ב לעווינזאהן זצ״ל, ע״כ יהי מטובך להגיד לר׳ יעקב ישראל בן אחותו של הרב ז״ל כי אמשוך ידי מכתיבות קורותיו אחר כי כבר העמים עליו (?) איש אחר הדבר הזה, ובפרט כי טרוד אנכי מאוד בעסקי סְפָרַי מאין פנות עוד לע״ע אל דברים אחרים ובפרט כאלה הדורשים עמל ויגיעה רבה וקריאה בספרי הרב ז״ל ובכתביו אשר לא שלחם לי רי״י (ר׳ יעקב ישראל) הנ״ל כלל. אולי ברבות הימים אם יחייני ד׳ וימציא לי מנוחה אשים לבי לעבודה זאת.

ביילאַגע נומ׳ 3

וועגן דער הלבשה־רעפאָרם

(זע זייט 105)

I

גאָטלאָבערס מעמאָראַנדום וועגן דער „יידיש־פּויליש־ ליטווישער טראַכט״

אין גאָטלאָבערס אַרכיוו האָבן מיר געפונען אַ מיטטיילונג (געשריבן מיט אַ פרעמדער האַנט) וועגן דעם מעמאָראַנדום, וואָס ער האָט דער־

* דער בריוו איז נאָך ניט פאַרעפנטליכט.

לאַנגט אין ייִדישן קאָמיטעט בנוגע דער הלבשה־רעפאָרם. מיר ברענגען דאָ אייניקע אויסצוגן פון דער דאָזיקער אין פאַרגרייזטן דייטשמעריש געשריבענער מיטטיילונג, וואָס טראָגט דעם טיטל: „איבער די ייִדיש־פויליש־ליטווישע טראַכט".

אין מעינעם אים פאָריגען יאהרע דער קאָמיטעט איבעררייכטען פאָרשלאַגע צור מאָראַלישען פערבעסערונג דער יודען, האבע איך אויך ווען נור ביילייפיג פאָן איינער קליידער־רעפאָרם גערעדעט אונד אנבע־מערקט דאס עס פאָן גראָסער וויכטיקייט אונד נוטצען זיין ווערדע, ווען די ווייזע רעגירונג מיין פאָלק פערפפליכטען ווירד זיך ווי דיא איבריגען לאַנדעס־בעוואָהנער צו קליידען.

דאַ אבער אייניגע שריפטגעלעהרטע מיינער גלויבענס־ברידער ווידער מיך מיט צעלאָטישער וואוטה געאייפערט, די פערענדערונג דער איבליכען קליידערטראַכטע אלס רעליגיאָנסווידריג ערקלערטען, זאָ פינדע איך מיך פעראנלאַסט מיינע מיינונג מיט דאָגמאַטישען גרינדען צו בע־פעסטיגען, אונד וויל דיזע אונאומשטעסליכע בעוויזע אנפיהרען:

א) פינדע קיינע אבצייכנונג אין דער טראַכט ביי מיינען גלויבינס־ברידערן אין אירגענד איינעם לאַנדע שטאַט; ווערער אין אייראָפאַ נאָך אין אזיען אונד אפריקא, נור איינציג אונד אליין די אין פאָהלען אונד ליטהויען וואָהנענדען יודען זינד אין טראַכט ווי אין שפראַכע צו איהרע גראָסען שעדען פאָן דען איבעריגען לאַנדעס בעוואָהנערן אויס־געצייכנעט. אונד וואהרליך נאָך הייט קיין פאָלנישער פאַנאַטיקער צו וואגען בעהויפטעט (?) דאס אללע אין אללען טיילען דער ערדע צער־שטרייטען איזראַעליטען (די פאָלנישען אליין אויסגענאָמען) אין דיזעם פונקטע געזעטצווידריג האנדלען.

ב) די פאָלנישען אונד ליטהוישען יודען זעלבסט מאַכען זיך קיין געוויסען דאַרויס ווען זי ביי איהרען רייזען נאָך דען רעזידענצען זיך דייטש אָדער וועניגסטען רוססיש אומקליידען, ווארויס דייטליך צו ענט־נעהמען איזט, דאס דיעזעס נור איין געזעטץ דער מאָדע אָדער קאַפּריס איסט אונד ניכט (געזעטץ) דער רעליגיאָן וואָביי דער שפּרוך דעס תּלמודס אנגעווענדעט ווערדען קאַן: אזלת לקרתא — הלך בנימוסיה (גייסט דו אין א גרויסע שטאָדט, האלט זיך ביים דאָרטיקן שטייגער).

ג) ווערן געבראַכט ציטאַטן פון אָנגענומענע אויטאָריטעטן, „דאס איינעם יעדען פריי שטייט זיך נאָך בעליבען צו קליידען". דערנאָך מאַכט גאָטלאָבער א היסטאָרישע עקסקורסיע, ביי וואָסערע אומשטענדן די פויליש־ליטווישע ייִדן האָבן אָנגענומען די טראַכט, וואָס זיי טראָגן

ביז היינטיקע צייטן: „אין יעציגען צייטגייסטע אונד 19טען יאהרהונדערט אבער, ווא די מעהרסטען איזראעליטען זיך דעם קריסטען צו נעהערן ווינשען, די איירופעיִשע זיטענלעהרע אונד קריסטליכע מאָראַל אנצונעמען — יעצט מוס מאַן די טראַכט דער קליידער שטעטס פיר די ערשטע קוועלע דעם אונגליקס אונד פאַראורטהיילס בעטראַכטען. דאס אליין איזט די דיקסטע שיידעוואַנט דען יודען פאָן קריסטען צו טרענען אין געזעל־שאַפטליכען ווי אויך אין רעליגיעזען לעבען... יאַ, די מעהרסטען אונזערער גלויבענסגענאָסען ערווארטען מיט זעהנזוכט איינע נייע אָרדנונג דער קליידער־טראַכט; וויסען רעכט גוט, ווען דער יודע אים אויסערען דעם קריסטען איינעם ווירד, ווירד אויך שוין דעם קריסטען זעלבסט אין בילדונג אונד שפראַכע נאָך צו האַמען. אליין דער שאַם — איינער פיר דען אנדערן, ווער דען ערשטען שריט טון זאָל... דארום וואַגע איך עס צו זאַגען דאס דיזער האָכוויכטיגע געגענשטאַנד יעצט צור רעכטען צייט נור איין איינציגעם פונקעם אינצוווערפען בעדאַרף, אום די גלוט דעם אייפערם פיר דאס עדעלע אונד רעכטע אַנצופאַרען. דען נור איין ווינק דער אָבריגקייט איזט אינלייגליך גענוג דיזע אַבענדערונג אויסצופירען. אונד מיט זעהנזוכט ערווארטעט, אונזער נאַציאָהן נור איין איינציגע אוקאַזע דעריבער, וועלכעס מיט זעגען אונד פריידע אויגענבליקליך אין ערפילונג געבראַכט ווערדען ווירד.

II

(צו זייט 105)

א קאָפּיע פון דעם אין טעקסט דערמאָנטן שריפטליכן אָפּמאַך (געשריבן מיט גאָטלאָבערס האַנט) האָבן מיר געפונען אין גאָטלאָבערס ארכיוו, און מיר ברענגען אים דאָ בשלמות:

גלוי לכל עם בני ישראל אשר בארצנו כי הגדיל אדוננו הקיר״ת חסדו עמנו ונתן דת בכל מדינת מלכותו להיות היהודים לובשים בגדי חופש ככל עם הארץ, איש כמתנת ידו וכברכת ד׳ עליו, העשיר בעשרו והעני בעניו, לא יבדלו בבגדיהם מכל משפחות אדמת רוסיא ולא ישאו עוד חרפה וכלמה על לבושיהם הזרים, אשר רק בעבורם יצחקו עליהם צעירים ולא יחסרו רוק מפניהם. יהי שם אדוננו הקיר״ה מבורך מעתה ועד עולם ולא ימוש מפינו ומפי זרעינו כי גלל חרפת מחרפינו מעלינו. ותחת אשר לפנים כמה מלכים ושרים הקשו את לבבם ולא חזה עיניהם על תולעת יעקב הרמוסה תחת פעמי רגל גאות עריצים וישימו להם חוק ומשפט לבלתי ללבוש בגדי העם אשר הם יושבים בקרבו ויאכרו

לישראל: הבדלו מתוך עדת המצרים! יכירו וידעו כל רואכם כי עברים אתם, עברים שנואי נפש העם ניכו בחרפה לחייכם ואין מידם מציל. הלא כה יגידו לנו סופרי קורות הדורות מראש, ואחד מהמעולים שבסופרים האלה החכם סעגור בספר דברי הימים למלכי צרפת... (דא ווערט געבראכט א לענגערע ציטאט פון סעגורס זוערק ווענן די שאנד־צייכנס, וואס די יידן פלעגן טראגן אין מיטלעלטער אויף זייערע קליידער). הנה תחת ימי בזיון וקצף אלה הקים לנו ד׳ רועים נאמנים אשר במקל נועם ינהלו, האובדות יבקשו והנדחות ישיבו בחסד וברחמים במשפט וצדקה. וגם על שה פזורה ישראל יפקיחו עין לחמלה לבלתי תתן לחרפת אדם ובזוי עם, לא יאסרו אסר בנפשם לבלתי שאת בגדי עם חפשי, איש כאות נפשו ישא את בגדיו ואין מוחה בידו. ויותר מהמה הפליא עצה הגדיל תושיה אדוננו הקיסר החסיד יר״ה אשר בראותו כי בושש העם להסיר מעליהם בגדי חרפתם ורבים מעם הארץ מתחסדים לאמור כי בגדי אבותיהם קדושים בעיניהם כאלו כתבניתם... למשה בהר סיני לאמור כזה ראה והלבש את בני ישראל. ואלה עורי לב ועין לא ידעו ולא הבינו כי בגדי היהודים אשר נשאו בארצם כבר נאבדו ונשכחו ואין להם זכר עוד אפילו בדברי הימים. והחטאים האלה בנפשותם מרפים גם ידי העם הסרים למשמעתם ומקשים את ערפם לקרוא מלא על כל איש יודע ומבין החפץ להרמות במלבושיו לאזרחי ארצו. וירא אדוננו הקיר״ה את ענינו ואת לחצנו כי לחוצים אנחנו בין חפץ לבבינו ובין פחד האנשים האלה, ויקם ויושיענו בפקודה נכונה וישרה מעידה על צדקתו ורחמיו להיות כל איש ישראל לובש בגדי המדינה ככל תושבי הארץ לא יבדל מהמה. הימים הטובים האלה יחלו משנת החמשים למאה הזאת שאנו מונין בארצות הנוצרים (1850) ועוד חמש שנים יוכלו דלות העם לשאת בגדיהם הישנים לבלתי יאבדו חנם וכופר הושת עליהם במשך השנים האלה כאשר יערכו אותם... איש על מחנהו ואיש על דגלו. והנה כאשר לא יכחד מאתנו יודעי דת ודין כי אין חפץ לאדונינו הקיר״ה בכופר ורק לטובת אביוני אדם עשה זאת להקל מעליהם באשר אין לאל ידם ללבוש מהרה בגדים חדשים... לכן הסכמנו יחד אנחנו הח״ם (החתומים מטה) אשר בחסד אלהים עלינו תשיג ידינו לקיים מהר את דברי הפקודה הישרה להסיר מעלינו הבגדים הנכרים והזרים במדינתנו וללבוש בגדים חדשים כמנהג המדינה. ולמען לא יבוש איש מפני רעהו ולא יאמר איש אל אחיו לכה אתה בתחלה עשה לך שמלה חדשה וקצין תהיה לי ואני אבוא אחריך ואמלא את אשר עשית כדרך כל האנשים, ע״כ הסכמנו להגביל יום אחד... ביום ההוא נלביש כלנו יחד את הבגדים החדשים למז״ט והיה לנו

היום הזה לששון ולשמחה, והיושב בשמים ורואה כליות ולב עמנו הוא יברך את פעלנו ומעשה ידינו יכונן ויתן בלב כל אנשי עדתינו לעשות כמעשנו לשמור מצות ד׳ ומלך לעשות ולקיים ככל הכתוב בספר פקודתו. וד׳ אלהים יתן לנו רחמים וישמנו לחן ולחסד בעיני העמים אשר בצלם אנחנו חוסים וכהחלף בגדינו יחליפו המה את מחשבתם לטוב לנו כל הימים ויקוים בכל העולם מקרא שכתוב: ביום ההוא יהיה ד׳ אחד ושמו אחד.

ביילאַגע נומ׳ 4

(זע זייט 111)

אַן אויפרוף בנוגע דער שול־רעפאָרם

אין „אַטלאַבע״ ארכיוו, וואָס געפינט זיך אין אונזער רשות, האָבן מיר געפונען אַן אינטערעסאַנטן דאָקומענט, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין אָנפאַנג פון ליליענטאַלס.טעטיקייט. דער דאָקומענט איז אָן אַ טיטל, עס איז אָבער קלאָר, אַז דאָס איז אַן אַגיטאַציאָנס־אַרטיקל, וואָס האָט געוויס צירקולירט אין אָפּשריפטן צווישן משכילישע קרייזן. דער פאַרפאַסער איז נים אָנגעוויזן. צום שלוס איז בלויז פאַרצייכנט דער נאָמען „צבי״. עס איז אָבער אַ גרויסער ספק, אַז דאָס זאָל זיין צבי הירש קאַצענעלענבויגען. דער קריגערישער טאָן קעגן חסידות באַרעכטיקט גיכער די השערה, אַז דער פאַרפאַסער שטאַמט פון וואָלין אָדער פון פוילן. מיר ברענגען דאָ דעם דאָקומענט בשלמות:

מה קול הרעש הזה במחנה העברים אזני תשמענה? מה זה עיני תראינה המון בני האדם כמי הים יגורשו? אחד באחד יפגושו, יתגודדו, יתלחשו, יתלכדו, יתפרדו? לאלה ישורו עצב ויגון מחרבי לבותיהם ולאלה ששון נשקף וגיל מעל פניהם! מה כל החליפות האלה? מה כל ההפכיים יחד? אל השמחים אראה ואשתומם, השמחה מה זו עושה? הלא אתם דורשי החכמה השנואים בשער והמדוכאים בחוצות, המוכים בלי חמלה והמורדפים בלי חשך, הנודדים ללחם ואין, עליכם אבד (?) חמלה ומדוע תשכחו ללא דבר? מדוע יצהלו פניכם? ואל העצבים אביט ואתבהל: מה לך החנופה כי תנוסי, הרשעה תסבי לאחר, אמונת הכזב תכתירי פניך, ואת החסידות אשר עלית על כלנה, מדוע תברחי בהחבא? הלא את בת ההצלחה, שרית במדינות פוילין, ליטא ורייסין, מלכת כאות נפשך; את היום על בית ישראל ועל פיך ישק כל זרע יעקב. מי זה הרים ידו ורגלו לעשות קטנה או גדולה ואת פיך לא שאל?

מי זה יהולל בשערים ואת לא הללתהו? או מי יהיה לחרפות ולא חרפתהו? מי זה ישקט אם לא תשקיטהו? או מי זה ידוכא ולא דכיתו את? מי זה היה לראש ולקצין בישראל אם לא תרעי? מי זה ערב את לבו למרות עיני כבודך, או מי זה לפניך יתיצב? תחתיך ישוחו כל ילידי החכמה, וכל בני הצדק תשימי מרמס כטיט חוצות. גזרת, צוית, פקדת — ויהי! לך יובילו בני ישראל שי, עשירי עם במנחה יחלו פניך, לך הכסף ולך הזהב, כל אבני יקר וסגולות מלכים, גם סוס דוהר ומרכבה מרקדה. מדי יום ביומו טבחת טבחך, יינך מסכת אף ערכת שלחנך, שלחת לזדון, קראת לרשע גם כל בני עולה היו מאוכלי שלחנך; מפתך יאכלו ובחיקך ישכבו, כל עונג וכל עדן תכו לרגליך וכל אשר שאלו עיניך ולא אצלת מהם. על כן שמנת, עבית, הרית עמל ולא באבת, אף שקר ילדת ולא חלית. עתה למה תריעי ריע, תספקי כפים?.. מי הפר שלותך, נא, אל תכחדי? אולם לא תעני, שפתותיך תאלמנה; נגע עד לבך, לכן נחמסו אמריך. אמנם אם לא תגידי, את כל קורותיך אנכי אגידה, כאבך אנכי יודע החודר כל חדרי לבתך. אך יש אלהים, יש שופטים בארץ, לכל שת תכלה, קץ שם לחושך. לא לעד ימשול הזדון. לא לנצח העולה פורחת, שכחת חנף עדי רגע, וזמר עריצים מקרוב. משמים אל ארץ הביט אלהים ראה בעני עמו, ראה את כל אשר את עושה לעם הזה, כי השחת, תעבת עלילותם, כל הרעות למדת את דרכיהם ותלמדם לטרוף טרף רשע ושתות יין חמסים, לפרוע מוסר ולשנוא תוכחת. לאחוז בסכלות ולהחזיק באולת. ליתן דופי בחכמה ולהבזות דעת בקהל רב, את שני קצותיו אכלה אש זדונך, ותוכו נחרו נכליך. לכן היה ישראל לחרפה בגוים וקלסה בכל הארצות שנואי נפש לכל ישר הולך. את כל זאת ראה אלהים ויחמול על עמו ויקנא לבחירהו, ויעיר את רוח מלכנו לפרוש עלינו כנפי חמלתו ולהשקיף עלינו בעין חודרת להשאיר לנו אחרית ותקוה בארצנו. ויהי בהשקיפו על כל ערי אחב"י (אחינו בני ישראל) תחת ממשלתו, על עיר ריגא עמד עיניהו. וירא שם בן איש חיל ורב פעלים חכם ונבון דעת, משכיל ומוצא חן, ד' נתן לו לשון למודים דורש טוב לעמו ומדבר נגידים. וייטב בעיניו ויצוהו על היהודים, בחור מעם הרימהו לרעות ביעקב עמו ולהנחותם בתבונות כפיהו לבל ישחקו עליהם בשער, ולא יהיו עוד לשמצה בגויים. אז חלף רוח ליליענטאל ויתחזק באלהיו וילבש צדקה כשריון ויעט במעיל קנאה, ויעבור בכל ערי אחב"י, וירא ראשית לו לבנות בית נאמן לחכמה ומעון לתבונה, יען חכם הוא כמלאך אלהים לדעת כי רק על ידה ינשעו בני ישראל, ירפאו ממשובתם. היא תברא להם לב חדש ורוח נכון תחדש בקרבם להשכיל. היא תעמיד רגליהם במישור, היא תישר שכלם לבקר

בין טוב לרע ולהבדיל בין אמת ושקר, להבין כל דבר לאשוריו; היא תטע בלבם יקרת האדם ואהבת האנושית, היא תתוה לפניהם ארחות מוסר ודרך חיים למען יתנהגו על פי מדותיה בל יעשו דבר קטן וגדול כי אם לפי דבריה. אלה שמעת ותתחלחלי, באה עד אזניך ויאחזוך חבלים, כי כלתה אֵלַיִךְ הרעה. אמנם כאשר שמעת כן עוד תחזי בקרב ימים. עלה אריה מסבכו ומשחית נחלתך יצא ממקומו לשומך לדומן ולאשפתות חוצה. רדי מכבוד, בת בליעל! כי המלך דבר — רדה! שבי על עפר אשת הזימה, אין כסא אין מזח עוד! שפחה לא תירש גבירתה. בא הקץ עליך, מפרי דרכך תאכלי וממועצותיך תשבעי. לא עוד תרדפי אחרי אוהבי החכמה לא עוד תשיבם עד דכא, לא עוד תסירי מהם משען לחם ומים. ואף כי צוית את עשיריך בסתר ולהתנכל עם האיש ליליענטאהל באשר יכולו, ואם לא יוכלו לשים תְּהלה בחכמה יתנו דופי ברורשיה לאמר: כי בגדו בדת ואמונה וכי נקל להם לעבור על מצות ד׳ בתוך קהל ועדה, אשר על כן יתן להם מורים מְעַם נכר, למען ישאו כל אוהבי דעת חרפת רעב, ומבני נכר אולי תקחי ממשלתך בכסף וזדונך במתת ידים. כה דמית, אבל שקר חזית, לא תוכלי לו, לא תתנכלי אליו, לא תתגנבי אל חדרי לבבו, כי חכמת אלהים בקרבו להבין אל תרמות לבך, פלס ומאזני משקל בלבבו לְפַלֵּס אמרים אם כֵּנים אם אין. כל קציניך מאפס לו נחשבו, וכל עשיריך המה מהבל יָחד. לא יביט אל מראיהם, גם לא אל רום עיניהם הנוצצים בעין נחושת קלל וכל רוח בקרבם אָיִן. אך אל זה יביט, אל עני ונכה רוח אשר אין לו מאומה בלתי נוָתו הנקיה וישרת לבהו ואשר אסף מעט תבונות בזיעת אפו וביגיעת נפשו קנה לו מעט מדעים. יודע הוא כי לא אמרה החכמה תוהו בקשוני, דרשוני, שחרוני ואני אתן להם חסרון לחם ונקיון שנים. כי כה אמרה החכמה: דרשוני וחיו! בקשוני — ואנכי אמלא כל מחסורכם, כי אני אוהבי אהָב ומשחרי אשביע לחם. הנה ימים באים ולא יאָמר עוד: לא לחכמים לחם! כי מפרי כפיהם יאכלו חכמי לב ומעמל נפשם ישבעו מַשכילי, והיה לחם פרי החכמה למאכל וְעָלֶיהָ לתרופה. וזאת החסידות בת תְּפתה ואבדון! תכלי כעשן תרדי לבאר שחת כי משם לֻקחת.

צבי.

ביילאגע נומ׳ 5

(זע זייט 120)

ליליענטאלס בריוו צום ווילנער משכיל הירש קאצענעלינבויגין

10 יולי 1842.

לאהובי ידידי היושב בקירות לבבי, המוכתר בכתר תורה ומדע... אוהב צדק ומשרים ושונא ההולכים במסתרים, הוא החריף והבקי מ׳ צבי הירש קאצענעלינבויגין — שלום שלום עמו ועם. מחנהו.

רב תודות לאל עליון אשר הביאני עד הלום, הוא רואה בעניי בוחן קירות לבבי ומישרים מצא בו וגם הוציא לאור משפטי. כי הנה זה ארבעה ימים ניתן האוקאז מאדוננו הקיר״ה נכתב ונחתם בטבעת המלך וגם נשלח לכל המיניסטרין וגם לבית הסענאט להודיע ברבים ולמלאות אשר מלאו לבו הקיר״ה לעשות ולצוות לטובת אחינו ב״י, ועם גם בשבוע הבע״ל יקראהו אהובי אדוני בעצמו אין דער צייטונג דעם סענאטם — אני לא יכולתי להתאפק מכתוב לו עוד היום ולהודיעו את אשר הצליחני ד׳ לדרוש לטובת עמי להפיק רצון הממשלה ולהרים קרן בני ישראל בין העמים אשר אמרו „אך סכל ושפל הגוי הקטן הזה“. והנה זה דברי האוקאז בקיצור — אחר דברי המיניסטער אל אדוננו הקיר״ה נכתב ונחתם (?):

א) כל בתי מדרשים, קלויזין וישיבות בני ישראל אשר נמצאו במדינת רוסיא יהיו תחת השגחת המיניסטער כאשר נצטוה עוד בשנת 1827, ויתנהגו על משפטי האוסטאוו ההוא.

ב) לסדר על משפט נכון השוללען ותיסד בעיר הבירה פ״ב (פעטערבורג) עם המיניסטער נאראדנאיע פראסוועשטשעניע קאמיטעט — סנהדרין ובו ישבו ד׳ רבנים יראי ד׳ הבקיאים והחריפים, ובתוכם יהיו גם הרב הג׳ מוואלאזין, דירעקטאר שטערן מאדעסע ואנכי הקטן והצעיר באלפי ישראל, ומספר בעלי בתים לא נסדר עוד אבל יהיו בימים אחדים על מעמדו (?), והאנשים האלה יקראו לעיר הבירה עם המיניסטער אופאראוו גם הוואיענע גובערנאטאר [1].

---

[1] ליליענטאלן קומט אן שווער דער העברעישער סטיל, און אייניקע פראזן זיינען אזוי אומבאהאלפן, אז עס איז זיי שווער צו פארשטיין. די לעצטע פראזע דארף, ווי עס שיינט, באדייטן, אז די קאמיטעט-מיטגלידער וועלן באקומען די איינלאדונג פון דעם מיניסטער אוואראוו און דעם וואיעני גובע־נאטאר.

ג) האדון המעניסטר בעצמו יצוה איך יתנהג הקאמיטעט ואיך יהיה מעמדו ומכונו פה בקרית המיניסטערסטווא.

ד) האנשים האלה תחת השגחת פרטי האדון המיניסטר (פער־זענליכע ליטונג דעם מיניסטערס) יבואו ויתחכמו איך ינהגו הבתי מדרשים החדשים, יראו ויקראו האוסטאוו החדש אשר נתחבר ונחתם מהדעפארטאמענט ויתיעצו איך יתיסדו קאנסיסטארין אן שול־קאמיסיאנען בכל גובערניע; וקאנסיסטאריען אחת תהיה על כלם לסדר סדר נכון להשגיח על התלמידים ולומדיהם. ובמשך ג׳ חדשים תגמר המלאכה ואחר כך יתיסדו הבתי מדרשים. ויקראו מאשכנז מלומדים, אנשים חשובים להאסיפה הזאת.

ה) ואם יגמר (?) המלאכה יקבלו מן המיניסטערסטווא נאגראזודעניע, והקיר״ה אמר ליתן עוד מתנה לכא״וא (לכל אחד ואחד) כפי כבודו ומלאכתו.

והנה עיני אדוני רואות כי לא לבשתי רוח הקנאה וכל תאות הנקמה הסירותי מלבבי, אמרתי כה לי ולהם אשר הרימו עלי קולם הסכלים, לא אותי מאסו כי אם מצות המלך ושריו. וידעתי גם ידעתי כי רעה נגד פניהם, ואם אין עתה ישועה קרובה לבוא יחרה אף הקיר״ת עליהם ומי יודע מה יביאו בימים הבאים. לכן להשכיך חמת השרים ולהרים קרן עמנו אמרתי הנה האנשים המורדים האלה יראו כי גדולי הדור ועמודי התורה והיראה יקראו לבית המלך וישמעו רצונו ומשפטו וילכו וישובו אז לביתם להגיד לבית ישראל כי רק טובת אחינו בני ישראל דורש הקיסר הרחמן. ואמונתנו הקדושה תהיה על מעמד כאשר היתה, ובנינו ובנותינו אשר אינם יודעים בין טוב לרע ילמדו כל החכמות והמלאכות למען יחדלו האביונים מן הארץ אשר עתה מבלי מספר המה. למען יאמרו כל העמים: „רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה“. וכאשר אלקים אחד ומיוחד, כן עבדיו המיחדים שמו באחד מיוחדים הכה בבינת תורה ומדע.

ואם תאמר: האוקאז הזה לא יתן לנו לחם ושמלה, כה לנו חכמה ומדע אם לחם אין להביא ובבית אין שמלה? תדעו ותבינו כי האוקאז הזה אך הראשון הוא, ולפני סוף השנה יבואו עוד שלשה או ארבעה ומהם תראו כי הממשלה אך טובת אחינו ב״י דורשת, והימים הבאים טובים יהיו מן הימים הראשונים אשר אך ללעג ולקלס היינו. אך השעה שוחקת לנו ולב הקיר״ה מלא חן וחסד על אחב״י. ואם הפועלים אינם עצלים ויעשו בלב שלם ובנפש חפצה להפוך רצון הממשלה — השכר הרבה וסוף הכבוד לבוא. לכן אדוננו המיניסטער אשר מלאו להוציא לאור משפטנו, צוה לי לילך וליסע מגובערניע לגובערניע ומעיר לעיר

לבאר לאחינו את תוכן האוקאז הזה ורצון האוקאזין הבאים עלינו לטובה, ולאמור לאחב״י (לאחינו בני ישראל) לכתוב אל הקיר״ה דברי תודה ושמחה. וכי יאמרו ויספרו צרתם ושפל מדרגתם, ואם המה בלב שלם יעשו כל אשר יכולים להפיק רצון המלך, תקותם כי גם הוא בחסדו ירחם עליהם לתת להם כל משען ומשענה. והמיניסטער אמר: אם הקיר״ה יקרא הכפרים האלה ימלא לבו שמחה ויחו רק א״ע למלאות כל משאלותיהם ולהרם קרן עמנו בין קרני העמים החוסים תחת ממשלתו. גם נצויתי לדבר עם חשובי קרית מדינות רוסיא למען יהיו נראה ונבחר (?) האנשים אשר ישבו בהקאמיטעט ובגובערנסקי קאנסיסטאריען. ואם יגמר המלאכה אזי יראו שונאי ויבושו. כי לא לכבוד עצמי דרשתי טובתם ושלימותם חפצתי. לכן היה אלקים עמדי והצליחני בדרך אשר הלכתי. בעוד שני שבועות אשוב על ימים אחדים לווילנא, ובקשתי לאמר לגדולי העיר הזאת לשכך כעס וחמה, לבוא לקראתי בדברי אהבה ואחוה ואז בשמחה וחדוה אקבלם בסבר פנים יפות.

כ״ד מנחם ליליענטהאל

עיקר שכחתי להודיע שגם הארון הגדול מאנטיפיאהרע מלאנדאן וקרעמיע מפאריז נקראו להאסיפה הזאת.

ביילאגע נומ׳ 6

(זע זײַט 164)

װעגן האַכמאַנס ציון־ליד

האַכמאַנס ליד האָט צום ערשטן פאַרעפנטליכט ז. ז. מענדלין אין זאַמלבוך „כִּנֶּרֶת" (אָדעסאַ, 1890, 110—112) מיט פאָלגנדיקער הערה: השיר הזה אשר כמעט נהיה היום לשיר־עם, נמצא אתי בכתובים זה כשלושים שנה. האיש אשר נתנו לי אז הגיד לי כי מחברו הוא הרב לעדת האשכנזים בפאריז הסמוכה לבאָברויסק, ר׳ מרדכי, מודעו ומכירו (שם משפחתו לא אזכור). ויוסף לספר לי את המקרה אשר עוררהו לחברו. פעם אחת בא לבית אחד הגבירים שם וימצא את בנו הנער ישיר את השיר: „אַן דער קװעלע זאַס דער קנאַבע" לשילער, ויאמר לו: למה זה לך לנגן שירים בשפה נכריה, הבה אחבר לך שיר בשפתנו הקדושה אשר תוכל לשיר אותו גם כן בניגון.

דעם טעקסט פון דעם דזשיקן ליד האָבן מיר אויך געפונען אין יהל״לס האַנטשריפטליכער לידער־זאַמלונג „מנחת יהודה" (אויס דעם

אנפאנג 60קער יאָרן פון פאָריקן יר״ה), וואָס איז געווען אויפגעהיט אין דער לענינגראַדער אָפּע־ביבליאָטעק. דעם ליד האָט יהל״ל פאַרויסגעשיקט אַזאַ באַמערקונג: שירת ציון אשר שָׁר המליץ ר׳ מרדכי הוכמאַן מקלעצק הַלֵּוִי. אין יהל״לס מאַנוסקריפּט גייען די סטראָפן אין אַ גאַנץ אַנדערן סדר, אויך איז דער נוכח אין פיל פערזן אַן אַנדערער. אין יהל״לס וואַריאַנט געפינט זיך אויך פאָלגנדיקע סטראָפע, וואָס פעלט אין דעם געדרוקטן טעקסט:

> נחשבת נכריה בשערי ירושלים
> לפנים ישבו מלך ושר,
> ואל כל אשר תשא בה עתה עינים
> מה תראי אך אויב וצר.

ביילאַגע נומ׳ 7

(זע זײַט 79)

וועגן גאָטלאָבערס השתדלות צו עפענען אַ יידישע דרוקעריי אין קאַמעניץ

אין קאַמעניץ, ווו גאָטלאָבער האָט פאַרבראַכט אייניקע יאָר אַלס לערער פון אַ יידישער רעגירונג־שול, האָט געוווינט זײַנער אַ באַקאַנטער, אַ רײַכער יידישער סוחר דוד קרײַז, אַ באַזיצער פון אַ דרוקערײַ אויף אייראָפּעיִשע שפּראַכן. אין 1862, דעם ענד־טערמין פון דער דרוקערײַ־מאָנאָפּאָל, האָט גאָטלאָבער פאַרגעלייגט קרײַזן, יענער זאָל דערלאַנגען אַ ביטע־בריוו, מען זאָל אים דערלויבן צו עפענען בײַ זײַן דרוקערײַ אַ יידישע אָפּטיילונג. גאָטלאָבער, וואָס האָט דעמאָלט פאַרנומען אַ לערער־שטעלע אין אַלט־קאָנסטאַנטין און געלעבט אין דחקות, האָט געהאָפט, אַז באַם דער פּראָיעקט וועט דורכגעפירט ווערן, וועט זיך דורך דעם באַדײַטנדיק פאַרבעסערן זײַן מאַטעריעלע לאַגע. ער האָט גערעכנט, אַז מען וועט אים באַשטימען פאַר אַ צענזאָר פון די יידישע אויסגאַבן, און וווינענדיק אין קאַמעניץ, וועט ער אויך קאָנען בײַ דער דאָרטיקער גימנאַזיע פאַרנעמען די לערער־שטעלע פון יידישן „זאַקאָן באָזשי״; חוץ דעם וועט ער אויך האָבן די מעגליכקייט צו דרוקן זײַנע אייגענע ווערק אונטער די גינסטיקסטע באַדינגונגען. בכדי קרײַזס ביטע־בריוו זאָל האָבן דערפאָלג, האָט גאָטלאָבער געשריבן עטליכע בריוו קיין פּעטערבורג צו זײַנע באַ־

קאַנטע: דעם באַוווּסטן אברהם פּירקאָוויץ און דעם משומד פּאָלקאָוויץ. גאָטלאָבער האָט זיי גערעכנט פאַר „קרובים למלכות" און חשובים בײַ גרויסע שררות.

די דאָזיקע נאָך ניט פאַרעפנטליכטע בריוו זײַנען רײַך מיט אינטערעסאַנטע פּרטים, און מיר ברענגען פון זיי דערפאַר אייניקע גרעסערע אויסצוגן:

א) אויס דעם בריוו, וואָס גאָטלאָבער האָט געשריבן פּירקאָוויצן אין דוד קריזס נאָמען ר״ח סיון 1863:

... זה ימים רבים שמתי עצות בנפשי לבוא לפני כבודו הרם במגלת ספר להציע לפניו מבוקשי ומחשבתי הטובה אשר יעצתי לעשות למען אהבתי את עמי וחכמת סופרינו אשר כבר היו לעולמים ואשר עוד חיים אתנו היום ולבקש מכבוד תורתו להיות לי לעזר לפועל טוב במליצתו הרמה והנשגבה, יען ידעתי כי כבודו גדול בעיני השרים היושבים ראשונה במלכות ולדבריו הנאמנים יטו אוזן קשבת... ועתה אגידה לאדוני את שאלתי ובקשתי:

לא נכחד מכבודו הרם את אשר ישבו בני ישראל בארצנו ימים רבים ללא דפוסים וללא ספרים ותהי נפש העם מרה וירגנו באהליהם על שני המדפיסים בווילנא ובזיטאָמיר אשר שמו עול ברזל על צוארם ומועקה על מתניהם... לשלם תשלומי כפל וארבעה וחמשה בעד כל ספר אשר היתה את נפש איש מישראל להביא בצל קורתו. וזה האחרון (המדפיס מזיטאָמיר) הכביד אכפו על העם, כי מלבד אשר הוקיר השער... יותר מזה הרבה להרע עם ספרי החכמה אשר גרש אותם מהכתפח בנחלת דפוסו ולא נתן להם חנינה. את אלה ראיתי ותחת עיני על חכמת ישראל ובינת נבוניו אשר נסתרה באשמת המדפיסים לכל חטאותם. ויען כי ברכני אלקים בעושר ונכסים... נדבה נפשי להכין בית-דפוס לספרי ישראל כאשר כבר עשיתי לספרי העמים, אפס כל עוד היו הדפוסים תחת סבלות מדפיסי ווילנא וזיטאָמיר מטעם הממשלה לא יכולתי להוציא מחשבתי הטובה אל הפועל, אבל יגעתי ועמלתי לפקות עיני הממשלה הטובה על זאת, כי לא טוב היות המדפיסים האלה לבדם. ועתה אחר אשר בחמלת ממשלתנו יצאנו מעבדות ווילנא ומתחת סבלות זיטאָמיר, אמרתי להחיש מעשי ולהציב יד ושם לדפוס עברי חדש פה בעיר מושבי. והנה ידי עוד אסורות בעבור כי אין צענזאָר מטעם הממשלה בעירי והדבר הזה תולה בדעת המיניסטר לעסקי חול (?) להושיב צענזאָר בכל מקום אשר ימצא לנכון. והנה ידעתי גם ידעתי, כי לב הקיסר החסיד והרחמן ולב שריו הטובים והנכבדים טוב עלינו ורק טובת כל תושבי הארץ הם דורשים בלב שלם ונפש חפצה, וכל אשר המה עושים הכל

כאשר לכל לתכלית טוב ומועיל. אפס בכל טובם וישרת לבם לא אלהים המה לדעת כמוהו בסקירה אחת את כל הנחוץ לעשות, ע״כ ישימו תחתיהם פקידים ונציבים, וגם הפקידים האלה לא יעשו דבר מבלעדי שרים אחרים המופקדים תחתיהם, וכל אשר ירדו המעלות האלה אחורנית כן תמעט קנאת האמת והצדק בלב השרים הקטנים, ויש מהם אשר לא ידאגו לכל דבר טוב להוציאהו, בי אל תועלתם ישאו נפשם ודי להם כי שכרם אתם ופעולתם לפניהם. לכן האיש אשר בתוך עמו הוא יושב הרחק מראשי שרי המלכות, החפץ לעשות טוב בעמו, הנה דרכו משוכת חדק ובכל מקום ימצא מכשולים לפניו אם לא ישכיל למצוא עצה ותחבולה לפכוח ולדלג על הפקידים הקטנים האלה אשר רק לבצעם עיניהם ושמש צדקת הקיסר יר״ה לא זרחה עליהם ולאורו הגדול לא התחממו להוציא לפעולת אדם כח מעשיו ורצונו הנעלה. גם אני בידעי כי טובה גדולה תצמח לכל ישראל תושבי ארצנו אשר לאלפים ולרבבות חונים בפלך פאדאליע ובפלכים סביב לו כוואליניען ובעסאראביע ורוסיא החדשה ועוד, וערי הדפוסים העברים רחוקות מהם מאוד ובעמל ויגיעה ובמחיר רב יביאו אליהם הספרים הנדרשים להם מהדפוסים הרחוקים או מחוץ לארץ אשר לא כדת — אמרתי לפתוח לפניהם לרוחה בית דפוס חדש ומהודר כיד ד׳ הטובה עלי ולהכין פועלים מהירים במלאכתם ומגיהים חכמים ונבונים. אבל מי יביע רוחי ישר המשנה ומי יעיד עלי כי כונתי לטובה ולא לתועלת עצמי... וכי ראוי ונכון וישר ונאכן להושיב פה צענזאר עברי למען הקים בית דפוס על תלו? ואל מי יטה המיניסטר החפץ טוב וצדק אוזן קשבת? אדוני הנכבד! הנמצא כמוהו איש נבון וחכם ודורש טובת כל מפלגות שבטי ישורון וחכמת חכמיהם! בו בטח לבי ובצדקתו הנאמנה והנודעת בארץ, כי יאבה בטובו להיות לי לפה ולמליץ להוציא משפט צדקי לאור להטות לב הממשלה הכבודה להקים פה בעירי איש נאמן למבקר (צענזאר) ולתת לי זכות ומשפט לפתוח דלתות בית דפוס הדר לספרי ישראל ע״פ הרשיון הנתן כבר לכל בני עמנו בערים אשר נמצאים בם צענזארים על האופנים המבוארים בהפקודה הרוממה...

צו דעם דאזיקן בריוו האט גאטלאבער ביַיגעלייגט זיַין אייגענעם בריוו צו פירקאוויצן, ווו ער בעט אים זייער, ער זאל ווי וויַיט מעגליך באהילפיק זיַין „לידידי הגביר המפורכם והמשכיל הנכבד האוהב עמו בכל לבו ה״ר דוד קרייז״ אין זיַין זייער נוצליכן אונטערנעמען. צום סוף בריוו וויַיזט ער אן פירקאוויצן: „לא אכחד מאדוני כי א נ י גם טובת עצמי אני דורש בדבר הזה. כי רחקו מאוד הדפוסים מעירי (מלבד דפוס זיטאמיר אשר נעל שעריו בבריחי ברזל לפני כל ספר חכמה ומליצה) והמדפיסים אבירי לב ומוצצים את דמי חמחבר עד בלתי השאיר לו

שריד מכל עמלו ולכן מאוד נכספתי כי יוציא הגביר המשכיל הזה את כונתו הטובה לאור ובצלו אחיה גם אני, כי קרוב הוא אלי במקום ובכונה טובה ובכל אפשרותו יתמוך ידי להוציא ספרי הרבים לאור הדפוס.

נאָך דעם בריוו גייט פאָלגנדיקער כאַראַקטעריסטישער P. S.: נודע לי הסבה כי יכבד על הגביר הר"ד קרייז להקים בית דפוס, הוא כי המדפיסים מזיטאָמיר אשר דרכם לילך ולהזיק הם המתדלים להרע לו בדבר הזה, יען כי הר"ד היה נגד המונופוליא שלהם אשר השחיתה את דרכה. ולכן מהראוי לכל מבקש טוב וחסד לעמוד לימינו ולהצילו מכף מתקוממנו לטוב בית ישראל.

ב) וועגן „טובת עצמו", וואָס גאָטלאָבער האָט געהאָפט פון קרייזס אונטערנעמען, רעדט ער מער באַשטימט אין זיינע בריוו צו פּאַלקאָוויצן פון 7טן מאי און 30טן סעפּטעמבער 1863:

גם אתה אדוני וידידי ידעת את הגביר הנעלה והנכבד הר"ר דוד קרייז מקאמעניץ הרוצה לזכות את ישראל ולהקים בית דפוס מהודר ומתוקן לספרי חכמי ישראל, ופנה אל הרב החכם הישיש הר"ר אבן רש"ף (פירקאָוויץ) בבקשתו להמליץ בעדו למען תאבה הממשלה לשלוח שמה צענזאָר לספרי עברים, כי רק אז יוכל להקים בית דפוס עברי. ועתה אם יש לאל ידך תהיה נא ידך עמו בדבר הגדול הזה כי באהבתי אֶשְׁבַע לך, כי רק לטובת העם כונתו. מדי כתבי עלה על דעתי לרמוז לך: אולי תוכל לְהָסֵב פני הדבר שהמשרה הזאת (משרת צענזאָר לספרי העברים בקאמעניץ) תנתן על שכמי! ומה טוב יהיה אז חלקי. כי זה כל תשוקתי וכל תאותי בארץ כי כפָּרֵי אור יצאו. ומהנקל יהיה לי אז לעשות הדבר הזה. אנכי רמזתי לך ואתה עשה כחכמתך וחַלֵּק דברי אלה גם לידידנו הישיש ד' יחייהו וישמרהו, ואולי גם ליתר האנשים אשר תמצא לנכון.

אינם צווייטן בריוו שרייבט גאָטלאָבער פּאַלקאָוויצן: אם יתנו רשות לר"ד קרייז לעשות דפוס עברי בקאמעניץ אשתדל שיתנו לי בשֵׁם מקום מורה-הדת בגימנאזיום אשר שכרו 400 רו"כ. אז תכתוב ביחד עם הרב הישיש (פיקאָוויץ) לר"ד קרייז, כי ישמע אליכם תחת אשר הושעתם לו, לנקוב לי שכר צענזאָר מאתים רו"כ לשנה ודירה בבית דפוסו, ידעתי כי ישמע ויתן בנפש חפצה.

צו דער זעלביקער צייט שרייבט גאָטלאָבער אַ לאַנגן בריוו פּירקאָוויצן, אויך צו אים ווענדעט ער זיך מיט דער ביטע:

ולו הואלת אדוני להטות לב המיניסטר להרשות לה' קרייז לעשות דפוס עברי בקאמעניץ ולתת לי שם מקום מורה בגימנאזיום לתלמידי

בני ישראל יסודי הדת (אשר שכרו כפי שנודע לי 400 רו״כ) ומאה רו״כ לפחות יִתן לי בתור צענזאָר עברי, וידבר אח״כ באזני קרייז שלא יפחות גם הוא ממאתים רו״כ לבד מקום לדור שם אני וביתי בחצר הדפוס עצמו (כי בַיִת נכון ונשא לקרייז אשר שם הדפוס). כי עתה הוצאתני מעבדות לחרות ומאפלה לאור גדול. כי זה הוא המקום אשר אנכי מבקש! דפוס! זה חלומי מנעורי, מילדותי, ועד זקנה ושיבה!

גאָטלאָבערס און קרייזס השתדלות וועגן א יידישער דרוקעריי האָט ניט געהאט קיין גרעסערן דערפאָלג, ווי אקסענפעלדס פיל בקשות. די דערלויבעניש צו עפענען א יידישע דרוקעריי אין קאמעניץ האָט קרייז ניט באַקומען.

הוספות

צו ז' 123: דער אָריגינאַל-טעקסט פון בן-יעקבס „מעמאָראַנדום" וועגן דער ווילנער ראַבינער-שול איז פאַרעפנטליכט אין „פון נאָענטן עבר". I, 1937, 27—39.

צו ז' 131: די דאָזיקע לעגענדע, אַז מענדל לאַנדסבערג זאָל האָבן פאַרפאַסט דעם „ספר הקונדס", איז, ווי עס שיינט, געווען גאַנץ פאַרשפּרייט אין די משכּילישע קרייזן, און אים געקראָלאָג נאָך לאַנדסבערגס טויט, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין „המליץ" (1866, נומ' 5), האַלט צעדערבוים פאַר נייטיק אָנצווייזן, אַז דער פאַרשטאָרבענער „בימי עלומיו כתב קונטרס „סדר עבודת הקונדס".

צו ז' 137: דער מאַנוסקריפּט פון אייכענבוימס ניט פאַרעפנטליכטן „תכונת המספרים" געפינט זיך אין אונזער אַרכיוו.

צו ז' 196: וועגן דער קריטישער לאַגע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די משכּילים-ליטעראַטן נאָכן דרוק-אוקאַז פון 1836, ווען עס האָט אין משך פון העכער צען יאָר פונקציאָנירט אין גאַנץ רוסלאַנד בלויז איין איינציקע יידישע דרוק — גיט אַ גאַנץ בולט בילד דער בריוו פונם דיכטער אדם הכהן לעבענזאָן, וואָס ער האָט געשריבן אין 1843: „מען דאַרף שרייען געוואַלד— שרייבט ער אין דעם דאָזיקן בריוו — אויף דעם גרויסן שאָדן און אומרעכט, וואָס איז פאַרשאַפט געוואָרן דער אויפקלערונג פון יידן אין אונזער לאַנד דורכדעם, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט נאָר איין איינציקע דרוקעריי. ווי עס איז אוממעגליך, ס'זאָל דאָ איבער אונז אַ שיין טאָג אַ שטערן פון דרום-פּאָלוס, פּונקט אַזוי קאָן ניט געמאָלט זיין, עס זאָל פון אָט דער איינציקער דרוקעריי אַרויס אַ ווערק, וואָס קער זיך אָן צו וויסנשאַפט און בילדונג. אַפילו אָנזעטיקן דעם גרויסן יידישן עולם מיט דער נייטיקער צאָל סידורים און תחינות,—זיינען זיי ניט אימשטאַנד. אַפילו קיין איין ווערק' פון די פּוסקים הראשונים אָדער פון די אַלטע מפרשים, וואָס דאָס איז זייער גרעסטער באַגער, האָט נאָך די איינציקע דרוקעריי ניט באַוויזן אַרויסצוגעבן, — טאָ וואָס איז דאָ צו ריידן וועגן וויסנשאַפט, שפּראַך-קענטעניש און בילדונג". (מיר ציטירן לויט ש. גינצבורג, היסטאָרישע ווערק, I, 55—56).

נאָמען־צעטל

ר' אבעלע (ווילנער רב), 55, 134.
אהרן בר' יהודה, הלוי, 195.
אוואראָוו, בילדונג־מיניסטער, 82, 92, 99—100, 101, 105, 108, 109, 113, 118, 119, 120, 122, 123, 196, 197.
„אחיה שילוני", 94—96.
אטקופשטשיקעס און אקציוניקעס, 85—86.
אייג'ען סיו (פראַנצויזישער ראָמאַניסט), 167, 169.
אייזענבוים אַנטאָני, 220—221, 346.
אייכענבוים יעקב, 111, 136—139.
איינימער, גדליה, 201.
אלאבין, פּ., 39, 42.
אָקסענפעלד, ישראל בן יעקב, 172—191, 196, 202, 229, 232, 235, 241.
„אָריענט", 60.
באַרזדיאַנסקי, חיים, 231.
בוכנער, אברהם, 221.
ביק, שמואל־יעקב, 25, 35.
„בית יהודה", 66—71.
בלודאָוו, מיניסטער פון אינעווייניקסטע ענינים, 92, 97.
בלומענפעלד, בעריש, 35.
בליטשטיין, אברהם, 24.
בן־יעקב, יצחק־אייזיק, 58, 105, 123, 128, 129.
בן־עמי, מ., 171.
„בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל", 220.
בערדיטשעוו אלס האַנדלס־שטאָט, 27.
בראָד אלס קולטור־צענטער, 25—26.
ברוך שקלאָווער, 15.
גאָטלאָב, חיים, 202.
גאָטלאָבער, אברהם־בער, 25, 27, 38, 57, 79, 88, 105, 106, 107, 111, 112, 120, 179, 197, 199, 200, 202—215.
גאָלדפאַדען, אברהם, 215.
גאָרדאָן, י. ל., 140, 225.
גייגער, אברהם, 113.
גינזבורג, שאול, 110.
גינצבורג, יהודה־אשר, 133.
גינצבורג, יוזל, 187.
גינצבורג, מרדכי אהרן, 58—59, 60, 104, 105, 116—118, 132, 133—136, 140, 144—145, 158.
געלערט (דייטשער דיכטער), 233, 239.
גרינבוים, הירש (פּיאָדאָראָוו), 57, 112.
דאָלגאָרוקי, אי. מ., 27, 28, 29, 176.
דאָמיאַנסקי יונה, 139.
„דאָרפס־פּאָעזיע", 168—169.
דיינארד, אפרים, 38
האָכמאַן, מרדכי, 164.
הצללי (ענגלישער אַסטראָנאָם), 227.
הומבאלד, אלכסנדר, 228.
הורוויץ, הירש־בער, 28—30, 31, 73, 104.
הורוויץ, חייקל, 28, 134.
הורוויץ, יהודה, 15.
הורוויץ, מארקוס, 200.
הורוויץ, שעפּסל, 45.
העגעל, געאָרג, 161—162.
„הפקר־וועלט", 75—78.
ווילנער דרוקערייען און דער קאַמף קעגן זיי, 80—82.
וואָלפּזאָן, אהרן, 236.
וואָלאָזשינער, איציקל, 110.
ווייזל, נפתלי־הערץ, 140, 141, 145.
וויינער, יוסף, 203, 213.
וויינרייך, מאקס, 234, 236, 238, 248.
וויסבערג, י. י., 218.
ווילנער גאון, 9, 10, 16, 81.
ווינער, מ., 174, 182, 238, 243.
ווערבלינסקי, יאָזעף, 214.
זאַבלודאָווסקי, יחיאל־מיכל, 225.

זאַגער אַלס קולטור-צענטער, 127—128.
זאַלקינד, שלמה, 99, 105.
זאַמאָשטש אַלס קולטור-צענטער, 230.
זאַמאָש:ש, ישראל, 230.
זאַנגוויל, ישראל, 11.
זאַנדבערג, עקספּערט וועגן יידישע ענינים, 55, 82.
זאַקס, א. ש., 127.
זשוויף, משה, 201.
זק״ש, שניאור, 56, 160, 162, 167.
חאַרן, מאיר, 28.
טאָלסטאָי, דמיטרי, 89.
טאַרנאָפּאָל, יאָאַכים, 190.
טוגענדהאָלד, וואָלף, 82.
טוגענדהאָלד, יעקב, 86, 218—219, 244, 245, 246.
טוגענדהאָלד, ישעיה, 218.
טיעמקין, אשר, 93
טעפּליץ, טעאָדאָר, 222.
טעקסטיל-פאַבריקן אין וואָלין, 26—27.
טשאַרטאָריזסקי, א., 30.
טשערסקער, צענזאָר פון יידישע ביכער, 245.
יאַקאָבסאָן, ישראל, 219.
כהן, רפאל, 54.
לאַנגינאָוו, סטאַטס-סעקרעטאַר, 88.
לאַנדאַ, אבֿרהם-יצחק, 129—131, 144, 189.
לאַנדאַ, חיים, 129.
לאַנדסבערג, לעאָן, 41.
לאַנדסבערג, שלמה-ישעיה, 38.
לוצאַטו, משה-חיים, 143.
לוצאַטו, שמואל-דוד, 160.
לחובער, פישל, 38.
ליבלי, ר׳ בערס, 129.
ליובאַוויטשער, מענדעלע, 110.
ליבערמאַן, אליעזר, 48, 236.
ליטען, קאַרל 80.
ליליענבלום, משה-ליב, 125—126.
ליליענטאַל, מאַקס, 100—102, 106, 110, 111, 112, 113, 114, 115, 116, 117, 118, 119, 120, 122, 132, 133, 142.
לעבענזאָן, אדם הכהן, 58, 128, 136, 139—157.
לעבענזאָן, מיכה-יוסף, 157—164.
הלוי, יהודה, 161.
לעווין, יהודה, 32, 33.
לעווינזאָן, יצחק-בער, 25, 32—57, 62, 64, 65—72, 74—80, 84, 86—99, 104, 108, 110, 111, 112, 122, 123, 124, 126, 172, 174, 175, 177, 178, 184, 191, 195, 132.
לעסינג, גאָטהאָלד, 238.
לעפין, מענדל, 15, 35, 45.
מאַליטשעווסקי, ביסקופּ, 217.
מאַנדעלשטאַם, בנימין, 98, 104, 110, 111, 115.
מאַנדעלשטאַם, לעאָן, 123, 127.
מאַפּו, אברהם, 164—170.
מאַקאָלאַ (מיסיאָנער), 93.
מאַרעק, פסח, 110.
מאַרגאָליס, מנשה, 110.
מגיד, דוד, 130.
מגיד-שטיינשניידער, הלל, 130.
מורעניש, ל., 201.
מזל, יוסף (וויאַזענער), 10.
מיזעס, יהודה, 25, 56, 125, 129.
„מנחת בכורים“, 58—59.
מנשה בן יוסף איליער, 9—25, 29, 42, 50, 80, 126, 144, 191.
מענדעלע מוכר ספרים, 181, 215.
מענדעלסזאָן, משה, 54.
מרגליות, יהודה-ליב, 15.
משה בן מיימון, 139.
משכילים אין די פערציקער יאָרן, 61—64.
משכילים-פאַרבאַנד, 86—88.
נאַטאַנזאָן, בערנאַרד, 39, 42.
נאַטאַנזאָן, מרדכי, 133.
נימאַנאַוויץ (הנ״ץ), 244.
סאַוויצקי, פּראָפעסאָר, 83.
סטראָגאַנאָוו, גראַף, 199.
סלאָנימסקי, חיים-זעליג, 225—229.
סמירנאָווא-ראָססעט, 26.
ספּאַלטער, מ., 11.
„ספר הקונדס“, 130—131.
עטינגער, שלמה, 213, 230—248.
עלזעט, יהודה, 192.

עמדן, יעקב, 45.
ערטער, יצחק, 37, 125.
פאחער, אלעזר, 192.
פאלקענזאָן, ישכר-בער, 230.
פאָלקס-ליטעראַטור, 191—195.
פאפערנא, א. י. 210.
פייגין ליסמאן, 121.
פין, שמואל-יוסף, 56, 58, 60, 104, 115, 118, 132, 209.
פיראָגאָוו, ניקאָלאַי, 201.
פישעלזאָן, אפרים-פישל, 230—233.
פלונגיאַן, מ., 14.
פלעכאַנאָוו, ג. וו., 126.
פעדער, טוביה, 174, 207.
פעלדמאַן, אבא, 201.
פערל, יוסף, 35, 36, 83, 98, 204.
„פרחי צבון", 131—132.
פרידבערג, משה, 114.
פרידבערג, ש., 165.
פרידלענדער, דוד, 217, 221.
פרנס, חיים-נחמן, 130.
צעדערבוים, אלכסנדר, 173, 174, 179, 190, 230.
צעדערבוים, יוסף, 230.
צענטנערשווער, יעקב, 221.
קאָן פנחס, 131.
קאצענעלענבויגן, חיים, 58.
קאצענעלענבויגן, צבי-הירש, 99, 120, 133.
קאצענעלענבויגן, שאול, 15.
קויפמאַן, א., 131.
קילישער, מיכאל, 98.
קיאַריני, לודוויק, 245.
קיסעלעוו, מיניסטער, 102.
קראָכמאַל, נחמן, 35, 45, 69, 125.
קרעמעניץ, 39—40.
ראַבינאָוויטש, יוסף, 91, 138.
ראָזענטאַל, ניסן, 99, 116, 118, 121, 122, 133.
ראַפּאָפּאָרט, שלמה-יהודה, 125.
רייזען, זלמן, 23, 37, 135, 192, 194.
רייפמאַן, יעקב, 111, 224—225.
רעקרוטן-געזעץ, 73—74.
שולמאַן, קלמן, 139, 137, 158, 159, 171.
שטיינבערג, יהושע, 160.
שטערן, בצלאל, 28, 116, 132.
שטראַשון, מתתיהו, 56, 105.
שליט-עליכם, 180, 201.
„תעודה בישראל", 45—54.

אינהאַלט

צוועלפטער טייל

די השכלה-באַוועגונג אין רוסלאַנד

ערשטער קאַפּיטל

זייט

דער צעפּאַל פון פרידליכן פאַרבאַנד. — דער לעצטער מאָהיקאַן — מנשה איליער. — „דער טרוימער פון גענטאַ". — מנשה איליער וועגן „טובת הכלל". — דער טראַגישער קאַמף פונם בעל החלומות. — דער באַטייַט פון „אלפי מנשה". — ניטאָ קיין אַבסאָלוט, אַלץ ווערט געשאַצט „לפי הזמן והמקום". — מנשה איליערס סאָציאַלע פּראָגראַם. — דער טרויעריקער גורל פון זיין „שקל הקודש". — די השפעה פון גאַליציאַנער משכילים אויף די משכילים אין דרום-רוסלאַנד. — דער מטכיל הירש-בער הורוויץ און דער פירשט דאָלגאָרוקי. — יצחק-בער לעווינזאָן 9

צווייטער קאַפּיטל

יצחק-בער לעווינזאָנס קינדער- און יוגנט-יאָרן. — זייַן פּאַטריאָטישער הימן. — לעווינזאָנס לערניאָרן אין גאַליציע. — לעווינזאָנס אַנטי-חסידישע סאַטירעס. — דער „תעודה בישראל" און זייַן באַטייַט. — די מקורים פון דעם הורא-פּאַטריאָטיזם בייַ די השכלה-טרעגער. — דער „תעודה" און די משכילים. — די ווילנער משכילים און זייער געפּלאַנטער „מנחת בכורים". — „מענטשן פון פאַריקן יאָרהונדערטס". — לעווינזאָנס רעפאָרם-פּראָגראַם. — דער „בית יהודה" און זייַנע גלגול-מחילות. — פאַרשטעלטע רמזים וועגן בירגער-רעכט. 32

דריטער קאַפּיטל

דער רעקרוטן-אוקאַז פון 1827 און לעווינזאָנס „הפקר-וועלט". — דער טאָציאַלער באַטייַט פון דעם וערק. — לעווינזאָנס באַציִונגען צו דער רעגירונג. — די משכילים און מתנגדים קעגן די וואַלינער דרוקערייַען. — לעווינזאָנס אָנטייל אין דעם אוקאַז פון 1836 וועגן ייִדישע דרוקערייַען. — די „אַקציזנע לייַט". —

זייט

דער פּראָיעקטירטער משכּילים־פאַרבאַנד „ציון״. — לעווינזאָנס פּראָפּאַגאַנדע וועגן באַזעצן ייִדן אויף ערד. — לעווינזאָן אַלס אַפּאָלאָגעטיקער. — דער באַטײַט פון זײַן „אפס דמים״. — לעווינזאָנס אומהן בײַ די גרויסע באַמטע. — לעווינזאָנס „אחיה שילני״. — דער טרויעריקער דורכפאַל פון ייִדישער קאָלאָניזאַציע. — דער פּראָיעקט וועגן שול־רעפאָרם. — דער בילדונגס־מיניסטער אוװאַראָװ. — מאַקס ליליענטאַל און זײַנע „פּרעדיגטען״. — די שול־רעפאָרם אַלס קאַמפּס־מיטל קעגן ייִדישע „פאַלשע רעליגיעזע באַגריפן״, וואָס שטאַמען פונם תלמוד. — די פראַגע וועגן דער „שענדליכער טראַכט״. — אוװאַראָװ אַלס „קעמפער״ פאַר ייִדישער אויפקלערונג. — די התפעלות פון די משכּילים. — ליליענטאַל אַלס עמיסאַר. — די אומצופרידנקייט פון די משכּילים. — ליליענטאַלס „מגיד ישועה״ און מ. א. גינצבורגס „מגיד אמת״. — די טרויעריקע אַנטוישונג. — בן־יעקבס מעמאָראַנדום צו לעווינזאָנען. 73

פערטער קאַפּיטל

די „אבות ההשכּלה״ אין גאַליציע און אין דער ליטע. — נײַזאַגער אַלס השכּלה־צענטער. — אברהם יצחק לאַנדאַ און זײַן „ספר הקונדס״. — די ווילנער משכּילים. — צבי הירש קאַצענעלענבויגען און מרדכי אהרן גינצבורג. — פון „צפנת פענח״ צו „גלות ארץ החדשה״. — גינצבורגס „אביעזר״. — יעקב אײַכענבוים און זײַן שאַפן. — אד״ם הכהן לעבענזאָן. — לעבענזאָן אַלס מדקדק און השכּלה־קעמפער. — זײַן אַלעגאָרישע דראַמע „אמת ואמונה״. — לעבענזאָן אַלס געלעגנהייטס־דיכטער. — די שפּראַך אַלס זעלבסטצוועק. — דער באַדײַט פון לעבענזאָנס „שירי שפת קודש״. — דאָס טויט־פּראָבלעם אין לעבענזאָנס שאַפן. — זײַנע פּאָעמען „הדעת והמות״, „החמלה״ און „המתאוננים״. — קלמן שולמאַן אַלס גינצבורגס נאָכפאָלגער. — מיכל לעבענזאָן און זײַן טראַגיש לעבן. — דער באַדײַט פון זײַנע „שירי בת ציון״ און „כנור בת ציון״. — מרדכי האָכמאַנס ציון־ליד. — אברהם מאַפּו, דער ראָמאַנטישער דיכטער פון „אהבת ציון״. — דער באַדײַט פונם ערשטן העברעיִשן ראָמאַן. 125

פינפטער קאַפּיטל

וועגן לאַגישע פועל־יוצאס, וואָס זײַנען אויסער דעם מענטשנס ווילן און פאַרלאַנג. — געצוווּנגענע און בעריטסווילקע ייִדישיסטן. — ישראל אַקסענפעלד. — זײַנע וואַנדער־יאָרן; די גאַליציאַנער השפעה. — אַקסענפעלד אַלס לעווינזאָנס נאָכפאָלגער. — אַקסענפעלדס קאַמף קעגן חסידים און רביים. — אַקסענפעלדס נאַיוו־פּרימיטיווער רעאַליזם. — דער באַדײַט פון אַקסענפעלדס ווערק. — אַקסענפעלדס אויפטו אין זײַן „דער ערשטער ייִדישער רעקרוט״. — השכּלה־ליטעראַטור און פאָלקס־ליטעראַטור. — אַקסענפעלדס לעבנסדראַמע. — דער השכּלה־קעמפער אברהם־בער גאָטלאָבער. — דער משכּיל און „מליץ״, און דער שפּראַצלינג פון די „גצועליגע לײַט״. — גאָטלאָבער אַלס פאָלקס־זינגער און סאַטיריקער. — גאָטלאָבערס סאַטירעס „די דעפּוטאַטען״, „די אַסיפה״, „דער סײַם״ און זײַן קאָמעדיע „דער דעקטור״ 171

זעקסטער קאפיטל זייט

די השכלה-באוועגונג אין פוילן. — די השפעה פון דער „בערלינער השכלה“. — פרידלענדערס „איבער די פערבעסערונג דער איזראעליטען אים קעניגרייך פאלען“ — דער „אויפקלערער“ יעקב טוגענדהאלד. — אנטאני אייזענבוים און דער „בעאבאכטער אן דער ווייכסעל“. — מענדעלסזאנס „ביאור“ אין ווארשעווער אויסגאבע. — די אייגנארטיקייט פון דער השכלה-באוועגונג אין פוילן. — יעקב רייפמאן און זיין שאפן. — חיים-זעליג סלאנימסקי און זיין באדייט. — אפרים-פישל פישעלזאהן אויס זאמאשטש און זיין „טעאטער פון חסידים“. — שלמה עטינגערס לעבן און וואנדער-יארן. — עטינגער דער עסטעט און מייסטער פון דער יידישער שפראך. — זיינע פיעסן, משלים און עפיגראמען. — עטינגער דער משפיל. — עטינגערס לעבנס-דראמע. — דער קולטור-קעמפער טוגענדהאלד אלס צענזאר. — די דורך דער צענזור „אויסגעבעסערטע“ עטינגערס ווערק בלייבן אין מאנוסקריפט. 216

ביילאגן 249

הוספות 269

זוך-צעטל 271